This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָװעטיש

10

1986

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אָקטיאַבער

10

1986

אינהאלט

פיניע פלאָטקין. צו נײַע הײַכן (לידער) . . 3
דאָרע כײַקינע. בינעס רעפוע (דערציילונג) . . 6
בוזי מילער. שטילקײַט. א דרײַענדיקער ריטבער־גער (דערציילונגען) 31
אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. יורי גלאזקאָוו. קאָס־מישע נאָוועלעס 37
יאָסל בוכבינדער. מיט פרייד און פארגעניגן (לידער) 47
פובליציסטיק איגאָר בעליאיעוו, אנדריי בעליאיעוו. די אינוואזיע 49
מאקס ריזאנט. סײַ לינדער זײַן, סײַ הארבער ווערן (לידער) 72
פארצייכענונגען. הירש רעלעס. אן אומגעריכ־טער פינאל. דער פאָרטרעט 74
לעוו בערינסקי. קוק אף דער וועלט מיט די אויגן פון א דאָקטער... 84
עלווירע פאגעל. אזא קורץ, אזא פראכטפול לעבן 86
הערשל פאָליאנקער. א באגעגעניש אין ווארשע . . . 90
ליטעראַרישע געדענק־דאטעס. מאָריס ווינט־שעווסקי (1856—1932). לידער; יאנקעוו דינעזאָן (1856 — 1919). א קאפיטל פונעם ראָמאן „א שטיין אין וועג" 99
אירמע דרוקער. אדויני פאָרעץ (דערציילונג) . 109
ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט.
זאלמען ליבינזאָן. מענדעלעס שפּערישער וועג. פונעם קליינעם מענטשעלע צו דער באנדע שטאָט־באלטויוועס. איראָניע און סאטירע. . . . 116
אלעקסאנדער ליזען. דער קישעף פונעם וואָרט 126
נאָטיצן וועגן קולטור־פראגן 130
אונדזערע מיטיילונגען. לייב ווילסקער. „דאָס געזאנג פון געזאנגען" פון יעהודע האלייווי . . 133
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. מיישקע באהעלפער. זשיל פאסקין, דער גרויסער מאָלער 147
מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. דער אנטיסעמי־טיזם אין די מײַרעוו־לענדער זעצט פאָר צו בושעווען 149
דער אלוועלטלעכער שאָלעם־ראט 154
בינימאָן גאָראָדעצקי. די פאָרזעצונג פון מײַן אינטערוויו 156
יאָר נאָך יאָר. „סאָוועטיש היימלאנד". ציפערן און פאקטן 160
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָ־וועטישער ליטעראטור 165
צו די לייענער און געזעלשאפטלעכע פארשפרייטער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" 168
זעלבסטלערער פון ייִדיש 169
כראָניק 148, 155
רעזומע (רוסיש, ענגליש, שפאניש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי, נאָטע לוריע,
ב. מאָגילנער, ב. מילער,
כ. מעלאמוד, ה. פאָליאנקער,
י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרײַבמאן

פּיניע פּלאַטקין

צו נײַע הייכן

דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר

ער זיצט באַם טיש. מע קלינגט אין טעלעפאָן.
ער ענטפערט פּינקטלעך, קורץ און אייגנאַרטיק.
און ווידער איז דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר דאָרט,
ווו אַלץ איז צוגעגרייט, ווו אַלץ איז פּאַרטיק.

באַלד וועט די וועלט דערהערן, וואָס עס האָט פּאַסירט,
ווי ווײַט דערגאַנגען איז דעם מענטשנס סייכל.
— — — — — — — — — — — — —
דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר לעבן שרײַבטיש זיצט
און אויף אַ נײַעם וואַטמאַן עפּעס צייכנט.

באַ אונדז

כ'האָב אָנגעטרונגען זיך מיט פרישן טוי,
און ווי אַ קינד, פון בוים צו בוים איך וואַנדער.
באַ לײַטן, טײַנעט מען, איז ניט אַזוי.
כ'בין מאַסקים, אַז באַ אונדז איז טאַקע אַנדערש.

איך בעט דיך, כאַווער, גיי מיט מיר צופוס
אין טיפן וואַלד, ווען ס'הייבט ערשט אָן צו טאָגן.
דער סאָלאָוויי וועט שיקן אונדז אַ גרוס:
— באַ אונדז איז טאַקע אַנדערש, — וועסטו זאָגן.

די לעצטע נאַכט פאַרן סטאַרט

רויִק שלאָפט דער ערשטער קאָסמאָנאַווט,
פּונקט ווי אַלע יונגע — אָן כאַלוימעס:
ווײַט פון קאָסמאָס־שטעטל, לעבן טײַכל גזשאַט,
גוטע, האָרעפּאַשנע מענטשן וווינען.

שלאָפט די געגנט ארום בײַקאָנור,
הערט זיך צו צום װעלטלעכן געװירבל.
ניט געײַלט פארבײַ א מענטש גײט דורך
און פארהאלט זיך לעם גאגארינס שטיבל.

ער װעט אײנער שטיל, מיט בײדע הענט
צומאכן די אָפּגעשפּארטע פענצטער...
ס'שטײט דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר לעם דער בעט,
װוּ עס שלאָפט דער קאָסמאָנאװט דער ערשטער.

זײַנע אויגן קוקן אױף אים צארט,
קוקן אין דעם הימל טונקל־בלאָװן.
עפּעס ניט װי שטענדיק קלאַפּט דאָס הארץ —
ס'איז ניט גרינג אצינדער קאָראָליאָװן.

עס קומט זײ א דענקמאָל

דעם 1־טן דעקאבער איז אין סאָװעטנפארבאנד געשיקט געװאָרן א קאָסמישע שיף, אױף װעלכער ס'האָבן זיך געפונען די הינט פּטשאָלקא און מישקא און אױך אנדערע ביאָלאָגי־שע אָביעקטן. ס'איז פארגעשטאנען אויספּאָרשן די מאָס פון קאָסמישער באשטראלונג.

זײ שטײען ניט אײַן לעם דעם ליפט,
זײ קוקן אין אלע פיר זײטן,
און גרײט איז די קאָסמישע שיף
צום פלוג אין די קאָסמישע װײַטן.

װער האָט זײ געשאפן, באדינט,
א קױעך א גרויסן געגעבן?
אין טיף פון דער אלװעלט — צװײ הינט,
צי װעלן זײ בלײַבן לעבן...

צי װעט פאר זײ זײַן גענוג
די מאָס פון דער הילף און די שטיצע?
זײ פליִען, און ס'פירט זײער פלוג
די פּינקטלעך באשטימטע אַרבעטע.

פון דאָרט װו'הין זײ זײַנען פארפירט,
שוין קומען יעדע:עס ניט װײניק.
עס דרײט זיך די ערד. ארום איר
א שיף מיט א שיף זיך פארײניקט.
— — — — — — — — —
מעסלעסן שוין פיל האָבן שװער
די צאר־באלעבאָס געװאָנדערט...
א דענקמאָל זײ קומט אױף דער ערד,
א דענקמאָל פון בראָנזע — ניט אנדערש.

א װיגליד

אין סאָד אין גרינעם אין ניט הײס, —
אױף צװײַגן װיגן זיך די עפּל.
פארמאך די אײגעלעך, מײַן קלײנס,
און װער אנשלאָפן אין דײַן בעטל.

כ'וועל דיך פון פרייד אין ריינעם זײַד
אַרײַנוויגן — דערנאָך פּאַרוויקלען...
דו לעבסט אין לאַנד, ווו אַלץ איז דײַנס,
ווו אַלע קינדער זײַנען גליקלעך.

פון טאָג צו טאָג מיט גרויס געדולד
וועסט קלעטערן צו נײַע הייכן...
דו וועסט מיט כיישעק גיין אין שול
און לערנען זיך דאָרט אויסגעצייכנט.

וועסט עפּשער דאָרט, ווו עס איז פּוסט,
אַן אומבאַקאַנטע וועלט אַנטדעקן.
אין יִשעוו וועסטו זײַן באַוווּסט,
צוגאַסט דיך וועלן מענטשן בעטן.

כ'וועל דיך פון פרייד אין ריינעם זײַד
אַרײַנוויגן — דערנאָך פּאַרוויקלען...
דו לעבסט אין לאַנד, ווו אַלע איז דײַנס,
ווו אַלע קינדער זײַנען גליקלעך.

צום אַלוועלטלעכן שאָלעם־יאָר

ס'דרייט זיך די ערד
א געזונטע,
א הייליקע.
פרייגעביק
שמייכלט די זון.
שטענדיק א רויִקע,
אויסערגעווײנלעכע
לייכטן זי זאָל
אומעטום.
דאַן וועט די שטימונג
געוויס א דערהויבענע
ווערן באַ אונדז
ניט אומיסט.
כ'וויל, ס'זאָל דער הימל
א שיינער,
א זיבערער
בלײַבן אזא,
ווי ער איז.
זאָלן די שיפן

פון כאַלעל
דעם אייביקן
ברענגענדיק דער מענטשהײט
בלויז נויט
אָפּטער
זאָל קומען צו פליִען
א שמעטערלינג
און זיך באַזעצן
לעם אונדז.
שיין איז די ערד,
ס'איז גרויסאַרטיק
און וווּנדערבאַר
דאָס, וואָס מיר האָבן
אַנטדעקט.
זאָל אונדזער וועלט
אין דער אַלוועלט
א מונטערע
זײַן אַן מילכאָמעס,
אַן שרעק.

דאָרע כײַקינע

בינעס רעפּוע

אַלעמאָל דערשרעקט זי זיך, בינע, ווען עס הייבט איר אָן ווייטיקדיק זעצן אין די שלייפן, טאַקע נאָר ווי מיט צעגליטע העמערלעך, און א פּאַכעד באַפאַלט זי, ווען עס הייבט איר אָן ווײ טאָן דאָס האַרץ, צי עס הייבט אָן פּולסירן לאַנגזאַם, שטיל, אָדער פאַרקערט: קלאַפּן גיך־גיך, און זייער הויך, צי פּלוצעם אינמיטן דער יאָגעניש טוט עס זיך גאָר א שטעל אָפּ — עפּשער גע־דויערט עס וויניקער פון א רעגע, — נאָר זי באַוויַזט פאַר דער קורצער צײַט אומרויִק א טראַכט געבן — ניט אומזיסט האַלטן מענטשן, אַז דאָס שנעלסטע אויף דער וועלט איז די מאַכשאָווע — און טאָמיד וועט שוין אַזוי בלײַבן... דאָס האַרץ... שטום... אומבאַוועגלעך... עס וועט זיך ניט טראָגן מער דאָס וואַרעמע בלוט איבער די בלוט־געפעסן — צו אַלע קעמערלעך פון איר לײַב... און זי הערט זיך צו מיט א פאַרטײַעטן אָטעם: עס גייט ווידער א גאַנג... ס׳לעבט... ס׳פּולסירט און וואָס עס איז שײַעך דעם פּאַכעד, וואָס כאַפּט זי אַרום בײַס די ווייטיקן, האָט דער פּאַכעד א שײַכעס ניט אַזוי צו די שמערצן גופע — ווייטיקן קאָן זי לײַדן — זי האָט מוירע פאַרן לעצטן ווייטיק...

יאָ, ווייטיקן קאָן זי בעפּיירעש איבערטראָגן.

און ווי א סימען פון שווײַגנדיקערהייט איבערגעטערפּעטע ווייטיקן, דערמאָנט זי זיך אָפּטער וועגן צוויי אַזעלכע פאַלן. אין ערשטן פאַל האָט זי פאַרן דאָזיקן כאַראַקטער־שטריך אירן באַקומען אַן אויסרייד פון א ליבער מעדיצינישער שוועסטער, דערפאַר האָט דאָס צווייטע מאָל א דאָקטער זי א לויב געטאָן פאַר איר אויסגעהאַלטנקײַט.

וועגן דעם ערשטן פאַל, וואָס האָט א דירעקטע שײַכעס ניט בלויז צו איר, נאָר אויך צום מיזיניק אירן, — ווייסט ער אויך. זי האָט אים דערציילט.

האַלבנאַכט האָבן זיך בא איר אָנגעהויבן געבורט־ווייען. זי האָט אין יענער צײַט זיך געגרייט ווערן דאָס דריטע מאָל א מאַמע, און געוווּסט אַן ערעך דעם קימפּעט־סיידער, דעריבער האָט זי זיך לאַנג ניט געזאַמט און אינגיכן געקומען צו פאָרן בעשאָלעם אינעם געבורט־הויז. מע האָט זי אַרײַנ־געפירט אין א גרויסער, ווײַסער פּאַלאַטע, ווו זי איז גלײַך פאַרהלושעט געוואָרן פון הימלרײַסנדיקע קוילעס. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ניט בלויז די דרײַ מעובערעסע פרויען גוואַלדעווען, נאָר די געשרייען טראָגן זיך פונעם סופיט, פון אַלע פיר שימערירנדיקע ווענט, פון די צוויי גרויסע פענצטער און פונעם דיל. בלויז צוויי פרײַע בעטן האָבן געשוויגן. און געשוויגן האָט אויך א פרוי אין א ווײַסן כאַלאַט, מיט א ווײַס מיצל אויפן קאָפּ. די פרוי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט דעם קאָפּ אויף די הענט, וועלכע זי האָט געהאַלטן אויפן ווענטל פון בעט. זי, בינע, האָט זיך צוגערוקט צו דער פרוי און באַ־מערקט, אַז יענע דרעמלט אפילע ניט, — אַלע ווײַלע טוט זי א ריס אָפּ דעם קאָפּ פונעם אָנשפּאַר, כאַפּט א קוק אויף די שרײַערקעס און בלײַבט ווידער זיצן, ווי פריִער.

אינגיכן האָבן בא איר, בא בינען, זיך אָנגעהויבן שטאַרקע געבורט־ווייען — ווי מיט אָנגעגליטע רייפן פאַרצויגן און געבריט דאָס לײַב, אָבער זי האָט ניט געשריִען, נאָר געביסן די ליפּן, צונויפגע־פּרעסט די פויסטן. ווען זי האָט שוין בעשום־אויפן ניט געקענט אײַנהאַלטן אין זיך דעם ווייטיק, האָט זי שטיל א קרעכץ געטאָן. וויִאַזוי האָט צו דער פרוי אינעם ווײַסן כאַלאַט זיך דורכגעריסן דער שטילער קרעכץ דורך די גוואַלדיקע געשרייען, וואָס האָבן פאַרפולט דעם צימער, איז געבליבן פאַר איר א סאָד, נאָר יענע איז טייקעף צוגעלאָפן צו איר, אַליין צוגערופן נאָך א פרוי און ביידע האָבן געבראַכט בינען אין שכיינעסדיקן צימער, אַרופגעטראָגן און באַלייגט זי אויפן בראָכשטול.

— וואָס האָט איר די גאַנצע צײַט געשוויגן? איר ווייסט, וואָס עס קאָן קאָסטן אַזא קלוימערשטע אויסגעהאַלטנקײַט?

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט בינע דערהערט דעם ערשטן געשריי פון איר נײַ געבוירן קינד, די פרוי, וואָס האָט זיך געבייזערט אויף איר, — טאַקע זי האָט בא איר גענומען דאָס קינד, — האָט צוגעטראָגן דאָס נעפּעשל — א שרײַענדיקס, א פאַרקרימטס, מיט פאַרמאַכטע אייגעלעך, גלײַך צו איר, דער געווינערן, אונטערן נאָז, און געזאָגט:

— אָט וויפֿל עס האָט אײַך געקענט קאָסטן אײַער... אײַער... — זי האָט גערעדט שטרענג, אַפֿילע בייזלעך, נאָר זי, בינע, האָט אין איר קאָל געפֿילט אַ וואַרעמקײַט, און געזען אין יענערס אויגן — אַ מילדקײַט.

קעדיי איר מיזיניק — איצט שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ געלערנטער, אַ מאַטעמאַטיקער, זאָל ניט מיינען, אַז אַף דער מאַמען זײַנער פֿלעגט מען בלויז זיך בייזערן, ווילט זיך איר אָפּטמאָל דערציילן נאָך אַ געשיכטע, ווען אַ ציין־דאָקטער האָט זי געלויבט אין טאָג אַרײַן.

אויך די דאָזיקע געשיכטע איז אַן אַלטע, און פֿאַרלאָפֿן איז זי זיך, ווען זי, בינע, האָט ערשט צעביטן, דאַכט זיך, איר פֿערטן צענדליק. ס'האָט איר ווײ געטאָן אַן אויער און זי איז אַוועק צום לאַרינגאָלאָג. דער דאָקטער האָט געפּאַסקנט:

— צו אײַער אויער האָב איך ניט קיין טײַנעס. שולדיק איז אײַער צאָן. אײַער קלוגשאַפֿט־צאָן.

דער ציין־דאָקטער האָט באַשטעטיקט דעם לאַרינגאָלאָגס דיאַגנאָז:

— אײַער קלוגשאַפֿט־צאָן, שוין אַן אויסגעוואַקסענער, האָט ווידער אָנגעהויבן וואַקסן, און וואַקסן קאַפּויר, דעריבער טראַוומירט ער די באַק און עס שיסט אין אויער. האַקלאַל, מע דאַרף אים טייקעף אַרויסרײַסן...

דער לאַרינגאָלאָג איז אַוועק צו זײַנע כאָלאָיִם, און זי איז אַוועק צום ציין־דאָקטער, וועלכער האָט געדאַרפֿט אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט. זי האָט אַ קוק געטאָן אַפֿן דאָקטער און זיך אַ ביסל באַרויִקט: ס'איז געווען אַ מענטש אַ יונגער, אַן ערעך אין אירע יאָרן, מיט געזונטע, מענערשע הענט, אין וועלכע זי האָט געוואָלט אײַנזען, און דעריבער טאַקע אײַנגעזען — אַ גוטע גוווּרע.

זי האָט זיך געזעצט אינעם פֿאָטעל, אַוועקגעלייגט פֿרײַ ביידע הענט אַף די קני, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אינעם קישעלע, אַ באַצויגנס מיט שוואַרצן דערמאַטין, וואָס קרוינט דאָס ווענטל פֿון אַזאַ מעבל־שטיק, און פֿאַרמאַכט די אויגן.

זי האָט דערפֿילט, אַז דער דאָקטער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי עפּעס וואָס אַן עפֿן געטאָן די אויגן, און נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אַף זײַנע הענט. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גלאַנצנדיקן, ווי פֿון ריינעם זילבער, מאַכשיר, וואָס האָט געהאַט דעם אָנבליק פֿון אַ געוויינלעכער אָפּצווענגע. אַפֿן האַרצן איז איר געוואָרן גאַנץ קאַלעמוטנע. דער דאָקטער האָט אָנגעהויבן האַרעווען, נאָר האַרעווען אין פֿולן זין פֿון וואָרט. עפּעס אַ קלייניקײַט — אַרויסרײַסן אַ געזונטן צאָן, וואָס זיצט באַלעבאַטיש אין זײַן נעסט און האָט ערשט באַנײַס אָנגעהויבן וואַקסן, אויסרעכענענדיק, אַפּאָנעם, אַף אַ לאַנגן קיִעם, און דער צאָן האָט זיך אײַנגעשפּאַרט — ער לאָזט זיך ניט. דער דאָקטער רײַסט און רײַסט, דער צאָן גיט זיך ניט אונטער — און זי איז סאַמע אינמיטן פֿון דער באַטאַליע. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער דאָקטער האָט פֿאַרכאַפּט מיט זײַן גלאַנצנדיק אָפּצווענגל ניט איין צאָן, נאָר עטלעכע ציין, און פֿאַרייניוועגס אויך אירס אַן אויג. נאָר זי איז געזעסן שטיל, די הענט, ווי פֿריִער, אַף די קני, די אויגן — פֿאַרמאַכט, דעם קאָפּ — אָנגעשפּאַרט אינעם קישעלע. דעם קאָפּ אירן האָט דער דאָקטער ניט געלאָזט רויִק אײַנליגן — געדרייט אים אַף רעכטס, אַף לינקס, געהויבן דאָס קישעלע העכער, אַראָפּגעלאָזט עס נידעריקער, שפּעטער אַ ביסל האָט זי אַליין געמוזט זיך עטוואָס אַ רוק טאָן אין אַ זײַט — באַפֿרײַען אַ שטיקל שעטעך פֿאַרן דאָקטערס קני, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין פֿאָטעל. זי האָט געהערט, ווי שווער ער אָטעמט, קרעכצט אַפֿילע אַ ביסל אונטער. סאָפֿקאָלסאָף האָט זי דערהערט זײַן קאָל. אַ מונטער קאָל, ווי ער וואָלט ערשט געקומען פֿון אַ פֿריילעכן שפּאַציר־גאַנג:

— אָט האָט איר אײַך אײַער צאָן. עפֿנט שוין אויף די אויגן און טוט אַ גוטן קוק אַף אים. אויך מיר אַ קלוגשאַפֿט־צאָן! קיין סייכל האָט אים ניט געשטײַעט צו פֿאַרשטיין, אַז ווײַבאַלד איך האָב זיך גענומען פֿאַר אים, וועל איך שוין אים ווי־עס־איז מעשאַלייעך זײַן, פֿריִער אָדער שפּעטער... ס'האָט אײַך ניט ווײ געטאָן, ווען כ'האָב אים געריסן, צי איר פֿילט ביכלאַל ניט קיין ווייטיקן?

זי האָט קוים אַרויסגעשעפּטשעט מיט די ליפּן:

— נאָך אַ מין ווײ געטאָן...

— אַף אײַך איז עס ניט קענטיק געווען. — דער דאָקטער איז געווען, אַפּאָנעם, צופֿרידן פֿון זײַן פֿײַן אָפּגעטאָנענער שווערער אַרבעט, געקוקט אַף איר שמייכלענדיק. — איך האָב דאָך געזען, אַז אײַערע הענט זײַנען רויִק געלעגן אַף די קני, און די אויגן — פֿאַרמאַכט, ווי בײַ אַ זיסן שלאָף.

דעמלט איז זי אַליין געווען אַ יונגע, און די ווייטיקן אירע זײַנען געווען יונגע.

איצט מאַטערן זי גאָר אַנדערע שמערצן, און אַנדערש טראָגט זי זיי אַריבער, זי אַליין איז אויך אַן אַנדערש־געוואָרענע.

מיט אַ געוויסער צײַט צוריק האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט, גלײַך ניט פֿאַרשטאַנען, ווער האָט זי אויפֿגעוועקט, — דער ווינט, וואָס האָט ווילד געהודיעט הינטער די פֿענצטער, צי דאָס אייגענע האַרץ אירס, וואָס האָט געאַרבעט אין איינקלאַנג מיטן ווינט: געקלאַפּט אַ ווײַלע הילכיקער, נאָכדעם שטילער, ניט רעגלמעסיק, פּונקט ווי דער ווינט, וואָס קומט צו פֿליִען פֿון עפּעס

א ווײַט און פֿליט אוועק, הודיעט פֿון דאָרט, אַז מע הערט אים קוים, קערט זיך אום און ווילדעוועט אפֿסנײַ. נאָך ניט אינגאַנצן אָפּטוענדיק זיך פֿונעם שלאָף, האָט זי דאָך געוווּסט, אַז זי מוז טייקעף אופֿשטיין, אָנצינדן די שײַן, אָנגיסן אירע הייל־טראָפּנס אין א קעלישעקל מיט וואַסער און אויסטרינקען די רעפֿוּאה. אָבער זי האָט קיין קויעך ניט געהאַט אָפּרײַסן דעם קאָפּ פֿון קישן.

זי האָט א טראַכט געטאָן, אַז איר מיזיניק טײַנעט מיט איר לעצטנס, אַז מיטן הארצן דאַרף מען ריידן, עס פֿאַרשטייט, וואָס מע זאָגט אים. מע דאַרף פּאַשעט בעטן אים, אַז עס זאָל אַזוי ניט ווײַ טאָן, עס זאָל זיך ניט ערגערן, ווען זי אַליין איז ניט גאָר רויִק, ס׳זאָל אַזוי גיך ניט צי, פֿאַרקערט, אַזוי לאַנגזאַם ניט פּולסירן, נאָר קלאַפּן רעגלמעסיק, ריטמיש. זי האָט שוין געפּרוּווט אַזוי טאָן, און ניט איין מאָל, נאָר דער פּויעל־יוצא איז געוועזן א פֿאַרשיידענער, האָט עס געוואָלט, דאָס הארץ, האָט עס געפֿאָלגט, ווי א גוט קינד, ניט געוואָלט פֿאָלגן — איז פֿאַראַקשנט זיך, און באַשטאַנען אַף זײַנעם, ס׳הייסט, אַף די ווייטיקן. מיטן בעסטן קינד קאָן אויך טרעפֿן, אַז עס פֿאָלגט ניט. און עס האָט זיך איר מיטאַמאָל, אין יענער זאַווערוכעדיקער נאַכט, פֿאַרוואָלט פֿאַרפֿירן מיטן הארצן גאָר אַנדערע רייד, ווי ביז איצט. ניט פֿאַרגיטיקן עס, ניט כאַנפֿענען, פּאַשעט און פּראָסט פֿאַרשאַפֿן אים טײַנעג, גײַסטיקן פֿאַרגעניגן, מעכײַע־נעפֿעש זײַן, און ניט ווי שטענדיק — נאָר בעטן אים, און בעטן, פֿאַרוואַרפֿנדיק מיט באַקאָשעס.

מיסטאָמע פֿריִער מיט א רעגע האָט זי אַליין ניט געוווּסט, מיט וואָס און וויאַזוי קאָן זי פֿאַרווירקלעכן איר פֿאַרטראַכט. און ליגנדיק נאָך אַלץ מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי אין א מעטושטעשן דרעמל, פֿילנדיק, אַז זי איז ניט מיט אַלעמען, האָבן אָנגעהויבן אירע ליפּן פֿליסטערן א ליד, וועגן „בראָנזענע פֿערד אַפֿן מאָסקווער טעאַטער”. די ליד האָט זי געלייענט ניט בלויז דעם הארצן צוליב — צוליב זיך אויך. און כאָטש דער ווינט האָט, ווי פֿריִער, געהודיעט, איז דאָס הארץ, צוהערנדיק זיך צו די וואַרעמע ווערטער, ארײַן אין דער געבענטשטער רעגלמעסיקײַט, און דער ווייטיק האָט אָפּגעלאָזט. זי האָט אָפּגעאָטעמט פֿרײַער, נאָר מוירע געהאַט, טאָמער ווערט זי אַנשוויגן, וועט דאָס הארץ זיך אָנהייבן צוהערן צום ווינט, און ווידער ארײַן אין אַן אומרויִקן ריטם, האָט זי אופֿגעבלעטערט אינעם זיכּאָרן נאָך א ליד, און דאָס הארץ האָט געהערט, געהערט, ווי געקוויקט זיך סײַ מיט דער מוזיק, סײַ מיט די ווערטער, סײַ מיטן בילד, ווי „דורך ווייצן און קאָרן גייט אַף זשיטאָמיר דער שליאַך”. עס האָט זיך שוין געבעטן נאָך א ליד: „גענוג איז מיר מײַן לעדערנע, מײַן קאַלטע קורטקע, דער פֿרישער ווינט, וואָס פֿאַטלט מײַנע האָר”... זי האָט שוין אַפֿילע געהאַט אַרויסגעבראַכט די ערשטע ווערטער, און זיך פֿאַרכאַפּט — איבערגעטראַכט. דערנאָך גייט א רייד אין דער ליד וועגן „דערמאָנונגען אַזעלכע שווערע” — אַזאַ ליד וועט ניט פֿרייען, און זי האָט אין דימיען איבערגעלייענט אַן אַנדער ליד — א זומערדיקע, שיינע לירישע ליד, וועלכע איז געווידמעט איינער א גליקלעכער, וועלכע האָט „קאָרנשוועסטערלעך, בלאָנקענדיק, געזוכט אין ווייץ”... ווען זי האָט פֿאַרטאָג זיך אופֿגעכאַפּט, איז איר געווען אַזוי לײַכט אַף דער נעשאָמע, ווי ס׳פֿלעגט זײַן גאָר אַמאָל, אין דער קינדהײַט, צי אין די יוגנט־יאָרן, ווען דער פֿאַרגאַנגענער טאָג איז מיט עפּעס געווען אויסערגעווײנלעך גוט, און, דערוואַכנדיק, פֿילט מען בלויז — דערהויבנקײַט, יאָמטעוודיקײַט, און די סיבע דערפֿון דערמאָנט מען זיך דערנאָך. זי האָט ניט טייקעף זיך געכאַפּט, וואָס קומט מיט איר פּאָר, פֿונוואַנען קומט צו איר אַזאַ גוטער געמיט? נאָר שפּעטער, האָט זי זיך דערמאָנט: זי האָט געפֿונען א רעפֿוּאה־שלײמע.

זי וואָלט אַפֿילע גערן מיט דער טײַערער רעפֿוּאה זיך געטיילט מיט אירע מיטשמועסער, עלטערע מענטשן, מיט וועלכע זי טרעפֿט זיך אַף א באַנק אין זייער באַגרינטן הויף, צי אין א נאָענטן סקווער, בײַס יענע הייבן זיך אָן קלאָגן אַף קאָלערלײַ כאָלאַסן. זי פֿאַרשטייט אָבער, אַז די רעפֿוּאה קאָן העלפֿן בלויז איר איינער, ווײַטער קיינעם ניט, ווײַל עס גייט דאָ ניט אַזוי אין די לידער — די לידער זײַנען בעלי סאָפּעק עמעסע לידער, עכטע, טיפֿע, קלוגע, מענטשלעכע, — אָבער אין געגעבענעם פֿאַל, גייט איר אינעם מעכאַבער. מאַכמעס זייער גוטע לידער און גרויסע דיכטער פֿאַרמאָגט די שיינע וועלט ניט ווייניק, און זי אַליין קען אויך אַף אויכוויינִיק א סאַך אויסגעצייכנטע לידער. מיטן מעכאַבער פֿון אירע איצטיקע רעפֿוּאה־לידער האָט זי גאָר אַמאָל, א זעכצניאָריק מיידל, זיך באַקענט אַף א ליטעראַרישן אָוונט.

זי פֿלעגט אָפֿט גיין אַף ליטעראַרישע אָוונטן אינעם פּרעכטיקן קולטור־הויז אַף קרעשטשאַטיק, און דעריבער געקענט אין פּאָנעם קימאַט אַלע היגע שרײַבער, וועגן וועלכע זי האָט געלייענט אַף די אַפֿישן. ער איז געווען דער ייִנגסטער פֿון זיי.

זי האָט זיך געלערנט אַפֿן ערשטן קורס פֿון טעכנאָלאָגישן טעכניקום, נאָר ליטעראַטור האָט זי ליב געהאַט א סאַך מער, ווי איר קינפֿטיקן וועבערײַ־פֿאַך.

ער, דער ייִנגסטער, האָט געלייענט די שענסטע לידער. יעדנפֿאַלס, אַזוי האָט זי זיי אופֿגענומען. און אַפֿילע ווען אַנדערע שרײַבער זײַנען אַרויסגעטראָטן, און צווישן זיי אירע באַליבטע שרײַבער אויך, האָט זי אין די מאַכשאָוועס געהערט שוין בלויז זײַנע לידער, און ניט אַראָפּגענומען די גאַנצע

צײַט פון אים די אויגן. באַם פּרעזידיום־טיש איז ער געזעסן אין דער צווייטער רײ, און ווײַל ער איז אין וווּקס געווען ניט קיין הויכער, האָבן די אַנדערע שרײַבער, וואָס זײַנען געזעסן פון פאָרנט, קימאַט אינגאַנצן פאַרשטעלט אים. נאָר סײַוויסײַ, ניט זעענדיק אים קימאַט, האָט זי דאָך אים געזען אַזאַ, ווי ביים ער איז געשטאַנען באַם קאַטעדרע־טישל און געלייענט זײַנע לידער. זי האָט געזען זײַן שוואַרצע, געקרײַזלטע קוטשמע האָר, זײַנע טונקעלע, שמאָלבלעך־לענגלעכע, שיינע אויגן, און פאַרברוינטע הויט אויף פּנים.

ווען דער ליטעראַרישער אָוונט גופא האָט זיך געענדיקט און די שרײַבער האָבן פון דער בינע אַף די עטלעכע שטיגן אַנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן אין זאַל, קעדיי בײַזײַן אויפן קאָנצערט, וועגן וועלכן עס האָבן אויך מיטגעטיילט די אַפישן, איז זי אומגעריכט, אומגעריכט אַפילע פאַר זיך אַליין, צוגע־גאַנגען צו אים און געזאָגט:

— מיר זײַנען זייער געפעלן געוואָרן אײַערע לידער.

— און איר שרײַבט אויך לידער?

אויפן קאָנצערט זײַנען זיי געזעסן באַנאַנד, און אַהיים פונעם אָוונט אַוועק אינאיינעם.

— אָט דאָ וווין איך, — האָט זי געזאָגט, בלײַבנדיק שטיין נעבן דעם טויער־דורכגאַנג פון איר הויף. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווײַס־עמאַלירטן, קײַלעכדיקן שילדל, וואָס איז געווען צוגעפּעסטיקט עטוואָס העכער פונעם טויער־דורכגאַנג, און איבערגעלייענט אינדערהייך דעם נאָמען פון דער גאַס און דעם נומער פונעם הויז, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון דער זײַטיקער קעשענע זײַן באַטיק־ביכל און געזאָגט:

— קעדיי איך זאָל קענען פאַרשרײַבן אײַער פּינקטלעכן אַדרעס, בלײַבט אויך זאָגן די דירע. דאָס איבעריקע ווייס איך.

דעם נומער פון איר דירע האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

ער האָט ניט געײַלט אַרויסגעריסן אַ זײַטל פון זײַן באַטיק־ביכל, אָנגעשריבן עפּעס, און דער־לאַנגט איר דאָס פּאַפּירל:

— און אָט דאָ האָט איר מײַן אַדרעס. איך וווין אין אַ סטודענטישער צוזאַמענוווינונג. נו, און איצט לאָמיר זיך געזעגענען, מאָרגן פאָרן מיר פונדאַנען אין אָדעס, — האָט ער געזאָגט.

אויפן אַנדערן טאָג נאָכן אָוונט איז אַף דער האַפּסאָקע צוגעגאַנגען צו איר אַ סטודענטקע פונעם טעכניקום, ניט פון איר קורס, און געזאָגט:

— כ׳האָב דיך נעכטן געזען. דו ביסט געגאַנגען מיט... — און אָנגערופן זײַן נאָמען.

זי, בינע, האָט זיך באַפרײַנדעט מיט יענער סטודענטקע, מע האָט אָנגעהויבן אָפט פאַרברענגען צוזאַמען: אינאיינעם געגאַנגען אין ביבליאָטעק, אין קינאָ, אַף אָוונטן. די כאַווערטע האָט געוווינט באַ איר ברודער. אויב זאָגן דעם עמעס, האָט בינעס פרײַנטשאַפט מיט איר זיך אָנגעהויבן בלויז דערפאַר, ווײַל יענע איז זײַן לאַנדסמאַנקע, זי פלעגט איר, בינען, ניט וואָס דערמאָנען אין אים — מע האָט וועגן אים פאַרשפּאָרט איר צו דערמאָנען, — נאָר עפּעס איז געווען פאַר איר אין די באַגעגענישן אַן עכאָ, אַ מין ווײַטער אָפּקלאַנג פון דער באַגעגעניש מיט אים אַליין. די נײַע כאַווערטע אירע איז געווען, אַזויווי זי, אַף גאַנצע פינף יאָר ייִנגער פון אים — אַזוי־אַרום האָבן זיי אין איין קלאַס זיך ניט געלערנט, אין איינע שפּילן ניט געשפּילט, און נאָך מער — אַפילע קיין צוויי ווערטער ניט אויסגע־רעדט צווישן זיך. כוץ אַלעמען, איז ער פרי אַוועקגעפאָרן פון דער היים — ווי נאָר ער האָט געענ־דיקט די שול. נאָר די כאַווערטע האָט אַלצייַנס, ניט געקוקט אַף דעם אַלעמען, אין אירע, אין בינעס אויגן, געהאַט זייער אַ נאָענטע שײַכעס צו אים.

שפּעטער איז די דאָזיקע צופעליקע, צום אָנהייב ניט קיין טיפע כאַווערשאַפט, אַריבער אין אַן עמעסער, אופריכטיקער, גרויסער און געטרײַער ניט בלויז פרײַנטשאַפט — אין אַ ליבע פוןביידע צדאָדים. זיי האָבן אַ לעבן ליב געהאַט איינע די אַנדערע, ווי עס קענען זיך ליב האָבן די איבער־געגעבנסטע, די געטרײַסטע שוועסטער. אין יאָרן אַרום, ווי די כאַווערטע אירע וואָלט, אַוועקגייענדיק פון דער וועלט, איבערגעלאָזט דער טאָכטער בעירושע די דאָזיקע ליבע, — איז די ליבע אַדהײַעם געבליבן אַ ליבע.

...טעג זײַנען געגאַנגען, און בינע האָט אָנגעהויבן וואַרטן אַף זײַנעם אַ בריוו, און ניט דער־וואַרטנדיק זיך, אָנגעשריבן אים די ערשטע. ער האָט געענטפערט. מיט זײַן בריוו האָט זי זיך לאַנג ניט צעשיידט, זיך אַרומגעטראָגן מיט אים. פאַר קיינעם זיך ניט באַרימט מיט איר גליק. געוווּסט האָט בלויז די מאַמע, וואָס פאַר אַ טײַערע מאַטאָנע זי האָט באַקומען. דער מאַמען האָט זי ניט בלויז דערציילט וועגן דעם בריוו — זי האָט אים איר געלייענט, און ניט איין מאָל. וויפל די מאַמע האָט געוואָלט הערן — אַזויפיל מאָל האָט זי געלייענט, ס׳הייסט, וויפל זי, בינע, האָט געוואָלט לייענען — אַזויפיל האָט די מאַמע געהערט, איר גוטע מאַמע.

דערנאָך האָט בינע ניט געוואָלט זיך באַנוגענען מיט דער פרײַנטשאַפט בלויז מיט איין לאַנדס־מאַנקע זײַנער, זי האָט ביכלאַל זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אַלע זײַנע זעמליאַקעס, וואָס האָבן

געוווינט דאָ, אין שטאָט. מיט זײַנע לאַנדסלײַט האָט זי זיך אינטערעסירט פֿיל מער, ווי מיט אירע זעמליאַקעס. זי איז דאָך אויך געבוירן ניט דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, נאָר אין אַ קלײנער שטאָט אױף דער דעסנע. די כאַוורטע האָט גופֿא אין טעכניקום באַקענט זי מיט אַ מיידל און מיט אַ באָכער פֿון איר שטעטל. זי האָט זיי פֿריִער אויך געקענט, נאָר ניט אַזוי נאָענט, און ניט געוווּסט דעריקער זייער גרעסטע מעַלע — דאָס געבוירט־שטעטל זייערס — און, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָבן זיי באַקומען אין אירע אויגן דעם זיבעטן חיין.

פֿונעם מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט האָט זי באַקומען נאָך עטלעכע בריוו. אינגיכן אָבער איז געקומען אַ צײַט, ווען זי האָט געוואַרט און געוואַרט אױף זײַן ענטפֿער־בריוועלע. גאָר אומגעריכט איז פֿאַר איר דער דאָזיקער ווייטיק מיטן פֿאַרדראָס ניט געווען. די בריוו זײַנע זײַנען געווען כאַווערישע, צאַרטע, פֿולע מיט „גוטע גרוסן און ווּנטשן”, נאָר זי האָט געפֿילט: לאַנג קען אַזאַ גרויס גליק ניט דויערן, און יעדעס מאָל, אַרײַנוואַרפֿנדיק אין פּאָסט־קעסטל אַ בריוו צו אים, — געטרוימט אױפֿן בריוו באַקומען אַן ענטפֿער. כאָטש אױף דעם בריוו. און ניט געקוקט אױף דעם, וואָס זי האָט פֿאַרויסגעטראָפֿן, אַז אַזוינס קען פּאַסירן, האָט דאָס פּאַסירטע אַלצײַנס זייער ווייטיקדיק זי געטראָפֿן, נאָר סייכל האָט איר דאָך געקלערט מער ניט שרײַבן אים. צו זײַנע לידער האָט זי זיך געצויגן מיט דער גאַנצער נעשאָמע, און זי פֿלעגט בעעמעס פֿרייען זיך, דערזעענדיק זײַנע לידער אין אַ נײַעם זשורנאַל־נומער, אין אַ פֿרישער צײַטונג. עמעס, צום פֿריידיקן געפֿיל פֿלעגט זיך אַלעמאָל פֿאַרגאַנווענען נאָך אַ געפֿיל — כאָטש באַגיס די ליד מיט טרערן. נאָר אַ שטיקעלע טרייסט פֿאַר איר איז פֿאַרט געווען אין די הינטער־אויגיקע באַגעגענישן אירע מיטן דיכטער — די אויסגעצייכנטע לידער זײַנע. צו זײַנע לאַנדסלײַט האָט דעם דיכטערס אָפּגעפֿרעמדטקײַט צו איר — קיין שײַכעס ניט געהאַט. זיי זײַנען, ווי פֿריִער, געבליבן אין אירע אויגן — נאָענטע, ליבע מענטשן. ניט געקוקט אױף דעם, וואָס זי איז זיכער געווען, אַז אַזאַ, ווי ער, צי אַפֿילע אַן ענלעכן אױף אים, איז אױף דער גאַנצער וועלט ניט צו געפֿינען, האָט זי דאָך אין יעדן איינעם פֿון זײַנע לאַנדסלײַט אײַנגעזען זײַנס אַ שטריכעלע. און ווי קען זײַן אַנדערש? געוואַקסן אין איין שטעטל, געגאַנגען אױף די זעלבע וועגן־שטעגן, געטרונקען וואַסער פֿון די זעלבע קרעניצעס, געלערנט באַ די זעלבע לערער, אין דער זעלבער שול געגאַנגען... אײַנזעענדיק זײַנס אַ שטריכעלע — דאָך געפֿילט דעם גרויסן אונטערשייד, ווי טאַקע אָט דאָס שטריכעלע זאָל עס אונטערשטרײַכן. אױפֿן האַרצן איז איר געווען ביטער, וואָס ביטער הייסט.

זייער אָפֿט פֿלעגט זי אין לייענזאַל, ווי אַן עמעסער ביבליאָגראַף, זיך גריבלען אין צײַטונגען און זשורנאַלן, ווידער און ווידער געבלעטערט דאָס ווּפֿלטע מאָל דורכגעקוקטע און זיך ניט געקאָנט באַרויִקן — עפּשער האָט זי פֿאַרט ניט אײַנגעזען זײַנע אַ ליד און פֿאַרלוירן זי ערגעץ אױף אַ זײַטל...

איינמאָל, קומענדיק אױף אַזאַ איליוזאָרישן ראַנדעוווּ מיט אים אינעם לייענזאַל, האָט זי אױפֿן סטענד „נײַע ביכער” דערזען זײַן לידער־זאַמלונג. אױף אַזאַ געהויבענער באַגעגעניש האָט זי זיך אַפֿילע ניט געריכט. דעם גאַנצן אָוונט האָט זי געלייענט זײַנע לידער און ניט אױפֿגעהערט טראַכטן וועגן אים... וועגן אים, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַזעלכע גוטע לידער — לירישע, האַרציקע, מילדע, און פֿאַר איר וויל ער ניט געפֿינען קיין עטלעכע פּאַשעטע ווערטער, צושיקן אַ בריוועל. פֿון לייענזאַל איז זי אַוועק אין יענעם אָוונט די לעצטע.

אױפֿן אַנדערן טאָג האָט זי געקויפֿט זײַן ביכל און געלייענט, געלייענט, געפֿינענדיק נײַעם צויבער אין די שוין עטלעכע מאָל איבערגעלייענטע לידער. יעדע פֿרײַע מינוט פֿלעגט זי נעמען דאָס ביכל אין די הענט, ניט מיינענדיק אויסלערנען די לידער אױף אויסווייניק, נאָר אינגיכן האָט זי באַמערקט, אַז געווּג איז איר איבערלייענען דאָס קעפּל, צי די ערשטע שורע פֿון אַ ליד, אויב די ליד איז באַקרוינט מיט דרײַ שטערנדלעך, — און זי קען שוין לייענען די ליד אױף אויסווייניק, ניט אַרײַנקוקנדיק אינעם טעקסט. זי האָט אַפֿילע צוגעטראַכט אַ שפּיל, אָבער אַזוי ווי שפּילן מיט זיך אַליין האָט עפּעס קיין פּאָנעם ניט — אין אַ שפּיל איז נייטיק אַמווייניקסטנס איין פּאַרטניאָר — האָט זי אין שוטפֿעס גענומען די מאַמע אירע. די שפּיל איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: די מאַמע האָט געדאַרפֿט עפֿענען זײַן ביכל, אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון אַ ליד, אָדער איבערלייענען די ערשטע שורע, און זי, בינע, האָט געדאַרפֿט זאָגן אױף אויסווייניק די ליד. פֿאַרשפּילן פֿלעגט זי בלויז דאַן, ווען זי האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם מעכאַבער, וועגן דער איבערגעריסענער קאָרעספּאָנדענץ, דעמלט פֿלעגט זי פּלאָנטערן די ווערטער אָדער גאָר אַנשוויגן ווערן.

איינמאָל, אינמיטן פֿון אַזאַ פֿאַרשפּילטער שפּיל, האָט זי הילפֿלאָז אַ קוק געטאָן אױף דער מאַמען און דערזען טרערן אין דער מאַמעס אויגן. זי האָט ביז גאָר זעלטן געזען, אַז איר שוואַכינקע, דאַרינקע, ניט־געזונטע מאַמע זאָל וויינען. האָט זי זיך דערשראָקן:

— וואָס איז דיר, מאַמע?

די מאַמע האָט פֿאַרמאַכט דאָס ביכל, אַוועקגעלייגט עס אױפֿן טיש און געזאָגט:

— זאָל אױף הײַנט זײַן גענוג...

מער האָט די מאַמע אין דער שפּיל ניט געוואָלט אַנטפּלעקן אַ פרעמדן דעם באַטײַט פון דער מאַמעס טרערן האָט בינע פאַרשטאַנען העט־העט שפּעטער, אין יאָרן אַרום, ווי נאָך פיל פון דעם, וואָס יונגערהייט פאַרשטייט מען ניט.

באַר דאָס לעבן, אַזוי רעכנט בינע, איז געווען גוטוויליק צו איר, און גאָר ניט זעלטן געפירט זיי ביידן, זי און אים, אויף איינע און די זעלבע וועגן. ניט קיין אומענדלעך־ברייטע, ווו ס'איז ניט גרינג זיך באַגעגענען און זייער לײַכט זיך אויסמײַדן, נאָר אויף שטעגן, אויף וועלכע ווילנדיק ניט־ווילנדיק מוז מען זיך טרעפן, ביפראַט, אַז זי האָט צו די באַגעגענישן זיך געצויגן מיטן גאַנצן האַרצן.

אין אַ צײַט אַרום נאָכן איבערײַס אין זייער בריוו־אויסטויש האָט דער לערער פון ליטעראַטור פּײַערלעך געזאָגט:

— עס קומען צו אונדז אין טעכניקום אויף פּראַקטיק סטודענטן פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, און איינער פון זיי איז אַ יונגער, זייער באַגאַבטער דיכטער. — דער לערער האָט אָנגערופן זײַן פאַמיליע.

זי האָט ניט געגלייבט די אייגענע אויערן, געוואָלט אפילו אופהייבן די האַנט און איבערפרעגן באַם לערער די פאַמיליע פונעם דיכטער, נאָר איבערגעטראַכט: עמעץ קען זיך אָנשטויסן, צוליב וואָס זי דאַרף וויסן אַזוי פּינקטלעך די פאַמיליע. זי האָט אָנגעהויבן באַרויקן זיך אַליין: וואָס עפּעס האָט זיך איר אויסגעוויזן? ביז אַהער האָט אַזוינס מיט איר קיינמאָל ניט פּאַסירט. ווי שטענדיק, האָט זי אויך איצטיקס מאָל זייער אויפמערקזאַם געהערט, וואָס עס זאָגט דער לערער, און אין די מיען לײַכט אויסגעשטעלט זײַנע ווערטער, און עס האָט זיך באַקומען: יאָ, ער האָט אָנגערופן זײַן פאַמיליע.

אַהיים איז זי ניט געגאַנגען — געלאָפן. געוואָלט וואָס גיכער אָנזאָגן דער מאַמען די גוטע בשורה. מיט בינעס פרייד פרייט זיך טאָמיד די מאַמע זייער שטאַרק. לעמאַשל, מיט אַן אויסגעצייכנטער אָפּשאַצונג אויף אַ באַליביקן קעגנשטאַנד פרייט זיך די מאַמע אפילו מער, ווי זי, בינע, אַליין. נאָך פון דער שוועל האָט זי צו וויסן געגעבן דער מאַמען, ווער עס קומט אויף פּראַקטיק צו זיי אין טעכניקום. נאָר הײַנטיקס מאָל האָט די מאַמע זיך ניט דערפרייט מיט איר פרייד. פאַרקערט, בינע האָט עס געזען לויט דער מאַמעס אומעטיק־געוואָרענע אויגן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי אים דערזען.

ווי שטענדיק, איז זי באַצײַטנס געקומען אין טעכניקום, מיט האַנאָע זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן דעם אופגעלעבטן הו־האַ, וואָס האָט זיך געהערט פונעם גרויסן, ליכטיקן קאָרידאָר, און דאָרטן, אינעם קאָרידאָר, האָט זי אים דערזען. ער איז געשטאַנען באַם גרויסן פענצטער און געלייענט אַ זשורנאַל. זי איז צוגעגאַנגען, אָנגערופן אים באַם נאָמען און זיך באַגריסט. פונעם זשורנאַל האָט ער איבערגעפירט די אויגן אויף איר.

— אָ, בינע! וואָס מאַכסטו? — האָט ער געפרעגט, און צו דער פרייד, וואָס זי זעט אים, האָט זיך פאַרייניקט נאָך אַ פרייד: ער געדענקט איר נאָמען.

— דו ווייסט, — האָט זי געזאָגט, — כ'האָב אויסגעלערנט אויף אויסווייניק אַלע לידער פון דײַן ביכל.

— אויב אַזוי, איז גוט, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — ביסט בעפיירעשט אַ ווויל מיידל...

זי האָט געפרעגט:

— ווועסט פּראַקטיקירן אויף אונדזער קורס? — און צוגעגעבן: — כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען צו אונדז אין טעכניקום אויף פּראַקטיק. אונדזער קלאַסן־אָנפירער, דער לערער פון ליטעראַטור, האָט געזאָגט.

— איך האָב אויך געוווּסט, אַז איך פאָר אין דײַן טעכניקום. אַזויאַרום איז אונדזער באַגעגעניש ניט קיין אומגעריכטע. נאָר פּראַקטיקירן וועל איך ניט אויפן ערשטן קורס, ווו דו לערנסט, באַר אויפן דריטן.

פון זינט זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער קומט צו זיי אין טעכניקום אויף פּראַקטיק, האָט זי זיך געשראָקן גראַד פאַרן דריטן קורס. אויפן דריטן קורס איז געווען זייער אַ שיין מיידל — אַדע. ס'הייסט, שיינע מיידלעך זײַנען פאַראַן אויף אַלע קורסן, נאָר אַזאַ שיינהײַט, ווי אַדע, איז ביכלאַל ניט צו געפינען.

אינגיכן האָט זי זיך איבערצײַגט, אַז איר שרעק איז געווען אַן אומזיסטע.

ער האָט זיך ניט פאַרליבט אין אַדען. אויף איר פראַגע, ווי געפעלט אים אַדע, האָט ער ביזלעך געזאָגט:

— אַ פּוסט מיידל. האַלט פון זיך שטאַרק, זי האָט קלוימערשט אַן אייגענע מיינונג וועגן שרײַבער און זייערע ווערק. דער אומגליק איז אָבער אין דעם, וואָס איר מיינונג איז קיין דענעשקע ניט ווערט.

די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז געווען אויף פּראַקטיק אין טעכניקום פלעגט בינע זיך זען מיט אים. זיי פלעגן אַמאָל גיין אין טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט, אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט די סעדער לענגויס די דניעפּער־ברעגן, געווען אויף וולאַדימירער בערגל, געקוקט אויפן טײַך, אַ פּאַרה

גאָסנעם מיט אַוונטיקע גאָלדענע פֿײַערן, אפֿן טרוקאַנאָווער אינדזל מיט זײַנע שטיבעלעך אַף פּאַ־ליאָס, ענלעכע אַף טויבנשלאַקן, נאָר אַף טויבנשלאַקן מיט לויכטנדיקע פענצטערלעך. זיי פֿלעגן ניט זעלטן אין אַוונט זיצן אַף א באַנק אין אַן אַלייע און די גאַנצע צײַט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. זי פֿלעגט אים דערציילן וועגן דער מאַמען אָדער לייענען זײַנע לידער. ער פֿלעגט איר דערציילן וועגן מאָסקווע, וועגן זײַן היימשטעטל אַף וואָלין, און וועגן ביכער, וועלכע ער האָט געלייענט.

און ווײַל אַלץ, וואָס האָט אינעם מענטשנס לעבן אַן אָנהייב, מוז האָבן א סאָף, האָט אויך זײַן פּראַקטיק זיך פֿאַרענדיקט, ער איז אוועקגעפֿאָרן צוריק אין מאָסקווע, און קיין איין בריוול פֿון דאָרט איר ניט צוגעשיקט.

בינע האָט נאָך א סימען, אַז דאָס לעבן איז צו איר געווען גוטווילִיק: אין א שיינעם טאָג, ערעוו די זומער־וואַקאַציעס, האָט איר כּאַווערטע, זײַן לאַנדסמאַנקע, אײַנגעלאַדן זי אַהיים צו זיך, צוגאַסט, אינעם וואָלינער שטעטל.

בינעס מאַמע איז געווען ניט צופֿרידן פֿון דער פֿאַרשטייענדיקער יאַזדע.

— די כּאַווערטע דײַנע האָט זיך אָנגעפֿרעגט בא דער מאַמען? עפּשער דאַרף גאָר ניט די מאַמע אירע קיין געסט?

ערעוו דער רײַזע האָט די מאַמע אָנגעזאָגט בינען:

— געדענק, א גאַסט האָט א מײַלע, ווען ער קומט אַף א ווײַלע. מער ווי עטלעכע טעג זאָלסטו דאָרט ניט זיצן. „עטלעכע טעג“, — האָט בינע געמאַכט דעם כּעזשבן, — איז אין עטלעכע מאָל מער, ווי גאָרניט“.

בינע האָט זיך פֿלײַסיק געגרייט אין וועג, אײַנרײדנדיק זיך אַליין, אַז פֿאַרן פֿאָרט זי ניט צוליב אים. זי פֿאָרט צוליב דער כּאַווערטע און צו דער כּאַווערטע. זי האָט אַפּילע אַרויסגעזאָגט דעם גע־דאַנק דער מאַמען. האָט די מאַמע געזאָגט:

— בינעלע, כּטאָרע זיך לעבן אַזוי, אַז דו זאָלסט פֿאַרשפּאָרן מוירע האָבן פֿאַרן עמעס.

בינע האָט א לעבן זיך געסטאַרעט, און סטאַרעט זיך איצט אויך אַזוי לעבן.

שוין פֿאַרנדיק אין צוג, האָט זי נאָך אַלץ געפּרוווט איבערצײַגן זיך אַליין, אַז זי פֿאָרט ניט צוליב אים. צי האָט זי געוואָלט, אַז עס זאָל זיך איר אײַנגעבן דער קונץ? ס'קאָן זײַער זײַן, אַז זי האָט עס אַפּילע ניט געוואָלט, און מיסטאַמע טאַקע דערפֿאַר, האָט זי זיך אַף א האַרעלע אַפּילע ניט אײַנגערעדט, פֿאַרקערט, מיט יעדן דורכגעפֿלויגענעם קילאָמעטער האָט זי אַרומגעכאַפּט אַלץ א גרע־סערער פּאַכעד — זי קען קומען אין שטעטל, און אים דאָרט ניט טרעפֿן, צי ער איז שוין געווען און אוועקגעפֿאָרן, אָדער ער וועט ערשט קומען, ווען זי וועט שוין לאַנג זײַן איבערהיים... און אויב אַזוי — איז דאָס גאַנצע פֿאַרעניש אירס — ניט מער, ווי א יאַזדע גלאַט אַזוי...

נאָר דאָס מאַזל האָט איר ווידער צוגעשפּילט — ער איז געווען אין שטעטל.

פֿריִער האָט זי זיך באַקענט מיט זײַן מאַמען, און דערנאָך — דערזען אים.

אַף דער סטאַנציע זײַנען זיי, זי און די כּאַווערטע, געקומען קאַיאָר, די דרײַ קילאָמעטער ביזן שטעטל האָבן זיי דורכגעמאַכט זייער שנעל, בינע האָט אַפּילע ניט באַוויזן זיך רעכט אַרומקוקן, ווי די כּאַווערטע האָט געזאָגט:

— אָט דאָ וווינען מיר.

זיי זײַנען שטיין געבליבן נעבן אַן אײַנזאַם שטיבל, מיט דרײַ פענצטער, אַן א שטאַכעטל, צוּ־פוסנס פֿון א באַרג. א באַגרינטן און א באַקווײַטלטן. דאָס שטיבל — אָן אַפּנס פֿאַר אַלע ווינטן, האָט אַליין אויסגעזען, ווי א גאַסט, ערשט אָן אַראָפּגעקומענער אַהער. וואָס האָט זיך דאָ, אפֿן יִישעווּ־ראַנד, אָפּגעשטעלט אַף א ווײַלע איבערכאַפּן דעם אָטעם און וועט דערנאָך זיך לאָזן ווײַטער גיין, קעדיי זיך אײַנפֿונדעווען אַף א באַלעבאַטער, ענגער, שטעטלשער גאַס אָדער ליקל.

אין שטוב איז געווען ציכטיק, ליכטיק, היימלעך.

אינדערהיים איז געווען בלויז די מאַמע אירע. דער טאַטע, צוויי עלטערע שוועסטער און דער ברודער זײַנען געווען אַף דער אַרבעט. אַלע אין קאָלווירט. דער טאַטע — בא די פֿערד, די שוועס־טער — אין פֿעלד און דער ברודער — א שמיד — אין קוזניע.

די מאַמע האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט זיי ביידן. ווען עמעצער שטייט בא דער זײַט און קוקט צו די באַגעגעניש, וואָלט ער ניט געוווּסט, וועלכע פֿון די צוויי מיידלעך איז די טאָכטער, און וועל־כע — איר כּאַווערטע, וואָס איז געקומען צוגאַסט. מער ניט, ווען דער באַאַבאַכטער וואָלט געשטאַנען גאָר נאָענט, וואָלט ער געהערט, ווי איינע פֿון זיי, ווענדנדיק זיך צו דער ווירטן פֿון שטוב, זאָגט: „מאַמע“, און די צווייטע — „מומע טויבע“, און וואָלט אַזױראָם פֿאַרשטאַנען, ווער איז ווער.

זיי האָבן פֿון וועג זיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן, די מאַמע איז זיי מעכאַבעד געווען מיט גע־שמאַקן מילכיקס, און זיי זײַנען אַוועק שפּאַצירן איבער די האַלב־פּוסטע, פֿאַרגאָסענע מיט גלִיענדיקע זון־שטראַלן שטעטלדיקע גאַסן.

נעבן א נידעריק, געהויקערט שטיבל אונטער א שינדלדיקן דאך האָט די כאוועטע זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— אָט איז זייער שטוב.

אין דער ווילע האָט פון הינטערן ראָג זיך באוויזן א פרוי מיט א קוישל אין האנט.

— ס'איז זיין מאמע, — האָט שטיל געזאָגט די כאוועטע, צוגעלאָפן צו דער פרוי, העלפן זיך באגריסט מיט איר, גענומען פון אירע הענט דאָס קוישל, און געזאָגט:

— מומע עסטער, דאָס איז מיין כאוועטע. מיר לערנען אין איין טעכניקום. זי איז א קיִעווער, — האָט עפּעס אזוי ווי באַרימעריש, מיט שטאָלץ מיטגעטיילט די כאוועטע און שטיל צוגעגעבן: — זי קען אייער... — און אָנגערופן זיין נאָמען.

בינע האָט פאַרגליַיכט איר מאַמע מיט זײַנער: זײַן מאַמע איז אויך אַזאַ דאַרינקע, ווי אירע, באַ זײַן מאַמע זײַנען די האָר שוואַרץ־שוואַרצע, און באַ אירער — ווײַסע, ווי פּוך, איר מאַמע איז העכער פון זײַנער, נאָר די זעלבע גוטסקײַט ליגט ווי אויסגעגאָסן אָפן פּאָנעם, סײַ באַ איר מאַמען, סײַ באַ זײַנער.

זי האָט דערהערט זײַן מאַמעס קאָל:

— איר זײַט שוין לאַנג געקומען? קומט אַרײַן, קינדער, וואָס שטייען מיר אין גאַס?

אַרופקומענדיק אויף דער שוועל פון דער טונקעלער גרויסער קיך, האָט זי אַ געשריי געטאָן אינעם שכײַנעסדיקן צימער:

— טו אַ קוק, מײַן קינד, וואָס פאַר אַ געסט איך האָב דיר געבראַכט.

דורך דער אָפענער טיר האָט בינע אים דערזען. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטערן טיש, באַ וועלכן ער איז געזעסן מיט אַן עלטערן, זייער אַ הויכן מאַנצביל (אַפילע ווען יענער איז געזעסן, האָט בינע געזען, אַז ער איז אַ הויכער). „זײַן טאַטע" — האָט די כאַווערטע באַוויזן אַ שעפּטשע טאָן. ביז ער איז געגאַנגען צו די געסט. דערנאָך האָט ער זי באַקאַנט מיט זײַנע היימישע: מיטן טאַטן, מיטן עלטערן ברודער, מיט דער שוועגערן, שיינדלען, מיט זייער צענכאַדאַשימדיק זונעלע — מיט אַרעלען — און מיט זייער גאַסט — זײַן שוועסטערקינד — בעניע, אַ לעקטאָר אינעם אָדעסער אוניווערסיטעט.

זיצנדיק אין איר געבענטשטער שטוב, האָט בינע קימאַט די גאַנצע צײַט געקוקט אויף אַרעלען, אויף די דערוואַקסענע האָט זי זיך ניט דערוועגט קוקן. צום קינד האָט זי אַזוי לאַנג געשמייכלט, ביז עס האָט פּונעם בעטל אויסגעצויגן צו איר זײַנע קליינע, ווײַסע, שיינע הענטלעך. שיינדל האָט דאָס קינד אַריבערגעטראָגן צו איר אין שויס.

זײַן מאַמע האָט געשטעלט אָפן טיש קיבעד: עפּל, באַרן, פלוימען.

— עסט געזונטערהייט, — האָט זי געזאָגט, — ס'איז די גערעטעניש פון אונדזער סאָד, — און באַוויזן אָפן צעפּראַלטן פענצטער, הינטער וועלכן אַ ווינט האָט געהוידערט די צווײַגן פון אַלטע פרוכטביימער.

זײַן שוועסטערקינד האָט אינמיטן פון דער געשיכטע, וועלכע ער האָט פרײַלעך דערציילט, זיך געווענדעט צו בינען:

— בינע, אַז איר וועט זײַן אין אָדעס, קומט אַרײַן צו מיר. איך וווין... כ'וועל אײַך פאַרשרײַבן דעם אַדרעס.

ער האָט פאַרשפּאַרט פאַרשרײַבן דעם אַדרעס, באַ איר איז געווען אַ גוטער זיקאָרן, האָט זי דעם אַדרעס זײַנעם פאַרגעדענקט אָפן גאַנצן לעבן. אַ סימען: זי געדענקט אים אויך איצט, כאָטש איר זיקאָרן איז שוין לאַנג ניט קיין פויגלדיקער.

— ביז זי וועט נאָך זײַן אַמאָל אין אָדעס... דערווײַל זײַט איר דאָ, מיידלעך, איז זעט זשע, פאַרגעסט ניט אונדזער שטוב, — האָט געזאָגט שיינדל.

געווען איז בינע צוגאַסט באַ דער כאַווערטע ניט קיין עטלעכע טעג — פיל מערער. אַלע איינ־דערפרי פלעגט זי מיט דער כאַווערטע גיין אין קאָלווירט, אָפן פעלד, צי אָפן טויק העלפן דער כאַווערטעס שוועסטער אין דער אַרבעט. בינע האָט זיך אויסגעלערנט בינדן סנאָפּעס, אַרבעטן באַ דער דרעשמאַשין, גיין באַרוועסערהייט אויף דער סטערניע, ס'איז איר אַפילע גוט געווען פילן אונטער די פיס די וואַרעמע, האַרטע, שטעכיקע זאַנגען — רעשטלעך פון דער אַראָפּגענומענער טוווע. זי מיט דער כאַווערטע פלעגן אַרבעטן נאָר ביזן וואַרמעס, און דערנאָך זײַנען זיי געווען פרײַ. די כאַ־ווערטע איז געווען אַ פאַרברענטע האַנטאַרבעטערן — זי וואָלט גאַנצע טעג נאָר געזעסן און געהעפט, געשטריקט, געניייט. אָפט האָט זי פּאַשעטע ניט געקענט אַרויסלאָזן די אַרבעט פון די הענט, און דעמאָלט פלעגט בינע אַליין גיין שפּאַצירן. גיין פלעגט זי געווײַנלעך צו אַרעלען. אַזוי האָבן באַ איר געהייסן די גענג אין זײַן טאַטנס שטוב.

ניט זעלטן פלעגן אירע וויזיטן זיך טאָקע באַנוגענען מיט אַרעלען. אים פלעגט זי אַפילע ניט זען. זײַן מאַמע אָדער שיינדל פלעגן אין אַזעלכע פאַלן שטיל־שטיל זאָגן איר, ווײַזנדיק מיט די אויגן אויף אַ פאַרמאַכטער טיר פון אַ ווײַטיקן צימערל:

— ווײַזט אויס, אַז ער שרײַבט אַ שיר, נאָר דו קום אַרײַן, קום אַרײַן...

זי פלעגט גערן זיך שפּילן מיטן קינד. ס'איז איר ליב געווען האַלטן אים אויף די הענט, לערנען אים גיין, וויגן אינעם גרינגן לאָזע־בעטל, צי האָדעווען פון אַ לעפעלע. שיינדל פלעגט איר געטרויען די אַלע אַרבעטן, און אַליין אויך ניט זיצן מיט ליידיקע הענט.

כוץ דעם, פלעגט זי אָפט שפּילן מיט אַרעלען אין פאַרשיידענע שפּילן: אין „ציפּ־צאַפּ, העמערל", „באַראַם־באַראַם", נאָכגעמאַכט, ווי עס מעקעט אַ ציגעלע, ווי עס קרייט אַ האָנעכל. דערנאָך האָט זי אים אָנגעהויבן דערציילן מײַסעלעך. מײַסעלעך, וועלכע זי אַליין האָט, דאַכט זיך, גאָר ניט לאַנג אַליין געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אַרעלע פלעגט דערבײַ זיצן שטיל, מער ניט — די גאַנצע

צײַט ציִען די הענטעלעך זײַנע צו איר צירונג — צו די אויערינגלעך, צום בײַטשל רויטע קרעלן אַף איר האלדז, אָדער פירן מיט זײַן פינגערל איבער די בונטע קווייטן פון איר ציצן קאָפּטל.

די מײַסעלעך מיט די שפּילן האָט זי, געוויינלעך, אומיסטן פאַרצויגן אַף לענגער, און דאָך פלעגט זי אָפט אַף אים זיך אזוי טאַקע ניט דערוואַרטן. אָבער ס'פלעגט דאָך טרעפן, אז סאָפּקאָלסאָף פלעגט ער עפענען די טיר פון זײַן כיידערל און, א באַגײַסטערטער, א שײַנענדיקער, אַן אראָפּגעקומענער פון עפּעס אַן אויסטערלישער ווײַט, זיך ארומקוקן, און, דערזעענדיק זי, זאָגן, ווי פאַרזעצנדיק אַן אָנגעהויבענעם שמועס:

— ווילסט הערן, וואָס איך האָב הײַנט אָנגעשריבן? קום, וועל איך דיר איבערלייענען.

א שײַלע, צי זי וויל הערן!

יעדעס מאָל פלעגט זי אין זײַן כיידערל ארײַנגיין, ווי עס גייט ארײַן א גאָטספאַרכטיקער מענטש אין א טעמפּל. און יעדעס מאָל האָט דאָס פיצינקע צימערל געהאַט אין אירע אויגן דעם זיבעטן כיין. בא דער וואַנט איז געשטאַנען א שמאָלע קאַנאַפּע, באַם פענצטערל — א קליין טישל אַף געשניצטע פיסלעך און א טאַבורעטל. איר האָט זיך געדאַכט, אז אינעם צימערל איז אזוי היימלעך, וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זײַן. א צימער, אין וועלכן עס ווערן געשריבן אזעלכע שיינע לידער. דאָ האָט זי געהערט די ליד „ניטאָ דאָ קיין קוימענס, איך בין דאָ געבוירן", „נאַכט... פינצטער... שפּעט...", ניט וויניק לידער וועגן מאָסקווע.

איינמאָל, דערציילנדיק ארעלען א מײַסעלע, האָט זי ניט באַמערקט, ווען ער איז ארויס אינעם סעדל, ווו זי איז געזעסן מיטן קינד. ער איז אַפּאַגעם ניט לאַנג געשטאַנען און געהערט, ווי זי דערציילט, און דערנאָך האָט ער פריילעך געפרעגט:

— בינע, וואָס זאָגט עפּעס ארעלע וועגן דעם פרינץ? מיר דוכט, אז ער קאָן נאָך ניט פאַרשטיין אזעלכע מײַסעלעך.

האָט זי פון דעמלט אָן אופגעהערט דערציילן מײַסעלעך. זי האָט געזונגען דעם קינד לידעלעך...

זײַן שוועסטערקינד, בעניע, איז אינגיכן אוועקגעפאָרן. ביז אהער פלעגן זיי גיין שפּאַצירן אײַנדרייען, און נאָך דעם, ווי בעניע איז אוועקגעפאָרן, — אינצווייען. אָפּטער פלעגן זיי גיין אַף דער לאַנקע. ס'איז געווען זייער א שיינע לאַנקע — איינע פון די שענסטע, וועלכע זי האָט געזען אין לעבן. ער האָט געוווּסט די נעמען פון אזויפיל קווייטן און גראָזן, וועלכע זײַנען דאָרט געוואַקסן! ער פלעגט איר באַווײַזן א גרעזל, לעמאָשל, און זאָגן:

— זעסט, אָט דאָס גרעזל הייסט ווונדערקרויט. אַנו, געפין דאָ נאָך א ווונדערקרויט.

און זי פלעגט געפינען.

— און אָט דאָס גרעזל הייסט אדאָניס. זוך אויס זײַנע קרוויומלעך.

און זי פלעגט אויסזוכן.

— זעסט, דאָס איז א גראַמאָפאָנדל. און אָט האָסטו דיר א פײַלכל, און אָט קוקט אַף דיר א מײַ־קויסעלע...

און נאָך א שפּאַציר־וועג איז בא זיי געווען: א לאַנגער, שיינער שליאַך, פון ביידע זײַטן א באַוואַקסענער מיט טאָפּאָלן.

דער דאָזיקער וועג איז שוין געווען אויסער דעם שטעטל.

איינמאָל, גייענדיק מיטן דאָזיקן שליאַך, האָט ער געזאָגט:

— אונדזער קליינקער ארעלע איז א נאָמען נאָך מײַן ברודער. א זעכצניאָריק יאַטל איז ער אוועק מיט די בודיאָנאָווצעס. מיט אָט דעם שליאַך איז ער געגאַנגען. דער וועג פירט קיין זשיטאָמיר. הינטער זשיטאָמיר, אין א שווערער שלאַכט מיט די פּעטליוראָווצעס, איז מײַן ברודער אומגעקומען. דער וועג, אַף וועלכן מיר גייען אצינד, איז געווען זײַן לעצטער וועג, און אויך דער לעצטער וועג נאָך פאר פיל בודיאָנאָווצעס. ס'איז געווען איינע פון די לעצטע שלאַכטן בייסן בירגערקריג.

ס'איז געקומען א טאָג, ווען בינע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן פאָרן אהיים.

זי האָט זיך געזעגנט מיט דער כאַווערטע, מיט אירע שטוביקע, מיט אים, מיט ארעלען, וואָס טראָגט דעם נאָמען נאָך א העלד פונעם בירגערקריג, און ווייסט נאָך דערווײַל ניט וועגן דעם. זי האָט זיך געזעגנט מיט אַלע גאַסן און ליקעלעך, ווו זי האָט מיט אים שפּאַצירט, זיך געזעגנט מיט דער לאַנקע, מיט אַלע גראָזן און בלומען...

...איבעראיאָר, ווען בינע האָט זיך שוין געלערנט אַפן צווייטן קורס, איז די סטודענטן פאַרגעשטאַנען, אָנהייב זומער, א פּראָדוציר־פּראַקטיק. מע האָט געשיקט אין צוויי שטעט: קיין דובראָוונע און אָדעס. בינע איז געפאָרן קיין אָדעס.

אָט ווען עס איז איר צוניץ געקומען זײַן שוועסטערקינדס, בעניעס, אדרעס.

דעם זעלבן טאָג, ווען זי איז געקומען קיין אָדעס און געהאַט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע נייטיקע זאכן — געווען אַף דער וועבער־פאַבריק, באַקומען מיט נאָך דרײַ מיטשילערנס א צימער אין צוזאַמענ־

וווינונג, איז בינע אוועק צו זײַן קאָרעוו. צוליב וואָס? צוליב פיל טײַמים: ערשטנס, האָט ער זי דאָך אײַנגעלאַדן. גאַנצע צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל: ווי נאָר זיי האָבן זיך באַקענט, און דאָס צווייטע מאָל — ערעוו זײַן אוועקפאָרן, ווען בינע איז געקומען זיך געזעגענען מיט אים.

ווען זי איז אַרײַן דעמלט צו זיי אין שטוב, איז שוין דאָס גאַנצע הויזגעזינד געזעסן שוויַגנדיק, ווי עס פירט זיך, ווען מע באַגלייט אַ נאָענטן מענטשן אין וועג. שײנדל האָט זיך עטוואָס אַ רוק געטאָן אויפן בענקל, און מיט די אויגן אַ רוף געטאָן בינען, אַז זי זאָל זיך זעצן באַנאַנד. בעניע האָט דאַן פּלוצעם איבערגעריסן די שטילקײַט און געפרעגט בײַ איר, בײַ בינען:

— מײַן אַדרעס האָט איר פאַרשריבן?

— איך געדענק אים אַזוי אויך.

— אַנו, זײַט אַזוי גוט, און זאָגט, וואָס געדענקט איר.

אַלע האָבן געקוקט אויף איר, זי האָט געוויס זיך פאַרווילט, מאַכמעס איר איז געוואָרן מיטאַמאָל הייס, טייקעף אופגעשטאַנען, און עפּעס צו הויך, און צו דײַטלעך געזאָגט דעם אַדרעס. ווען זי האָט באַמערקט, ווי ער און בעניע האָבן שמייכלענדיק, זיך איבערגעבליקט, האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. צווייטנס, ווײַל זי איז זען, בעניען. דריטנס, עפּשער האָט ער, בעניע, באַקומען פון אים אַ בריוו, און אינעם בריוו האָט ער צוגעשיקט אַ נײַע ליד. און עס איז נאָך געווען אַ פערטנס, אַ פינפטנס, און נאָך... און נאָך...

בעניען האָט זי געטראָפן אינדערהיים, ער איז געזעסן אין אַ גערעמען, זוניקן צימער, בײַ אַ גרויסן שרײַבטיש, אויף וועלכן עס זײַנען געלעגן עטלעכע צעעפנטע ביכער, און געשריבן אין אַ גראָבן העפט.

ער האָט זי פריידיק באַגעגנט:

— שאָלעם־אַלייכעם, בינע! כ'בין צופרידן, וואָס איך זע אײַך. גוט, וואָס איר זײַט געקומען. און דעריקערשט — איר האָט דערוויזן, אַז מײַן אַדרעס, אַפילו ניט קיין פאַרשריבענעם, האָט איר ניט פאַרגעסן. זעצט זיך, ביטע. — ער האָט דערלאַנגט איר אַ שטול, און געפרעגט: — אַ גלעזל טיי?

— אַ דאַנק, האָט זי געזאָגט, ניט צו וויסן פאַרוואָס קומט אים דער דאַנק: פאַרן דערלאַנגטן בענקל, צי פאַרן צוגעזאָגט גלעזל טיי. ער האָט געשטעלט אויפן טיש אַ פרוכט־וואַזע מיט פערשקעס און פלוימען און אַ טעצל מיט קיכלעך, לויטן אויסזען ענלעכע אויף יענע, מיט וועלכע מע פלעגט זי מעכאַבעד זײַן בײַ זײַן מומען אין שטוב.

צוויי גלעזער טיי האָבן אויך אײַנגיכן זיך באַוויזן אויפן טיש.

זי האָט שוויַגנדיק געקײַט אַ קיכל, און זיך ביט דערוועגט פרעגן וועגן דעם איקערדיקן. אינמיטן דער סודע האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מײַן שוועסטערקינדל האָט איר שוין געזען?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין”.

— ער איז אין אָדעס. ער פּראַקטיקירט אין אוניווערסיטעט אויף דער קאַטעדרע, ווו איך אַרבעט. אָט וועל איך אײַך פאַרשרײַבן זײַן אַדרעס.

— זאָגט מיר דעם אַדרעס. כ'וועל פאַרגעדענקען.

און ער האָט געזאָגט דעם אַדרעס.

זי האָט פאַרגעסן אָפּדאַנקען בעניען פאַרן קיבעד, און דעריקערשט, פאַר דער בסורע און פאַרן אַדרעס. זי האָט טייקעף זיך געזעגנט און אַרויס פון שטוב.

די גאַס מיטן נײַעם אַדרעס איז געווען אין צווייטן עק שטאָט, נאָר זי איז גיך געקומען אויף יענער גאַס, און נאָך גיכער אָפּגעזוכט סײַ דאָס הויז, סײַ די דירע אויפן פערטן שטאָק. אים האָט זי אויך געטראָפן אינדערהיים.

ווען דאָס מיידעלע מיט אַ רויט האַלדזטיכל, וועלכע האָט געעפנט בינען די טיר, האָט זי אַרײַנגעפירט אין זײַן צימער, איז ער געזעסן אין אַ הוידלקע, בײַ אַ צעפראַלטן פענצטער און געלייענט.

— אָ, בינע! — האָט זי דערהערט זײַן קאָל. — ער איז אופגעשטאַנען פון דער הוידלקע. — קום אַהער, זעץ זיך, — ער האָט זי באַוועצט אינעם וויגנדיקן פאָטעל. — ביסט שוין לאַנג אין אָדעס?

— ניין, מיר זײַנען ערשט הײַנט געקומען, איך און נאָך זעקס אונדזערע סטודענטקעס, — וועבערנס און טריקאָטאַזשניצעס. דײַן אַדרעס האָט מיר געגעבן בעניע. כ'בין ערשט געווען בײַ אים. געדענקסט, ער האָט מיך אײַנגעלאַדן, אַז כ'זאָל קומען צוגאַסט, ווען כ'וועל זײַן אין אָדעס?

— אוואַדע געדענק איך... דעם יאַם האָסטו שוין געזען?

— ניין. איך בין שוין געווען אויף אַ סאַך גאַסן, און דעם יאַם ניט געזען. ער איז, ווײַזט אויס, ווײַט.

— באַלד וועלן מיר עפּעס איבערכאַפּן און גיין צום יאַם. מאַסקים?

אַ סאַך מאָל איז זי מיט אים אין יענעם זומער געווען באַם יאַם. געשווומען, געשיפט זיך אין אַ וועסלע־שיפל, געגאַן, פאַרנורענדיק די באָרוועסע פיס אין די ווײַסע, ווייכע, הייסע זאַמדן, גע־

שפּאַנט אַף די טונקל־גרויע שטיינער פונעם אַרקאַדיע־פּאַלאַץ. און שפּעטער, אין יאָרן אַרום, פּלעגט זי אָפּט, קימאַט יעדן זומער, פאָרן צום יאַם. אָבער אַזוי וווּנדערלעך־שיין, אַזוי פּרעכטיק, אַזוי גרויס־אַרטיק, ווי ס׳איז געווען דער יאַם בײַס זייער ערשטער באַגעגעניש, — אַזאַ האָט זי אים שוין קיין מאָל מער ניט געזען. מיסטאַמע איז ניט גרינג צו געפינען אַ סאַך אָדעסער גאַסן, ליקן און סקווערן, וווּהין זיי ביידע פלעגן אין יענעם זומער ניט פאַרבלאָנדזשען. ניט זעלטן, זיצנדיק נעבן אים אין אַן אָוונטיקן סקווער, פלעגט זיך איר אַזוי וועלן אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אַף זײַן אַקסל און בלײַבן אַזוי זיצן לאַנג, לאַנג, און ער זאָל צונעמען די האַנט פון דער באַנק־פּאָרענטשע און אַרופלייגן זי, די האַנט, אַף אירע אַקסלען און אַ קוש טאָן זי. זי וואָלט זיך ניט געמאַכט, אַז זי איז אַף אים באַרויגעז דער־פאַר (זי הערט דאָך, ווי אַנדערע מיידלעך דערציילן), פאַרקערט, זי וואָלט שטיל געוואָגט: „אוי, אַ מין גליקלעכע איך בין...”. און דעמלט וואָלט זי אים אויך אַ קוש געטאָן, מיט ביידע הענט צוגעדריקט צו זיך, שטאַרק־שטאַרק, און ער וואָלט, לאַכנדיק, געזאָגט:

— זע נאַר, און איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ גיבערטע.

אָבער דערבײַ האָט ניט געהאַלטן.

אָנשטאָט די זיסע כאַלוימעס פלעגט ער זי לויבן אין טאָג אַרײַן:

— ביסט אַ וווּיל מיידל, אַזאַ יאַר אַף מיר.

— ביסט אַ כאַכאָמע.

— זע, ווי דו פאַרשטייסט אַפן ווונק...

— פילן אַזוי, ווי דו, די שיינקײַט פון אַ פאַרנאַכט, דעם צויבער פון אַ זון־העזעלע, צי פון אַ בלימל באַם וועג — איז ניט יעדערן באַשערט.

דאָס האָט אָבער געהאַט אַ שײַכעס צו אירע מײַלעס, נאָר ניט צו זײַן ליבע. און זי וואָלט געגרן די אַלע לויב־ווערטער אָפּגעגעבן פאַר איין געגאַרטן וואָרט זײַנעם, וועלכן פאַרליבטע זאָגן מיט אַ ציטער אין קאָל, און די אַדרעסאַטן — ווערן גליקלעך, דערהערנדיק דאָס קישעפדיקע וואָרט.

באַ אירע זיבעצן יאָר איז זי דעמלט געקומען צו גאָר ניט קיין פריילעכן אויספיר: ווײַזט אויס, אַז ניט פאַר מײַלעס (אפילע אַנערקענטע) האָט אַ באָכער ליב אַ מיידל, און אויב אַזוי, איז מיסטאַמע פאַרקערט אויך: כעסרוינעס (אויך אַנערקענטע) זײַנען ניט קיין מעכיצע, ניט קיין מעניע אין ליבע. און עפּעס אַזוי ווי ער זאָל זיך פאַרענטפערן פאַרן ניט געגעבענעם קוש, צי פאַרן ניט געזאָגטן ליבע־וואָרט, האָט ער אָנגעהויבן טײַנען אָפּט:

— ביסט נאָך אַ קליינע. דאַרפסט ערשט אויסוואַקסן.

די מאַמע אירע זאָגט פאַרקערט, ווען בינע כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט ניט צום אָרט, צי ווען זי טוט אָפּ אַ שטוב־אַרבעט אָן איבעריקן פלײַס, און ניט אַזוי, ווי זי, די מאַמע אירע, וואָלט וועלן:

— ביסט שוין, קיין אײַנהאָרע, ניט קיין קליינע, דאַרפסט שוין פאַרשטיין... דאַרפסט שוין קענען... בינע האַלט, אַז גערעכט איז די מאַמע, זי איז שויןווירקלעך אַ גרויסע, ניט קיין קליינע.

און עפּשער גאָר נעמען און דערווײַזן אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז זי איז שוין אַ דער־וואַקסענע? צוליב דעם דאַרף מען גאָר ניט קיין סאַך: אַשטייגער, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אַף זײַן אַקסל... צי אַ פאַטל טאָן זײַנע געקרויזלטע האָר... צי עפּשער גאָר זיך אָנעמען מיט דרייסטקײַט און אַ קוש טאָן אים — אין שטערן, ווי די מאַמע קושט זי, בינען, און נאָך זאָגן אים דערבײַ: „כ׳האָב דיך ליב...”. אָבער אפילע פאַר אַזעלכע געדאַנקען ווערט זי אין קאַס אַף זיך, און פילט זיך שולדיק...

אַ באָכער דאַרף דער ערשטער זיך דערקלערן אין ליבע — אויב ער האָט ליב.

ער ווייסט עס גוט — זײַנע ליבע־לידער האָבן זי איבערצײַגט אין דעם.

און מיט אַ גוואַלדיק־גרויסן, זייער טיפן, יונגן, מיידלשן ווייטיק און ייִעש האָט זי אַ קלער געטאָן:

ער זאָגט איר ניט דאָס געגאַרטע וואָרט, מאַכמעס ער קען זאָגן בלויז אָופּריכטיקע, עמעסדיקע ווערטער, און ער איז אין אירע אויגן געוואָרן נאָך שענער, נאָך הערלעכער, נאָך דערהויבענער. זי האָט אפילע זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אין איר פאַרערונג, מאַמעש אין איר פאַרגעטערן אים, אײַנ־זעענדיק דערבײַ די שענסטע און בעסטע מײַלעס זײַנע, איז נאָך געבליבן אַ פרײַ אָרט אַף „נאָך” און „נאָך” טײַערע מײַלעס, אייגנטימלעכע אים.

איינמאָל אין אָוונט האָט ער, געזעגענענדיק זיך מיט איר, געזאָגט:

— מאָרגן פאָר איך אַהיים. דער טאַטע איז ניט מיט אַלעמען. די פּראַקטיק האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, נאָר מיר האָט מען זי פאַרעכנט און דערלויבט פאָרן.

— מיט וועלכן צוג פאָרסטו?

— מיטן אַכצנטן... מיטן לעני̇נגראַדער.

— אין וועלכן וואַגאָן?

ער האָט פאַרשטאַנען איר קאַוואָנע און געענטפערט:

— דעם וואַגאָן ווייס איך דערווײַל ניט. איך האָב נאָך ניט דעם בילעט.

— פונוואַנען זשע ווייסט דעם צוג?

— אין אונדזערע מעקוימעס גייט פון אַדעס נאָר דער אַכצנטער. כ׳בין שוין ניט איין מאָל געפאָרן אַהיים מיט אָט דעם צוג.

זי האָט ניט געוואָלט פרעגן בא אים, ווען גייט ער אָפּ, דער צוג נומער אַכצן, האָט זי אַליין זיך דערוווּסט, און געקומען אויפן וואַקזאַל.

זי איז לאַנג געגאַנגען לענגויס דעם באַן, אַרײַנגעקוקט אין אַלע וואַגאָן־פענצטער, דורך וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט פּאַסאַזשירן, און אים ניט געזען, און ווען ביזן לאָקאָמאָטיוו זײַנען שוין געבליבן בלויז צוויי וואַגאָנען און זי האָט שוין געמיינט פאַרקערעווען אָפּ צוריק און אָנהייבן דעם צווייטן קאָן, האָט זי אים דערזען באַם פענצטער פונעם ערשטן וואַגאָן. ער האָט זי אויך דערזען און אַרויס אויפן פּעראָן. זיי זײַנען שווײַגנדיק געשטאַנען עטלעכע ווײַלעס, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— כ׳האָב שוין מוירע געהאַט, אַז איך וועל דיך דאָ ניט געפינען.

— ס׳האָט זיך געקענט מאַכן אַזוי אויך.

זיי האָבן ניט געהערט, ווען דער וואָקזאַל־דיקטאָר האָט געמאָלדן, אַז דער לענינגראַדער צוג נומער אַכצן גייט אָפּ... זיי האָבן בלויז דערזען, אַז דער צוג הייבט אָן אַזוי ווי שווימען... שווימען... אינעם אַדעסער פאַרנאַכט... ער האָט אײַליק אַ נעם געטאָן אירע הענט אין זײַנע, זי האָט נאָכגיביק זיך אַ צי געטאָן צו אים, האָט ער מיט זײַן באַק זיך צוגערירט צו אירער, אַרופגעשפּרונגען אויפן וואַגאָן־טרעפּל, זיך אויפגעהויבן אויף די געבליבענע צוויי טרעפּלעך, זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו איר — ניט אַרײַן אין וואַגאָן — און עטלעכע מאָל אַ פאָך געטאָן מיט דער האַנט — זיך געזעגנט. בא איר האָט עס געהייסן, אַז ער האָט זי אַ קוש געטאָן. דאָס איז געווען דער איינציקער קוש זײַנער פאַר דער גאַנצער צײַט פון זייערע באַגעגענישן. און ווען זי קומט אים ניט באַגלייטן, צי ווען ער שטייט ניט באַם וואַגאָן־פענצטער און זי וואָלט אים ניט אָפּגעזוכט, — האָט זי געטראַכט, — וואָלט זי אָנגעוואָרן אָט דעם איינציקן קוש זײַנעם אויך. און דער צוג איז דערווײַל געשוווּמען, געשוווּמען, און זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

די ערשטע עטלעכע רעגעס האָט זי זיך נאָך אַלץ באַוועגט אין איין טעמפּ מיטן צוג, און עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז זי איז נאָך באַנאַנד מיט אים, וועמען זי איז געקומען באַגלייטן. מער ניט — ער פאָרט אין צוג, זי — גייט אויפן פּעראָן... און נאָך האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אַהין, אויף דער ווײַטער סטאַנציע, וואָס ליגט דרײַ קילאָמעטער פון זײַן היימשטעטל, וועלן זיי אָנקומען איינצײַטיק: ער, זי און דער צוג. נאָר אין דער ווײַלע, ווי דער מאַשיניסט זאָל זיך כאַפּן, אַז פאַר אַ גיכן צוג פּאַסט ניט אַזאַ פּאַמעלעכער פאָר, — האָבן אַלע וואַגאָנען עפּעס ווי געגעבן אַ ציטער, די רעדער האָבן אַ ליאַזגע געטאָן איבער די רעלסן, און דער צוג האָט זיך געגעבן אַ יאָג, אַ טראָג פאַרויס, און זי איז, ווי פריִער, געגאַנגען, געגאַנגען, ווי באַגלייטנדיק שוין אַנדערע, אומבאַקאַנטע מענטשן, און אַנדערע וואַגאָנען, די גאַנצע צײַט ניט אופהערנדיק פאָכן מיט דער האַנט, און פאַרבײַ איר, דורך די וואַגאָן־פענצטער, האָט זי נאָך לאַנג געזען, ווי ס׳שווינדלען פאָכנדיקע הענט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז זי אויך אוועקגעפאָרן פון אַדעס.

עפּשער אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט זי אומגעריכט באַקומען פון אים אַ בריוו.

געשריבן האָט ער, אַז ער געפינט זיך אין אַן אַוויאַ־טייל אויף אַ צונויפקום פאַר מיליטערישער איבערגרייטונג; אַז הײַנט איז ער דאָס ערשטע מאָל געשפּרונגען מיט אַ פּאַראַשוט; אַז די נאַכט אייִדער דעם שפּרונג איז ער געווען אומרויִק, זיך געשראָקן פאַרן שפּרונג, נאָר צום גליק האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך. אומזיסט און אומנישט זיך געערגערט. דעם גאַנצן טאָג איז אים גרינג אויפן האַרצן, ס׳איז בא אים אַ גוטע שטימונג, און ער האָט באַשטימט איר אָנשרײַבן אַ בריוול. און צוריק מיט עטלעכע טעג האָט ער גאַנץ פײַן געשאָסן פון אַ רעוואָלווער: פון דרײַסיק מעגלעכע — געטראָפן בײַן און צוואַנציק אייגלעך.

זי האָט אַזוי טאַקע ניט פאַרשטאַנען: וועלכער געפיל איז געווען שטאַרקער — די פרייד, וואָס זי האָט ליב אַזאַ פעיִקן, אַזאַ געוואַגטן באָכער — וואָס ער זאָל ניט טאָן, באַקומט זיך בא אים אויסגעצייכנט: אַ טײַערער דיכטער, אַ גוטער שיסער, אַ דרייסטער פּאַראַשוטיסט, צי די פרייד, וואָס זי האָט פון אים באַקומען אַ בריוול און וואָס געטראַכט האָט ער וועגן איר אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן טאָג...

זי האָט אים טייקעף געענטפערט, נאָר ער האָט איר מער ניט געשריבן.

אין אַ צײַט אַרום האָט זײַן לאַנדסמאַן, באַגעגענענדיק זי אין גאַס, אָנגעזאָגט איר אַ בסורע:

— ער האָט כאַסענע געהאַט, און געווען צוגאַסט בא טאַטע־מאַמע מיט זײַן ווײַב. אַ שיין



ווײַבל בא אים,— האָט יענער היספּײַלעסדיק פֿאַרגעזעצט דעם געשפּרעך. „א גליקלעכע” — האָט זי שיִר זיך ניט ארויסגעכאפּט מיט אַן איבעריק וואָרט און געזאָגט:

— פֿאַרוואָס קומט אים א מִיעס ווײַב? ער אַליין איז אויך א שײנער.

...אינגיכן האָט זי אויך כאסענע געהאט. צי וואָלט זי אַן דער בסורע דעמלט כאסענע געהאט? ווער ווייסט?

ניט לאַנג פֿאַר דער מילכאָמע האָט זי זיך באַגעגנט מיט אים אַף א סימכע אין זייער א שײנער שטוב. אין איר פֿאַרשטעלונג איז פֿון טאָמיד אָן, ביז הײַנטיקן טאָג, א שײנע שטוב שיין ניט בלויז מיט איר אויסשטאַטונג: שײן מעבל, רײַכע כפּייצים, פֿײַנע בילדער — דאָס איז אויך ניט שלעכט, גיכער אפֿילע גוט, אָבער די שטוב באַשײַנען די באַלעבאַטים, און די באַלעבאַטים פֿון יענער שטוב

זייַנען געווען ווירדיקע, טייַערע מענטשן. פאַר איר איז די באַגעגעניש געווען אַן אומגעריכטע. פאַר די באַלעבאַטים פון יענער שטוב? עפשער... יאָ... צי ניט...

ווען זי איז געקומען אין יענער שטוב און אַרייַן אינעם העל־באַלויכטענעם, טומלדיקן צימער, א פולן מיט אופגעלעבטע, פאַרפּוצטע געסט, האָט זי אים דערזען. ער האָט, מיט אַן אַקסל אָנשפּאַרנדיק זיך אין וואַנט, געשמועסט מיט א באַיאָרטער פרוי. די פרוי איז געשטאַנען מיטן פּאָנעם צו דער טיר, און ער — מיט דער פּלייצע. אַרייַנקומענדיק, האָט זי, בינע, גאַנץ הויך זיך באַגריסט, צו קיינעם ניט ווענדנדיק זיך. ער איז געווען, אַפּאָנעם, פאַרטאָן אינעם געשפּרעך. זיך ניט אומגעקוקט, ניט געהערט איר קאָל. זי האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די געסט, ווי דורך א וואַלד־געדיכטעניש, און צוגעגאַנגען נאָענט צו די מיטשמועסער.

— א גוטן־אָוונט, — האָט זי געזאָגט צו זיי ביידן, כאָטש די פרוי האָט זי געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט אַף איר א קוק געטאָן, און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך דערפרייט:

— בינע... וואָס מאַכסטו? ווי לעבסטו? דערצייל...

עמעצער האָט א רוף געטאָן די פרוי, יענע האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אוועק.

— איך האָב כאַסענע געהאַט (זי האָט שיר ניט געזאָגט „אויך" כאַסענע געהאַט). בא מיר וואַקסט א טאָכטערקע. אין דרייַ טעג אַרום וועט איר ווערן עלף כאַדאָשים.

— זי איז אַן ערעך אַזאַ, ווי מייַן פּלימעניקל אַרעלע איז געווען, בייס דו האָסט געוווילט אין אונדזערע מעקוימעס. איצט איז עס שוין איינמאָל א באָכערעץ. לויפט, ווי אַן עמעסער ספּרינטער. יעדנפאַלס, די באָבע דעריאָגט אים קוים. ער וואָלט בא דיר אַף די הענט איצינד ניט געזעסן, ווי א סטאַטעק. — דערנאָך האָט ער א שמייכל געטאָן: — כ'שטעל זיך פאָר, ווי דו שפּילסט זיך מיט דייַן טעכטערל אין „באַראַם־באַראַם בוץ", אין „ציפּ־צאַפּ, העמערל"... יאָ, און יענע מייַסעלעך, וועלכע דו פלעגסט דערציילן אונדזער אַרעלען, דערציילסטו איר אויך?

— ניין, איצט ווייס איך, אַז אַזאַ פּיצל פאַרשטייט ניט אַזוועלכע מייַסעלעך. און ווי לעבט זיך דיר? — האָט זי געפרעגט נאָך א קליינער פּויזע.

— איך בין א טאַטע פון א זון. צוויי כאַדאָשים איז אַלט מייַן יוירעש.

— א קלייניקער נאָך, — האָט זי געזאָגט, — א שאָד, וואָס ער איז ניט געבוירן געוואָרן כאָטשבי מיט א יאָר פריִער. ס'וואָלט עפשער געקענט זייַן א שידעך... און אַזוי... מייַנע איז עלטער. און עלטער דאַרף זייַן דער באָכער.

— ס'איז ניט קיין מוז, — האָט ער געזאָגט, און ניט פריילעך א שמייכל געטאָן. אַזוי האָט זיך איר אויסגעוויזן.

...אינגיכן האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און אינעם פייַער און רויך פון די ערשטע שלאַכטן איז ער אומגעקומען.

איצט לעבט ער אין זייַן זון, אינעם זונס קינדער, אין זייַנע אייניקלעך, אין איר זיקאָרן און אין זייַנע לידער, וועלכע זייַנען לעצטנס, כוץ אַלעמען, געוואָרן די רעפּוע אירע אויך.

...פאַראַן אייביקע פראַגן, וואָס האָבן א שייַכעס צו די צווישנבאַציִונגען פון מענטשן, אַף וועלכע ביז הייַנטיקן טאָג איז נאָך ניט געפונען געוואָרן קיין איינהייַטלעכע מיינונג און וועט נאָך אַזוי גיך עפשער אפילע ניט געפונען ווערן.

די פראַגע איז אַזאַ: וואָס איז בעסער — זייַן געליבט אָדער ליבן?

בינע פאַרייניקט איר מיינונג צו די, וועלכע האַלטן, אַז בעסער איז ליב האָבן, גליקלעכער איז דער, וואָס האָט ליב, איידער יענער, וועמען מע האָט ליב. און כאָטש קיין אַנדערע וואַריִאַנטן ווערן דאָ ניט פאַנאַנדערגעקליבן, דאָך ווילט זיך איר צוגעבן: אָבער נאָך בעסער איז (אין וויפל מאָל? זי ווייסט אפילע ניט אַזאַ גרויסע, אפילע אַסטראָנאָמישע ציפער), ווען דער, וועמען דו האָסט ליב, האָט דיך אויך ליב.

נאָר דאָס איז שוין א מאַזל־זאַך.

בוזי מילער

שטילקייט

פֿונוואַנען איר זאָלט אים ניט אַ נעם טאָן, נאָכעם גרינבערגן, פֿון אַלע זײַטן איז ער אַ וועטעראַן — פֿון מילכאָמע, פֿון מי, פֿון דער פּאַרטיי. נאָר אַרבעט קלעקט אים אויך איצט. אים זײַנען צום האַרצן די אַפּטע באַגעגענישן מיט דער יוגנט אָף אַן אונטערנעמונג, אין אַ צוזאַמענוווינונג, אין שול. זיי נעמען אָפּ בא אים ניט ווייניק צײַט, נאָר ער פֿילט בעפֿויעל מאַמעש, ווי דורך אים, נאָכעם גרינבערגן, גיסט זיך אַריבער אין זיי, די הײַנטיקע יונגעלײַט, דאָס הייסע בלוט פֿון די קאָמיוגיסטן פֿון די דרײַסיקער יאָרן.

אָף די באַגעגענישן קומט ער געוויינלעך מיט אַלע זײַנע אָרדענס און מעדאַלן — און זיי זײַנען פֿאַראַן בא אים ניט ווייניק. טרעפֿט, אַז ער דאַרף ענטפֿערן אָף אַ פֿראַגע: פֿאַר וואָס האָט ער באַקומען אַט דעם אָרדען, און פֿאַר וואָס — יענעם. הייבט ער אָן דערציילן און כאַפּט זיך, אַז די באַגעגעניש גייט שוין צום סאָף, און ער האָט נאָך וועגן אַ העלפֿט באַלוינונגען ניט געזאָגט. יעדע באַלוינונג איז דאָך אַ באַזונדער געשיכטע, אַ בײַער גרעאַנגל צווישן לעבן און טויט, אַ גרעאַנגל, וואָס האָט זיך געקאָנט פֿאַרענדיקן אַזוי און אַנדערש... זאָגט ער צו, אַז דאָס, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו דערציילן הײַנט, וועט ער דערציילן בײַס אַ צווייטער באַגעגעניש.

נאָר אַזוי איז געווען ביז צוריק מיט אַ יאָר, ווען אים האָט אָוועקגעוואַלגערט אַן אינפֿאַרקט. אַ כוידעש צײַט איז ער אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל, אַ כוידעש אין אַ רעאַביליטאַציע־סאַנאַטאָרי, און אַהיים געקומען איז ער שוין גאָר ניט דער, וואָס פֿרי־ער, — אַן אַנדער מענטש. דער פֿרי־ערדיקער נאָכעם גרינבערג האָט געקענט גיין סײַ גיך, סײַ פּאַוואָליע, דער איצטיקער — בלויז פּאַוואָליע. דער פֿרי־ערדיקער האָט זיך געקענט אָוועקלאָזן אין אַן אַנדער עק שטאָט צופֿוס, דער איצטיקער קען פּאַמעלעכקע שפּאַצירן בלויז בא דער שטוב... פֿרי־ער האָט ער ניט געהאַלטן פֿון קיין די־עטעס, ער האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון זיי, איצט האָט ער געמוזט זיך אונטערגעבן אָף דער ווײַבס באַראָט — דאָס מעג ער, און דאָס טאָר ער ניט. און באַקומען האָט זיך אַזוי, אַז אַלץ, וואָס ער האָט ליב געהאַט, טאָר מען ניט, און אַלץ, וואָס ער האָט ניט ליב, — מעג ער. „ניט קיין לעבן — אַ מאַראָקע“, — אַזוי זאָגט ער. נו, און עס גייט שוין טאַקע צום סאָף דער זיבעטער צענדליק...

פֿון ניט־געווינשאַפֿט גאָרנישט צו טאָן, ניט זײַן פֿאַרנומען מיט עפּעס אַ נוצלעכער אַרבעט האָט נאָכעם אַפֿילע באַשלאָסן אָנהייבן שרײַבן. ווערן אַ שרײַבער? כאָלילע! ס׳איז שוין ניט די יאָרן, און ער דאַרף עס ניט. ער וועט פּאָשעט פּרוּוון באַשרײַבן זײַן אייגן לעבן אַזוי, ווי עס איז, פֿון סאַמע אָנהייב. האָט ער אײַנגעשאַפֿן פּאַפּיר און זיך געזעצט צום טיש. אים האָט זיך געדוכט, אָט זעצט ער זיך צו און הייבט גלײַך אָן שרײַבן. בריוו שרײַבט ער דאָך און פֿאַרטראַכט זיך אַפֿילע ניט. און ער ווייסט אויך גוט, ווי דאָס טוט זיך, ווייניק לעבנס באַשרײַבונגען האָט ער איבערגעלייענט? טאָלסטאָי, גאָרקי, שאָלעם־אַלייכעם... און אויב נעמען פֿונעם קלענערן גראַד — קאָראָלענקאָ, סווירסקי און נאָך. נאָר ער איז אָפּגעזעסן באַם ריינעם בויגן פּאַפּיר אַ שאָ, אַ צווייטע, און — אַ מאָדנע זאַך — די האַנט האָט בא אים זיך ניט אופֿגעהויבן אַרויסצופֿירן כאָטשבי אַן אָס... דאָס זעלבע אָפֿן אַנדערן טאָג. דאַן האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דער ווײַסער בויגן פּאַפּיר, וואָס ליגט פֿאַר אים אָפֿן טיש, איז ניט־גלאַט אַ בויגן פּאַפּיר, — ס׳איז אַ פֿעסטונג. אַ פֿעסטונג, וואָס מע דאַרף זי אײַנעמען. זי, די פֿעסטונג, איז באַוואָפֿנט פֿון אַלע זײַטן, און ער שטייט קעגן איר שוצלאָז און אומבאַהאָלפֿן...

אויס, וועגן שרײַבן האָט ער מער ניט געקלערט. ער האָט זיך גענומען צום לייענען. אָף די ביכער־פּאָליצעס זײַנע — ער איז פֿון שטענדיק אָן געווען אַ הייסער ליבהאָבער פֿון בוך, — זײַנען געשטאַנען פֿיל בענדער, וואָס בײַס ער האָט נאָך געאַרבעט, איז געווען זײַן טרוים: ווי נאָר ער וועט

ארויס אַף פּענסיע און באַקומען פרײַע צײַט, בעמט ער זיך צו אָט די בענדער אין דער ערשטער ריי. און אָט איז ער שוין לאַנג אַף פּענסיע, ער האָט פאַר אָט דער צײַט ניט ווייניק געלייענט. נאָר גראָד אָט די בענדער שטייען נאָך אַלץ ניט גערירט. האָט ער איצט צו זיי זיך דערקליבן. נאָר וויפל קאָן א מענטש לייענען? און וויפל קאָן מען זיצן באַם טעלעוויזאָר? איז אים טאַקע געווען לאַנגווײַליק, באַזונדערס אין די ווינטער־כאַדאָשים. איז דער פראָסט העכער פון צוואַנציק גראַד, ביפראַט אויב נאָך מיט א ווינט, פאַרשלאָגט עס אים דעם אָטעם, ניט א שפּאַן צו טאָן... האָט ער אופגעהערט אין די גרויסע פרעסט ארויסגיין אין דרויסן. „נאָכעם, ס׳איז גוט פאַסקודנע!” — האָט ער באַ זיך א טראַכט געטאָן. ווען ער איז אַמאָל, נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט אין דניעפּראָפּעטראָווסק, אַראָפּגעקומען אַרבעטן אין די היגע ווײַטמיזרעכדיקע מעקוימעס, זײַנען דאָ געווען אַזעלכע פרעסט, וואָס איצט הערט מען ניט פון אַזוינס — פערציק און מער גראַד, און ער — גאָרניט. און איצט — איצט באַ א סאַך קלענערע פרעסט פאַרשלאָגט עס אים דעם אָטעם, כאָטש לייג זיך און שטאַרב...

אין די שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס, אינעם ראַט פון וועטעראַנען האָט מען געוווּסט וועגן גרינבערגס שוואַכן געזונט און מע האָט אים ווייניקער באַאומרויִקט צוליב א באַגעגעניש אַף א זאַוואָד צי אין א שול. דערפון איז ער אי יאָ, אי ניט צופרידן געווען. מערער — ניט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מע האָט וועגן אים פאַרגעסן, אַז מע נייטיקט זיך מער ניט אין אים, ער איז איבעריק. מאַלע־וואָס אַן עלטערן מענטשן קאָן קומען אַפן געדאַנק...

אין איינעם א קאַלטן ווינטער־טאָג, אינמיטן יאַנוואַר — דער פראָסט אין דרויסן האָט געבערענט, — האָט באַ גרינבערגן אין דירע הילכיק זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל.

— נאָכעם זעלמאַנאָוויטש? — האָט געפרעגט א יונג קלינגענדיק מיידלש קאָל.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט און א קלער געטאָן, אַז דאָס רעדט מען פון אַן אָפּיציִעלער אינסטאַנץ, וויבאַלד מע רופט אים אַן באַם נאָמען, וואָס איז פאַרשריבן אין זײַנע דאָקומענטן, און ניט „נאום זינאָוויעוויטש”, ווי מע האָט אים גערופן באַ דער אַרבעט, ווי עס רופן אים באַקאַנטע.

— דאָס רעדט מען פונעם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ, — האָט ווײַטער א קלונג געטאָן דאָס מיידלשע קאָל.

— ווער רעדט? — האָט גרינבערג זיך אָנגעפרעגט.

— מאַרינע שיינינאַ.

— זייער אָנגענעם, — האָט ער געענטפערט. אים איז טאַקע געווען אָנגענעם צו הערן אָט דאָס יונגע מיידלשע קאָל, און דערפון, וואָס אָט דאָס קאָל איז געווען געווענדט צו אים, האָט פון אים אַפילע זיך גענומען ווי אָפּטאָן די מאָרעשכוירע, וואָס האָט אים א גאַנצן טאָג געהאַלטן אין קלעם. עטוואָס שפּילעוודיק האָט ער א פרעג געטאָן:

— ווער זשע איז מאַרינע שיינינאַ און וואָס פאַר אַן איניען האָט זי צו מיר?

— איך בין פאַרוואַלטערן מיטן קולטור־מאַסן־סעקטאָר באַם קולטור־פּאַלאַץ. און דער איניען איז אַזאַ...

גיך־גיך, ווי עס ריידן איצט געוויינלעך די יוגנטלעכע (מע האָט קיין צײַט ניט), און ניט הויך, אַזוי אַז א פּאָר מאָל האָט ער געמוזט איבערפרעגן, האָט מאַרינע דערקלערט, אַז אין קולטור־פּאַלאַץ גרייט מען א גרויסן אָוונט — א באַגעגעניש פון וועטעראַנען מיט דער יוגנט פון שטאָט.

— וואָס זשע ווילט איר פון מיר?

— איר זײַט דאָך א וועטעראַן, נאָכעם זעלמאַנאָוויטש?

— יאָ, נאָר ניט איינער.

— מיר וועלן אַנדערע אויך אײַנלאַדן.

— און פונוואַנען איז אײַך באַוווּסט וועגן מיר?

— אײַך האָט אונדז רעקאָמענדירט דער שטאָטישער ראַט פון וועטעראַנען.

— געדענקט מען דאָרט, הייסט עס?

— אײַך האָט מען אונדז רעקאָמענדירט איינעם פון די ערשטע. עמעס, מע האָט געוואָרנט, אַז מיטן געזונט האַלט עס באַ אײַך ניט גאָר. דאָס איז אַזוי?

— צום באַדויערן, יאָ.

— נאָר אַפן אָוונט וועט איר קענען קומען?

— איך מיין, אַז יאָ, — האָט געענטפערט גרינבערג. — איך וועל דאָרט דאַרפן עפּעס טאָן?

— זאָגן א פּאָר ווערטער. דאָס וועט זײַן פאַר אײַך ניט שווער?

— מיסטאָמע ניט.

— און נאָך איין ביטע צו אײַך, — האָט זיך אָנגערופן מאַרינע.

— וואָס נאָך?

— פאַר דער אַרויסטרעטונג פֿון יעדן וועטעראַן ווילן מיר באַקענען אײַנקורצן די אַאודיטאָריע מיט זײַן ביאָגראַפֿיע. צוליב דעם דאַרפֿן מיר מיט אײַך זיך באַגעגענען, נאָכעם זעלמאַנאָוויטש, ניט אויף לאַנג. ווו איז עס בעסער צו טאָן?

אים איז מיטאָמאָל עפּעס זייער גוט געוואָרן אויפֿן האַרצן. מע האָט אים ניט פֿאַרגעסן. מע נייטיקט זיך נאָך אין אים. מע וויל זיך מיט אים באַגעגענען. אים האָט אַפֿילו פֿאַרוואָלט זיך אַ וויצל טאָן.

— איר ווייסט, מאַרינע, — האָט ער איר געענטפֿערט אין טרײַבל, — ווען איך בין געווען אין אײַערע יאָרן, בין איך געגאַנגען צום מיידל. און איצט וועט איר מוזן קומען צו מיר...

— גוט, — האָט ערנסט געענטפֿערט מאַרינע, — ווען?

— ווען איר ווילט. אַפֿילו הײַנט, אָדער מאָרגן. פֿיר באַטאָג אָרדנט אײַך אײַן?

— גוט, מאָרגן.

ווען נאָכעם האָט דערציילט וועגן דעם טעלעפֿאָן־געשפּרעך זײַן אַלטיטשקער, האָט יענע אַ לאַך געטאָן:

— אַהאַ, קלײַבסט זיך נאָך, זע איך, אויף סווידאַניעס מיט יונגע מיידלעך?

— פֿאַרוואָס ניט, — האָט ער געענטפֿערט, — ביפֿראַט, אַז ניט איך צו זיי, נאָר זיי וועלן קומען צו מיר...

— נו, יאָ, ביסט דאָך נאָך גאָר ניט אַזוי אַלט, — האָט באַמערקט די פֿרוי.

„ער איז דאָך נאָך גאָר ביט אַזוי אַלט”, — האָט אַ קלער געטאָן מאַרינע, קומענדיק אויף מאָרגן פּונקט פֿיר באַטאָג, ווי מע האָט אָפּגערעדט. זי האָט זיך געקליבן טרעפֿן אַ שוואַכן אַלטיטשקן, וואָס עטעמט קוים, נאָר די טיר האָט איר געעפֿנט און האָט זי העפֿלעך פֿאַרבעטן אין שטוב אַרײַן אַ הויכער, פֿעסט געבויטער בייטפּליצישער מאַנספּאַרשוין מיט אַ גרויסן שיינעם קאָפּ זילבער־ווײַסע האָר און פּונקט אַזעלכע ווײַסע קורץ און אַקוראַט אונטערגעשוירענע וואָנצעס, וועלכע האָבן אים צוגעגעבן נאָך מער סאָלידקייט. געריידט האָט ער ניט געײַלט מיט אַ צוגעטויבטער באַסאָווער שטים.

— שלימעלע, — האָט ער אַ רוף געטאָן. — זע, ווער צו אונדז איז געקומען!

ווען פֿון קיך איז אין אַ געבלימלטן כאַלאַט אַרויסגעגאַנגען אַ ניט־הויכע (דער הייפֿעך צום מאַן) פּולבלעכע פֿרוי מיט אַ מילדן אויסדרוק אויפֿן פּאָנעם, אויף וועלכן עס האָט זיך קימאַט ניט אָנגעזען קיין קנייטשן, האָט מאַרינע וועגן איר אויך אַ טראַכט געטאָן, אַז זי זעט נאָך אויס גאָר ניט אַזוי אַלט, ניט געקוקט אויף די זילבער־ווײַסע (ווי באַם מאַן) קורץ געשוירענע האָר.

נאָכעם האָט געוואָלט העלפֿן מאַרינען אַראָפּנעמען דעם מאַנטל, נאָר זי האָט זיך דערשראָקן, וואָס עס וועט זי באַדינען אַזאַ סאָלידער עלטערער מאַן (ער וואָלט געקאָנט זײַן איר זיידע). זי האָט זיך ספּריטנע אַרויסגעגליטשט פֿון איר טונקעלן ווינטערדיקן מאַנטל מיטן קאַפּיושאָן און איז געבליבן אין אַ קורץ, ביז די קני, שוואַרץ קליידל און אין אַ שניי־ווײַסער וואַדאָלאַזקע, וואָס האָט ענג אַרומגעכאַפּט איר געטאַקטע מיידלשע פֿיגור. די גרינבערגס האָבן זיך פֿאַרכידעשט אויף מאַרינעס אויגן — גרויסע, גלאַנציק־שוואַרצע, האָבן זיי פֿאַרנומען, האָט זיך געדאַכט, העכער אַ העלפֿט פֿון איר קײַלעכדיק ראָז פּנעמל, ניט איבערלאָזנדיק קימאַט קיין אָרט פֿאַרן עטוואָס פֿאַריסענעם נעזל, פֿאַר די קוים צוגעפֿאַרבטע ליפּן.

נאָכעם האָט אָנגעוויזן דעם גאַסט אויפֿן פֿאָטעל באַם זשורנאַל־טישל, אַליין זיך צגעזעצט אַנטקעגן.

— מיט וואָס קאָן איך אײַך דינען? — האָט ער געפֿרעגט.

זי איז געזעסן גרייט, מיט אַ קליין בלאָקנאָטל און אַ בלײַער אין האַנט.

— איך וויל, איר זאָלט מיר דערציילן אײַער ביאָגראַפֿיע.

— און איר וועט פֿאַרשרײַבן?

— נו, יאָ.

— מאַרינע, טײַערינקע, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — אויף צו פֿאַרשרײַבן מײַן ביאָגראַפֿיע, ביכלאַל די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ מענטשן פֿון מײַן דאָר, וועלן ניט קלעקן קיין ביכער. און איר זײַט געקומען צו מיר מיט אַזאַ קליין בלאָקנאָטל...

— איך מיין — די וויכטיקסטע פֿאַקטן, — האָט געזאָגט מאַרינע.

האָט נאָכעם אײַנקורצן איר אָט די וויכטיקסטע פֿאַקטן דערציילט. דאָ, אין ביראָבידזשאַן, לעבט ער שוין קימאַט אַזויפֿיל, וויפֿל די שטאָט אַליין איז אַלט, באַ אַ האַלבן יאָרהונדערט. אייגנטלעך, איז ער געוואַקסן צוזאַמען מיט דער שטאָט, און ער איז שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז געווען איינער פֿון די, וואָס האָבן איר געהאָלפֿן וואַקסן. געקומען איז ער אַהער נאָך גאָר אַ ייִנגל, באַלד נאָכן פֿאַרענדיקן דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין דניעפּראָפּעטראָווסק. געאַרבעט אַלס אינזשעניער. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און ער האָט געמוזט בײַטן די קוואַליפֿיקאַציע, געוואָרן אַן אַרטילעריסט, קאָמאַנדעוועט מיט אַ באַטאַרייע. עטלעכע מאָל געווען פֿאַרווונדעט. זיך אויסגעהיילט

און ווידער — אויפֿן פֿראָנט. דערשפּאַנט ביז בערלין. פֿאַרענדיקט האָט ער די מילכאָמע אין מאַנטשזשוריע. נאָכן דעמאָביליזירן זיך אומגעקערט קיין ביראָבידזשאַן און ווידער אויפֿן דעם זעלבן זאַוואָד. א מײַסטער פֿון א באַצירק, א שעף פֿון א צעך. א סאַך יאָרן, שוין ביז דער פּענסיע, — פֿאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פֿון טעכנישן קאָנטראָל אויף דער אונטערנעמונג.

— אַלץ? — האָט א פֿרעג געטאָן מארינע, אויפֿהייבנדיק אירע גרויסע גלאַנציק־שוואַרצע אויגן פֿונעם בלאָקנאָט.

— אויב קורץ, יאָ, — האָט נאָכעם געענטפֿערט און פֿאַרגעזעצט, ווי קלערנדיק אויף א קאָל: — מאָדנע, זייער מאָדנע... א מענטשלעך לעבן... מײַן לעבן, אשטייגער. אז מע וויל, קאָן מען וועגן דעם אָנשרײַבן ביכער. די יוגנט, די לערעריין אינסטיטוט, דער אָנהייב פֿון זעלבשטענדיקער אַרבעט — איין בוך. די מילכאָמע — א צווייטער, נאָך דער מילכאָמע — א דריטער. און אז מע וויל, קאָן מען אָט דאָס גאַנצע לעבן מײַנס ארײַנלייגן, מארינע, אין צוויי בלעטעלעך פֿון אײַער בלאָקנאָט.

די פֿרוי גרינבערג האָט פֿאַרגעלייגט א קליינינקן קיבעד — טיי מיט היימישן געבעקס, נאָר מארינע האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי אײַלט זייער, בא איר איז אָנגעמערקט צו זײַן הײַנט נאָך בא צוויי וועטעראַנען.

שוין אין איר פֿוטער־מאַנטל מיטן קאַפּישאָן אויפֿן קאָפּ, האָט מארינע געזאָגט:

— ווען איר קומען, נאָכעם זעלמאַנאָוויטש?

— מיט איין טנײַ, — האָט ער געענטפֿערט.

— וואָס נאָך פֿאַר א טנײַ? — האָט מארינע זיך דערשראָקן און אפֿילע אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּישאָן פֿון קאָפּ, ווײַל איר איז מיטאַמאָל געוואָרן הייס. וואָס נאָך פֿאַר א טנײַ?

— אין די גרויסע פֿרעסט איז מיר שווער צו גיין אין גאַס, — האָט גרינבערג דערקלערט, — ביפֿראַט אין אָוונט. דער טנײַ — עס זאָל זײַן א וועלכער־ניט־איז טראַנספּאָרט.

די פֿרוי איז געשטאַנען לעבן אים.

— און אויף צוריקוועגס, ביטע, אויך, — האָט זי צוגעגעבן, — בא אים איז א שווערע אַסטמע... בא מארינען איז אַראָפּ א באַרג פֿון די פּלייצעס, זי האָט געמיינט — ווער ווייסט וואָס.

— אָט דאָס גאָר? — האָט זי איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, א מאַשין.

— קיין שום פּראָבלעם! עס וועט זײַן א מאַשין.

די עלטערע לײַט האָבן לאַנג נאָך געשמועסט וועגן מארינען נאָך איר אַוועקגיין: אַזאַ יונגע און אַזאַ זעלבשטענדיקע! פֿירט אָן מיט א סעקטאָר אין שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ — ניט קיין קלײניקײַט. און די אויגן! סאַראַ וווּנדערלעכע אויגן בא איר. מיט אַזעלכע אויגן איז א כאָסן קיין פּראָבלעם ניט, ווי זי זאָגט — אײן כאָסן? ייִנגלעך שטאַרבן מיסטאַמע נאָך אירע טריט.

אין א וואָך אַרום האָט מארינע אָנגעקלונגען. זי אינטערעסירט זיך, ווי פֿילט ער זיך, נאָכעם זעלמאַנאָוויטש, אין געזונט? גוט? אויסגעצייכנט! ער מוז זיך פֿילן גוט, מע טאָר דאָך ניט אַראָפּרײַסן אַזאַ מאָסמיטל.

— וואָס זשע, אויב איך איינער וואָלט ניט זײַן, — האָט גרינבערג זיך אָנגעפֿרעגט, — וואָלט זיך אַלץ אַראָפּגעריסן?

— איר פֿאַרשטייט, — האָט אים דערקלערט מארינע, — מיר האָבן צוגעגרייט א ספּעציעלן סצענאַרי און יעדער אָנטיילנעמער פֿונעם אָוונט האָט אין אים זײַן אָרט.

— איך פֿאַרשטיי, — האָט געענטפֿערט גרינבערג, כאָטש ער האָט ניט גאָר פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר א סצענאַרי און צוליב וואָס איז ער נייטיק. — זײַט זיכער, איך וועל ניט אַראָפּרײַסן, אבי א מאַשין.

— אָט דאָס קלינג איך אײַך טאַקע, — האָט געזאָגט מארינע, — די באַגעגעניש וועט פֿאָרקומען מאָרגן. אָנהייב — זיבן אין אָוונט. אָן צוואַנציק זיבן וועט די מאַשין שטיין בא אײַער הויז. איר זאָלט זײַן גרייט.

— שטענדיק גרייט! — האָט מיט א וויציקן טאָן געענטפֿערט גרינבערג און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

אָן אומגליק אָט די עלטער... און עפּשער איז שולדיק דאָס קראַנקע האַרץ... אַמאָל האָט ער פֿון אַזוינס ניט געוווּסט. און איצט — קוים שטייט פֿאַר עפּעס א וויכטיקע באַגעגעניש, אָן אָנטייל אין א טרעפֿונג מיט מענטשן, הייבט ער אָן באַצײַטנס דערצו זיך גרייטן, האַלט אין איין טראַכטן און איבערטראַכטן וועגן דעם, וואָס עס שטייט אים פֿאָר, ערגערט זיך מיקוייעך דעם, צי וועט ער קענען ווי געהעריק אויספֿילן זײַן שליכעס, און עס דערגייט בא אים ביז האַרץ־ווייען. פֿאַראַיאָרן איז געווען אַזאַ פֿאַל. אין דער שכײנישער שטאָט, אין קאַנטישן צענטער, איז פֿאָרגעקומען א באַראַטונג פֿון וועטעראַנען. עטלעכע מענטשן האָט מען אײַנגעלאַדן פֿון ביראָבידזשאַן, דערונטער אויך אים, גרינבערגן.

דערביי האָט מען אים געוואָרנט, אַז ער וועט דאָרט דאַרפֿן אַרויסטרעטן אין נאָמען פֿון די ביראָביד־זשאַנער. דערוווּסט האָט ער זיך וועגן דעם מיט אַ וואָך פֿריִער, און די גאַנצע וואָך האָט אים די פֿאַרשטייענדיקע באַראַטונג ניט צורו געלאָזט, ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן איר, זיך ערגערן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אין דעם טאָג, ווען מע האָט געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן, האָט מען געמוזט אַרויסרופֿן צו אים אַ דאָקטער. און יענער האָט אָוועקגעלייגט גרינבערגן אין בעט, ווײַל בײַ אים האָט ניט אויף קאַטאָוועס זיך צעשפּילט די סטענאָקאַרדיִע.

— ס'איז מיר געוועזן אַ ווייטיק מיט אַ ביזאַיִען, — האָט נאָכדעם דערציילט גרינבערג.

אויך איצט, ווי נאָר מאַרינע האָט געמאָלדן, אַז די באַגעגעניש וועט פֿאָרקומען מאָרגן אין אָוונט, האָט נאָכעם פֿאַרלוירן די רו. אַ באַגעגעניש מיט דער יוגנט פֿון שטאָט... עפּעס אַ סצענאַרי... וואָס פֿאַר אַ סצענאַרי? אים שטייט פֿאָר אַרויסטרעטן... אַרויסטרעטן פֿאַר אַזאַ אוילעם יוגנטלעכע. דאַרף מען דאָך זיי זאָגן עפּעס וויכטיקס. ער האָט אַ סך וואָס צו זאָגן דעם יונגן דאָר, נאָר אַלץ פֿאַר איין מאָל וועסטו דאָך ניט אַרומכאַפּן. דאַרף מען אָפּקלײַבן דאָס סאַמע וויכטיקע...

ער איז קימאַט ניט געשלאָפֿן די נאַכט, געקלערט און איבערגעקלערט וועגן דער מאָרגנדיקער באַגעגעניש. ווי וועט עס צוגיין? וועט ער באַרעכטיקן די דערוואַרטונגען פֿון די יוגנטלעכע? נו, און מאַרינע... זי דערוואַרט דאָך פֿון אים מיסטאָמע עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכס, און אים ווילט זיך זי ניט אונטערפֿירן...

שוין פֿון גאַנצפֿרי האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען. צוזאַמען מיט דער פֿרוי האָט מען איבערגעקליבן אַ צענדליק העמדלעך, ביז מע האָט אָפּגעקליבן איינס, וואָס לויט זייער אַלגעמיינעם באַשלוס פּאַסט עס זיך פֿאַר אַזאַ אָוונט. מע האָט לאַנג געזוכט אַ פּאַסיקן שניפּס, אויסגעבערשטלט דעם פֿאַראַדנעם אָנצוג, אַ שווער באַהאַנגענעם פֿון ביידע זײַטן מיט אָרדענס און מעדאַלן. נאָך וואָר־מעס האָט די פֿרוי אײַנגערעדט נאָכעמען, ער זאָל זיך צולייגן, ער איז דאָך אַזוי שלעכט געשלאָפֿן די נאַכט. ער האָט זי געפֿאָלגט, נאָר עס האָט זיך גאָרניט באַקומען, ער האָט אַפֿילע אויף קיין רגע ניט אײַנגעדרעמלט. צו אַלעם איבעריקן איז דאָ נאָך צוגעקומען די געוווּנשאַפֿט, וואָס איז שוין אַרײַן אין דער נאַטור פֿון די מענטשן פֿון גרינבערגס דאָר — מיטן פֿולן ערנסט באַציִען זיך צו אַלץ, וואָס זיי שטייט פֿאָר צו טאָן — פֿון אַ מינדסטער קלייניקייט ביז אַ סאַמע לעבנסוויכטיקן איניען, גאָרניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, צו קיין זאַך ניט באַציִען זיך גלײַכגילטיק.

די צײַט נאָך וואַרמעס האָט זיך געצויגן ווי פֿון פּעך.

האַלב זיבן, ווען נאָכעם איז שוין געווען אין פֿולן פּאַראַד און אים איז געבליבן בלויז אָנטאָן דעם מאַנטל און די פּוטערנע שיך, האָט מען אָנגעקלונגען אין טיר.

געעפֿנט — מאַרינע.

— איר? — האָט גרינבערג זיך פֿאַרכידעשט.

— יאָ.

— איך וואָלט אַליין געטראָפֿן.

— דער שאָפֿער ווייסט דאָך ניט, וווּ איר וווינט.

— און פֿאַרוואָס אַזוי פֿרי?

— מיר דאַרפֿן נאָך פֿאַרפֿאָרן נאָך אַנדערע וועטעראַנען אויך.

אין דרויסן האָט נאָכעם די מאַשין ניט געטראָפֿן. מאַרינע האָט אים דערקלערט:

— ס'איז ניט קיין טאַקסי, אַ גאַנצער אווטאָבוס. אַהער, אויפֿן טראָטואַר, האָט ער ניט געקענט פֿאַרפֿאָרן, וואַרט ער אויפֿן ראָג.

דאָ האָט נאָכעם באַמערקט, אַז מאַרינע איז אין לײַכטע טופֿליעס אויף הויכלעכע קנאַפּל און אין דינע דורכזיכטיקע זאָקן.

— איר וועט דאָך פֿאַרפֿרוירן ווערן! — האָט ער אויסגערופֿן.

— עס מאַכט ניט, — האָט זי געענטפֿערט און איז גיך אַוועקגעלאָפֿן פֿאָרויס, קלאַפּנדיק הילכיק מיט די קנאַפּל איבערן האַרט צונויפֿגעפֿרוירענעם גליטשיקן שניי און אײַז.

ער האָט זי אָנגעיאָגט שוין באַם אווטאָבוס. אַרײַנזעצנדיק זיך, זי אויסגעמוסערט:

— מע מעג דען זײַן אַזוי לײַכטזיניק, מאַרינע? איר זײַט דאָך אײַנגאַנצן פֿאַרפֿרוירן געוואָרן?

— ניין, נאָך ניט אינגאַנצן, — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — כ'האָב ניט אויסגערעכנט, אַז דער אווטאָבוס וועט זיך מוזן אָפּשטעלן אויפֿן ראָג...

גרינבערג האָט זיך געפֿילט ניט באַקוועם, פֿאָרנדיק אינצווייען מיט מאַרינען אין אַזאַ גרויסער ליידיקער מאַשין. מאַרינע האָט אים דערקלערט, אַז עס וועלן זײַן נאָך וועטעראַנען און אַז באַכן אָוונט וועט מען זיי אַלעמען מיט אָט דער מאַשין פֿאַנאַנדערפֿירן אַהיים. קעדיי ער זאָל זיך ניט לאַנגווײַליקן, האָט זי אים אַרויסגעלאָזט באַם העל־באַלויכטענעם קולטור־פּאַלאַץ און אַליין אָוועקגעפֿאָרן ווײַטער.

באַם אַרײַנגאַנג האָט גרינבערגן באַגעגנט אַ יונגע דזשורנע און אויפגעפירט אים דורך דער פֿאָיע, ווו עס האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער, דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר אינעם צימער פֿאַר די מיטגלידער פֿונעם פּרעזידיום. דאָ זײַנען שוין געווען עטלעכע וועטעראַנען, מע איז געזעסן אַרום קײַלעכדיקן טיש, אַ באַדעקטן מיט אַ פּליושענעם גרינעם טישטעך, געשײַנט מיט די אָרדענס און מעדאַלן, געשמועסט. גרינבערגן זײַנען זיי אַלע געווען באַקאַנט, און ער האָט זיך אויך אַרײַנגעטאָן אינעם אַלגעמײנעם שמועס: וואָס בײַ וועמען פֿאַר אַ נײַס? ווי האַלט עס מיטן געזונט? ווי גייט עס בײַ די קינדער און אייניקלעך?

אין צימער איז צוגעקומען אַלץ מער אוילעם. באַזונדערס פֿײַערלעך, שײַנענדיק מיט זייערע אָרדענס און מעדאַלן, האָבן אויסגעזען די פֿרויען. צו זיי האָבן, דוכט, זיך אומגעקערט די ווײַטע יונגע יאָרן, ווען זיי האָבן אָט די אָרדענס און מעדאַלן באַקומען.

דורך די זײַטיקע קוליסן האָבן די וועטעראַנען זיך געלאָזט צו דער בינע.

אַלץ איז דאָ פֿאָרגעקומען אַנדערש, ניט אַזוי, ווי גרינבערג האָט זיך פֿריִער פֿאָרגעשטעלט. אויף דער בינע — ניט קיין פּרעזידיום־טיש, ניט קיין טריבונע. ליִנקס זײַנען געשטאַנען עטלעכע רייען ווייכע, מיט רויטן שטאָף אַרומגעשלאָגענע שטולן. אין צענטער פֿון דער פּוסטער בינע, בײַ דער ראַמפּע — אַ מיקראָפֿאָן. ווען מע איז נאָר אַרויף אַהער, האָט גרינבערג צוערשט גאָרניט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלײַבן — אַזויפֿיל העלע שײַן האָט פֿאַרפֿלייצט די בינע און האָט געשפּאַרט אַהער פֿונעם זאַל אין איין אויסגוס מיט אַ דונער פֿון אַפּלאָדיסמענטן. שטייענדיק, האָט דער זאַל באַגריסט די אַרײַנגעקומענע וועטעראַנען. נאָכעם גרינבערג האָט זיך געוואָלט זוצן אין דער הינטערשטער ריי פֿון די שטולן, נאָר עס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז די הינטער אים גייענדיקע האָבן אים אונטערגעשטויסן פֿאָרויס, און ער האָט זיך צוגעזעצט אויפֿן עקסטן שטול אין דער ערשטער ריי. אַ באַשיידענער מענטש, ניט פֿון די, וואָס רײַסן זיך אומבאַדינגט פֿון פֿאָרנט, האָט ער זיך געפֿילט ניט גאָר באַקוועם אויף אָט דעם אָרט. עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע, ביז ער האָט זיך עטוואָס באַרויִקט און רעכט זיך אַרומגעקוקט. קיין באַזונדערע פּנעמער אין זאַל, אַפֿילע אין די ערשטע רייען, האָט ער ניט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלײַבן — אַ דורכויסיקע ליִכטנדיקע פֿאַרפֿלייצעניש האָט געבלענדט פֿאַר די אויגן.

עטוואָס אין אַ זײַט פֿון די וועטעראַנען, נעענטער צו דער ראַמפּע, איז בײַ אַ קליין טישל מיט אַ מיקראָפֿאָן אין האַנט געזעסן מאַרינע. זי האָט זיך קענטיק געערגערט, און דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער כיין. זי האָט געעפֿנט דעם אָוונט, דערקלערט דעם ציל פֿון דער באַגעגעניש, געמאַכט אַ קליינינקן עקסקורס אין דער געשיכטע פֿון דער שטאָט.

...סאָפּקעס, טײַגע... אַ קליין ראָזיעזדל טיכאָנקע... 1928. דער ערשטער עשעלאָן מיט ייִדן — איבערוואַנדערער. די ערשטע באַראַקן... ערשטע הײַזער און גאַסן...

— איך גיב אַ וואָרט איינער פֿון די ערשטע בויערנס פֿון אונדזער שטאָט, דער פֿאַרדינסטפֿולער בויערן... — מאַרינע האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון אַ פֿרוי, וואָס קינד און קייט האָט זי געוווּסט דאָ אין שטאָט, און אָט די פֿרוי האָט זיך אויפֿגעהויבן, — זי איז געזעסן הינטער גרינבערגן, — ניט קיין הויכע, אַ דאַרלעכע, מיט קורץ אונטערגעשוירענע אַש־גרויע האָר, מיט אַ קנאָפּן שמייכל אויפֿן מאָגערלעכן בלאַסן געזיכט. דער זאַל האָט אַ שטורעם געטאָן מיט אַפּלאָדיסמענטן.

די וועטעראַנען, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, האָבן געדענקט די דאָזיקע פֿרוי פֿון יענע שוין ווײַטע, נאָך פֿאַרמילכאָמעדיקע יאָרן — אַ מאַנצבלש ענערגישע, מיט אַ מאַנצבלש־גראָבלעך קאָל, מיט אַ מאַנצבלש ברייטן שפּאַן, שטענדיק אין הויזן און אין הויכע גומענע שטיוול... בלויז אַזוי האָט מען געקאָנט דאַן בײַקומען די קאַליוזשעס און בלאָטעס, און זי, די דאָזיקע פֿרוי, וועלכע האָט באַהאַלטן אַ צאַרטע אײדעלע נעשאָמע אונטער אָט דעם מעגושעמדיקן מאַנצבלשן אויסזען, האָט אָט די אַלע יאָרן געטאָן איין אַרבעט — געבויט. אַ בויער, אַ פּראָראַב, איז געווען אויך איר מאַן. דאָ ניט לאַנג איז ער געשטאָרבן. און דער זון איז בײַ איר אַ געאָלאָג, אַ קאַנדידאַט פֿון געאָלאָגישע וו״סנשאַפֿטן, די שנור — אַ קאַנדידאַט פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן...

די פֿרוי האָט דערציילט, ווי שווער עס איז אָנגעקומען זיי, די ערשטע, די אָנהייבער.

— קיין הייבקראַנען, קיין עקסקאַוואַטאָרס און בולדאָזערס, — האָט זי געזאָגט, — זײַנען נאָך דעמאָלט ניט געווען. דער גאַנצער אינסטרומענט — אַ האַק מיט אַ זעג, אַ לאָפּעטע און אַ טאַטשקע... דערצו אָבער איז געווען אַ סאַך יונגער ענטוזיאַזם, אַ גרויסער ווילן צו באַהערשן די טײַגע, אויסבויען דאָ אַ שטאָט, און מיר האָבן זי אויסגעבויט...

— איך וויל, — אַזוי האָט פֿאַרענדיקט די כאַשעווע בויערן, — אַז איר, אונדזערע אייניקלעך, זאָלט עס פֿאַרגעדענקען און שעצן. אײַך וועט זײַן לײַכטער, איר פֿאַרמאָגט איצט אַזאַ טעכניק, וואָס מיר אין אונדזער צײַט האָבן אַפֿילע כאָלעמען פֿון אַזוינס ניט געקאָנט. דערפֿאַר אָבער וועט זיך פֿאָדערן פֿון אײַך אויך מער, און איך וויל אײַך ווינטשן: צו דער טעכניק פֿון די אַכציקער און נײַנציקער יאָרן — דעם ענטוזיאַזם פֿון די דרײַסיקער!

דער בויערן האָט מען לאַנג אַפּלאָדירט.

גרינבערג האָט זיך געערגערט. אַלעמײַ האָט ער ניט געפרעגט בא מארינען, אין וואָס פאַר א סיידער זי וועט ארויסרופן די רעדנער. עפשער איז ער דער צווייטער? ער האָט זיך אָבער באלד באַרויקט: פריִער וועט זי דאָך עפּעס דערציילן וועגן אים, וועט ער שוין הערן. צו זײַן כידעש אָבער האָט מארינע קיינעם פון די וועטעראנען מערן ניט ארויסגערופן. אַנשטאָט דעם האָט זי געמאָלדן:

— הערט א לירישע ליד. עס פּילט אויס די אַנטיילנעמערן פונעם וואָקאַלן אַנסאַמבל באם קולטור־פּאַלאַץ לענע ראָסינא.— און מיטן טאָן פון א קאָנפעראַנסיע אַף אַן עסטראַדע־קאָנצערט איבערגעכאַזערט: — עס זינגט לענע ראָסינא!

פון די קוליסן אנטקעגן האָט זיך אָפּגעטיילט א יונג כיינעוודיק מיידל מיט בלאָנדע צעלאָזטע האָר און מיט א גיטארע. מיט א געניטער באוועגונג האָט זי א ציִ געטאָן דעם מיקראָפאָן עטוואָס נידעריקער, צוגעפּאַסט צו איר וווּקס. און מיט א גאַנץ אָנגענעמער שטים, א פאַרשטאַרקטער דורכן מיקראָפאָן, אָנגעהויבן זינגען. זי האָט געזונגען איינע פון יענע הײַנטצײַטיקע לידער, וואָס טעקסט פאַרמאָגן זיי אַפן שפּיץ מעסער, אינהאַלט — אויך ניט מער, און דאָס אַלץ ווערט „קאָמפּענסירט" מיט אָן א שיר מאָל איבערכאַזערן איינע און די זעלבע ווערטער. „וויפל איז דער שיר איבערכאַזערן?" — טראַכט גרינבערג, הערנדיק אַזעלכע לידער אין טעלעוויזאָר. נאָר דער יוגנט אין זאַל איז געפעלן, זיי האָבן העפטיק אַפּלאָדירט. און לענע, א צופרידענע פונעם דערפאָלג, האָט געזונגען נאָך איין ליד.

ניט אײַנהערנדיק זיך מער אין דער ליד, האָט גרינבערג בעשאַסמײַסע געטראַכט: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַזא ווײַלער שמועס מיט דער יונגער אַאודיטאָריע, די פאַרדינסטפולע בויערן האָט געפונען פּאַשעטע ווערטער, וועלכע זײַנען געוויס דערגאַנגען צו די צוהערער, האָט מען דעם אָנגעהויבענעם שמועס גלײַך — געדאַרפט פאָרזעצן מיט אַנדערע ארויסטרעטונגען און ניט איבערשלאָגן מיט אַט די לײַכטזיניקע לידלעך, וועלכע האָבן אָפּגעווענדט די אויפמערקזאַמקײַט אין אַן אַנדער ריכטונג.

לענע האָט פאַרענדיקט זינגען. מארינע האָט געגעבן דאָס וואָרט א ניט הויכער פרוי מיט רויט־ליכער געפאַרבטע האָר און מיט עטלעכע רייען אָרדענס און מעדאַלן ארום ביידע לאַצן פון איר בלוזן רעקל. די מילדע און גוטמוטיקע מינע אַפן פּאָנעם פון דער פרוי האָט זיך ניט געפּאַרט מיט אַט די צאַלרײַכע באַלויִנונגען און, קוקנדיק אַף זיי, האָט זיך געטראַכט: „ווי קומען זיי צו איר?" נאָר די דאָזיקע פרוי איז מילכאָמע־צײַט געווען אַן אויסשפּירערן אין פײַנטלעכן הינטערלאַנד, ניט איין מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן. זי האָט דערציילט עפּיזאָדן פון איר אויסשפּיר־ארבעט, איז אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אירע דערינערונגען און האָט איבערגעכאַפּט די מאָס פונעם רעגלאַמענט. נאָר קיינער האָט עס ניט באַמערקט. דער געוועזענער אויסשפּירערן האָט מען לאַנג אַפּלאָדירט.

אַפּלאָדירנדיק צוזאַמען מיט אַלעמען, האָט גרינבערג געקלערט: מעגלעך, אַז איצט איז זײַן ריי. און ווידער האָט אים פאַרכידעשט, ווען מארינע האָט מיטן טאָן פון א קאָנפעראַנסיע געמאָלדן:

— עס טרעט ארויס דער אַנסאַמבל פון עלעקטראָ־אינסטרומענטן פון דער שול נומער פינף, סאָליסט — וויטיע פּאַרטנאָוו.

פאַרכאַפּט מיט דער דערציילונג פון דער געוועזענער אויסשפּירערן, האָט נאָכעם גרינבערג ניט געהערט, ווי בייס איר רעדע איז שטיל ארײַנגעקומען און האָט הינטער זײַנע פּלייצעס זיך אויסגעשטעלט א היפּשער אַנסאַמבל מיט עטלעכע מינים בליאַסקענדיקע פּויקן און פײַקלעך, מיט לאַקירטע גלאַנצנדיקע פאַרשיידנקאָליריקע גיטאַרעס און אַנדערע אינסטרומענטן.

ניט באַוויזן האָט מארינע מעלדן דעם אַנסאַמבל, ווי גרינבערג האָט אופגעציטערט — א מוידעדיקער דונער האָט אים א נערעק געטאָן איבער די געהירן... וויטיע פּאַרטנאָוו מיט א גיטאַרע איבערן אַקסל האָט באַם מיקראָפאָן עפּעס געזונגען, נאָר זײַן קאָל האָט קוים זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם אומגעהייערן געהויל, טראַסק און געוואַי פון די עלעקטראָ־אינסטרומענטן. ניט־ווילנדיק האָט גרינבערג אָנגעבויגן דעם קאָפּ, פון מאָל צו מאָל זיך אָנגענומען באַם האַרץ און, סטאַרענדיק זיך מאַכן עס אומבאַמערקט, ארײַנגעלייגט אין מויל א טאַבלעטקע וואַלידאָל... ער האָט הינטערווײַלעכס געכאַפּט א קוק אַף זײַנע שכיינים, און ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז זיי פּילן דאָס זעלבע...

ענדלעך איז דער אַנסאַמבל מיט זײַן בליאַסקענדיקן און טומלדיקן קלאַפּערגעצײַג אוועק. מארינע האָט געגעבן דאָס וואָרט גרינבערגס שאָכן פון לינקס, א באַוווּסטן מענטשן אין שטאָט. נאָך דער מילכאָמע, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט פונעם ערשטן ביזן לעצטן טאָג, האָט ער עטלעכע צענדליק יאָר געדינט אין די היגע מיליציע־אָרגאַנען, זיך דערדינט ביזן ראַנג פון א מאַיאָר, און איצט, — שוין א פּענסיאָנער, האָט ער אָנגעפירט מיטן שטאָטישן ראַט פון וועטעראַנען.

גרינבערג האָט קימאַט ניט געהערט, וואָס דער וועטעראַן האָט גערעדט, אים האָט ניט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק: ער וואָלט פאַרשטאַנען, ווען צום שלוס פונעם אָוונט וואָלט געגעבן געוואָרן א קאָנצערט, נאָר מישן איינס מיטן אַנדערן — צוליב וואָס? ער האָט זיך דערמאָנט מארינעס וואָרט: „סצענארי"... אַהאַ, אַט דאָס איז ער, דער סצענאַרי: אַן ארויסטרעטונג און א לידל... אַן ארויסטרעטונג

און א מוזיקאַלער נומער... און עפּשער דאַרף מען אַזוי, — האָט ווײַטער געקלערט גרינבערג, — עפּשער פאַרשטייט ער עפּעס ניט? אָט דעם סצענאַרי האָט דאָך ניט מאַרינע אַליין צוגעטראַכט, מיס־טאַמע האָט זי אים קאָנטאַקטירט מיטן שטאָטקאָם פון קאָמיוג, מעגלעך, אויך מיטן שטאַטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. איז וואָס זשע? באַ גרינבערגן איז אופגעקומען א ניט גוטער כּשאַד, און אים איז מיטאַמאָל שווער געוואָרן אפן האַרצן. ניט שוין זשע, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — איז דערגאַנגען דערצו, אַז מיר גלייבן ניט אונדזער יוגנט? אונדזער אייגענער יוגנט גלייבן מיר ניט? גלייבן ניט, אַז זי איז פּעיִק אַף אַן ערנסטן געשפּרעך וועגן ערנסטע זאַכן — וועגן לעבן, וועגן מי, וועגן געזעלשאַפטלעכן כּיוון, וועגן דער צוקונפט? מיר האָבן מוירע, אַז פאַר איר איז עס א צו שווערער ביסן, אַז זי וועט ניט אויסהאַלטן? אַז נאָך יעדן ערנסטן וואָרט דאַרף מען דערלאַנגען א „לעקעכל“ — א לידל, א טענצל?..

יאָ, די הײַנטיקע יוגנט האָט עס ליב — א לידל, א טענצל. ער ווייסט עס לויט זײַנע אייגענע אייניקלעך. זיי האָבן מיט שלימען א זון און א טאָכטער. יענע לעבן מיט זייערע מישפּאָכעס באַזונדער, טאַקע דאָ אין שטאָט. באַם זון — צוויי קינדער, שוין דערוואַקסענע טעכטער, באַ דער טאָכטער — צוויי זין. קומט מען צו עמעצן פון זיי צוגאַסט, ווערט מען פאַרטויבט פון די ראַדיאָלעס און מאַגני־טאָלעס. פון דער אַנדערער זײַט אָבער — ווײַלע כּעוורע, מע לערנט זיך גוט, אייניקע אַרבעטן שוין, מע צייכנט זיך אויס אין די סטודענטישע אַטריאַדן. און איינס מיטן אַנדערן פּאַרט זיך.

ענדלעך איז געקומען גרינבערגס ריי. מאַרינע האָט אײַנקורצן דערציילט וועגן אים — וועגן זײַן אַרבעט, אַנטייל אין דער מילכאָמע, וועגן זײַנע פופציק יאָר לעבן דאָ אין שטאָט. אין זאַל האָט זיך אופגעהויבן א מיידעלע און עפּעס געזאָגט. צו נאָכעמען זײַנען אירע ווערטער ניט דערגאַנגען, האָט מאַרינע איבערגעכאַזערט:

— מע בעט אײַך, נאָכעם זעלמאַנאָוויטש, איר זאָלט אַליין וועגן זיך דערציילן, — און זי האָט אים אײַנגעלאַדן צום מיקראָפאָן.

און אָט איז געקומען די מינוט, וואָס אין דערוואַרטונג פון איר האָט אָט דער עלטערער מענטש אַזויפיל געטראַכט און איבערגעטראַכט. אַז מע וויל, האָט דאָס אַלץ פאַר אים אַליין אויסגעזען מאָדנע. אין זײַן לעבן איז ער פיל יאָרן געווען אַן אַגיטאַטאָר, א פּראָפּאַגאַנדיסט, האָט געוווּסט ווי מע דאַרף ריידן מיט פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס מענטשן און, ווי מע זאָגט, „געקענט די מעלאָכע“. און דאָך פאַר יעדער אַרויסטרעטונג האָט ער שטענדיק איבערגעלעבט, מוירע געהאַט, אַז ער וועט ניט קענען אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס מע דאַרף, אָדער ער וועט זאָגן ניט אַזוי, ווי מע דאַרף.

ער איז געשטאַנען פאַרן בלענדיק־ליכטיקן איבערגעפּולטן זאַל. הונדערטער שײַנענדיקע יונגע פּנעמער האָבן אַרופגעקוקט צו אים און געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן.

קוקנדיק אין אָט דער העלער צעלויכטנקײַט, האָט ער באַשלאָסן אָפּוואַרפן דעם אָנהייב פון דער רעדע, וועלכע ער האָט אין געדאַנק צוגעגרייט, און, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אָנגעהויבן גאָר אַנדערש:

— דאָ איז פאַר אײַך אַרויסגעטראָטן אונדזער כאַשעווע בויערן, — האָט ער געזאָגט, אָנגערופן איר נאָמען און א נייג זיך געטאָן צו איר אַף צוריק. — זי האָט זייער גוט גערעדט וועגן דעם, ווי ניט לײַכט עס איז אָנגעקומען זיי, די ערשטע. דערציילנדיק וועגן דעם, האָט זי געבעטן, איר זאָלט עס געדענקען און שעצן. איז אָט, אין אָט דער זייער גוטער רעדע ווילט זיך מיר פאַרפינקטלעכן איין וואָרט — „פאַרגעדענקען“. — ער האָט געמאַכט א קורצע פּאַוזע און פאַרגעזעצט: — א מענטש קאָן פאַרגעדענקען בלויז דאָס, וואָס ער האָט אַליין געזען, אַליין איבערגעלעבט. איר האָט יענע יאָרן ניט געזען, ניט איבערגעלעבט, ווײַל איר זײַט נאָך דעמלט אַף דער וועלט ניט געווען. אַזוי אַז געדענקען קענט איר ניט. נאָר וויסן וועגן דעם דאַרפט איר. און וויסן וואָס מער. צוליב דעם טאַקע דינען אַזעלכע באַגעגענישן, ווי די הײַנטיקע.

ער האָט אײַנקורצן דערציילט וועגן זיך, סטאַרענדיק זיך ניט איבערצוכאַזערן דאָס, וואָס מאַרינע האָט שוין וועגן אים געזאָגט, און צוגעגעבן:

— מײַנע כאַווירים־וועטעראַנען האָבן אײַך שוין אַרויסגעזאָגט זייערע ווונטשן. איצט ווועל איך אײַך אַרויסזאָגן מײַנעם...

אין זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן א לײַכטער גערויש.

— ער וועט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס זיי...

— זיך לערנען, אַרבעטן...

נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אומגעריכט.

— שטילקײַט. איך וויל אײַך ווינטשן — שטילקײַט.

אין זאַל האָט זיך איבערגעכאַזערט דער לײַכטער גערויש:

— ער מיינט — קיין מילכאָמע זאָל ניט זײַן.

צו גרינבערגן זײַנען די ווערטער דערגאַנגען, און ער האָט באַשטעטיקט:

— יאָ, איך וויל אײַך ווינטשן, עס זאָל זײַן שטיל אױף דער וועלט. קיין האַרמאַטן זאָלן ניט דונערן, קיין אופרײַסן ניט הילכן. שאָלעם זאָל זײַן אױף דער וועלט.

גרינבערג האָט זיך נאָך עטוואָס דערנעענטערט צום מיקראָפאָן:

— אָבער ניט נאָר דאָס.

דער זאַל האָט זיך אָנגעשפּיצט.

וואָס נאָך?

— פֿאַראַן נאָך איין מין שטילקייט, וועלכע איך וויל אײַך ווינטשן. — ער האָט אױף א ווײַלע זיך פֿאַרטראַכט און געזאָגט: — מעגלעך, מײַנע יונגע פֿרײַנט, אַז איך בין ניט גערעכט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איר האַלט א ביסל צו פֿיל פֿון טומל. מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט אַפֿילע מוירע אַמאָל בלײַבן מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע געדאַנקען, אײַך שרעקט פּאַשעט א שטילע ווײַלע, און איר זוכט מיט וואָס זי צו פֿאַרפֿולן, צו פֿאַרטומלען, און דאָ קומט אײַך צו הילף די פֿאַרשיידענע ראָק־מוזיק און פּאָפּ־מוזיק און כ׳ווייס ניט וואָס נאָך, אַבי דער טומל זאָל זײַן גרעסער. ניט אַזוי?

— אַזוי, אַזוי, זאָג זיי אַרײַן! — האָבן זיך דערהערט א פּאָר שטימען פֿון עלטערע לײַט.

— אָט איז דאָ אַרויסגעטראָטן דער אַנסאַמבל פֿון עלעקטראָ־אינסטרומענטן, — האָט גרינבערג פֿאַרגעזעצט, — איך ווייס ניט ווי בא ווע מען, מיר טוט ווײ פֿון אים דער קאָפּ... און דאָס האַרץ אויך...

איבערן זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן א געלעכטער.

— מיר לעבן מיט אײַך צו א פֿאַרהאַוועט לעבן, — האָט ווײַטער געזאָגט גרינבערג, — צו א טומלדיק לעבן. מיר זײַנען זשעדנע א שטילע ווײַלע, ווען מע זאָל קענען כאַפּן א קאַפּעלע וועגן עפּעס א טראַכט טאָן... — דער רעדנער האָט אַרומגעפֿירט מיטן בליק דעם זאַל, — לויט מײַן בילדונג, לויט דער פּראָפֿעסיע בין איך אַן אינזשעניער, ניט קיין פֿילאָלאָג, נאָר איך וויל ווענדן אײַער אויפֿמערקזאַמקייט אױפֿן וואָרט, וואָס איך האָב ערשט אַרויסגעבראַכט: „טראַכטן"... הערט זיך אײַן, בעט איך אײַך, וויפֿל וויכטיקע באַטײַטן אָט דאָס וואָרט פֿאַרמאָגט: פֿאַרטראַכטן זיך, באַטראַכטן זיך... אַרײַנטראַכטן זיך... פֿאַראַן נאָך. און דאָס איז דאָך זייער וויכטיק — כאָטשבי פֿון צײַט צו צײַט באַ־פֿרײַען זיך פֿון דער טאָגטעגלעכער האַוועניש, פֿונעם אומופֿהערלעכן טומל און פֿאַרטראַכטן זיך... פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, ווי לעבסטו? ווי לעבן אַנדערע מענטשן? ריכטיק, צי עפּשער ניט גאָר? באַטראַכטן זיך וועגן דײַנע באַציִונגען מיט כאַווײרים, מיט אייגענע טאַטע־מאַמע, מיט דער באָבע און מיטן זיידן... מיט דײַן געליבטער אָדער געליבטן? זײַנען אָט די באַציִונגען דיר אינגאַנצן קלאָר, צי עפּשער דאַרף מען אין זיי עפּעס ענדערן? און ווי נייטיק איז אַרײַנטראַכטן זיך אינעם מאָרגנדיקן טאָג. א וועלכן שטעלסטו זיך אים פֿאָר, אָט דעם מאָרגנדיקן טאָג? פֿאַר דער וועלט? פֿאַרן לאַנד? פֿאַר זיך אַליין? און וואָס פֿאַר א ציל שטעלסטו פֿאַר זיך אין לעבן? און ווי קלײַבסטו זיך אָט דעם ציל דער־גרייכן? וועגן דעם אַלץ, מײַנע טײַערע, דאַרף מען טראַכטן, טראַכטן מיט א לויטערן קאָפּ, און ניט קעדיי אין אים צופֿיל פֿאַרקלאַפּן מיט גוואַלדעוועדיקע שליאַגערס, אויסלענדישע און נאָכגעמאַכטע היימישע. מיר נייטיקן זיך מיט אײַך אין א ביסעלע מער שטילקייט. אָט אַזאַ שטילקייט וויל איך אײַך ווינטשן...

דער זאַל האָט א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָבן זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטן.

גרינבערג האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דערהערט די אַפּלאָדיסמענטן, אױף וועלכע ער האָט ניט אויסגערעכנט, האָט ער באַשלאָסן דערויף פֿאַרענדיקן און האָט זיך אומגעקערט אױף זײַן אָרט.

דער שאָכן פֿון לינקס, דער מיליציע־מאַיאָר, האָט אים פֿעסט א דריק געטאָן די האַנט.

— גוט געזאָגט, אַזוי דאַרף מען — דעם עמעס.

ווי א היפּשע טשאַטע ווײַסע טײַבעלעך, זײַנען אױף דער בינע פֿלינק אַרופֿגעלאָפֿן מיידעלעך אין פּיאָנערישע האַלדזטיכער מיט רויטע סטענגעס אין די הענט. זיי האָבן זיך א לאָז געטאָן צו די וועטעראַנען, יענע האָבן זיך אויפֿגעהויבן.

דאָס מיידעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן גרינבערגן, איז געווען צו קליין, האָט ער נידעריק אָנגענייגט פֿאַר איר דעם קאָפּ. די ברייטע זײַדענע סטענגע האָט זי איבערגעלייגט איבער זײַן רעכטן אַקסל און אױף דער לינקער זײַט באַם ברעג פּידזשאַק פֿאַרייניקט ביידע עקן מיט א שפּיל־קע. ביז דאָס מיידעלע האָט זיך דערמיט געעיסעקט, האָט ער ניט אַראָפּגענומען דאָס אויג פֿון איר בלוי־אויגיק כיינעוודיק פּענעמל, פֿון אירע גלאַטע פֿאַרקעמטע פֿלאַקסענע האָר. אין אָט די האָר האָט ער זי פֿאַרזיכטיק א קוש געטאָן.

— ווי רופֿט מען דיך?

— ליוסיע.

— א דאַנק, ליוסינקע!

דאָס מיידעלע האָט זיך פֿאַרוויטלט.

— אײַך א דאַנק, — האָט זי שטיל געענטפֿערט און איז אַוועקגעלאָפֿן צום צווייטן עק פֿון דער בינע, ווו עס זײַנען שוין געשטאַנען אירע כאַווערטעס.

מיט שניי־ווײַסע אויסיִעס האָט אַף די רויטע סטענגעס געשײַנט א דיײַטלעכער אופשריפט: „לעני־נישע גווארדיע".

פײַערלעכע, גערירט פונעם ארויסגעוויזענעם קאָווער, זײַנען די וועטעראַנען אוועק אינעם צימער, ווו זיי האָבן געלאָזט זייערע ווינטערדיקע מאַלבושים. אַרײַנגעקומען אהער, האָט מען אראָפּגענומען די סטענגעס און אקוראט זיי צונויפגעלייגט. איין גרינבערג האָט זײַן סטענגע ניט אַראָפּגענומען און אָנגעטאָן אַף איר דעם ווינטערדיקן מאַנטל.

— איך וויל זיך באַווײַזן פאַר מײַן אלטיטשקער, — האָט ער געזאָגט. — זאָל זי זען, וואָס פאַר א גווארדייעץ זי פאַרמאָגט.

ס'איז אַרײַן מארינע. די באַקן האָבן בא איר געפלאַמט. זי איז צוגעגאַנגען צו איינעם, צו אַן אַנדערן.

— נו, ווי?

— גוט, מארינע.

— זייער גוט!

גרינבערג, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט מיט א שמייכל צוגעגעבן:

— ווען אין סצענאַרי זאָל ניט געווען זײַן דער אַנסאַמבל פון עלעקטראָ־אינסטרומענטן, וואָלט געווען נאָך בעסער.

— א צווייט מאָל וועלן מיר עס האָבן אין זינען, — האָט אויך מיט א שמייכל געענטפערט מארינע.

מע איז ארויס אין דרויסן. אַן אויסגעשטערנטע לעוואַניקע נאַכט האָט פּראַסטיק א צופּ געטאָן בא די באַקן און נעזער. א האַרבער ווינט האָט געהויבן דעם שניי און פאַרדרייט אין ווירבלעך. מע האָט גיך פאַרפולט דעם אווטאָבוס. גרינבערג האָט געוווינט נעענטער פון אַנדערע, האָט מען אים אָפּגעפירט אהיים דעם ערשטן.

מיט זײַן שליסל געעפנט די טיר, איז ער אַרײַן און אויסגעטאָן דעם מאַנטל אזוי שטיל, אַז די פרוי — זי האָט אין צווייטן צימער געקוקט דעם טעלעוויזאָר — האָט גאָרניט געהערט. ער איז שוין געשטאַנען אַף דער שוועל, ווען זי האָט זיך אומגעקוקט.

— אוי!

— זיך דערשראָקן?

— כ'האָב ניט געהערט, ווי דו ביסט אַרײַן. — זי האָט זיך אופגעהויבן אים אַנטקעגן. — זע נאָר, ווו האָט מען דיך אזוי אויסגעפּוצט?

— דאָרטן, פונוואַנען איך קום.

אזא שײַנענדיקן, אופגעלעבטן, אזש די באַקן האָבן זיך בא אים פאַרוויטלט, האָט זי דעם מאַן איר שוין לאַנג ניט געזען.

— אנו, לאָמיר אַקאָרשט גוט דיך אָנקוקן, — איז זי צוגעגאַנגען נעענטער. — „לענינישע גוואַרדיע" — האָט זי איבערגעלייענט אַף דער ווײַדענער רויטער סטענגע און זיך צוגעטוליעט צום מאַן. — ביסט דאָך נאָך גאָר בא מיר אַן עמעסער גווארדייעץ...

— צווי מאָל א גווארדייעץ, — האָט ער אָנגעוויזן אַפן גווארדייישן צייכן צווישן זײַנע אָרדענס.

— יאָ, אין די יונגע יאָרן... און אַף דער עלטער אויך.

— שפּילסט זיך מיט אונדז! — האָט ער גאַדלעסדיק אויסגערופן. — און איצט העלף מיר אויס־טאָן דעם פּאַראַד...

זי האָט אים געהאָלפן, און ער האָט בעשאַסמײַסע איר דערציילט:

— איך האָב דאָרט געהאַלטן א רעדע, זאָלסטו גאָרניט פרעגן, כ'האָב זיי אַרײַנגעזאָגט, ווי עס באַדאַרפט צו זײַן.

— וועמען?

— מיט וועמען האָבן מיר זיך באַגעגנט? מיט דער יוגנט אונדזערער.

— קריטיקירט?

— נאָר א מין!

— מיינסט, ס'איז דיר דײַנע אייגענע אייניקלעך, וואָס דו זאָגסט זיי אַלעמאָל אַרײַן אין דער לעבער.

— און זיי זײַנען דען ניט אונדזערע אייניקלעך? אַלע זײַנען זיי אונדזערע אייניקלעך, און מיר מיט דיר זײַנען אויך פאַר זיי פאַראַנטוואָרטלעך. ניטאָ וואָס האַלטן אין איין גלעטן איבערן קעפּל. אַמאָל דאַרף מען זאָגן מיטן האַרבן וואָרט אויך.

— וואָס זשע האָסטו זיי געזאָגט?

— דערלאַנג מיר, בעט איך דיך, שלימעלע, א גלאָז טיי, — ס'איז מיר איבערגעטריקנט אין האַלדז, — און איך וועל דיר אַלץ דערציילן...

א דרײַענדיקער ריטבערגער

די באָבע ביילע איז שוין אַלט א קײַמעלאָן פון... איר ווילט וויסן, וויפל ס'איז אַפּנעמעסן אַלט די באָבע ביילע? זאָלט איר נאָר ניט פּרוּוון זיך אָנפרעגן דערוף בא איר שכיינע דער מאַדאַם פלעדער־מויז, וועלכע וווינט מיט איר א טיר קעגן א טיר. פאַרוואָס? פּאָשעט, ווײַל דער מאַדאַם פלעדערמויז טאָר מען ביכלאַל אַף גאָרניט נישט גלייבן — ניט אַף אירע האָר (ס'איז א פּאַריק), ניט אַף אירע ציין (זיי זײַנען אַרײַנגעשטעלטע), ניט אַף אירע ברעמען און וויִעס (זיי זײַנען אָפּגעפאַרבטע) און אַזוי ווײַטער... דערצו נאָך האָט די מאַדאַם פלעדערמויז א טעווע — די אייגענע יאָרן פאַרלייקנט זי, און אַנדערע — גיט זי צו. שוין א יאָר פופצן אַוואַדע, אויב ניט מער, אַז איר עלטער האָט זיך אָפּגע־שטעלט אַף פינף און דרײַסיק, און כטאָפּ! — ווײַטער גייט עס ניט. נאָר טוט זי א פרעג, וויפל איז, אַשטייגער, אַלט די באָבע ביילע, וועט די מאַדאַם פלעדערמויז מיט איר סאָלידן קאָנטראַלטאָ (אויך א געמאַכטן) אײַך ענטפערן:

— די באָבע ביילע? אָ, זי איז שוין אַלט עפּשער הונדערט יאָר.

פאַרכידעשט עס אײַך מיסטאַמע.

— עפּשער, צי טאַקע? — פרעגט איר איבער.

— מיט א יאָר מער, מיט א יאָר ווייניקער, וואָס מאַכט עס אויס? — ענטפערט זי. וועלן מיר דעריבער די מאַדאַם פלעדערמויז מיט אירע פאַלשע האָר, מיט אירע פאַלשע ציין, מיט אירע פאַלשע רייד לאָזן אין א זײַט און מער זיך צו איר ניט ווענדן.

דאָס בעסטע איז אָנפרעגן זיך בא דער באָבע ביילע אַליין. אויב איר וועט עס טאָן, וועט זי אַף אײַך לענגער א קוק טאָן דורך די שוואַרץ־באַרעמלטע ברילן, וואָס הינטער זייערע פאַרגרעסער־גלעזלעך זעען אויס אירע טונקעלע אויגן גרויס־גרויס, כאָטש אין דער עמעסן זײַנען זיי קליינינקע, זי וועט עטוואָס אַרויסשטעלן פון אונטער דער ווײַסער פאַטשיילע א גרויסן פאַרמעט־געלן אויער, צו־שטעלן צו אים איר אויסגעהאָרעוועטע האַנט און איבערפרעגן, קעדיי איבערצײַגן זיך, אַז אײַער פראַגע איז צו איר פּינקטלעך דערגאַנגען.

— וויפל איך בין אַלט, ווילט איר וויסן?

נאָכדעם וועט זי נאָך איין ווײַלע קוקן אַף אײַך און ענטפערן מיט א שטילן זיפץ:

— אוי, קינדערלעך...

מיט ווענען די באָבע ביילע זאָל ניט ריידן, מעג עס זײַן א מאַנצבל אָדער א פרוי, און אין וואָס פאַר אַן עלטער זיי זאָלן ניט זײַן, אַפילע, אויב זיי זײַנען שוין אַליין אויך זיידעס און באָבעס, האָט זי צו אַלעמען איין ווענדונג:

— קינדערלעך מײַנע...

און אויב איין מיטשפּרעכער אָדער מיטשפּרעכערן, איז — „קינד מײַנס..."

אָפּטער אָבער רינגלען אַרום די באָבע ביילע ניט איין שאָכן אָדער שכיינע, ניט איין קינד, אויך אירע אייגענע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, ענטפערט זי אַלעמען אָן אונטערשייד:

— אוי, קינדערלעך, איך זאָל אַזוי לעבן מיט אײַך אינאיינעם, ווי איך הייב ניט אָן צו וויסן... גלייבט מען איר מיסטאַמע ניט.

— וואָס הייסט? — פרעגט מען איבער.

— אָט דאָס הייסט.

טוט מען א קוק אין פּאַספּאָרט, — גיט מען איר אָן אײַצע.

— און דער פּאַספּאָרט, מיינט איר, איז טוירעס לאָקשן? אין אים איז פאַרשריבן אַזוי, ווי ס'איז געווען אַמאָל פאַרשריבן אין דער מעטריקע.

— און אין דער מעטריקע האָט דען געקאָנט זײַן ניט ריכטיק פאַרשריבן?

— נאָך א מין געקאָנט! — ענטפערט די באָבע.

— וואָס זשע פאַר א מעטריקע איז עס?

— דאָס איז עס דאָך, וואָס א מעטריקע צו א מעטריקע איז ניט גלײַך. אוי, קינדערלעך, איך וועל זיך א ביסל צוזעצן, עפּעס האָבן מיר, ניט פאַר אײַך געדאַכט, א כאַפּ געטאָן די פיס...

— זעצט זיך, זעצט זיך צו, — זאָגט מען איר מיט אָפּשײַ, — מיר װעלן הערן שטײענדיק, מיר זײַנען ייִנגער פֿון אײַך.

זעצט זי זיך פֿאַרזיכטיק צו אױף א בינטל געדיכט געפֿלאָכטענע קױשן מיט היפּשע רעקלאַמעס אױף זײ פֿון װיעטנאַמער קאָװענעס (עס טרעפֿט, אז מע ברענגט זײ אַראָפּ אהער אפֿילע אינמיטן װינטער) און כאַפּט א קוק אױף אירע צוהערער. אַלע װאַרטן זײ דאָ, מע זאָל נאָכן מיטיק־איבעררײַס עפֿענען די קראָם, נאָר ביזן עפֿענען איז נאָך דאָ א ביסל צײַט.

— װאָס זשע מײנט איר, קינדערלעך, — טוט א זאָג די באָבע בײלע נאָך דעם, װי זי האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אױף די קױשן און עטװאָס איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, — איר מײנט אװאַדע, אז שטעג־דיק איז געװען בא אונדז אזא מין זאגס, װי איצט, און אזעלכע געבורט־הײַזער, װי אצינד, און װי נאָר א נעפֿעשל איז געבױרן געװאָרן, האָט מען עס אקוראט צו דער צײַט געטראָגן פֿאַרשרײַבן...

— װאָס זשע, ניט? — פֿאַרכידעשט זיך יונגװאַרג.

— אױ, קינדערלעך, — טוט װידער א זיפֿץ די באָבע, — איר פֿאַרגעסט, אז װען איך בין גע־בױרן געװאָרן, האָט מיט קײן רעװאָלוציע נאָך אפֿילע ניט געשמעקט. און דאָס לעבן איז געװען גאָר אנדערש...

— דערצײלט, דערצײלט, באָבע, — איז ארום איר ענגער געװאָרן דער קרײַז.

— װאָס זאָל איך אײַך דערצײלן? װעגן יענע צײַטן זײַנען אָנגעשריבן ביכער. נאָר װעגן זיך קאָן איך אײַך זאָגן. — זי כאַפּט װידער איבער דעם אָטעם און זעצט פֿאָר: — געלעבט האָבן מיר אױף אוקראַיִנע, אין אן אָרט, װאָס װיל מען, איז עס א דאָרף, װיל מען — א שטעטל. געװען איז עס בײדע זאכן. ייִדן און אוקראַיִנער האָבן געלעבט װי גוטע שכײנים. נאָר װאָס קומט ארױס, אז אין שטוב — מישטײנסגעזאָגט, א קרומע כאַטקע אונטער אן אױסגעצופּטן שטרױענעם דאך — האָט אין אלע װינקעלעך געפּײַפּט דער דאַלעס. און באם טאטן מיט דער מאמען זײַנען מיר געװען נײַן קינדער.

— נײַן קינדער? — הערט זיך א פֿאַרכידעשטער אױסרוף.

— װאָס זשע, אמאָליקע צײַטן איז עס געװען א װאָכעדיקער גאנג. װאָס מער קאַפּצן, אלץ מער מעטופּל...

— נאָר מע האָט דאך אלעמען געדאַרפֿט באקלײדן, באשוכן, — הערט זיך נאָך א שטים.

— נו, יאָ, — זאָגט די באָבע.

— איז װי זשע?

— פּאָשעט. ביז דרײַ־פֿיר יאָר האָט מען געגלאַנצט מיט די נאקעטע פּופּיקעס אין דרױסן. אױף דער גאנצער כאַליאַסטרע — אײן פּאָר צעריסענע שיך, בא אזא לעבן איז עמעצן געקראָכן אין קאָפּ מעטריקעס?..

— יאָ, — האָט מען זיך געכאַפּט, — איר האָט דאך געװאָלט דערצײלן װעגן אײַער מעטריקע.

— אין ליטין, — האָט פֿאַרגעזעצט די באָבע בײלע, — א היפּשלעך שטעטל ניט װײַט פֿון װיניצע, האָט געלעבט אונדזערער א װײַטלעכער קאָרעװ, א קאַזיאָנע ראַבינער.

— װאָס איז עס אזױנס — א קאַזיאָנע ראַבינער? — האָט זיך דערהערט א פֿראַגע.

— אָט הײבט זיך אָן מיט אײַך, — האָט זיך אָנגערופֿן די באָבע בײלע אומצופֿרידן, — אז װאָס מע זאָגט אײַך ניט, װײסט איר ניט... נו, און אזא נאָמען, װי שאָלעם־אלײכעם, האָט איר געהערט?

— װי זשע? געלײענט!

— א שרײַבער.

— א הומאָריסט.

— מאָטל פּײסיס...

— טעװיע דער מילכיקער...

— נו, אָט, איז שאָלעם־אלײכעם אין די יונגע יאָרן געװען א קאַזיאָנער ראַבינער.

— שאָלעם־אלײכעם — א קאַזיאָנע ראַבינער?

— יאָ.

נאָר דערפֿון, װאָס דער נאָמען שאָלעם־אלײכעם איז אלעמען געװען באקאנט, איז ניט געװאָרן קלאָרער, װאָס עס איז אזױנס א קאַזיאָנע ראַבינער, און די באָבע בײלע, אױף װיפֿל ס'איז געװען אין אירע קױכעס, האָט עס געמוזט דערקלערן.

— אין יעדן שטעטל, — האָט זי געזאָגט, — איז געװען אמאָל א ראָװ — „גאָטס סטריאַפּטשע" האָט מען אים גערופֿן. ער האָט געהאט צו שאַפֿן אױף אלץ מיטאנאנדער.. װי נאָר עפּעס א שײַלע, כ'מײן, א הארבע פֿראַגע, — צו אים, א דין־טױרע, ס'הײסט, א לאָדעניש, — צו אים. װי ער האָט געפּאַסקנט, אזױ איז עס געבליבן. אין די שטעט, גרעסערע שטעטלעך איז, כוץ דעם, נאָך געװען א קאַזיאָנע ראַבינער, שױן אן אָנגעשטעלטער בא דער מעלוכע. ער האָט געפֿירט דעם כעזשבן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג — װער און װען געבױרן, װער און װען געשטאָרבן...

די באָבע בײלע האָט פֿאַריכט די ברילן, אַ קוק געטאָן אױף אױלעם מיט די טונקעלע אױגן, שטאַרק פֿאַרגרעסערטע דורך די ברילן־גלעזלעך, און פֿאַרגעזעצט:

— איז אָט דער קאַזיאָנע ראַבינער אין ליטין, אונדזערער אַ װײַטלעכער קאָרעװ, אײנמאָל צוליב עפּעס אַן איניען אַראָפּגעקומען אין אונדזער פּאַרװאָרפֿן האַלב־שטעטל, האַלב־דאָרף. צו יענער צײַט זײַנען שױן בײַ מײַנע טאַטע־מאַמע געװען פֿינף קינדער. צװײ טעכטער, איך בין געװען די צװײטע, און נאָך אונדז — דרײַ ייִנגלעך. נאָר קײנער פֿון אונדז איז ניט געװען פֿאַרשריבן, האָט ניט געהאַט קײן מעטריקעס. דער קאָרעװ אונדזערער, דער קאַזיאָנע ראַבינער, האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ: סטײַטש, האָבן פֿינף קינדער און אױסבאַהאַלטן זײ פֿונעם קײסער? די מײדלעך, מײלע, אָן זײ װעט ער זיך װי־ניט־איז באַגײן, דער צאַר־באַטיושקאַ, אָבער די ייִנגלעך. — זײ דאַרף ער דאָך האָבן פֿאַר סאָלדאַטן, מוז ער װיסן אַ ריכטיקן כעזשבן...

די באָבע בײלע האָט געהאַלטן פֿאַר נײטיק אַרײַנצושטעלן דאָ אַ באַמערקונג.

— איר פֿאַרשטײט, קינדערלעך... אָט בײַ אונדז אין דער קאָנסטיטוציע זײַנען איצט פֿאַרשריבן פּראַװאַ, ס׳הײסט די רעכט, װאָס יעדערער פֿון אונדז פֿאַרמאָגט, און אָביאַזאַנאָסטי — היסכײַװעסן. אַמאָל, ביז דער רעװאָליוציע, האָט אַ ייִד אין רוסלאַנד קײן פּראַװאַ, ס׳הײסט, קײן שום רעכט ניט געהאַט, ניט אױף אַרבעט, ניט אױף אָפּרו, ניט אױף בילדונג, ניט אױף קײן געזיכערטער עלטער — גאָרניט, כוץ די רעכט צו לײַדן פֿון פּאָגראָמען און רעדיפֿעס. און אָביאַזאַנאָסטי — פּאָזשאַלוסטאַ! זײ האָבן נאָך געדאַרפֿט דינען געטרײַ דעם קײסער...

די באָבע בײלע האָט אַ קוק געטאָן אױף אױלעם, װאָס האָט זי אַרומגעשטעלט, — צי איז דער־גאַנגען דער כילעק צװישן אַמאָל און הײַנט, און דערצײלט װײַטער.

— דער קאָרעװ אונדזערער, דער קאַזיאָנע ראַבינער, האָט באַשלאָסן אַרױסהעלפֿן אינעם איניען, און ער האָט אונדז אַלעמען, רײדנדיק מיטן הײַנטיקן לשון, „פּאָ בלאַטו" אױסגעשריבן מעטריקעס. געטאָן האָט ער עס אַזױ: טײַבל, אונדזער עלטערע שװעסטער, איז געבױרן געװאָרן נאָך אין פֿאָריקן יאָרהונדערט, מיט אַ יאָר צװײ אײדער עס האָט זיך פֿאַרענדיקט. איך בין געבױרן געװאָרן שױן אינעם נײַעם יאָרהונדערט, אַ יאָר צװײ נאָך דעם, װי עס האָט זיך אָנגעהױבן. צװישן אונדז זײַנען געװען נאָך צװײ מײדעלעך, זײַנען זײ קלײנערהײט געשטאָרבן. האָט אונדזער קאָרעװ מיך מיט טײַבלען, ס׳הײסט, מיט דער עלטערער שװעסטער, פֿאַרשריבן װי אַ צװילינג, װאָס איז קלױמערשט געבױרן געװאָרן אין 1900 יאָר. אַזױ האָט ער די שװעסטער געמאַכט אױף צװײ יאָר ייִנגער, מיך — אױף צװײ עלטער. מײלע. צום שידעך האָט עס אונדז בײדן ניט געשאַט. און די ייִנגלעך האָט ער פֿאַרשריבן אױף אַ יאָר אַנדערהאַלבן געררוקט אײנס פֿונעם אַנדערן, װי ס׳איז געװען אינדערעמעסן, נאָר יעדערן געמאַכט אױף אַ יאָר ייִנגער. אַזױנס האָט בײַ ייִדן זיך דעמאָלט געפֿירט. צוליב װאָס? די ייִדן האָבן פֿײַנט געהאַט דעם קײסער בעטאַכלעס האַסינע, ס׳הײסט, אַזױ, װאָס מער קאָן שױן ניט געמאָלט זײַן. און פֿאַרװאָס האָבן זײ אים געזאָלט ליב האָבן? פֿאַר די פּאָגראָמען, פֿאַר דער פּראָצענטנע נאָרמע, פֿאַרן טכום האַמױשעװ, ס׳הײסט, פֿאַר דער טשערטאַ אָסעדלאָסטי, װוּ ס׳איז ניט אַ דרײ צו טאָן זיך ניט אַהין, ניט אַהער? נאָר װאָס, מישטײנסגעזאָגט, פֿאַר אַ צולאָכעס קאָנען ייִדן אָפּטאָן דעם קײסער? כאָטשבי צום פּריזיװ זיך שטעלן און גײן אים דינען מיט אַ יאָר שפּעטער...

— װי איז מען אָבער בײַ אַזאַ אָרעמשאַפֿט אױסגעקומען מיט אַזױפֿיל קינדערלעך? — האָט עמעצער פֿונעם אױלעם געפֿרעגט.

— װען מע פֿלעגט בײַ מײַן טאַטן אַזעלכס פֿרעגן, — האָט געענטפֿערט די באָבע בײלע, — האָט ער שטענדיק געהאַט דערױף אַ פֿאַרטיקן ענטפֿער: „ז׳קאָפּצאַנאַ נע סקינעש"...

— װאָס הײסט עס?

— דאָס הײסט: קײן גרעסערער קאַפּצן װעל איך שױן סײַװי ניט זײַן...

מע װאָלט מיסטאָמע נאָך עפּעס געפֿרעגט, און די באָבע בײלע װאָלט נאָך עפּעס געענטפֿערט, נאָר ס׳איז צוגעפֿאָרן אַ הױכער גרינער פֿורגאָן מיט אַן אױפֿשריפֿט „מילך און מילך־פּראָדוקטן". באַלד איז באַװוּסט געװאָרן, אַז מילך האָט מען דאָס מאָל געבראַכט ניט אין בידאָנעס, װי געװײנלעך, נאָר אין פֿלעשלעך. אין אײן רעגע איז אַרום דער באָבע בײלע געװאָרן פּוסט. מע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין מאַגאַזין...

די באָבע בײלע איז נאָך אַ װײַלע געזעסן אױף די קױשן מיט די רעקלאַמעס פֿון װיעטנאַמער קאַװענעס, זיך אױפֿגעהױבן און, סטאַרענדיק זיך װאָס גיכער שטעלן די פֿיס, פֿאַרטערפּעטע פֿון לאַנגן זיצן, אַװעקגעװײַלט מיט אַ שטאַרק פֿאַרזאָרגטן אױסזען אין קראָם אַרײַן. אױף פֿאַל, װען מע זאָל געװען ברענגען די מילך אין בידאָנעס, איז בײַ איר געװען פֿאַרנומען אַ רײ און דאַפֿקע גאַנץ פֿון פֿאָרנט. נאָר װיבאַלד פֿלעשלעך, װעט מען, װי געװײנלעך, זיך אַ לאָז טאָן אַלע מיטאַמאָל, מע װעט נעמען כאַפּן װיפֿל װער עס קען, און אױב מע האָט געבראַכט ניט קײן סאַך, קאָן נאָך פֿאַר איר ניט קלעקן...

וויסן מיר שוין, אַז לויטן פּאַספּאָרט (און לויט דער מעטריקע) איז די באָבע בײלע אַלט זעקס און אַכציק יאָר. און אויב אַפילו נעמען אין אַכט, אַז זי איז פֿאַרשריבן אַף צוויי יאָר עלטער, אײדער אײַנדערעמעסן, באַקומט זיך אויך היפּשלעך, האַגאַם ווײַניקער פֿון די הונדערט מיט עפּעס, אָדער הונדערט אָן עפּעס, אין וועלכע עס האָט זי געשאַצט די מאַדאַם פֿלעדערמויז.

נאָר ניט געקוקט דערויף, איז נאָך די באָבע בײלע „אַ ייִדענע — אַ כוואַט", ווי די שכנים זאָגן אַף איר. ניט הויך אין וווּקס, מאָגערלעך אָפּגעצויגן, ניט אַף אַזױפֿיל, מע זאָל זאָגן „הויט און ביין", נאָר אָן אַ סימען פֿון איבעריקן לײַב אַף די אַלטע ביינער, איז זי נאָך פֿאַר איר עלטער געגוג רירעוודיק, עס מאַכט בא איר ניט אויס אַ פּאָר מאָל אין טאָג זיך אַראָפּלאָזן פֿונעם פֿינפֿטן שטאָק, ווו זי וווינט מיט אַ טאָכטער און מיטן אײדעם, און אַ פּאָר מאָל זיך אופֿהייבן צוריק. כאָטש די טאָכטער און דער אײדעם זײַנען שוין ביידע פּענסיאָנערן, אַרבעטן זיי נאָך, און די באָבע בלײַבט אַפֿן גאַנצן טאָג איינע אַליין אין שטוב, נאָר איר איז ניט לאַנגווײַליק. זי ראַמט נאָך צו צוביסלעך אין שטוב, דערקאָכט עפּעס, אַז מע דאַרף, צום וואַרמעס (אָפּגעקאָכט איז ער פֿון נעכטן אין אָוונט — דער טאָכטערס אַרבעט). די אַלטיטשקע גייט אַראָפּ, ווי מיר האָבן געזען, אין קלייט. און ווען זי פּאַרטיקט זיך אָפּ מיט אָט די אַלע טועכצן, גייט זי אַ ביסל פֿאַרברענגען מיט איר כאַווערטע, דער באָבע העניע, וועלכע וווינט אינעם הויז אַנטקעגן. אין דער דירע צו דער באָבע העניע הייבט זי זיך ניט אוף, דאָרט פֿעלט ניט, קיין אײַנהאָרע, קיין אוילעם אָן איר, נאָר זי שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן יענערס באַלקאָן, וואָס אַפֿן דריטן שטאָק, און שרײַט אַרויף מיט אַ פֿאַרדומפּן קאָל: „באָבע העניע! באָבע העניע!" זי רופֿט אַזוי לאַנג, ביז די באָבע העניע אַליין, אָדער עמעצער פֿון אירע שטוב־לײַט דערהערן, און איר כאַווערטע באַווײַזט זיך אַפֿן באַלקאָן. אַ צעפּלאָסן גראָבע ייִדענע מיט אויסגעבאָלעכטע וואַסעריקלעך גרויע אויגן, כאַפּט זי שווער איבער דעם אָטעם. די באָבע בײלע שטייט אונטן, אַפֿן טראָטואַר, אַ דאַרינקע, אַ שטשופּליִנקע, אין איר ווײַסער פּאַטשיילע, פֿאַרהויבן דאָס טונקעלע און דאַרע באַבריִלטע פּאָנעם אַרויף. אַמאָל ריידן זיי אַזוי זיך דורך, שטייענדיק — איינע אויבן, אַפֿן באַלקאָן, די אַנדערע אונטן אַפֿן טראָטואַר, ביז די באָבע העניע קערט זיך אום אין צימער. עס מאַטערט זי שטאַרק די אַסטמע. אַמאָל, זעלטן־ווען, לאָזט די באָבע העניע זיך אַראָפּ, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף אַ שטעקן, און זיי זעצן זיך צו אַף דער באַנק באַם אַרײַנגאַנג. זיי האָבן געגוג וועגן וואָס צו שמועסן, וועגן וואָס צו דערמאָנען זיך. אַמאָל זײַנען זיי, די באָבע בײלע און די באָבע העניע, דעמלט נאָך יונגע, געזונטע, שיינע ווײַבלעך מיט זייערע מענער און קינדערלעך, מיט איין עשעלאָן געקומען קיין טיכאָנקע, געווען דאָ פֿון די ערשטע איבערוואַנדערער. און ביז דעם האָט מען ביידע, נאָך יונגע מיידלעך, געאַרבעט אינעם בײַשטעטלדיקן קאָלווירט אַף אוקראַיִנע, — ס'איז אַ געלעכטער צו זאָגן, — ביידע זײַנען זיי געווען פֿאַרליבט אינעם יונגן קאָלווירט־פֿאָרזיצער — אַ געוועזענעם מאַטראָס, אַ פֿאַרשוין — אַ ברען. האָט ער אַ קוק געטאָן מיט זײַנע צוויי שוואַרצע קוקערס, איז דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבערן לײַב... ער איז נאָך דעמלט געווען אַ באָכער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז צו איר, צו בײלקען, ציט אים מער, איידער צו העניען. אַלנפֿאַלס אין אַ טונקל ווינקל האָט זי שוין ניט איין מאָל מיט אים זיך געקושט... אַ גליק, וואָס צו עפּעס מער איז עס ניט דערגאַנגען. ווי בײלקע האָט שפּעטער זיך דערוווּסט, האָט יענער זיך געקושט מיט העניען אויך... שפּעטער איז ער קיין טיכאָנקע אויך געפֿאָרן אין איין עשעלאָן מיט זיי. אַז מע איז געקומען אַפֿן אָרט, זײַנען בײלקע און העניע מיט זייערע מישפּאָכעס פֿאַרבליבן אין טיכאָנקע, און ער, דער מאַטראָס, האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמורזעט. מיטן ערשטן ווײַב האָט ער זיך געגעט נאָך אַפֿן אַלטן וווינ־אָרט. דאָ האָט ער כאַסענע געהאַט מיט אַ יונגער אַמורער קאַזאַטשקע, און זיי האָבן געבראַכט אַף דער וועלט אַ טוץ קינדערלעך. מיט דער צײַט זײַנען פֿון זיי אויסגעוואַקסן אויסגעצייכנטע מעלקערנס און טראַקטאָריסטן.

זיצנדיק אַזוי אַף דער באַנק און שוין האָבנדיק אַרומגערעדט, ווי גייט עס בא איינער און בא דער אַנדערער מיטן געזונט און וואָס הערט זיך בא זייערע קינדער, אייניקלעך און אַפֿילו אוראייניקלעך, טוט אַמאָל איין באָבע, ווי ניט אומיסטן, אַ זאָג צו דער אַנדערער:

— נו, און אים, דעם מאַטראָס, געדענקסטו כאָטש?

קוקט זי די אַנדערע אַ ווײַלע אָן און לאָזט פֿאַלן אַ קנאַפּן, קוים מערקבאַרן שמייכל:

— זיך דערמאָנט, ווען די באָבע איז אַ קאַלע געווען...

אינגיכן האָט די באָבע העניע אופֿגעהערט צו ענטפֿערן אַף דער באָבע בײלעס רופֿן, זי האָט שוין מער ניט געקאָנט אַרויסגיין צו דער באַנק און אַפֿילו אַפֿן באַלקאָן. די שמיִע איז שוין בא איר פֿון לאַנג געווען אַ שוואַכע, איצט האָט זי אופֿגעהערט זען אויך. דערנאָך האָט בא איר אָפּגענומען דאָס לאָשן. און עס איז געקומען אַ טריבער אָנהייב־ווינטערדיקער טאָג מיט אַ שיטערלעכן גרײַפּלדיקן שניי אין דרויסן, ווען די באָבע העניע איז מער ניט אַרויסגעגאַנגען — מע האָט זי אַראָפּגעטראָגן אין אָן אָפֿענער, מיט רויטן שטאָף אַרומגעצויגענער, טרונע. די באָבע בײלע איז געווען אַף דער לעווײַע. געקומען איז זי פֿון דאָרט אַ דערשלאָגענע, אָן אויסגעוויייקטע אין טרויער. אַזאַ נאָענטן פֿרײַנט, ווי די באָבע העניע, האָט זי מער ניט געהאַט...

די באָבע העניע איז אַף גאַנצע פינף יאָר ייִנגער געווען, און דאָך... און זי, די באָבע ביילע, לעבט. אַף זיך אַליין האָט זי ליב צו זאָגן:

— איך בין ווי אַ גוט אויסגעבאַקענער קוילעטש: קוועטשסט אים אַראָפּ, דאַכט זיך, ביז לעצט, און ער הייבט זיך ווידער אוף...

— וואָס פאַר אַ קוילעטש זײַט איר, שוויגער, — ענטפערט איר אַפּ דער איידעם, אַ גראָבלעכער פאַרשוין, וואָס האָט שטענדיק ליב צו זאָגן דעם עמעס אין די אויגן, און דערפאַר איז זי עס אים מויכל, — אַן אַלטע פאַרטריקנטע סקאָרינקע זײַט איר, אָט ווער...

— אַ פאַרטריקנטע סקאָרינקע? — פרעגט זי איבער אָן אַ סימען פון רוגזע, — אויך ניט שלעכט. פּרווו אַזאַ סקאָרינקע אײַנברעכן...

ווען די באָבע ביילע טוט פאַר זיך אַליין אַ טראַכט אַמאָל — אין וואָס פאַר אַ זכוס לעבט זי אַזוי לאַנג — אָט איז שוין קימאַט קיינער פון אירע צײַט־כאַווייריִם און צײַט־כאַווערטעס ניט געבליבן, און ס׳גייען אַוועק אויך פיל ייִנגערע פון איר, — קומט זי צום געדאַנק: אַרבעט. אין זכוס פון אַרבעט.

— די בעסטע סגולע פאַר לאַנג לעבן איז — אַרבעט, — זאָגט די באָבע ביילע.

און אַרבעט האָט איר אין לעבן ניט געפעלט. צו אַכט יאָר האָט זי שוין צוזאַמען מיט דער עלטערער שוועסטער געניאַנטשעט די ייִנגערע קינדער. צו דרײַצן יאָר איז די עלטערע שוועסטער געוואָרן אַ „מאַדיסטקע“ — זי האָט זיך אויסגעלערנט נייען פּויערשע „כפּידניצעס“, ס׳הייסט, קליידער, און די פּויערטעס פלעגן צאָלן פאַר דעם מיט נאַטור — אַ צענדליק אייער, אַ האָן, אַ שטיקל פּוטער — און אונטערהאַלט פאַר דער מישפּאָכע. דאָן איז די גאַנצע שטוב אַריבער אַף ביילקעס הענט. דערנאָך האָט מען זיך פאַרנומען מיט באַקן ברויט צום פאַרקויפן, און דערפון געצויגן אַ צײַט די כאַיונע. פלעגט ביילקע נאַכט אין נאַכט אויסקנעטן גרויסע באַקדייזשעס מיט ראָשטשינע, פון וועלכע עס האָבן איר דאָס גאַנצע לעבן נאָכדעם געבראָכן די קריזשעס... דערנאָך האָט זייער מישפּאָכע, איינע פון די ערשטע, זיך אַוועקגעלאָזט קיין בירעבידזשאַן. דאָ האָט אַוודע קיין אַרבעט ניט געפעלט. האַרעוואַניע אינדערהיים, האַרעוואַניע אַף די בויונגען, ווו זי האָט געאַרבעט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע... דער מאַן האָט זיך ניט אומגעקערט. האָט זי די קינדער אופגעצויגן אַליין, דרײַ קינדער — אַ זון און צוויי טעכטער. איצט איז מען זיך פאַנאַנדערגעפלויגן ווער וווהין: דער זון אין זאַפּאָראָזשיע, איין טאָכטער אין טאַשקענט, די ייִנגערע אַ מעדיצין־טוערן, איז געבליבן הי, און זי, ביילע, מיט איר. זי האָט געהאָלפן דער טאָכטער אופציִען אירע קינדער — אויך דרײַ — און איצט זײַנען זיי זיך שוין אויך צעלאָפן. איין טאָכטער — אין סימפעראָפּאָל, איינע אין כאַבאַראָווסק, די דריטע — אַף סאַכאַלין.

אין דער היפּשער דרײַצימערדיקער דירע איז געוואָרן פּוסטלעך, פון דער אַמאָליקער גרויסער מישפּאָכע זײַנען זיי פאַרבליבן איצט אינדרײַען — זי, די באָבע ביילע, איר טאָכטער און דער איידעם. באַטאָג, ווען יענע זײַנען אַף דער אַרבעט, דרייט זיך אַרום די באָבע ביילע איינע אַליין אין די דרײַ צימערן, ווי אַ „סנאָווידע“ — אַזוי זאָגט זי.

דער זון און די צווייטע טאָכטער רופן זי צו זיך, נאָר זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיי פאָרן:

— וואָס געהער איך זיך אָן, — זאָגט זי, — מיט זאַפּאָראָזשיע, צי מיט טאַשקענט? ס׳איז טאַקע ווילע ערטער, נאָר וואָס האָב איך אין זיי אַרײַנגעלייגט? גאָרניט. וואָס מער פּראַצע אַ מענטש לייגט אַרײַן אין אָרט, אַלץ מער איז אָט דאָס אָרט אים ליב.

אַ ווערטעלע אויסצורייִדן, וויפל שווערע האַרעוואַניע זי האָט אַרײַנגעלייגט אין בירעבידזשאַן. ווו זי טוט זיך ניט אַ קער, טרעפט זי אָן אַף סימאָנים פון איר אַרבעט, פון דער אַרבעט פון אירע קינדער, אייניקלעך.

— ווי זשע קאָן מען אָפּרײַסן אַ מענטשן פון זײַן אייגענער האַרעוואַניע? וואָלט עס רעכט געווען, פרעג איך אײַך?.. — אַזוי זאָגט די באָבע ביילע און גיט צו, ווי זי זאָל צוקלאַפּן מיט אַ שטעמפּל: — דאָ האָב איך מײַנע יאָרן אויסגעלעבט, דאָ, וויל איך, זאָלן רוען מײַנע ביינער...

די באָבע ביילע, ניט נאָר זי לעבט — זי האָט האַנאָע פונעם לעבן. מע האָט געדאַרפט זען, ווי דאָ ניט לאַנג האָט זי געטאַנצט אַף דער כאַסענע פון אירן אָן אורייניקל. קוקנדיק אַף איר, האָבן מענטשן געגאַפט.

— אָט דאָס הייסט געקענט!

— זי וועט נאָך דאָס אורייניקל פאַרשטעקן אין גאַרטל...

זי האָט ליב קוקן דעם טעלעוויזאָר. און ניט גלאַט קוקן, ווי אַנדערע, וואָס מע זעצט זיך אַוועק גאַנצפרי און מע קוקט אַלץ נאָכאַנאַנד ביז שפּעט אין אָוונט. די באָבע ביילע קוקט ניט אַבי וואָס: פאַראַן זאַכן, וואָס זי האָט ליב צו קוקן, און פאַראַן זאַכן, וואָס „סע שלאָגט צו דער גאַל“, — אַזוי זאָגט זי. אַשטייגער, קאָלערליי אַנסאַמבלען. אָדער באָקס.

— פּע, — זאָגט זי, — וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו קוקן? ווי מענטשן מײַמעסן אײנער דעם אַנדערן? מע דאַרף אַלײן זײַן אַ גאַזלען, קעדײַ אַזױנס צו קוקן.

דערפאַר איז זי פאַרליבט אין סענקעוויטשן. ניט אַזױ אין אים, ווי אין דעם, וואָס ער באַווײַזט. ניט געקוקט אויף איר עלטער, איז בײַ דער באָבע בײַלע נאָך פאַרבליבן אַ רײן קינדערשער נײַגער צו קאָלערלײַ נײַסן.

— מאַמע, שוין צײַט דיר שלאָפן, — זאָגט אַמאָל די טאָכטער, — וואָס גײען דיר אָן די האָוויער אינדזלען?

— זאָג ניט, טאָכטער, — דערווידערט איר די מוטער, — אַלײן בין איך דאָרט קײנמאָל ניט געווען און וועל שוין ביט זײַן, נאָר וויסן וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע ערטער אויף דער וועלט זײַנען פאַראַן, וואָס פאַר אַ מענטשן לעבן דאָרט און ווי זײ לעבן — דאָס איז טשיקאַווע.

מער פאַר אַלץ האָט די באָבע בײַלע ליב צו קוקן פאַרמעסטונגען פון פיגוריסטן. אין די טעג, ווען מע באַווײַזט אַ טשעמפּיאָנאַט פון אײראָפּע, — ווער רעדט נאָך — אַ וועלט־טשעמפּיאָנאַט, — קאָן מען זי פונעם טעלעוויזאָר ניט אָפּרײַסן. אין איר ווײכן פאָטעל, אַ קלײנינקע, אַ דאַרינקע, זיצט זי, אָנגעבויגן פאָרויס און נעמט דאָס אויג ניט אַראָפּ פון די פלינק ארומיאָגנדיקע פיגורן. די טאָכטער, דער אײדעם, אויב עס מאַכט זיך עמעצער פון קרויווים, קוקן ניט אַזױ אויפן עקראַן ווי דערויף, ווי די באָבע רעאַגירט אויף דעם, וואָס דאָרטן טוט זיך. באַווײַזן זיך אויפן אײַז אונדזערע, סאָוועטישע פיגוריסטן, פלאַטערט זי מאַמעש מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע — זי וויל, זײ זאָלן אויסגעווינען, און טאָמער מאַכט זיך, אַז אַ פיגוריסטקע פאַלט, לאָזט אַרויס די באָבע אַזאַ „אוי, ווײ איז מיר!”, אַז מע ציטערט אויף אַרום איר... ווי דאָס זאָל געשען, כאָלילע, מיט איר, מיט דער באָבע אַלײן...

— אַזױ גוט געמאַכט, — זאָגט זי, — אַ דרײַענדיקן ריטבערגער — עפּעס אַ קלײניקײַט? און — נאַ דיר...

די באָבע בײַלע קלײַבט זיך גוט פאַנאַנדער אין אַלע קאָמפּליצירטע פיגורן. ווײסט, וואָס איז אַזױנס אַ טולופּ, אַ צווײיענדיקער אַקסעל, אַ דרײַענדיקער ריטבערגער אוקעדוימע.

אויב עס זיצט דערבײַ עמעצער פון די אײניקלעך, טוט ער אומיסטן אַ זאָג:

— דאָס איז דאָפּקע אַ דרײַענדיקער טולופּ און ניט קײן ריטבערגער.

— און איך זאָג, אַז אַ ריטבערגער, — דערווידערט די באָבע.

— דערווײַז!

און די באָבע נעמט דערקלערן דעם אײניקל דעם כילעק צווישן אַ דרײַענדיקן טולופּ און אַ דרײַענדיקן ריטבערגער.

דאָס אײניקל שמײכלט, — די באָבע ווײסט, וואָס זי רעדט.

געווינען אונדזערע, סאָוועטישע פיגוריסטן, די ערשטע ערטער, איז די באָבע אויפן זיבעטן הימל. אַמאָל איז זי געווען פאַרליבט אין ראָדנינאַ און אין זײַצעוון.

— זײ טראָגן זיך, ווי עמעסע שײדים! — פלעגט זי זאָגן וועגן זײ מיט אַנציקונג. איצט זײַנען אירע ליבלינגען בעסטעמיאַנאָוואַ און בוקין.

— טײַערע קינדער, — זאָגט זי און שרײַט, ווי פון די טריבונעס, טראַפּנווײַז: — מאָ־לאָד־צי! מאָ־לאָד־צי!

— באָבע בײַלע, — טוט איר אַמאָל אַ זאָג אַן אײניקל, — עפּשער וואָלסטו זיך גאָר פאַרשרײַבן פאַר אַ פיגוריסטקע, האַ? זשוק און טשײַקאָווסקע וואָלטן נאָך געמאַכט פון דיר אַ לײַט...

— וואָס זשע מײנסטו, — ענטפערט די באָבע, — ווען מיר איז געווען אַזױפיל יאָר, וויפל איצט אָט די ײַנגלעך און מײדלעך, האָב איך געהאַט אַ שעם ווי די ערשטע טענצערן אין שטעטל.

מעגלעך, אַז פון דעמלט, פון יענע יאָרן, ציט זיך דער באָבע בײַלעס ליבע און אינטערעס צו די הײַנטיקע פיגוריסטן.

— אָט אַזױ־אָ וועט זי אַמאָל בײס אַ דרײַענדיקן ריטבערגער שטאַרבן, — טוט אַ זאָג דער אײדעם. ער זאָגט עס דעם ווײַב, דער באָבע בײַלעס טאָכטער, ווען זײ בלײַבן אַלײן אין אַלקער.

— בײַס זיך אויף די צונג, גראָבער נעפעש, — ענטפערט אים אויף די פרוי. — און דאָס ווילסטו ניט באַנעמען, אַז, פאַרקערט, טאַקע אָט דער דרײַענדיקער ריטבערגער האַלט זי אויף בײַם לעבן.

— עפּעס דערגײט צו מיר ניט, — שטאַמלט דער מאַן, — וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט אײנס מיטן אַנדערן?

— פּאָטויפּע בײַ זיך אין מויעך, — דערקלערט אים דאָס ווײַב, — קאָלזמאַן אַ מענטש האָט אַן אינטערעס צו אַלץ, וואָס אַרום אים טוט זיך, — לעבט ער.

יורי גלאזקאָוו,
פּליִער־קאָסמאָנאווט פון פסר, העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד

קאָסמישע נאָוועלעס

מילכאָמע צווישן די שטערן



בערג האָבן זיך א הייב געטאָן איבער דער פלאַנעטע, אָקעאַנען האָבן שווער געאָטעמט מיט די כוואַליעס זייערע, ס׳האָבן גערוישט וועלדער און גראָזן. די פּלאַנעטע האָט געקרעכצט, געשפּטשעט, געשריגן, נאָר ס׳איז ניט געווען ווער עס זאָל די קוילעס אירע הערן. און אָט האָבן זיך ענדלעך באַוויזן אין די יאַמען און טײַכן, צווישן די וועלדער און פעלדער פילקוילעסדיקע באַשעפענישן מיט פליגל, עקן, לאַפּעס, שפּרינגענדיקע, לויפנדיקע, קריכנדיקע, שפּאַנענדיקע, געמיטלעכע און שלעגערישע. די פּלאַנעטע האָט זיך מיט אירע קינדער געפרייט. עס זײַנען אוועק יאָרן. טויזנטער און מיליאָנען יאָרן. צווישן די לעבעדיקע באַשעפענישן אַף דער פּלאַנעטע איז מיט דער צײַט פּאַוואָלינקע אופגעקומען דער סייכל. דער סייכל האָט אײַנגיכן באַנומען דאָס געזעענע און דערהערטע, אויסגעלערנט זיך טראַכטן, פאַרשטיין, ראַטעווען דאָס לעבן אַף דער פּלאַנעטע, קעמפנדיק קעגן כײַיִשע לאַפּעס און נעגל, שאַרפע ציין און אײַפעשדיקע פּיסקעס. א לאַפּע האָט דער סייכל פאַרוואַנדלט אין א האַנט, א שטיין — אין א געצײַג, פאַמעלעך זיך דערהויבן איבער אַלדאָס לעבעדיקע אַף דער ערד, אַלצדינג אונטערגעאָרדנט און אונטערגעטעניקט.

פויל האָבן אומגעוואַנדערט מאַכנעס קי און אָקסן, שאָף און רינדער; אין די בערג און אַף די סטעפּעס האָבן אָבער געלעבט שרעקלעכע כײַעס. יענע, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם סייכל, האָבן קעגן די רויב־כײַעס צוגעטראַכט די סאַמע סייכלדיקסטע געווערן, באַם אָנהייב צוליב פאַרטיידיקן זיך, דערנאָך — צוליב הארגענען, קעדיי אַרויסצוקריגן עכבוואַרג, טראָפּייען, אָדער גלאַט קעדיי וויל צו גיין זיך. דאָס געווער האָט זיך קעסיידער פאַרפולקומט, און קיינער איז שוין ניט געווען בעקויעך צו געדענקען, ווער ס׳האָט דער ערשטער אויסגעדרייט דאָס געווער קעגן זײַנס גלײַכן. די באַאַלײ־סייכל האָבן אויסגעבויט שטעט, געשאַפן מעלוכעס און וויל געשלאָגן זיך איינער מיטן אנדערן. די פּלאַנעטע האָט זיך פאַרכלינעט מיט ריטשקעס בלוט, געליטן פון באָמבע־אופרײַסן, געליטן פון דעם אַלעמען, וואָס זי אַליין האָט געבוירן, געשאַפן, אוועקגעגעבן מיט צוטרוי אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, מיליאַרדן יאָרן געזאַמלט, געהיט און געשיצט.

פון אַזויפיל מילכאָמע־האַלטן איז די פּלאַנעטע מיד געוואָרן, ס׳איז שוין קימאַט ניט געווען מיט וואָס צו שלאָגן זיך: האָלץ, מעטאַל, נאַפט — אַלצדינג האָט מען אויסגענוצט פאַר געווער, פאַר מילכאָמע. מ׳האָט זיך אַפילע אויסגעלערנט צו באַנוצן וואַסער און לופט אַף אומצוברענגען איינער דעם אנדערן. מ׳האָט זיך דערקליבן ביז צום קאָסמאָס. ס׳האָבן זיך געיאַוועט געדאַנקען מילכאָמע צו האַלטן דאָרט, צווישן די שטערן. מ׳האָט אויסגעבויט קאָסמישע אַרמאַדעס, פאַרפולקומט פּאַנצער־שיפן, אָנגעהויפנט א מעכטיק קאָסמיש געווער, אַפּאַראַטן האָבן געקוקט אין די ווײַטקײַטן, געוואָרנט וועגן דער דערנעענטערונג פון א פרעמדן פלאַט. קאָסמישע שיפן, מיט דער זעלבער פאַרזיכטיקײַט, ווי די רויב־כײַעס אַף דער פּלאַנעטע, האָבן געהיט איינע די אנדערע אין דער אייביקער קאָס־

מאָס־נאַכט. בא דער שוואַכלעכער שטערן־באַלויכטונג האָבן מיט אַ טויט־בלײַכער פאַרב געצייכנט זיך די קאָנטורן פון קאָלאָסאַלע שטאָל־מאַסיוון, הויקערדיקע אַנטענעס, גענעראַטאָרס, לאַזערן און אַנדערע אַזעלכע געווערן פונעם קאָסמישן יאָרהונדערט. ריזיקע שיפן האָבן זיך פּוילבלעך געהוידעט, באַווײַזנדיק איינע דער אַנדערער די דרויסנדיקע זײַטן זייערע, געבנדיק אָנצוהערן, אַז אין זייערע אינווייניקײַטן פון שטאָל, פּלאַסטיק און צײַג זײַנען באַהאַלטן שטאַרקע סופּערגיכע רעכן־מאַשינען און סאָלדאַטן שטערן־פליִער, וואָס מאַכן קיין אויג ניט צו, ווי אַמאָל אין די שלאַכטן אויף דער פּלאַנעטע. אַזוי זײַנען אין שטילקײַט און אין אומבאַוועגלעכקײַט געפלויגן די קאָסמישע אַרמאַדעס, גרייט אין יעדער רגע פאַרוואַנדלט צו ווערן אין סוינישע אַרמייען און איינער דעם אַנדערן צעפּאַכעווען, אומברענגען. אַ געהיימער סיגנאַל — און אַלץ איז באַלויכטן געוואָרן מיט אויפבליצן, מיט קנאַלערײַען, און די אויפגעריכטענע פאָרמלאָזע שיפן, וואָס זײַנען אַמאָל געווען טיילן פון דער פּלאַנעטע, זײַנען זיך צעפלויגן אין אַלע זײַטן פונעם אָנסאָפיקן קאָסמאָס.

— ראָש, די רעכן־מאַשין פון דער וואַך־סיסטעם טיילט מיט, אַז דער פינפטער פלאָט האָט זיך אַ ריר געטאָן. עפּעס פאַרטראַכטן זיי, רעאָרגאַניזירן די רייען זייערע. רעאָרגאַניזירן זיך ניט־געוויינלעך, ראָש, זעען איצטער אויס, ווי צוויי קופּלען, געווענדט איינער קעגן אַנדערן מיט זייער כאַלעלדייקײַט. אינדערמיט — אַן אַסטעראָיד. ווען מיר האָבן זיך אַ יאָג געטאָן נאָך זיי און דעם סעקטאָר זייערן דורכגעפלויגן, איז דער דאָזיקער אַסטעראָיד שוין געווען דאָ. זײַ פאַרזיכטיק, ראָש, דעם זעקסטן פלאָט האָבן זיי צעשמעטערט אין איין אויגנבליק. — דער וואָפן־אויפזעער בול איז אַנשוויגן געוואָרן, אויפמערקזאַם באַטראַכט אויפן עקראַן דאָס דרויסנדקע זע־פעלד קעגן זיך. דעם קעגנערס שיפן־ראַי האָט אין צוויי האַלב־ספערן אָנגעהויבן צונויפפרעסן זיך.

— בול, איך מיין, אַז זיי ווילן אונדז אַרײַנכאַפּן אין פאָקוס פון די ספערן און אַ קלאַפּ טאָן אויף אונדז פון אַלע שיפן. אַרומרינגלען אין אַ קרײַז דעם אַסטעראָיד! — האָט ראָש געגעבן אַ קאָמאַנדע דעם פלאָט זײַנעם.

די שיפן פונעם אַכטן פלאָט האָבן זיך צעשפּרייט אין רוים, געשאַפן אַרום דעם אַסטעראָיד אַ רינג. די האַלב־ספערן האָבן זיך צונויפגעדריקט, פאַרקלעמט דעם קעגנערס שיפן... נאָר אָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, און ס'האָבן פון זיי אַ שפּריץ געטאָן, ווי פעדעם, שטראַלן, צילנדיק אין איין פּינטל — אין אַסטעראָיד. דער אַסטעראָיד האָט אויפגעבליצט מיט אַ העל ליכט, און, ווי אַ ווייער, האָבן פון אים אַ כלינע געטאָן ענערגעטישע כוואַליעס, אויפגעריסן דעם רינג, אַוועקגעשלײַדערט דעם קעגנערס שיפן, צעקלאַפּט די שיף־ווענטלעך, צעקאַליעטשעט אינווייניק אַלדאָס לעבעדיקע. נאָך די כוואַליעס האָבן אַ פלייץ געטאָן טויטברענגענדיקע שטראַלן, פאַרענדיקט אומברענגען אי די שיפן, אי די שטערן־פליִער. די שלאַכטן צווישן די שטערן האָבן זיך אָנגעהויבן.

פאַרן קאַפּיטאַן ראָש איז דאָס געווען דאָס צענטע געפעכט, מ'האָט אים טאַקע אַזוי גערופן — „דער מאַזלדיקער קאַפּיטאַן". אַלע פלעגן וועלן פליִען אינאיינעם מיט אים, אומקערן זיך און די האַצלאָכע זײַנע מיטברענגען מיט זיך, ווי אַ טאַליסמאַן. געוויינלעך פלעגט זיך דאָס לעבן פון די קאָסמישע סאָלדאַטן און אָפיצערן איבעררײַסן בא דער ערשטער אָדער צווייטער שלאַכט, ראָש האָט גאַנצע צען מאָל אויסגעהאַלטן. דאָס מאָל אָבער האָט אים דאָס מאַזל פאַרלאָזט. ראָש האָט צו שפּעט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט קיין אַסטעראָיד, נאָר מיט אַ קאָנצענטראַטאָר פון ענערגיע. דאָס האָט אומגעבראַכט אי אים, אי בולן. אַ כוואַליע ענערגיע־טיילכלעך האָט ראָשס שיף אַ וואָרף געטאָן, איבערגעדרייט זי אין רוים, ניט דערלאָזט, זי זאָל געבן דעם ערשטן זאַלפּ. נאָך דער כוואַליע האָבן זיך אַ טראָג געטאָן טויט־שטראַלן. ראָש האָט געזען, ווי זיי פלייצן אַרויס פונעם אַסטעראָיד. די שטראַלן, האָט ער פאַרשטאַנען, זײַנען פאַר זייערטוועגן, פאַר דער שיף זײַנער. ראָש און בול האָבן געדאַנקט גאָט פאַרן דאָזיקן בליציקן און לײַכטן טויט. נאָר די שוץ־סיסטעם אויף דער שיף האָט פונדעסטוועגן אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער צײַט, און די שטראַלן פאַרהאַלטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן צוויי ענערגעטישע פעלדער. די שאַרפע שטראַלן האָבן אַלץ געדריקט און געדריקט אויף דער שוץ־סיסטעם פון דער שיף, דורכגעלעכערט די ספערע אירע, און די נאָדלדיק־בליצנדיקע שפּיצן פון די שטראַלן האָבן זיך דערנענטערט צו די ווענטלעך פון דער שיף. דער סאָף איז געווען אומפאַרמײַדלעך.

— ראָש, ביז אין די ווענטלעך איז נאָך איבערגעבליבן אַ האַלבער מעטער. די באַשיצונג איז אָפּגעשוואַכט, זי וועט די פאַרשאָלטענע שטראַלן ניט פאַרהאַלטן. גאָט מײַנער, העלף אונדז! — האָט בול אַזש געכריפּעט פאַר שרעק.

— בול, פלי אַרײַן אין דײַן סעקציע און וואַרף אַרויס די טאָרפּעדעס. זיי וועלן באַלד אָנהייבן אויפרײַסן זיך — האָט אַ זאָג געטאָן ראָש און זיך געכאַפּט צו דער ראַציע. צו דער פּלאַנעטע האָבן אָנגעהויבן פליִען ידיִעס, אַז די אַרמאַדעס זײַנען צעגראַמירט געוואָרן.

בול איז אַרויסגעשוואומען פון זײַן קאַבינע און האָט שוין באַם פענצטערל פונעם קאַפּיטאַנס רובקע דערהערט אַ שלאַנגען־צישערײַ, וואָס איז די שטערן־פליִער גוט באַקאַנט — פון די באַלאָנען האָט אַרויסגעזעצט לופט, קאָמפּענסירט אַזוי די לופט־פאַרלוסט אין דער דורכגעלעכערטער סעקציע. בול האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען ראָשן.

א שטראַל האָט ראַשן דורכגעשפּיזלט דאָס האַרץ אין סקאַפאַנדער, און ראַש האָט זיך באַמיט דעם שטראַל אַרויסצורײַסן פון זיך, גלײַך ס׳וואָלט געווען אַ פאַרצײַטיקע פײַל פון אַ בויגן.

— ווי מיט אַ נאָדל אַ זשוקל פאַר אַ באָטאַניק־קאָלעקציע, — האָט אַ בליץ געטאָן בוילן אין קאָפּ.

אין אַ רעגע אַרום האָט אָנגעהויבן אַרבעטן די אויטאָמאַטיק, און דאָס רובקע־פענצטערל האָט זיך פאַרהאַקט הינטער בולס פּלייצע, אָפּגעזונדערט אים פון דער סעקציע, וואָס איז געווען צעלעכערט פון די שטראַלן און האָט מער ניט פאַרמאָגט קיין לעבנס־לופט. ראַש איז אויף אייביק פאַרבליבן אַ פּערציקיאָריקער.

בול האָט אַרויסגעוואָרפן איין טאָרפּעדע נאָך דער אַנדערער. זיי זײַנען פעכערדיק זיך צעפלויגן אין אַלע זײַטן. אַ טאָרפּעדע האָט געטראָפן אין אַ שיף פונעם פינפטן פלאַט. די שיף איז זיך צעפלויגן אין טויזנטער אײַזן־שפּריצלעך, די שטראַלן האָבן זיך אויסגעלאָשן, ווי איבערגעריסענע פעדעמלעך, שטיקער סקאַפאַנדרעס, פאַרפאַרבטע מיט פאַרגליווערט בלוט, האָבן אַ טראָג געטאָן אין דער קאָסמאָס־שוואַרצקייט יענע, וואָס האָבן נאָרוואָס געהייסן סאָלדאַטן שטערן־פליִער. אַנדערע טאָרפּעדעס האָבן געזוכט זייערע קאָרבאָנעס. אָט האָט זיך איבערגעריסן נאָך איין פאָדעם, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער שיף, אָט נאָך איינער, נאָך איינער...

די שלאַכט צווישן די שטערן האָט זיך פאָרגעזעצט. בול האָט אַרויסגעוואָרפן די לעצטע טאָרפּעדע און איז אַרײַנגעשווומען אין טונעל פונעם טאָרפּעדע־אַפּאַראַט, אַבי זיך אָפּטראָגן פון דער אומקומענדיקער שיף. ס׳האָט זיך צעעפנט דער אַרויסגאַנג־ליוק, און בול האָט דערזען דעם שוואַרצן אָנדנאָיִקן קאָסמאָס, די אומבאַוועגלעכע שטערן, וואָס זײַנען שוין אַלט מיליאַרדן יאָרן, און צווישן זיי טראָגן זיך איינער קעגן אַנדערן אַנדערע שטערן, עס בליצן אויף אויפרײַסן, עס צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס שטראַלן, עס קומען אום שטערן־שיפן.

— און וואָס קומט פאָר דאָרט, אויף דער פּלאַנעטע? — מיט אָט דעם לעצטן געדאַנק אין קאָפּ איז בול אויסגעגאַנגען, זוכנדיק מיט זײַנע פאַרבלאָווטע ליפּן כאָטש איין טראָפּנדל זויערשטאָף אין זײַן סקאַפאַנדער.

צו דער פּלאַנעטע זײַנען אָנגעפלויגן צוויי יעדיִעס. איינע וועגן זיג. די צווייטע — וועגן אומקום. דאָס טרויערן נאָך די אומגעקומענע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך באָמבע־אויפרײַסן. די מילכאָמע האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער פּלאַנעטע, ווידער פאַרגאָסן זי מיט בלוט, געמאַכט כאָרעוו און פּוסט. דער קאָסמאָס־פלאָט פון די זיגער איז אָנגעפאַלן אויף דער פּלאַנעטע פון די באַזיגטע.

דער זאָאָפּאַרק

דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער אײַנפאַל, ער האָט מאַמעש אופגערירט דעם גאַנצן סענאַט. פון היספּײַלעס האָט מען אַפילע פאַרגעסן צו באַלוינען דעם פאָרטרעגער מיט אַפּלאָדיסמענטן, שוין אָפּגערעדט פון אָרדענס און מעדאַלן. ס׳הייסט, אויב מע זאָל זיך גוט אַרײַנטראַכטן, און דאָס האָט דער רעגירער פונעם לאַנד שפּעטער געטאָן, איז באַלוינען, מעגלעך, ניט געווען פאַרוואָס — דעם פאָרטרעגערס אײַנפאַל האָט אונטערגעזאָגט אַליין דאָס לעבן, אַליין די געשיכטע. מיט צענדליקער יאָרטויזנטער צוריק האָט דעם אַרײַנגאַנג אין זײַן הייל געהיט אַ האָריקער האַלבמענטש מיט אַ שטיק האָלץ אין דער מעגושעמדיקער לאַפּע זײַנער; אין הונדערטער יאָרן אַרום האָבן באַוואַכט זייערע טאָלן מענטשן מיט פעלן אויף די אַקסלען און מיט פײַלנבויגנס אין די הענט; דערנאָך האָבן די גרענעצן פון זייערע מעדינעס געהיט פּאַטרולן אויף פערד, מיט פּאַנצערס אויף די ברוסטן, מיט שפּיזן און שווערדן; גאָר שפּעטער ערשט האָבן זיך באַוויזן ביקסן, קוילנוואַרפערס, האַרמאַטן, שיפן, אַעראָפּלאַנען.

באַם אָנהייב האָט מען זיך צעטײַלט מיט דער יאַבאָשע, אייביק ניט געקאָנט אײַנטיילן זיך, אָנגעהויבן פירן מאַכלויקעסן איבערן דעמלט מיטן אויג נאָך אינגאַנצן ניט אַרומגעכאַפּטן, אָנסאָפיקן אָקעאַן. געענדיקט מיטן וואַסער־אָקעאַן, האָט מען זיך אַ

נעם געטאָן צום לופט־אָקעאַן. אים האָט מען אויך גוט צעטיילט, ארומגעשטעלט די כאַלאָקים מיט ראדארן און געווערן, אי אונטן אף דער ערד, אי פליענדיקע אויבן אונטערן הימל. די רײ איז געקומען צום קאָסמאָס. פרעמדע ספּוטניקס און קאָסמישע שיפן זײַנען נאָך דערווײַל געפלויגן פרײַ איבער פעלדער און שטעט, איבער די אעראָדראָמען און באזעס פונעם רעגירערס לאנד. דער קאָסמאָס איז נאָך געווען יעדנס, אים האָט מען נאָך ניט צעטיילט, און דאָס האָט דעם רעגירער גאָרניט געלוינט. די הענט זײַנען אים געווען פארבונדן, ער האָט די אגרעסיוויקײַט זײַנע געמוזט צוימען און האָט דעריבער מיט אַלע קויכעס געוואָלט זיך דערשלאָגן, דאָס לאנד זײַנס זאָל באקומען די אויבערהאנט. דער רעגירער האָט אַלץ אָפטער און אָפטער געטראכט וועגן קאָסמאָס, געטראכט באם אָנהייב מיט סינע: איבער אים, איבערן קאָסמאָס, איבער זײַן אומבאגרענעצטקײַט, מוז דעם רעגירערס טרוים, אז דאָס לאנד זײַנס זאָל געוועלטיקן איבער דער גאנצער פלאנעטע, בלײַבן ניט מער ווי הוילער טרוים.

איינמאָל האָט מען דעם רעגירער פארבעטן בײַצוזײַן באם אויספּרווון א נײַ געווער. בלויע שטראלן האָבן מיט זייער מעכטיקײַט א זעץ געטאָן אין א דורכזיכטיקן פילווינקלדיקן אָביעקט, צוריק אָפּגעשפּיגלט זיך פון דאָרט אָט אפן הימל, אָט אין אלע זײַטן, אָט אף דער ערד. די ערד איז צעשמאָלצן געוואָרן, געבלעזלט זיך, ווי א געדיכטע פליסיקײַט, וועלדער האָבן געברענט, וואָלקנס אפן הימל זײַנען אין איין רגע פארשווּונדן, ס'האָבן אראָפּגעטריפט דריבנע טראַפּנדלעך, נאָך אינדערלופטן אָנגעהויבן זידן און צוגעדעקט די ערד מיט א פארע־דעק. ארום און ארום האָט געשמעקט מיט אָזאָן און מיט נאָך עפּעס. דער אוילעם איז געווען באגײַסטערט.

— אָט אזוי קאָן מען מיט איין שטראל, צעשפאלטנדיק אים, אומברענגען עטלעכע צילן מיטאמאָל. אי אין דער לופט, אי אף דער ערד, אי אפן וואסער, — האָט דעם רעפעראט זײַנעם וועגן דעם אויסגעפּרווטן געווער פארענדיקט דער פאָרשטייער פון די מיליטער־אמטן.

דער רעגירער האָט אויסגעהערט דעם רעפערענט און בעשאסמײַסע באטראכט דעם דורכזיכטיקן פילווינקלדיקן אָביעקט, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די טויט־שטראלן און דערבײַ אפילע די פארב זײַנע ניט געענדערט.

— אונטער אזא־אָ שוץ־קאָלפּעק וואָלט גאָרניט געווען שלעכט אויסצובאהאלטן זיך. ווען מע דארף — טוט מען אן עפן אוף א קליין שפּעלטל אין קאָלפּעק, מע גיט דעם סוינע א גוטן קלאפּ און מע באהאלט זיך ווידער אונטערן קאָלפּעק. קיינער וועט דאָרט צו דיר ביט דערגרייכן, — האָט דער רעגירער א טראכט געטאָן און דאָס לאנד זײַנס זיך פאָרגעשטעלט אונטער אזא קאָלפּעק.

די אויספּרווון האָבן זיך געענדיקט, דער רעגירער האָט זיך אומגעקערט אין זײַן רעזידענץ און נאָך אלץ וועגן דעם געטראכט און געטראכט...

און אין דרײַ וואָכן ארום האָט מען דאָס נײַע געווער פאָרגעלייגט אין סענאט. גלײַך ווי עמעצער וואָלט געלייענט דעם רעגירערס געדאנקען. דער פאָרטרעגער — א הויכגעשטעלטער גענעראל, האָט דעם סענאט אויסגעטאָלקעוועט זײַן אײַנפאל. דער אײַנפאל איז געווען א פּראָסטער, און דער רעגירער האָט אין דער פּראָסטקײַט געזען דעם גענעראלס טאלאנט. דער גענעראל, ווידער, האָט אין דעם אײַנפאל געזען א שאנס צו העכערן דעם ראנג זײַנעם. ביידע האָבן זיך גענייטיקט איינער אין אנדערן.

— די שטראלן וועלן אײַנהילן דאָס לאנד, ווי א דעק, איבערן לאנד וועלן הענגען ספּוטניקעס מיט לאזערס און ראקעטעס און וועלן דאָס לאנד היטן און באשיצן, קיינעם נישט צולאָזן צו זיך — ניט פונעם קאָסמאָס, ניט פון די יאמען און ניט פון דער יאבאָשע. זיי וועלן היטן אונדזער לאנד, ווי א הונט אף דער קייט היט זײַן באלעבאָס' הויף. זיי וועלן הערן, וועלן זען, וועלן פילן, וועלן נאָכשפּירן, וועלן אָנעמען באשלוסן, וועלן באשיצן און וועלן אָנפאלן. די מינדסטע באומרויִקונג, דער קלענסטער פארדאכט — און פון די ספּוטניקעס הייבן זיך אָן שיטן ראקעטעס און טויט־שטראלן, מאכן אלצדינג ארום כאָרעוו. מיר וועלן פאר גאָרנישט ניט דארפן מוירע האָבן, אונדזער שוץ־דעק איז א פעסטע און א זיכערע, — האָט דער גענעראל פארענדיקט זײַן פאָרטראָג.

דער רעגירער איז געווען פול מיט היספּײַלעס.

עס זײַנען אוועק יאָרן... געזאָגט — און געטאָן. דאָס לאנד האָט זיך אונטערגעריסן, דער קאָסמישער קאָלפּעק האָט אָפּגעקאָסט אויצרעס. דאָס לאנד איז ווי פארשווּונדן געוואָרן פון דער פלאנעטע. שיפן מיט באנאנעס און מאראנצן זײַנען ניט ארײַנגעשווּומען אין דעם לאנדס וואסערן און פאָרטן, אעראָפּלאנען זײַנען ניט צוגעפלויגן צו זײַנע לופט־רוימען און ניט געלאנדעט אף זײַנע אעראָדראָמען, קאָסמישע שיפן האָבן אויסגעמיטן דעם לאנדס „קאָסמאָס".

ס'איז איבערגעגאנגען א צײַט; דאָס לעבן אף דער פלאנעטע האָט זיך געענדערט. בלויז זיי, די אומזיניקע אקשאָנים, האָבן זייער זאך פאָרגעזעצט, אלץ טיפער און טיפער באהאלטן דאָס לאנד זייערס אונטער די שטראלן.

די פלאנעטע האָט מיט דער צײַט זיך פאראייניקט אין א בונד פון אלגעמיינער פרײַנטשאפט און מיטארבעט, זיך געפרייט און זיך אנטוויקלט.

אינטערפלאנעטארישער טוריזם איז אוועק מיט גאָר גיכע טעמפּן, דער אינטערעס צו פרעמדע פלאנעטעס און צו זייער לעבן איז געוואקסן, טו־

ריסטישע קאָסמאָס־שיפֿן זײַנען געפֿלויגן אהין און צוריק, געפֿירט נײַגעריקע און וויסנדאָרשטיקע אין קאָלערליי ווינקעלעך פֿון דער אַלוועלט.

אַף אונדזער פּלאַנעטע איז מען געקומען צו־גאַסט אָפֿטער ווי אַף אַנדערע פּלאַנעטעס. בלויז דאָ האָט מען געקאָנט דערזען דאָס ווינקל פֿון בעריישיסדיקע נאַטור־שיינקייטן און בעריישיסדיקער כאָכמע. דאָס לאַנד אונטערן קאָלפּעק האָבן די אײַנוווינער פֿון דער פּלאַנעטע אָנגערופֿן מיט א געלעכטערל — „דער זאַאָפּאַרק".

דער קאָמעטעס הארץ

דאָס ווײַפֿלטע מאָל שוין טראָגט זיך די קאָמעטע אַנטקעגן דער ערד. באַמערקט האָט מען זי שוין גאָר פֿון לאַנג, צוגעשריבן איר קאָלערליי אומגעלומפּערטקייטן: א שאָליעך פֿון דעם אייבערשטן; זי זאָגט פֿאָר מילכאָמעס און קאַטאַסטראָפֿעס. נאָענט צו דער ערד האָט די קאָמעטע אַראָפּגעיאָוועט זיך זעלטן — איין מאָל אין אַריבער זיבעציק יאָר. געלערנטע האָבן אייבער דעם אַנדערן איבערגעגעבן זייערע אויספֿאָרשונגען, נאָר פֿאַרשטיין ווי עס דאַרף צו זײַן, פֿונוואַנען זי שטאַמט און וווּהין זי קערט זיך, האָט קיינער ניט געקאָנט. עס זײַנען איר אַנטקעגן געפֿלויגן אוטאָמאַטן, נאָכגעקוקט איר, געפֿלויגן פֿאַרבײַ איר, נאָר ס'איז געווען ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, עס האָט זיך געוואָלט א טאָפּ טאָן, ווי מע זאָגט, די קאָמעטע מיט די פֿינגער. מ'האָט לאַנג ניט געקאָנט זיך צורירן צו איר, אַרײַנדרינגען אינווייניק אין באַריער, וואָס איז געפֿלויגן פֿון פֿאָרנט, א באַריער א שוואַכלעכער, נאָר פֿונדעסטוועגן א באַריער. גאָר לאַנג האָבן עס די ערד־טוישווים ניט געקענט טאָן. באַם אָנהייב — באַשיידן, אין קאָסמאָס, ניט ווײַט פֿון דער ערד, דערנאָך — וואָס א מאָל העכער, ווײַטער, בײַ דער לעוואָנע, דערנאָך — נאָך ווײַטער און ווײַטער זײַנען געפֿלויגן שעליכעס פֿון דער ערד, אַלץ פֿאַרברייטערט דאָס אָוועקשפּאַנען אין דער אַלוועלט. נאָר די קאָמעטע האָט זיך אָט דערנעענטערט צו דער ערד, אָט צוריק זיך דערווײַטערט, אָוועקטראָגנדיק אין די קאָסמאָס־טיפֿענישן די סוידעסדיקייט אירע. די פּלאַנעטע האָט געוואַרט אַף א נײַער באַגעגעניש מיט דער קאָמעטע, מענטשן האָבן אַף דעם אַרויסגעקוקט, זיך געגרייט דערצו. א מעכטיקע ראַקעטע האָט זיך א ריס געטאָן אין קאָסמאָס, אָוועקגעטראָגן מיט זיך אַהין יענע, וואָס האָבן געוואָלט צורירן זיך צום סאָד פֿון אַלע סוידעס — צום הארץ פֿון דער קאָמעטע. די עקספּעדיציע איז געווען פֿאַרטראַכט ביז אין די סאַמע מינדסקייטן: צווישן דער גרופּע שיפֿן איז געפֿלויגן א „פּראָמעטיי", וואָס האָט אין זיך געטראָגן דאָס טײַערסטע, וואָס די ערד האָט פֿאַר איר גאַנצער צײַט געשאַפֿן — די מענטשן. בײַ דער זײַט — אויך פּונקט אַזאַ שיף: אויב עס וועט זיך עפּעס טרעפֿן



מיט דער הויפּט־שיף, זאָל מען פֿון איר קאָנען איבערגיין אין דער צווייטער שיף און אומקערן זיך אַף דער ערד. פֿאָרנט זײַנען געפֿלויגן דרײַ אויסשפּיר־אוטאָמאַטן — די אויגן און די אויערן פֿון דער עקספּעדיציע. דער כעזשבן איז געווען א פּאָשעטער: דער שיפֿן־עסקאָרט דאַרף זיך דערנעענטערן צו דער קאָמעטע הינטנאַרומער, אַזוי וועט די סאַקאָנע זײַן קלענער, איידער אָנגיאָגן זי פֿון פֿאָרנט. דאָס בילד פֿון דער זיך טראָגנדיקער קאָמעטע איז געווען א פּכאָדימדיקס: א ריזיקע האַרמאַטן־קויל, אויסגעשאָסן פֿון א ניט־באַוווּסט געווער אין דער שוואַרצער טיף פֿונעם רוים, פֿאָרנט — א באַריער פֿון ענערגיע־טיילכלעך, באַשײַנט פֿונדערווײַטנס דורך אונדזער לײַכט־זײַל. ס'האָט זיך געדאַכט, דער דאָזיקער באַריער וועט אונדז צעשמעטערן, צעוואַרפֿן אין רוים, דערטרינקען אין די טיפֿענישן פֿונעם אָנדנאָיִקן קאָסמאָס, וועט אונדז פֿאַרגיסן און דערשטיקן. נאָר מיר האָבן זיך אַקשאָנעסדיק געטראָגן אַנטקעגן דער קאָמעטע. מיר האָבן געדאַרפֿט דערגיין די סוידעס אירע...

מיר האָבן זיך געיאָגט נאָך איר און איצטער קלאָר געזען דאָס הארץ אירס — א שוואַרצער קײַלעך, אַרומגעלויכטן מיט אַן אָרעאָל פֿון העלבליצנדיקע טיילכלעך, האָט דאָס בילד פֿאַר אונדזערע אויגן געמאַכט נאָך סוידעסדיקער. דער

שוואַרצער קײַלעך האָט אונדז געצויגן צו זיך, ווי אַ מאַגנעט ציט צו זיך צו אַ פּיצל אײַזנדל. דאָס יאָגן זיך אונדזערס האָט זיך געצויגן לאַנג, די אוטאָמאַטן, וואָס האָבן אונדז געוויזן דעם וועג, האָבן פֿאַר זיך קיין סאַקאָנע ניט געזען, אונדז דערלויבט פֿליִען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. דער שוואַרצער קײַלעך פֿאַר אונדזערע אויגן איז וואָס אַ מאָל גרעסער געוואָרן. אונדזערע זאָנדן האָבן זיך אַ צי געטאָן צום צענטער פֿונעם קײַלעך און זײַנען נעלעם געוואָרן אין זײַן שוואַרצקײַט. נאָר סיגנאַלן זייערע האָבן אונדז צו וויסן געגעבן, אַז קיין סאַקאָנע איז דאָרט נישטאָ. אין האַרץ פֿונעם קײַלעך איז פֿאַראַן אַ האַרטער פֿעסטער שטעך, אויף וועלכן די שיף אונדזערע קאָן גוט לאַנדן. די אַלע אַפּעראַציעס האָבן אונדז דערמאָנט אַן אַלטע געשיכטע, ווען די מענטשן האָבן זיך געמאַכט אַ וועג צו דער לעוואָנע. אונדזער שיף האָט זיך אַ צי געטאָן אַראָפּ, זיך אײַנגעטונקען אין דער שוואַרצער אַטמאָספֿער־מאַסע און געהיט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער. אַרום אונדזער שיף האָבן זיך געדרייט ברוינע געדיכטע פֿליטערלעך, און מער גאָרנישט ניט. „אַ כמורנער שניי" האָבן מיר דאָס אָנגערופֿן. דער שיף־לאָקאַטאָר האָט אין דער פֿינצטערניש דערטאַפּט אַ האַרטן אויבערפֿלאַך, און מיר האָבן זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט. אײַז, שטיין, זאַמד און אַש — אָט פֿון וואָס ס'איז באַשטאַנען דער קאָמעטעס „ערד". די קאָסמאָנאווטן האָבן זיך איבערגעקוקט און פֿון כידעש אַזש פֿאַרהילצערט געוואָרן... אויף ניט קיין גרויס בערגל איז געשטאַנען אַ סלופּ, און אויפֿן סלופּ, מיט אַלטע פֿאַרצײַטיקע אויסיִעס, אַן אויפֿשריפֿט: „דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען מיט וואָרעניש אײַך שיקן: סייכל־האַיאָשער און גוטסקײַט. גראָד איצט, ווען אין די הענט אײַערע געפֿינען זיך קאָלאָסאַלע ענערגיע און ריזיקער רוים, זײַט סייכלדיק און צעשטערט ניט די האַרמאָניע פֿון דער אַלוועלט. דאָס אַש, וואָס דרייט זיך אַרום אײַך, און די שפּליטערס פֿון דער פּלאַנעטע, וואָס האָט אַמאָל דעם סייכל־האַיאָשער געבוירן און איז ניט געווען קיין באַלעבאָס איבער אים — דאַרף זײַן פֿאַר אײַך אַ גוטער בײַשפּיל".

דעם סלופּ מיט דער אויפֿשריפֿט האָט מען אַראָפּגענומען, צונויפֿגעזאַמלט אַ ביסל אַש און זיך אומגעקערט אַהיים, צו דער אייגענער פּלאַנעטע.

...אין צען יאָר אַרום האָט זיך אַ שיף פֿון די ערד־טוישווים אַ הייב געטאָן צו דער שכיינעסדיקער גאַלאַקטיק. אַ ריזיקע שיף. די גאַנצע פּלאַנעטע האָט זי אויסגעבויט. אין איר עקיפּאַזש זײַנען געווען פֿאָרשטייער פֿון אַלע לענדער און אַלע פֿעלקער.

מ'איז געפֿלויגן אַהין, וווּהין דער סלופּ פֿון דער קאָמעטע האָט אָנגעוויזן. די ערד־טוישווים האָבן געהאָפֿט צו געפֿינען די שעפֿער פֿון דער אויפֿשריפֿט אויפֿן סלופּ.

מאַטעמאַטיק

באַלד נאָך אַן עקספּעדיציע האָט דער ראַט, וואָס פֿאַראַלגעמיינערט די אויסערפּלאַנעטאַרישע אינפֿאָרמאַציעס, אָפּגעהאַלטן זײַנע זיצונגען גאָר לאַנג און גאָר ערנסט. גאַנצע הויפֿנס באַריכטן, ידיעס, ספּראַווקעס, באַזונדערע מיינונגען, פֿאַקטאָס, קאַסעטעס, סיכסוכים, ניט־פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגעס און ניט־געלייזטע פּראָבלעמען — פֿון די הויפֿנס זײַנען געוואָרן בערג, ניט נאָר אויפֿפּלאָנטערן און באַזיניקן, בלויז אַ קוק טאָן אויף זיי איז געווען שרעקלעך.

דער צענטער פֿון לאָגישן באַזיניקן איז געוואַקסן, ווי אויף הייוון, אי אין דער הייך, אי אין דער ברייט. מאַשינען האָבן באַאַרבעט אינפֿאָרמאַציעס, מאַשינען האָבן קאָנטראָלירט די מאַשינען, מאַשינען האָבן מאַשינען באַדינט, רעמאָנטירט; ראָבאָטן — טאַקעלאַזשניקעס, דרוקער, קאָרעקטאָרן, דענקער... און מאַשינען, פֿאַרשטייט זיך, וואָס האָבן אויף דער גאַנצער אַרבעט אַכטונג געגעבן און געהאַלטן אָרדענונג. זיי האָט מען אײַנגעפֿירט נאָך דעם, ווי אַ ראָבאָט האָט איבערגעפּלאָנטערט די קעמערלעך אין דער שוץ־קאַמער ערעוו אַן עקספּעדיציע צו דער פּלאַנעטע אַלפֿאַ, און אויפֿן אָרט

פון די ווילדע און שמייכלענדיקע אַלפא־טוישווים האָבן די קאָסמאָס־אויסשפּירער באַגעגנט קריגערישע מאָנסטערס, ענלעכע אַף העלפאַנדן, מיט האַרמאַטן אָנשטאָט נעז, לאָקאַטאָרס אָנשטאָט אויערן, קוילנוואַרפערס אָנשטאָט עקן, לאַזער־אַפּאַראַטן אויפן אָרט פון אויגן.

אָן א שיר מאַשינען האָבן געטראַכט, אַנאַליזירט, געדרוקט און איבערגעדרוקט, אָנגעצייכנט אַף בויגנס, באַוויזן אַף עקראַנען — אַלץ האָט זיך באַוועגט. דער אינפאָרמאַציע־שטראָם איז שמעלער געוואָרן, זײַטלעך זײַנען געבליבן אַלץ ווייניקער און ווייניקער... און אָט ליגן אויפן פאָרזיצערס טיש א דרײַ־פיר בלעטלעך מיט טרוקענע אויספירן וועגן דער פּלאַנעטעס צילן, וועגן אירע מיליאַרדן יאָרן לעבן, וועגן דער לאַנגער אַנטוויקלונג פון איר ציוויליזאַציע: א פּלאַנעטע אָן ערשטקלאַסיקע, די מאַסע אירע, דער דיאַמעטער, די צווישנבאַציִונגען פון דער יאַבאָשע מיט דער וואַסער, א קורצע כאַראַקטעריסטיק פון איר באַפעלקערונג, די סאָציִאַלע אָרדענונג, דער ניוואָ פון באַנוצן ענערגיע, די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג־טענדענץ, די מאָס פון איר אַגרעסיוויקייט — אָט איז דער גאַנצער פּאָרטרעט אירער.

— גוט, וואָס גוט הייסט! אויסגעצייכנט! — האָט דער פאָרזיצער דורכגענומען מיטן בליק זײַנעם דאָס בילד פון דער פּלאַנעטע און פון די דאָזיקע פּאָר מאָגערע בלעטלעך געוואָלט דערגיין דער וועלטס לײַדנשאַפטן און שטרעבונגען. פאַרבן און רייכעס, יאַמען און בערג, אומגליקן און גליקן — געשיקט זיך, אַז קעדיי צו פאַרשטיין דאָס אַלצדינג, מוז מען שלעפּן אַהער פון דאָרט קאָלערליי פּוסטע קלייניקייטן: טשערעפּלעך, איבערגעפוילטע שטיקלעך האָלץ, טשוועקעס פאַרזשאַווערטע.

— זוכט דאָס, וואָס קאָן אונדז באַלד זאָגן, אַף וואָס פאַר א וועג די פּלאַנעטע גייט, וועלכער איז דער גראַד פון איר אַנטוויקלען זיך. נישטאָ וואָס אַרומצושלעפּן זיך כאַדאָשימווײַז אין בלאָטעס און אין וועלדער, אומקומען אונטער קאַפּיטעס. מע דאַרף זיך ניט נאָכיאָגן נאָך די אָרטיקע און אַרויסקריגן בײַ זיי דאָס, וואָס זיי אַליין ווייסן ניט, אָדער האָבן עס שוין לאַנג פאַרגעסן. אין די צונויפגעזאַמלטע אינפאָרמאַציעס טראָגט איר בעמיילע אַרײַן אײַערע אייגענע אויסטראַכטענישן און פאַרקריפּלט דאָס עמעסע בילד פון זייער וועלט, — האָט דער פאָרזיצער געגעבן אינסטרוקציעס די קאָמאַנדירן פון די אויסשפּיר־שיפן.

פאָל האָט דעם פאַרזיצער אויסגעהערט און דערנאָך ערשט, אַף דער שיף זײַנער, זיך צעלאָזט:

— וואָס זוכן און ווו זוכן? מע וואָלט זיי געדאַרפט אַרײַנברענגען אין קאַבינעט אַן אָרטיקן און זאָלן זיי אַליין מיט אים שמועסן. ס׳וואָלט גאָרניט געווען שלעכט, ווען דער אָרטיקער פאַרמאָגט לאַנגע נעגל, שאַרפע ציין און א בויך א גרויסן. אַבי דירעקטיוון קאָנען זיי געבן. קאַבינעט־כאַכאָמים. פאַריסענע נעז. פאַרוואָס האָט מען דאָס ניט אויסגעפאָרשט? פאַרוואָס יענץ ניט? מ׳האָט דאָס געדאַרפט טאָן, יענץ געדאַרפט טאָן. אַן אַרמיי א גאַנצע מיט געלערנטע, מיט מאַשינען. די אויגן אונדזערע און די אויערן אונדזערע. דער מויעך און דער פּראָגרעס פון דער פּלאַנעטע. מע וואָלט אײַך אַליין געדאַרפט אַרײַנשיקן אין דער פּלאַמפײַערדיקייט, אונטער די הייסע הוראַגאַנען, אַהין, ווו עס רעגנט מיט שטיינער, ווו עס פליִען פאַרכאַמטע פײַלן, ווו עס רײַסן זיך אויף אַטאָם־באָמבעס, ווו פּיסקעס פון מאָנסטערס צעפליקן אַף דיר דעם סקאַפאַנדער, ווי פּאַפּיר... — מערער ווערטער האָבן פאָלן ניט געקלעקט, כאָטש געטאָגן אין זיך האָט ער אָן א שיר אַזעלכע נאָך ניט־אויסגענוצטע אויסדרוקן.

אַראָפּגעזעצט זיך האָט די שיף אין א מידבער, אופגעהויבן אַרום זיך ריזיקע וואָלקנס שטויב און זאַמד. באַרויִקנדיק זיך, האָבן די זאַמד־בערג צוריק אָפּגעלייגט זיך אַף דער אויבערפלאַך פון דער פּלאַנעטע און אין זאַמד זײַנען קרום־אויגיקע יאַשטשערקעס אומגעקראָכן אַף זייערע אָנגעבלאָזענע שלאַנגען־העלדזער. מאַכנעסווײַז האָבן די יאַשטשערקעס אַראָפּגעלאָזט זיך פון דער הייך, פון די איבערגעלאָזטע שפּורן הינטער זיי האָבן א שפּריץ געטאָן זאַמד־פאָנטאַנען. די שטערן־פליִער האָבן פאַרקישעפט געקוקט אויפן דאָזיקן רעגן פון יאַשטשערקעס. נאָר אָט איז די לעצטע יאַשטשערקע פאַרשוווּנדן אין זאַמד און אַרום איז געוואָרן שטיל און פּוסט. דאָס מאַרעשכוירעדיקע בילד האָט די דרייסטע מענטשן ניט געשראָקן. די הייך — א קליינער אומגליק, קיין וואַסער נישטאָ — ס׳איז אַף איבערצוטראָגן, שווער צו שפּאַנען אין זאַמד — דאָס איז אויך ניט מעסוקן. דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן די דעזאַנטלער־אויסשפּירער:

— זוכט נאָר דאָס, וואָס עס וועט אונדז באַלד וועגן אַלעמען דערציילן. יאָגט אײַך ניט נאָך גרילן און שמעטערלינגען. לויפט ניט נאָך אין די גאַסן די מאַשינען און אין הימל די אוויִאָנען. ווייסט, אַז איר זײַט די אויגן און די אויערן, די קלוגשאַפט פון אונדזער פּלאַנעטע.

דער קאָמאַנדיר איז געווען גוט געשטימט, ער האָט קימאַט אינגאַנצן איבערגעכאַזער׳ט דעם פאָרזיצערס דראָשע.

די אויסשפּירער זײַנען זיך צעפלויגן אין אַלע זײַטן און גענומען זיך צו דער אַרבעט. עס זײַנען אַוועק א פּאָר שאָ, און פון אַלע עקן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן שיטן טרעוואָגע־סיגנאַלן.

— צוריק. באַלד צוריק! — האָט פאָל באַוויזן א קאָמאַנדעווע צו טאָן. — קערט זיך אום צו דער באַזע. כ׳דערלויב דאָס אײַך. צו אַלדי רוכעס...

אַלע האָבן זיך אומגעקערט, נאָר אַן אויסזען איז בײַ זיי געווען, גלײַך ס׳וואָלטן זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט בייזע הינט; די סקאַפאַנדערס — קוי־

טיקע, דאָ און דאָרט צעריסענע, די ערראָפּלאַנען — מיט צעלעכערטע פליגל, די אומעטומגייער — צעבויגענע פון די סנאַריאַד־אופּרײַסן...

איין מאַקס האָט געפעלט. דער גאַנצער אוילעם האָט אַנגעשטרענגט אײַנגעקוקט זיך אין האָריזאָנט. ענדלעך, האָט זיך אַפן האָריזאָנט באַוויזן אַ קליין הערביקל אַף אַ זאַמד־סלופּיקל. דאָס פּינטעלע איז זיך וואָס אַ מאָל צעוואַקסן, און מ'האָט באַלד דערזען, אַז ס'איז ער, מאַקס. דאָס פּאַנעם זײַנס איז געווען רויט־פאַרפּלאַמט, די אויגן — אַרויסגעשטאַרצט, פונעם מויל האָט ער די גאַנצע צײַט רעכטס און לינקס אויסגעשפּיגן שטיקער צונויפגעקלעפּטע ערד. ווי שטיינער זײַנען די שטיקער אַרײַנגעפאַלן אין זאַמד, געמאַכט דאָרט טיפע גריבלעך, ענלעכע צו לעוואָנע־קראַטערס.

— אַט האָב איך געבראַכט, שעף, — האָט מאַקס אַ וואָרף געטאָן צום קאָמאַנדירס פיס אַ שווער קעסטל.

דאָס שטאָלענע קעסטל האָט זיך קימאַט אַף אַ העלפט אײַנגעגראָבן אין זאַמד.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — איז פאַל אָפּגעשפּרונגען פונעם קעסטל.

— אַ קאַסע, קאָמאַנדיר. כ'האָב זי קוים באַוויזן אַרויסצושלעפּן פון ערגעץ אַ הויז. שטאַרק אַ באַוואַכט הויז. די שאָמרים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַף מיר, ווי אומזיניקע, אויסגעשאָסן, שיר ניט צעריסן מיך, כ'האָב זיך פון זיי קוים־קוים אַרויסגעראַטעוועט. ס'קער מיסטאָם זײַן אַ באַנק, די קאַסע איז אַפּאַנעם פול מיט געלט.

מ'האָט די קאַסע באַטראַכט, זי געדרייט אין אַלע זײַטן. אַף איין וואַנטל האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ מעשן שילדל מיט אַן אויפשריפט: „פונדאַמענטאַלע מאַטעמאַטישע אויספאָרשונגען".

— דאָס דאַרפן מיר, אַט דאָס האָט געזוכט דער פּאַרזיצער! — האָט פאַל אַ געשריי געטאָן. — בראַוואָ, מאַקס, דו האָסט טאָמיד געטײַט מיט אַ פינגער אַהין ווו מע דאַרף. אויסגעצייכנט, מאַקס!

אין דער צײַט, ווען מ'האָט די קאַסע אַרײַנגעשלעפּט אין דער שיף און מאַקסן געקלאַפּט אין דער פּלייצע, האָט דער האָריזאָנט אין מידבער עפּעס פאַרדעכטיק אַ באַוועג געטאָן זיך. די אָפּטיק־אַפּאַראַטן האָבן דעם איניען באַלד אויפגעקלערט: צו דער שיף האָבן זיך פונדערווײַטנס גערוקט שטאָלענע מאַכינעס, ענלעכע אַף שאַפּעס מיט טראַקטאָר־רויפּן.

— ס'וואָלט גאָרניט געווען שלעכט צו וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס. נאָר ס'איז פּאַשעט ניטאָ ווען. דאָס, וואָס מיר האָבן געדאַרפט, האָבן מיר שוין, מע זאָל עס באַ אונדז נאָר ניט צוריק אָפּנעמען. סטאַרט! — האָט פאַל אַ יעכץ געטאָן.

די שיף האָט זיך אַ הייב געטאָן אין אַ פרעמדן הימל. די שטאָלענע שאַפּעס האָבן צעפּענט זייערע שטאָלענע פּיסקעס און אָנגעהויבן שפּריצן מיט פלאַם־פײַערן. נאָר ס'איז שוין געווען שפּעט. די שיף האָט זיך שוין באַהאַלטן אין די שוואַרצע וואָלקנס.

דער פּאַרזיצער איז געווען גאָר צופרידן. די פאַרשריבענע בויגנס, וואָס מ'האָט אַרויסגענומען פון דער שטאָלענער קאַסע, האָט מען אַרײַנגעלייגט אין קאָמפּיוטערס. ס'האָט ניט קיין סך געדויערט, און פון די עלעקטראָנישע מויכעס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אינפאָרמאַציעס.

די מאַטעמאַטישע דערגרייכונגען, וואָס זײַנען געווען באַהאַלטן אין דער קאַסע, האָבן אין אַ שטרענגער און לאַקאָנישער פאָרם פאָרגעשטעלט מיט זיך אויסרעכענונגען פון אַטאָם־באָמבעס, שלאַכט־ראַקעטעס און ערראָפּלאַנען, שיפן טאַנקען, אונטערוואַסער־שיפלעך און אַנדער געווער, מילכאָמע־סטראַטעגיע און מילכאָמע־טאַקטיק, אויסרעכענונגען אויך פון קאָסמישן וואָפן. אויסרעכענונגען גאָר פּינקטלעכע. יענע פּלאַנעטע איז טעכניש געווען גאָר אַנטוויקלט.

— שרײַבט זי אַרײַן אין קלאַס פון אַגרעסיווע פּלאַנעטעס! — האָט דער פּאַרזיצער באַפוילן.

...און עקספּעדיציע אין די שטערן ק.פ.־2000 האָט אויך געבראַכט אינפאָרמאַציעס. די אינפאָרמאַציעס האָבן איבערגעגעבן אַליין די פּלאַנעטאַריער. אַפן עקראַן אין גרויסן זאַל פונעם ראַט האָבן זיך באַוויזן שיינע שטעט, ווונדערלעכע מאָלערײַ־לײַוונטן, סקולפּטורן, אומעטום פריידיקע גליקלעכע פּענעמער. ווי אַ הויכע דערגרייכונג פון פּאָלקס־טאַלאַנט און מײַסטערשאַפט — אַ סקולפּטור פון אַ פּלאַנעטאַריער פרוי. אַ פאַרקישעפּטער האָט דער אוילעם געזען אין אירע טיפע אויגן די ווײַטקײַטן פונעם ווילן קאָסמאָס, פרעמדע, נאָר גליקלעכע וועלטן, געזען דאָרט אייביקע גוטסקײַט.

אַנעם פּאַרזיצערס באַפעל איז געווען קלאָר, אין וואָס פאַר אַ קלאַס מע דאַרף די דאָזיקע פּלאַנעטע אַרײַנשרײַבן.

— ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס פאַר אַ מאַטעמאַטיק זיי פאַרמאָגן, — האָט אַף אַ קאָל אַ טראַכט געטאָן דער פּאַרזיצער.

דעם פּרעזידענטס גײַסט

דאָס איז געווען זייער א קריגערישער פּרעזידענט. אין דער צײַט פון זײַן רעגירן האָט מען אויסגעאַרבעט ראַקעטעס און אַוויִאָנען, וואָס האָבן געקענט אָנפליִען אַזוי גיך און אַזוי נידעריק, אַז זייער אַרויסיאַווען זיך איז געווען אי אינגאַנצן אומדערוואַרט, אי פול מיט שרעק. דאָס האָט ער, דער פּרעזידענט, געמאָנט בא דער אַרמיי און בא דער אינדוסטריע זײַנער: ראַקעטעס און אַעראָפּלאַנען — וואָס נידעריקער, ספּוטניקעס — וואָס העכער, שיפלעך — טיפער אונטערן וואַסער, מענטשן — טיף אין דער ערד. דאָס האָט ער באַשטעטיקט די פּראָיעקטן פון מיליטערישע באַזעס אין קאָסמאָס און אויף דער לעוואָנע. די וועלט האָט געלעבט ניט רויִק. דער פּרעזידענט איז געווען צופרידן — געלט האָט געראונען אין זײַן לאַנד, ווי פון א קוואַל. אין דער מיטאַרבעט מיט דער ווילדער כײַע האָבן א סך געזען א גאַראַנטיע פאַר זייער זיכערקײַט. די לעקציעס, וואָס מ׳האָט באַקומען פון דער געשיכטע, זײַנען אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

די צײַט איז געגאַנגען; דער פּרעזידענט איז אַלט געוואָרן; ס׳האָט זיך אין אים באַוויזן א נײַע לײַדנשאַפט — לייענען א סך ביכער. צײַטונגען האָבן געשריבן, אַז ער איז דער סאַמע לייענדיקסטער פּרעזידענט. ס׳האָט דערמיט שטאָלצירט, ס׳הייסט, ס׳האָט דערמיט געדאַרפט שטאָלצירן דאָס גאַנצע לאַנד — דאָס לאַנד פון רײַכער אינדוסטריע און אויפבלי. דער פּרעזידענט האָט זיך אָפט אָפּגעזונדערט אין דער ביבליאָטעק פונעם געלן הויז — פון דער רעזידענץ זײַנער. שאָענווײַז איז ער געזעסן אין א טיפן לעדערנעם פאָטעל. קיינער האָט אין אָט דער צײַט ניט געוואַגט אים צו באַומרויִקן, ס׳איז געווען א הייליקע צײַט — דער פּרעזידענט האָט דערלערנט די וועלט דורך ביכער און פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען. א סך נאָענטע זײַנע האָבן געוואָלט דערגיין, וואָס אַזוינס לייענט דער פּרעזידענט, מיט וואָס פאַר א סוידעסדיקע מאַכשאָוועס און שטרעבונגען דער מויעך זײַנער איז פאַרטאָן, נאָר דאָס איז זיי ניט געלונגען. דער ביבליאָטעקער האָט וווּיל צוגענומען די כאַבאַרלעך, האָט געמאַכט א טיפזיניקע מינע, פאַרהויבן די אויגן צום הימל, און... די נײַגעריקע זײַנען אַוועק פול מיט היספּײַלעס פון זייער פּרעזידענטס פילזײַטיקן אינטעלעקט...

דער ביבליאָטעקער האָט ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל אָפּגעווישט דעם שטויב אויף די ניט אָנגערירטע ביכער און איז נאָך דער אַרבעט געלאָפן אַרײַנלייגן אין באַנק די „מאַטאָנעס” פון די פאַרגלייבטע מיניסטאָרן. ער האָט דרײַ מאָל אין טאָג טפילע געטאָן צו גאָט, ער זאָל דעם פּרעזידענטס



לעבן פאַרלענגערן. דער ביבליאָטעקער האָט דעם פּרעזידענט זייער ליב באַקומען.

איינמאָל האָט דער ביבליאָטעקער פּלוצעם דערזען, ווי אויפן שטויב פון איינעם א בוך זײַנען אָפּגעשטעמפּלט דעם פּרעזידענטס פינגער. אָן אויפגערידטער, האָט ער דעם בוך צעעפנט. ער האָט דערזען פאַר זיך געשיכטעס וועגן טעמפּלען, וועגן דענקמעלער צאַרן און קייסאָרים, פאַראַאָנען און כאַנען. זײַטלעך, ווו עס ווערן באַשריבן געהויבענע סטאַטועס, באַרעליעפן, קאָלאָנעס, זײַנען אויף די ראַנדן געווען פאַרצייכנט מיטן פּרעזידענטס באַמערקונגען. דער ביבליאָטעקער האָט פאַרשטאַנען... דער פּרעזידענט זוכט, קלײַבט זיך אויס א דענקמאָל, וואָס די דאַנקבאַרע נאָכפאָלגער זײַנע וועלן אים דאַרפן שטעלן. דער גאָר ניט נאַרישער בוךהיטער האָט געפאָרשט די באַמערקונגען, זיי סיסטעמאַטיזירט, אַרײַנגעטראַכט זיך אין זיי, זיי אַנאַליזירט, און בעשום־אויפן ניט געקאָנט טרעפן דעם פּרעזידענטס סוידעסדיקע געדאַנקען, ניט געקאָנט דערגיין, וואָס פאַר א דענקמאָל דער פּרעזידענט האָט זיך אויסגעקליבן. דער ביבליאָטעקער האָט זיך געייצעט מיט מאַטעמאַטיקער. רעכן־מאַשינען האָבן דערנאָך לאַנג זיך געפּלאָגט איבער די שטויב־שפּורן פונעם פּרעזידענטס פינגער און סאָפּקאָלסאָף אַרויסבאַקומען א רעזולטאַט — דער פּרעזידענט האָט זיך אויסגעקליבן א הייכל, ווי דער אַלטער הייכל פון א פאַרצײַטיקן זעלבסטהערשער. צו יענעם הייכל האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מאָלער, בויער, אינזשעניערן, געמאָסטן, גערעכנט, געצייכנט, פאָטאָגראַפירט. און האָבן... ניט געטראָפן. אין דער צוואָע זײַנער האָט דער אַלטער פּרעזידענט געבעטן דעם נײַעם פּרעזידענט, ער זאָל זײַן אַש אַרויסלאָזן אויף דער אָרביטע און דער כּפּוטניק מיט דער אַש־אורנע זאָל זיך די גאַנצע צײַט דרייען

איבער זײַן לאַנד, קעדיי דער פּרעזידענט, ריכטיקער — דעם פּרעזידענטס גײַכט, זאָל אייביק בלײַבן מיט זײַן פֿאָלק. די צײַטונגען האָבן געראשט אי מיטן אַלטן פּרעזידענטס צוואָע, אי מיטן נײַעם פּרעזידענטס צוזאָגן, אַז ער וועט דעם אַלטן פּרעזידענטס באַקאָשע אויספֿילן.

שיינשרײַבעריש און מעליצעדיק האָט אויסגעזען דעם נײַעם פּרעזידענטס שווּע. ער איז געווען אַ מענטש אַ דרייסטער און געוואגטער. דעם אַלטן פּרעזידענטס צוואָע האָט ער באַלד באַשלאָסן אויסצופֿילן.

— דאָס וועט פּאַרפּעסטיקן דעם צוטרוי צו מיר און וועט דעם אוילעם דערווײַטערן פֿונעם אַלטן פּרעזידענט. הער נאַר, וואָס אַן אכזער און טיפּעש קאָן צוטראַכטן, — האָט שטיל, פֿאַר זיך, דער נײַער פּרעזידענט געטראַכט.

אַ שוואַרצע טרויער־ראַקעטע איז געשטאַנען אויף דער סטאַרט־פּלאַטפֿאָרמע, וואָס איז אויך געווען אָפּגעפאַרבט מיט שוואַרצער געדיכטער פאַרב. אונטער אַ שוואַרצן קאָלפּעק, אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון דער ראַקעטע, איז געלעגן די שוואַרצע אורנע מיטן פּרעזידענטס אַש. לעבן איר — אַ פּלאַטינפּליטע, וווּ עס זײַנען געווען פֿאַרשריבן דעם פּרעזידענטס אַלע מײַסים־טויווים. יעדער וועט שטענדיק דאַרפֿן וויסן, ווי דערהויבן ס׳איז געווען דאָס לאַנד אין דער צײַט פֿון זײַן רעגירן, ווי קרעפֿטיק ס׳איז געווען די קריגערישקײַט זײַנע.

— אַלצדינג איז גרייט? — האָט אַ פֿרעג געטאָן דער נײַער פּרעזידענט.

— גרייט, — האָט קורץ געענטפֿערט דער קאָסמאָס־מיניסטער.

— הייבט אָן — האָט דער פּרעזידענט באַפֿוילן...

— מע דאַרף נאָך אַ פֿינף מינוט איבערוואַרטן, — האָט דער מיניסטער דערקלערט. — מיר האָבן די פּינקטלעכע צײַט פֿונעם סטאַרט געהאַלטן בעסאָד. דער אַלטער פּרעזידענט האָט געהאַט אַ וועלט מיט סאָנים בײַ זיך אין לאַנד.

דער פּלי־אָנפֿירער איז געווען זייער אַ דערפֿאַרענער פּראַגראַמיסט, ער האָט מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן געלאָזט אין גאַנג די ראַקעטע־סיסטעם. דער אויטאָמאַטישער קאָנטראָל האָט קיין מינדסטן אָפּנייג ניט אויסגעפֿונען.

ס׳איז געקומען די רעגע פֿונעם סטאַרט.

— זאָל דערפֿילט ווערן דער ווילן פֿונעם באַליבטן און אומפֿאַרגעסלעכן פּרעזידענט! — האָט טעאַטראַל אויסגעשריגן דער נײַער פּרעזידענט. — סטאַרט!

— סטאַרט! — האָט איבערגעכאַזערט דער קאָסמאָס־מיניסטער.

— און זאָל אַפֿילע דער דער דײַנער נאָענט ניט זײַן! — האָט אַ שעפּטשע געטאָן דער פּלי־אָנפֿירער און פֿונעם סטאַרט אַראָפּגענומען די בלאָק־סיסטעם.

די שוואַרצע ראַקעטע האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין די הייכן און איז באַלד נעלעם געוואָרן אין די שוואַרצע כמאַרעס, דער רויש פֿון אירע מאָטאָרן האָט זי דערווײַטערט אין אַ שוואַרצן טהאָם. דער נײַער פּרעזידענט און די מיניסטאָרן זײַנען אַלע אָפּגעפֿאָרן אויף גרויסע שוואַרצע לימוזינען.

און אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט אין קאָסמאָס־מיניסטעריום אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. געראַטעוועט די לאַגע האָט דער פּרעסע־מיניסטער. אַלע פֿרימאָרגן־צײַטונגען האָבן מודיע געווען מיט גאָר גרויסע אויסיעס: „דער נײַער פּרעזידענט האָט, אַכטנדיק און שעצנדיק דעם אַלטן פּרעזידענט, באַשלאָסן אָפּצושיקן דאָס אַש זײַנס אין די קאָסמאָס־טיפֿענישן. זאָל די וועלט וויסן, וואָס פֿאַר אַ פּרעזידענטן עס זײַנען בײַ אונדז פֿאַראַן. דער נײַער פּרעזידענט האָט געשווירן צו האַלטן געטרײַ די אידייען פֿונעם אַלטן פּרעזידענט".

און אין עטלעכע יאָר אַרום איז אָנגעפֿלויגן אַ צווישנגאַלאַקטישע קאָמיסיע און האָט אײַנײַנעם מיט די באַלײַ־סייכל פֿון דער פּלאַנעטע צוריק אויפֿגעשטעלט יוישערדיקײַט. מיליטערישע אַראָפּלאַנען האָבן איצט געפֿירט פּאַסאַזשירן און סכוירעס, שיפֿן זײַנען געשוווּמען מיט באַנאַנען און מאַראַנצן, ראַקעטעס האָבן אַרויסגעלאָזט אין קאָסמאָס ספּוטניקעס, וואָס זײַנען געווען פּעיִק פֿון דער אַרביטע אַראָפּ אויסצוזוכן אויף דער ערד אײַזן, גאָלד און שטיינקוילן. אײַנגיכן איז די פּלאַנעטע אַרײַנגעטראָטן אין צווישנגאַלאַקטישן פֿרײַנטשאַפֿט־בונד און האָט דאָרט מיט זיך ווירדיק פֿאָרגעשטעלט סייכל און יוישער.

ייִדיש — יעכיעל שרײַבמאַן

מיט פרייד און פארגעניגן

אף דעם ציפערבלאט פון הארצן

אף דעם ציפערבלאט דעם ווײַסן דעם ליכטיקן פון הארצן
האָבן זיך די ווײַזערלעך אומגעריכט פארטשעפעט,
דוכט מיר, אז דער פולס מײַנער שטעלט זיך אָפּ איינגאנצן
און די שײַן פאר מײַנע אויגן
ווערט וואָלקנדיק פארנעפּלט.
דריי איך אָפּ דאָס גלעזל אף דעם ציפערבלאט פון הארצן,
לאָז די ווײַזערלעך אין גאנג
אף דעם קרײַז־וועג זייער ליכטיקן,
אז דאָס זייגערל פון לעבן
זאָל גיין מיט פרייד און פארגעניגן
און וואָס ווייניקער באַווײַזן
רעגעס, אַנגעטאָן אין שווארצן,
בלויז גליקלעכע מינוטן
זאָלט איר, ווײַזערלעך, מיר ווײַזן
אף דעם ציפערבלאט דעם ווײַסן,
דעם ליכטיקן פון הארצן.

אזא מין קוואל

צי קען א קאלטער ווינטערדיקער שטראל
דערוועקן בא די פלאנצן זייער בליונג?
צי קען א שטראָמעלע א דינס,
וואָס רינט פאמעלעך פונעם קוואל,
פלייצן ווי א טײַך אין א צעבושעוועטן פרילינג?
בלויז אין לעבן איז פאראן אזא מין שטראל,
וואָס דערוועקט אין יעדן וועטער
קנאָספּעלעך פון ליבע
מיט ווארעמקייט פון פרילינגדיקער בליונג.
אין לעבן איז פאראן אויך אזא קוואל,
וואָס זײַנע שטראָמען
ווערן קיינמאָל ניט פארטיליקט.
דאָס איז דער קוואל פון ליבע,
מיט א זוניקייט צעשטראַלט,
דער מאַלעטאמעדיקער כיין פון צערטלעכן געשטאַלט.
געבענטשט זאָל זײַן דער קוואל,
און לעבן זאָל דער שטראל,
וואָס האָדעווען דאָס הארץ מײַנס
מיט פרילינגדיקער ליבע.

א פונק

א פונק אזא העלער, א פלאַמיק צעגליטער,
אָפּגעטיילט האָט זיך פון פייַערן גרויסע,
א װאַרעמער ווינט האָט אים אונטערגעטריבן,
ניט געלאָזט זיך פאַרלעשן,
ניט גויסען אין דרויסן.

האָט דער פונק זיך באַנאַכט צו מייַן פענצטער דערקליבן.

א גאָלדענער פונק, ווי די וועלט, אזא שיינער,
ווי א שטערן אן עכטער מיט ליכטיקייַט ריינער,
האָט היימיש און פרייַנטלעך געקוקט אין מייַן פענצטער,
ווי ער וואָלט פון לאַנג שוין געווען מייַן באַקאַנטער.
האָב איך מיט פאַרזיכט דעם פענצטער צעעפנט,
געוואָלט אים גאַסטפרייַנטלעך פאַרבעטן אין צימער,
האָט ער מיט ווערטער צעפלאַמטע צערעדט זיך צו מיר,
אז ער איז א פונק פון אָט יענעם באַרעכטיקטן פייַער,
וואָס טויג ניט אף אָנצינדן וואַלוועלע ליכט אין א צימער...

ווען דערמאָנונגען קומען

אין רעגעס אין שווערע,
ווען דערמאָנונגען קומען
מיט טראָפּנס פאַרטייַטע טרערן
און שטיקן דאָס הארץ מיט געוויין,
רוף איך, מייַן דרייסטקייַט זאָל בלייַבן,
און זאָל זי מייַן ייִעש צעשטערן,
אז לייַכטער זאָל עטוואָס מיר ווערן
צו טראָגן באַרעכטיקטן ווייטיק,
צו טראָגן דערמאָנונגען שווערע,
וואָס קאָנען ביז איצטער פון הארץ ניט פאַרגיין.
ווייַזט אויס, אז פאַרגייַן טאָר מייַן ווייטיק ניט קיינמאָל,
און לעבן איך דאַרף אין מייַן אייגענער היים,
איך ווייס ניט, ווו שטעלט מען אוועק אָט דעם דענקמאָל
פאַר אַלע, וואָס זייַנען פאַרלוירן געגאַנגען
און אָפּזוכן כ'קאָן ניט פון זיי דאָס געביין.

צו די אטאָם־אונטערצינדער

ווי לאַנג וועט דויערן אף דער יאַבאַשע אייַער בושעווען?
ווי לאַנג וועט דויערן דאָס בויטען דעם עפּיר?
אף אייַער ערד דער אייגענער דאָס פייַער וועט דאָך יושעווען,
און יעדער שטוב — קאַרבאַנעס אָן א שיר.
צי ווייסט איר דען אליין ניט,
ווי גרויס ס'וועט זייַן דער אומגליק,
ווען ס'פייַער פון ראַקעטעס וועט א פלייץ טאָן אף דער ערד?
אין אומקום פון דער וועלט בלויז איר וועט זייַן דאָך שולדיק,
ווייַל איר די ערשטע האָט דאָס לעבן בא דעם מענטש פאַרלענדט.
עס ווייסט שוין קינד־און־קייט, אז קיינער וועט ניט בלייַבן,
די סרייפע וועט פאַרניכטן אויך דאָס, וואָס איר פאַרמאָגט.
היי, טשעפּעט ניט די שטערן, קאָלומאַן זיי פינקלען נאָך און שווייַגן
און האָבן אייַך פון הימל מיט זייער פייַער ניט פאַריאָגט.

פּובליציסטיק

איגאָר בעליאַיעוו,
אַנדריי בעליאַיעוו

אינגאַנצן צוויי יאָר...

ראָמאַן־כראָניק אין מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן
און דאָקומענטן

די אינוואַזיע

וואַשינגטאָן, דעם 11 יון 1982. א פּאָרשטייער פון פּענטאַגאָן האָט דערקלערט, אַז די אַדמיניסטראַציע בײַט ניט איר פּראָגראַם פון אַרויסווײַזן מיליטערישע הילף יִשׂראָעל אין שײַן פון די געשעענישן אין ליוואַן. לויט די קאָנטראַקטן, וועלכע זײַנען פריִער געשלאָסן געוואָרן, דאַרפן די פאַרייניקטע שטאַטן ליפערן קיין יִשׂראָעל וואָפן אויף אן אַלגעמיינער סומע פון 1 מיליאַרד דאָלאַר.

אין דעם זעלבן טאָג האָט שאַראָן, אַרויסטרעטנדיק אויף א פּרעסע־קאָנפערענץ, גערעדט אָפענע דיבורים:

— מיר וועלן ניט אָנהייבן קיין געשפּרעך מיט דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע וועגן שטילשטאַנד אָדער וועגן עפּעס אַן אַנדער פאַרשטענדיקונג... מיר וועלן פאָרזעצן דורכפירן אָבלאַוועס אויף דער טעריטאָריע, וועלכע געפינט זיך אונטער אונדזער קאָנטראָל, קאָלזמאַן די דאָזיקע טעריטאָריע וועט ניט אָפּגערייניקט ווערן פון דער באַוואָפנטער פּאַלעסטינער אָנוועזנהײַט...

לאָנדאָן, דעם 12 יון 1982. „דיילי טעלעגראַף" וועגן שאַראָנס קאַוואָנעס: „דער יִשׂראָעלדיקער שוץ־מיניסטער האָט אויסגעטיילט בלויז דרײַ טעג, קעדיי צו דערשטיקן די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע און צוויגגען סיריע פאַרלאָזן ליוואַן. נאָר אָט זײַנען אַוועק שוין זעקס טעג, און די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע עקזיסטירט".

וואַשינגטאָן, דעם 12 יון 1982. נעכטן האָט דער וויצע־פּרעזידענט פון פּשא דזש. בוש געהאַט א באַגעגעניש מיט די געזאַנדטע פון ליוואַן, קוווייט, יאָרדאַניִע און באַכריין. די געזאַנדטע האָבן אויסגעדריקט בושן פאַרזאָרגטקײַט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אין ליוואַן דויערן מיליטערישע אָפּעראַציעס. זיי האָבן גערופן די אַדמיניסטראַציע פון פּשא אַרויסווײַזן א דרוק אויף טעל־אָוויוו מיטן ציל צו דערשלאָגן זיך, עס זאָל טייקעף אָפּגעשטעלט ווערן דאָס פײַער אין ליוואַן און עס זאָל אַרויסגעפירט ווערן פון דאָרט דאָס מיליטער פונעם אַגרעסאָר.

וויִאַזוי זשע האָט רעאַגירט בוש? ער האָט זיך אויסגעדרייט פון ענטפערן אויף די באַרירטע פראַגן און האָט ניט געלייגט קיין שום אַכט אויף דער פאָדערונג פון די אַראַבישע לענדער אָפּשטעלן טייקעף די מיליטערישע ליפערונגען קיין יִשׂראָעל.

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 9, 1986.

ניו־יאָרק, דעם 12 יון 1982. דער מעלוכע־סעקרעטאר פון פשא הייג, וועלכער האָט זיך געפרנען אפן באָרט פונעם אעראָפּלאן פון דעם פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאטן, האָט דערקלערט, אז ניט געקוקט אָף די אופוירקונגס־מיטלען, וועלכע פשא האָבן אין זייער רעשוס, „האָט רייגאנס אדמיניסטראציע ניט געהאט קיין שום מעגלעכקײַט צו צווינגען ייִסראָעל וואָס גיכער אָפּצושטעלן דאָס פײַער אין לִיוואן".

אופמערקזאם, לייענער!

דער ערשטער ייִסראָעלדיקער פּרעמיער־מיניסטער בען־גוריאָן האָט אנומלטן באמערקט: „קעדיי צו צווינגען ייִסראָעל „זײַן האכנאָעדיק", איז גענוג, אז די פאַרייניקטע שטאטן זאָלן פאַרפירן אָדער צערײַסן די דיפּלאָמאטישע באציִונגען, אָפּשטעלן דאָס ארויסווײַזן עקאָנאָמישע און מיליטערישע הילף און פארבאָטן די אמעריקאנער ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס איבערצושיקן געלט־סומעס קיין ייִסראָעל".

די לעצטע סאנקציע, וועלכע ס'האָט געמאָלדן דער פּרעזידענט אייזענהאוער אין 1956, האָט זיך ארויסגעוויזן פאר זייער א פילבארער. אפילע הייג, וועלכער האָט ניט אויסבאהאלטן זײַנע פּראָ־ייִסראָעלדיקע שטימונגען, האָט אנערקענט, אז די פאַרייניקטע שטאטן פארמאָגן „באדײַטנדיקע מיטלען צו קוועטשן אין דער דאָזיקער סיטואציע". אָבער אויסנוצן זיי האָבן די פאַרייניקטע שטאטן ניט בעדייע.

לאָנדאָן, דעם 12 יון 1982. דער פּרעמיער־מיניסטער מארגארעט טעטשער און דער פּרינץ סאוד אל־פּייסאל זײַנען נעכטן מאסקים געווען, אז דאָס ארויספירן אָן קיין שום באוואָרענישן דאָס ייִסראָעלדיקע מיליטער פון דאָרעם־לִיוואן הענגט אָפּ פון די פאַרייניקטע שטאטן.

פּון דער אנקעטע פון סאוד אל־פּייסאל. דער מיניסטער פון אויסערן־איניאָנים פון סאוד־אראוויע איז געבוירן געוואָרן אין ער־ריִאד אין 1942. ער איז דער פערטער זון פונעם קיניג פון סאוד־אראוויע פּייסאלן, וועלכן מע האָט דערהארגעט אין 1975. דער פארשטאָרבענער מאָנארך האָט זיך געהאלטן אינעם ייִסראָעל־אראבישן קאָנפליקט בא דער פּאָזיציע, וועלכע עס האָבן אונטערגעהאלטן אלע אראבער. פּייסאל איז קאָנסעקווענט ארויסגעטראָטן פאר אן אקטיוון מיליטערישן און פּאָליטישן קאמף מיט דער ייִסראָעלדיקער אגרעסיע, פאר דערגרייכן אן אלך־ארומכאפּנדיקע יושערדיקע אײַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך.

דער פּרינץ סאוד־פּייסאל איז געקומען קיין לאָנדאָן פון וואשינגטאָן, באָן און פּאריזש, ווו ער האָט געוואָלט — אויך אומדערפּאָלגרײַך — זיך דערשלאָגן באם פּרעזידענט רייגאן, באם פּרעזידענט מיטעראן און באם פעדעראלן קאנצלער העלמוט שמידט שטיצע פאר דער זאך פון די אראבער אין לִיוואן.

— צוליב נאָרמאליזירן די אומגעבונג איז נייטיק ניט בלויז אָפּשטעלן דאָס פײַער, נאָר ארויספירן אָן קיין שום באוואָרענישן דאָס ייִסראָעלדיקע מיליטער פון לִיוואן, — האָט סאוד אל־פּייסאל דערקלערט פאר די זשורנאליסטן.

צוויי טעג — דעם 12 און 13 יון 1982 — האָט „וואשינגטאָן פּאָסט" איבערגעיאָגט אלע אמעריקאנישע צײַטונגען, פאָרלייגנדיק סענסאציאָנעלע נײַעס וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר: ייִסראָעל און סיריע האָבן דערקלערט וועגן אײַנשטעלן א וואָפנשטילשטאנד, מאכנדיק א סאָף צו די גרויסע שלאכטן אין לִיוואן אָף דער יאבאָשע און אין דער לופט. ייִסראָעלדיקע אָפיציִעלע פּערזאָנען האָבן אָבער דערקלערט, אז דאָס אָפּשטעלן דאָס פײַער האָט ניט קיין שײַכעס צו די „טעראָריסטן" פון דער אָרגאניזאציע פון באפרײַען פּאלעסטינע. אין דער זעלבער צײַטונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן א נאָטיץ פון דאמעסעק: סיריע האָט דערקלערט, אז באטאָג דעם 11 יון גייט ארײַן אין קראפט די פארשטענדיקונג וועגן דעם וואָפנשטילשטאנד מיט די ייִסראָעלדיקע קרעפטן, וועלכע געפינען זיך אין לִיוואן. אייבצײַטיק האָט זי געפאָדערט, אז דער דאָזיקער באשלוס זאָל באגלייט ווערן מיט א „פולן ארויספיר פונעם ייִסראָעלדיקן מיליטער".

און אָט איז נאָך איין נײַעס, וואָס האָט געצווונגען זיך אָנשפּיצן: אכוץ מיליטער און מיליטערישער טעכניק, שיקט ייִסראָעל אין די אָקופּירטע ראיאָנען פון לִיוואן „דערפארענע ציווילע און מיליטערישע אדמיניסטראטאָרן פונעם מײַרעוו־ברעג און פונעם אזא־סעקטאָר, קעדיי זיכערן א פארוואלטונג מיטן דאָרעם־טייל פונעם לאנד אין מעשעך פון א דויערנדיקער צײַט, אויב עס וועט נייטיק זײַן".

ער־ריִאד, דעם 13 יון 1982. דער סאודישער קיניג כאלעד (ער איז געבוירן געוואָרן אין 1913) איז הײַנט ניפטער געוואָרן אין אט־טאיִף (א קוראָרט־שטעטל לעבן מעקא) פון א הארץ־אטאקע.

אלס יורעש פונעם קיניג כאלעד האָבן די מיטגלידער פון דער קיניגלעכער מישפּאָכע אויסגעווײלט דעם פּרינץ פאכד, און אלס נײַעם טראָן־יורעש — זײַן ברודער, דעם הויפּט־קאָמאנדיר פון דער נאציִאָנאלער גווארדיע פּרינץ אבדאלא. דער טראָן־פּרינץ פאכד האָט פריִער פארנומען דעם פּאָסטן פונעם שטעלפארטרעטער פון דעם פּרעמיער־מיניסטער.

דעם נײַעם קיניג האָט מען אויסגעוויילט אלס פּרעמיער־מיניסטער. אבדאלא האָט פּארן אויסוויילן אים אלס טראָן־יורעש פארנומען דעם פּאָסטן פונעם צווייטן שטעלפארטרעטער פון דעם פּרעמיער־מיניסטער.

פאכד איז באוווסט מיט זײַן שטרעבונג צו מיטארבעטן מיט די מײַרעוו־לענדער, באזונדערס מיט די פאראייניקטע שטאטן. אין דער זעלבער צײַט באציט ער זיך זייער ערנסט צו דער טראדיציאָנעלער ראָליע פון סאוד־אראוויע אלס היטער פון די מוסולמענישע הייליקײַטן און דעריבער איז ער שטענדיק באשטאנען און באשטייט אויף דעם, אז די אײַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך זאָל פאַרזען דאָס ארויספירן דאָס ייִסראָעלדיקע מיליטער פונעם אראבישן סעקטאָר פון דער קינגפטיקער „אייביקער" הויפּט־שטאָט פון דעם נאָענטן מיזרעך — פון מיזרעך־ירושאָלאַיִם, ווו עס געפינט זיך די דריטע לויט דער באדײַטונג הייליקײַט פון דער מוסולמענישער וועלט.

לאָמיר נאָכאמאָל פארלויפן אויף פאַרויס. אין סענטיאבער 1983 האָט דער קיניג פאכד זיך געשווירן, ארויסטרעטנדיק פאר צוויי מיליאָן מוסולמענער־פּיליגרימען אין מעקא, קעמפן פאר באפרײַען ירושאָלאַיִם פון דער ייִסראָעלדיקער אָקופּאציע.

אין ביירוט האָט מען גערעדט, אז דער פּרינץ פאכד האָט אינגאנצן מיט א טאָג פריִער ערעוו דעם טויט פונעם קיניג כאלעד געשפּילט די הויפּט־ראָליע אין דער פארביטערטער שלאכט אויף דאָרעם פון דער שטאָט צווישן דעם ייִסראָעלדיקן מיליטער און די פּאלעסטינער פּארטיזאנער. א פארשטענדיקונג האָט זיך אײַנגעגעבן צו שליסן נאָך א גאנצער ריי טעלעפאָן־געשפּרעכן, אין וועלכע ס'האָט זיך, ביפראט, באטייליקט דער פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן רייגאן. פאכד איז געווען דער פארמיטלער אין די אונטערהאנדלונגען.

פעיִקײַטן צו פּאָליטישער טעטיקײַט האָט דער קינפטיקער קיניג פאכד ארויסגעוויזן נאָך אין דער יוגנט. אין 1958 האָט ער פארנומען דעם פּאָסטן פונעם בילדונגס־מיניסטער אין דער רעגירונג פונעם קיניג סאוד, דעם צווייטן מאָנארך פון סאוד־אראוויע. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן איז ער געווען ביזן 1960. ער האָט זיך געשטעלט אויף פייסאלס צאד אין קאמף פאר דער מאכט, וועלכער האָט אין 1962 זיך פארענדיקט מיט באזײַטיקן סאודן. ווי נאָר פייסאָל איז געוואָרן קיניג, האָט פאכד פארנומען דעם פּאָסטן פונעם מיניסטער פון אינערן־איניאָנים. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן האָט זיך אים אײַנגעגעבן באדײַטנדיק צו פארשטארקן זײַן אײַנפלוס.

דער פּרינץ אבדאלא האָט פארהיט פאר זיך דעם פּאָסטן פונעם הויפּט־קאָמאנדיר פון דער סאודישער נאציאָנאלער גווארדיע, וועלכן ער פארנעמט פונעם 1962. די פּראָקלאמירונג פונעם פּרינץ אלס נײַעם טראָן־יורעש האָט געבראכט צו א סאָף פון דעם שארפן קריג צווישן די מיטגלידער פון דער קיניגלעכער מישפּאָכע און גיט אן ענטפער אויף דער פראגע, ווער עס וועט זײַן פאכדס יורעש. פריִער האָט מען ארויסגעזאָגט האשאָרעס וועגן דעם, אז אזעלכער קאָן זײַן דער שוץ־מיניסטער פּרינץ סולטאן.

מאָסקווע, דעם 14 יון 1982. די כאָוועטישע רעגירונג האָט אנטשיידן און באצײַטנס אונטערגעשטראָכן: יענע, ווער עס שאפט איצט די פּאָליטיק אין ייִסראָעל, זאָלן ניט פארגעסן, אז דער נאָענטער מיזרעך איז א ראיאָן, וועלכער געפינט זיך אין אומיטלבארער נאָענטקײַט פון די דאָרעם־גרענעצן פונעם סאָוועטנפארבאנד, דעריבער קאָנען ניט די געשעענישן, וועלכע קומען דאָרט פאָר, נישט באַרירן די אינטערעסן פון פססר. „מיר וואָרענען ייִסראָעל וועגן דעם", — איז באטאָנט געוואָרן אין דער דערקלערונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג.

ניו־יאָרק, דעם 14 יון 1982. „די צאָל קאָרבאָנעס (אין ליוואן) קאָן מען דערווײַל ניט אונטערעכענען, — האָט אָפּגעמערקט דער איבערזיכטלער פון „ניו־יאָרק טײַמס" ע. לויִס. — די ייִכראָעלדיקע מאכט האָט דערקלערט פאר די פאַרמאכטע פאר די פאַרשטייער פון דער פּרעסע די אָקופּירטע ראיאָנען פון ליוואן. שטרעבנדיק אײַנהאלטן דעם שטראָם מיטיילונגען וועגן דעם העזעק, וואָס איז דאָרט פארשאפט... אָבער דאָס, וואָס מיר ווייסן שוין איצט, איז פּאָשעט דערשיטערנדיק. בלויז אין איין ביירוט, לויט די אָנגאבן פונעם מעלוכע־דעפּארטאמענט פון פּשא, זײַנען דערהארגעט און פארוונדעט געוואָרן העכער 10.000 פרידלעכע אײַנוווינער".

ווין, דעם 15 יון 1982. דער פעדעראלער קאַנצלער פון עסטרײַך ברונאָ קרײַסקי: „אָט די אינוואזיע איז א קאטאסטראָפע. די פּאלעסטינישע פּראָבלעם איז אלץ נאָך ניט געלייזט. דאָס איז די קאטאסטראָפע פונעם קינפטיקן ייִסראָעל, וועלכער האָט ארונטערגעריסן זײַן רעפּוטאציע אין דער וועלט. מיר איז שווער צו ריידן וועגן דעם, נאָר בעגינס רעגירונג — דאָס איז א האלבפאשיסטישע רעגירונג. יעדער רעגירונג, וואָס באגייט זיך מיט די נאציאָנאלע מינדערהײַטן אזוי, ווי ייִסראָעל מיט די פּאלעסטינער אין דער דאָזיקער מילכאָמע, איז, לויט מײַן מונונג, א האלבפאשיסטישע רעגירונג".

לאָנדאָן, דעם 15 יון 1982. איבערדערציילנדיק די דערקלערונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג וועגן דעם נאָענטן מיזרעך, באמערקט „פײַנענשל טײַמס": „דער סאָוועטנפארבאנד האָט צום ערשטן מאָל געוואָרנט, אז די געשעענישן אין ליוואן קאָנען נישט נישט באַרירן די אינטערעסן פון פססר".

ניו־יאָרק, דעם 15 יוני 1982. קאָרבאָנעס פון דער אַגרעסיע זײַנען געוואָרן ניט בלויז ליוואַנער און פּאַלעסטינער, נאָר אויך סאָלדאַטן פון די ציִיטווײַליִקע קויכעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, וועלכע זײַנען דאָ דיסלאָצירט. אינעם באַריכט פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אונאָ זײַנען געבראַכט פּילצאָליקע גוויס־אײדעס פון דעם, ווי ייִשׂראלן דערשטיקט אַכזאַריעסדיק דעם ווידערשטאַנד, וועלכן עס ווײַזן אים אַרויס די קויכעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס.

אין סאַכאַקל איז איין סאָלדאַט פון די דאָזיקע קויכעס דערהאַרגעט געוואָרן, און 62 זײַנען גע־נומען געוואָרן מיצאַד דער ייִשׂראלדיקער אַרמיי אין געפאַנגענשאַפט און, ניט געקוקט אויף דעם אַנט־שיידענעם פּראָטעסט, דערנאָך איבערגעגעבן געוואָרן די פּראָ־ייִשׂראלדיקע ליוואַנער ספּאַראַטיסטן.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אונאָ האָט אויך דערמאָנט, אַז אין די דאָזיקע טעג האָט דער זיכערהייט־ראַט אָנגענומען צוויי רעזאָלוציעס, אין וועלכע ער האָט געפאָדערט, דאָס ייִשׂראלדיקע מיליטער זאָל טייקעף אַרויסגעפירט ווערן פון ליוואַן. נאָך איין רעזאָלוציע איז ניט אָנגענומען גע־וואָרן, ווײַל „איינער פון די שטענדיקע מיטגלידער פונעם זיכערהייט־ראַט האָט געשטימט „קעגן". דער דאָזיקער שטענדיקער מיטגליד זײַנען געווען די פאַרייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן נאָכאַמאָל געוומען דעם אַגרעסאָר אונטער זייער שוץ. אָט שוין דעם וויפלטן טאָג „מיִען" זיך די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן מיט אַלע קויכעס, קעדיי זיך קעגנשטעלן, מע זאָל אָננעמען עפעקטיווע מיטלען אויף צו מאַכן אַן עק צום באַרבאַרישן אָנפאַל פון ייִשׂראל אויפן שכײניש אַראַבישן לאַנד. אין ליוואַן ווישן אָפּ די ייִשׂראלדיקע טאַנקען פון דער ערד גאַנצע דערפער און פּליטים־לאַגערן און אין דער אָרגאַ־ניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס ווערט ווידעראַמאָל איבער דער אַבסטרוקציע פון פּשאַ פאַרזויגן דאָס צונויפרופן די זיצונג פונעם זיכערהייט־ראַט.

אין וואַשינגטאָן האָבן די זשורנאַליסטן אַטאַקירט דעם פּאַרשטייער פונעם ווײַסן הויז ל. ספּיקס מיט דער פראַגע, צי איז ניט איוווער אויף די אַמעריקאַנער געזעצן דאָס, וואָס ייִשׂראל נוצט אויס דאָס געוווער, וואָס ער האָט באַקומען פון פּשאַ, אויף דער מיליטערישער אַגרעסיע אין ליוואַן. ספּיקס האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

אין ניו־יאָרק האָט מען אינגאַנצן צען טעג נאָך דער ייִשׂראלדיקער אינוואַזיע אין ליוואַן אָנ־געהויבן צו זאָגן דעם עמעס. ווער? ווען? דעם 16 יוני האָט דער קאָמענטאַטאָר פון דער טעלעקאָמ־פּאַניע איי־בי־סי אויסגעפּלאַפּלט. אַז „די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן אין מעשׂער פון עטלעכע כאַדאָשים געוווסט וועגן דעם, אַז ייִשׂראל פּלאַנירט אַן אינוואַזיע קיין ליוואַן".

צום 6 יוני 1982 האָבן זיך אינעם ראַיאָן פון די שלאַכט־אָפּעראַציעס באַוויזן ספּעציעלע אויס־שפּירונגס־שיפן פון פּשאַ: „קענעדי", וועלכע האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע באַ די ברעגן פון ליוואַן צוליב אומיטלבאַר שפּירן נאָכן גאַנג פון די שלאַכטן, און „אייזנהאַוער" — באַ די ברעגן פון מאַלטע צוליב שפּירן נאָך די סאָוועטישע קריגס־שיפן. אינטערעסאַנט איז, וואָס ביידע שיפן־אויסשפּירער האָבן פאַר־לאָזט זייערע באַזעס — אין ערשטע — אין אינדישן אָקעאַן, די צווייטע — אין נעאַפּאָל, אין איין און דעם זעלבן טאָג — דעם 1 יוני 1982.

לאָנדאָן, דעם 17 יולי 1982. „גאַרדיאַן" האָט מיטגעטיילט, אַז בעגין האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל צו מאַכן אַש און פּאָרעך פון דער שטאָט סײַדאַ, און זי איז פאַרניכטעט. דעם זעלבן גורל האָבן געהאַט אויך אַ ריי ראַיאָנען פון ביירוט. הונדערטער מענטשן זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן און טויזנטער זײַנען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. די עטלעכע טעג פון די פּראָוועטנטיווע ריידן פון די ייִשׂרעילים האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָשמאַר. דאָס קאָן מען ניט באַרעכטיקן מיט קיין שום פּראָוואָקאַציעס און מיט קיין שום אײַנשטעלן אַ פּאַלשן שאַלעם. די איינציקע האָפענונג פון ייִשׂראל באַשטייט אין דעם, וואָס די שולד פאַר דעם דאָזיקן פאַרברעכן וועט אַרופגעלייגט ווערן אויף מענטשן, וועלכע גע־פינען זיך באַ דער מאַכט, און ניט אויפן גאַנצן לאַנד.

ביירוט, דעם 21 יוני 1982. בעגין האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ייִשׂראל האָט בעדייע זיך צו דערשלאָגן, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נײַע ליוואַנישע רעגירונג, וועלכע וואָלט מאַסקים געווען צו שליסן מיט ייִשׂראל אַן אָפּמאַך לויטן מוסטער פון קעמפּ־דעוויד. נאָך דעם, האָט צוגעזאָגט דער ייִשׂראלדיקער פּרעמיער, וועלן מיר, מיין איך, שליסן אַזאַ מין אָפּמאַך אויך מיט יאַרדאַניע.

דעם 30 יוני 1982 אין ווײַסן הויז. רייגאַן האָט דורכגעפירט אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס'איז געגעבן געוואָרן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, צי האָט ער געוווסט וועגן דער אינוואַזיע פון ייִשׂראל אין ליוואַן. אין זײַן ערשטן ענטפער האָט רייגאַן געזאָגט:

— מע האָט אונדז ניט געוואָרנט און ניט מודיע געווען וועגן דער אינוואַזיע, וועלכע דאַרף פאָרקומען.

שפּעטער האָט רייגאַן פאַרפולקעכט:

— פאַר אונדז איז דאָס געווען אומגעריכט אין דער זעלבער מאָס, ווי פאַר אַלע אַנדערע.

דער פּרעזידענט פון פשא האָט געלײַגט. נאָך דעם 15 מאַרט 1981 האָט די צענטראַלע אויסשפּירונגס־פּאַרוואַלטונג אין איר באַריכט געוואָרנט, האָט געשריבן דזשעק אַנדערסאָן אין „וואַשינגטאָן פּאָסט", אַז די רײדן פון די ייִסרעיילים קײן ליוואַן זײַנען „אומפאַרמײַדלעך" און עס עקזיסטירט אַ וואַרשײַנלעכקײַט פון אַן אינוואַזיע אין ברײטע מאַסשטאַבן.

די פילאַדעלפיער „קריסטשען סאַיענס מאָניטאָר" האָט דערמאָנט וועגן די וואָרענונגען, וועלכע ס'האָט באַקומען וואַשינגטאָן, און מע דאַרף אױף זײ לײגן אַכט.

דעם 9 פעברואַל 1982. אין „ניו־יאָרק טײַמס" האָט זיך באַוויזן אַ מיטײלונג וועגן דעם, אַז ייִסראָעל האָט אויסגעאַרבעט פּלענער פון אַ ברײטער אינוואַזיע קײן ליוואַן און וועט זי אָנהײבן שיר ניט אין אָנהײב פעברואַל דאָס יאָר. מערקווירדיק איז, וואָס די דאָזיקע מיטײלונג איז דורכגעגאַנגען דורך דער ייִסראָעלדיקער צענזור.

דעם 18 פעברואַל 1982. שאַראָן האָט דערקלערט, אַז די ייִסראָעלדיקע באַוואָפנטע קרעפטן געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון „געהעכערטער שלאַכט־גרײטקײַט" פון דעצעמבער 1981.

דעם 25 פעברואַל 1982. דער בײַער געזאַנדטער פון ייִסראָעל אין פשא מאָשע אַרענס (אין אַ יאָר אַרום איז ער געוואָרן דער שוץ־מיניסטער) האָט דערקלערט פאַר די זשורנאַליסטן אין וואַשינגטאָן, אַז אַן אינוואַזיע קײן ליוואַן אַלס ענטפער אױף „אײניקע פּראָוואָקאַציאָנאַלע טאַטן מיצאַד דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע" ווערט אַלץ מער וואַרשײַנלעך. „איך בין קימאַט גרײט צו זאָגן, אַז דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון צײַט", — האָט אַרויסגעזאָגט זײַן פּראָגנאָז דער געזאַנדטער.

דעם 21 אַפּריל 1982. אײן ייִסראָעלדיקער מיליטערמאַן איז אומגעקומען, אויפרײַסנדיק זיך אױף אַ מינע, וועלכע איז געווען אײַנגעשטעלט אין דאָרעם־ליוואַן, אינעם ראַיאָן, וועלכער איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „כאַדאַד לאַנד" („כאַדאַדס לאַנד"). דער ראַיאָן ווערט קאָנטראָלירט מיצאַד די ליוואַנער פאַרמירונגען, וועלכע געפינען זיך אױף דינסט בא ייִסראָעל. אין עטלעכע שאָ אַרום האָבן ייִסראָעלדיקע עראָפּלאַנען אײנער נאָכן אַנדערן באָמבאַרדירט די ערטער, ווו עס געפינען זיך די אָטריאַדן פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע לענגאויס דעם בײַ־ברעג פון ליוואַן אַלס ענטפער אין משך פון צוויי שאָ נאָך האַלבטאָג. דאָס איז געווען דער ערשטער (!) פאַל פון ברעכן ערנסט די פאַרשטענדיקונג וועגן אָפּשטעלן דאָס פײַער. ביז יענער צײַט האָט זי זיך געהאַלטן גאַנצע 9 כאָדאָשים. די פאַרײניקטע שטאַטן האָבן אויסגעדריקט אַ באַדויערונג אין שײַכעס מיט „אַלע ברעכונגען פון אָפּשטעלן דאָס פײַער", אײַנגעשלאָסן „די ברעכונגען, וועלכע זײַנען געריכטעט קעגן די ייִסרעיילים", האַגאַם די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע האָט ניט פאָרגענומען קײן שום ענטפער־אַקציעס.

דעם 9 מײַ 1982. עראָפּלאַנען פון די ייִסראָעלדיקע מיליטערישע לופט־קרעפטן האָבן באָמבאַרדירט די בײַיאַמישע ראַיאָנען פון ליוואַן. די פאַרלוסטן — 16 דערהאַרגעטע און 56 פאַרוווּנדעטע ליוואַנער און פּאַלעסטינער. די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע האָט געענטפערט מיט באַשיסן די צאָפנדיקע ראַיאָנען פון ייִסראָעל מיט זאַלפּן „אַן ערעך 100" סנאַריאַדן און ראַקעטעס, קײן קאָרבאָנעס זײַנען צווישן די ייִסרעיילים ניט געווען.

דעם 3 יון 1982. דער געזאַנדטער פון ייִסראָעל אין לאָנדאָן שלאָמאָ אָרגאָוו איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן בײַסן אַרויסגײן פונעם האָטעל „דאָרטשעסטער". די ייִסרעיילים האָבן גלײַך באַשולדיקט אינעם אַטענטאַט די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע. דער פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד טעטשער האָט דערקלערט, אַז אינעם „צעטל פון די אָנגעמערקטע קאָרבאָנעס", וועלכן מע האָט געפונען בא אײנעם אַ פאַרדעכטיקן פאַרשויך, זײַנען געווען אָנגעוויזן אויך די נעמען פון די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע. שפּעטער האָבן זיך אין דער מײַרעוו־אײראָפּעיִשער פּרעסע ניט אײן מאָל געדרוקט מאַטעריאַלן, פון וועלכע ס'איז געווען געדרונגען, אַז די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע האָט ניט געהאַט קײן שום שײַכעס צום אַטענטאַט.

אַזויאַרום, ווײסט אויסגעצײכנט דער פּרעזידענט פון פשא וועגן דעם, אַז ייִסראָעל גרײט זיך צו אַן אינוואַזיע. ער האָט דערקלערט, אַז די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע האָט „אַלײן געמאַכט אַן אַגרעסיע איבער דער גרענעץ, שיסנדיק מיט ראַקעטעס און מיט אַרטילעריע". שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז „איר דאַרפט זיך דערמאָנען, אַז ערעוו דעם אָנפאַל זײַנען מיט ראַקעטעס און מיט 180־מילימעטערדיקע סנאַריאַדן באַשאָסן געוואָרן די דערפער אױף יענער זײַט גרענעץ פון ייִסראָעל, וואָס עס האָט געבראַכט צו קאָרבאָנעס צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג". אַפילע אין ייִסראָעל איז ניט מיטגעטײלט געוואָרן וועגן קאָרבאָנעס, ווײַל אַזעלכע זײַנען פּשוט ניט געווען.

ווי זשע האַלט עס מיט די פּאַלעסטינער באַשיסונגען? דער אײנציקער פאַל פון אַ ניט־בעקיווודיקער באַשיסונג מיט ראַקעטעס אָדער אַרטילערישע סנאַריאַדן, וועלכע די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע האָט דורכגעפירט איבער ייִסראָעל אין משך פונעם 10־כאָדאָשימדיקן וואָפנשטילשטאַנד, איז געווען דעם 9 מײַ און איז פאָרגענומען געוואָרן אַלס ענטפער אױף אײנער פון די צוויי ייִסראָעלדיקע באָמבאַרדירונגען פון די בײַיאַמישע ראַיאָנען פון ליוואַן. דעמאָלט זײַנען אומגעקומען 86 מענטשן.

דער פּרעזידענט רייגאַן האָט אַקשאַנעסדיק אָפּגעלייקנט, אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן געגעבן פֿאַר ייִסראָעל אַ גרינעם וועג פֿאַר אַרײַנרײַסן זיך קיין ליוואַן, האָגאָם, ווי ס'איז געווען גאַנץ באַשײַמפּערלעך, ער איז געווען בעקויעך אַנעמען אַזעלכע מיטלען, וועלכע זאָלן ניט דערלאָזן קיין אינוואַזיע. די נייטיקע מאָסמיטלען האָט ער ניט פֿאַרגענומען. אייגנטלעך, האָט רייגאַן זיי ניט געוואָלט פֿאַרנעמען.

טעל־אַוויוו, דעם 7 יול 1982. זינט דעם אָנהייב פֿון דער אינוואַזיע איז שוין פֿאַריבער אַ כוידעש. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די זעקסטע מילכאָמע קעגן די אַראַבער וועט פֿאַרצויגן.

ביירוט, דעם 8 יול 1982. אין דער צווייטער העלפֿט טאָג האָט דאָס ייִסראָעלדיקע מיליטער באַנײַט די פּרוּוון זיך אַ רוק טאָן פֿון דער דאָרעמדיקער און דאָרעם־מיזרעכדיקער ריכטונגען צו מײַרעוו־ביירוט. שטאַרק באַשאָסן מיט אַרטילערישן פֿײַער און מיט ראַקעטעס פֿון דער יאַבאַשע און פֿונעם יאַם די וווינונגס־קוואַרטאַלן פֿונעם מײַרעוו־סעקטאָר פֿון דער שטאָט מאַזראַא, מאַר־איליאַס, ראַמלעט אַל־בײַדאַ, ביר־כאַסאַן, אַבי סאַקראַ, באַסטאַ, די לאַגערן פֿון די פּאַלעסטינער פּליטים סאַבראַ, שאַטילאַ, בורדזש אַל־באַראַזשנאַ, האָבן די אינטערווענטן פֿאַרגענומען טאַנקען־אַטאַקעס אין דער ריכטונג פֿונעם ביירוטער צווישנפֿעלקערלעכן אַעראָפּאָרט.

שפּעט אין אָוונט האָבן די ייִסרעיילים באַשאָסן די סאָוועטישע געזאַנדשאַפֿט און די האַנדלס־פֿאָרשטייערשאַפֿט, וועלכע געפֿינען זיך אין מײַרעוו־ביירוט. צוויי גרויסקאַליבערדיקע סנאַריאַדן האָבן געטראָפֿן אויף דער טעריטאָריע פֿון דער געזאַנדשאַפֿט, פֿאַרשאַפֿנדיק העזיק דער הויפּט־געבײַדע, און איינער — אויף דער טעריטאָריע פֿון דער האַנדלס־פֿאָרשטייערשאַפֿט, אַרויסרופֿנדיק אַ גרויסע שרײַפֿע אויפֿן אויטאָמאָביל־אָפּשטעל. איינער פֿון די מיטאַרבעטער פֿון דער האַנדלס־פֿאָרשטייערשאַפֿט איז פֿאַרווונדעט געוואָרן.

אין די ראַיאָנען, וועלכע ווערן באַשאָסן דורך דער ייִסראָעלדיקער אַרטילעריע, קומען צו אַלץ מער רויִנירונגען. ביז שפּעט אין דער נאַכט פֿלאַקערן שרײַפֿעס. ס'האָט ניט געקלעקט קיין וואַסער. דעמאָלט טאַקע באַווײַזן זיך די ערשטע סימאָנים פֿון אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אינטערעס פֿון פּשאַ צו דער מילכאָמע אין ליוואַן. די שיפֿן פֿונעם מיליטערישן יאַם־פֿלאָט פֿון פּשאַ געפֿינען זיך שוין 50 קילאָמעטער פֿונעם ליוואַנישן יאַם־ברעג. צו זיי האָבן זיך פֿאַראייניקט צוויי אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַנען־טרעגער.

ניו־יאָרק, דעם 8 יול 1982. „פּינף שיפֿן פֿונעם 6־טן אַמעריקאַנער פֿלאָט, דערונטער אַ העליקאָפּטער־טרעגער, אויף וועלכע עס געפֿינען זיך 1800 יאַם־אינפֿאַנטעריסטן, האָבן זיך קאָנצענטרירט ניט ווײַט פֿונעם ליוואַנישן בײַברעג, — האָט איבערגעגעבן די טעלעקאָמפּאַניע ען־בי־סי. — זיי זײַנען גרייט אין מעשעך פֿון עטלעכע שאָ נאָך אַ באַפֿעל אָנהייבן אַרויסזעצן אַמעריקאַנער מיליטער און קריגס־טעכניק”.

אין פֿאַרלויף פֿון דער פֿאַריקער נאַכט האָבן די ייִסראָעלדיקע אַרטילעריע און טאַנקען פֿאָרגעזעצט אַ קאָנצענטרירטע באַשיסונג פֿון מײַרעוו־ביירוט, וווּ עס געפֿינען זיך די פֿאַרפֿעסטיקטע פּאָזיציעס פֿון די פּאַלעסטינער פּאַרטיזאַנער. די ייִסרעיילים זעצן פֿאָר אָנצווענדן קײַלעך־באָמבעס, וועלכע זייען טויט צווישן דער ציווילער באַפֿעלקערונג פֿון ביירוט.

לאָנדאָן, דעם 8 יול 1982. פֿון דער פּראָגראַם פֿון טעלענײַעס פֿון דער קאָמפּאַניע בי־בי־סי: „די אָרגאַניזאַציע פֿון באַפֿרײַען פּאַלעסטינע האָט אָפּגעלייקנט דעם פֿאָרשלאָג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן וועגן עוואַקויִרן די פּאַלעסטינער פֿון ביירוט אויף די שיפֿן פֿונעם 6־טן אַמעריקאַנער פֿלאָט. דאָס צופֿירן שפּײַז און וואַסער אין מײַרעוו־סעקטאָר פֿון דער ליוואַנישער הויפּט־שטאָט באַלאַקירט זיך נאָך אַלץ. ס'איז אַנטשטאַנען אַן ערנסטע געפֿאַר פֿון אַ טיפֿוס־עפּידעמיע, פֿון כאָלערע און פֿון אַנדערע קראַנקײַטן”.

די פּאַריזשער „הומאַניטע” האָט געפֿרעגט בא טאַופֿיק טובי — באַם שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון צק פֿון דער ייִסראָעלדיקער קאָמפּאַרטיי: צי זײַט איר ניט איזאָלירט אין דער קנעסעט אין דעם, וואָס עס האָט אַ שײַכעס צו דער אָפּשאַצונג, וועלכע איר גיט די געשעענישן אין ליוואַן?”

ט. טובי: „וואָס זאָלן מיר טאָן מיט די דאָזיקע וואַנדאַלן? יעדנפֿאַלס, זיי זאָגן אין די אויגן, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר. ווען מיר האָבן אַרײַנגעטראָגן דעם 8 יון אַ וואָטום פֿון אומצוטרוי, האָט די רעגירונג געפּרוּווט אויסמײַדן אַ טומל, אָבער ס'האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן. בעגין האָט געמוזט אַרויסגיין מיט דיבורים, און צום ערשטן מאָל האָבן אין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע מאַסשטאַבן זיך דערהערט שטימען קעגן אָט דער מילכאָמע.

פֿאַרשטייט זיך, בלויז די מיטגלידער פֿונעם דעמאָקראַטישן פֿראָנט פֿאַר שאָלעם און גלײַכבארעכטיקונג, ד.ה. די קאָמוניסטן און יענע, ווער עס האַלט זיי אונטער, האָבן געשטימט פֿאַר אויסדריקן אומצוטרוי, די אַרבעטס־פּאַרטיי האָט געשטימט פֿאַר דער רעגירונג, נאָר צען דעפּוטאַטן האָבן

פונדעסטוועגן זיך אָפּגעהאַלטן. שפּעטער האָבן זיי באַדויערט, אָט די צען געוואַגטע, וואָס זיי האָבן ניט געשטימט צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן.

מיר זײַנען ווייניקער איזאָלירט, איידער ווען־ניט־איז פֿריִער. אויב שאַבעס האָט זיך אײַנגעגעבן אין טעל־אוויוו אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע מיטן אָנטייל פֿון 100.000 מענטשן, אויב עס הערט זיך אַלץ מער שטימען, וועלכע פּראָטעסטירן קעגן דער מילכאָמע, איז דאָס אַ רעזולטאַט דערפֿון, וואָס מיר האָבן פֿון סאַמע אָנהייב פּראָטעסטירט קעגן דער מילכאָמע.

דאָס איז די ערשטע מילכאָמע אין דער געשיכטע פֿון ייִסראָעל, וועלכע באַגעגנט אַזאַ אָפּאָזיציע. — ט. טובי האָט די דאָזיקע פֿראַזע געזאָגט עטוואָס העכער. — צום ערשטן מאָל ווערט ניט אונטערגעהאַלטן דער דעמאַגאָגישער לאָזונג „קעמפֿן אָדער ווערן ליקווידירט”. אַ סאַך ייִסרעיילים האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע מילכאָמע האָט ניט קיין שום שײַכעס צו דער געפֿאַרלאָזיקײַט פֿונעם לאַנד, אַז זי איז אַ טייל פֿון דער סטראַטעגיע, וועלכע איז געריכטעט אױף צו פֿאַרפֿעסטיקן די אַמעריקאַנער הערשאַפֿט אױפֿן נאָענטן מיזרעך און אַז פֿאַר ייִסראָעל גייט אַ רייד בלויז וועגן דעם, קעדײַ אײַנברעכן די אָרגאַניזאַציע פֿון באַפֿרײַען פּאַלעסטינע און שאַפֿן באַדינגונגען פֿאַר דער אַנעקסיע פֿון דעם מײַרעוו־ברעג פֿונעם יאַרדן”.

פֿראַגע: צי האַלט איר, אַז די ייִסראָעלדיקע אַרמיי האָט בעדייע זיך עוואַקויִרן פֿון ליוואַן אין דער נאָענטסטער צײַט?

ענטפֿער: איך מיין, אַז ניט. איבעריקנס, אין לעצטן נומער פֿונעם זשורנאַל, וועלכן עס גיט אַרויס די ייִסראָעלדיקע אַרמיי, איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אױף געאָגראַפֿישע טעמעס, אין וועלכן עס ווערט דערקלערט, אַז דאָרעם־ליוואַן שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ נאַטירלעכע פֿאָרזעצונג פֿון גאַליל. און אונטער דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿונעם טײַך ליטאַני שטייט אַן אונטערשריפֿט: „ליטאַני — די נאַטירלעכע גרענעץ פֿון צאָפֿן־גאַליל”.

„קורצע ייִדישע ענציקלאָפּעדיע”: „גאַליל (איוור. הא־גאַליל; בוכשט. קרײַז), אַ צאָפֿן־געגנט פֿון ערעץ־ייִסראָעל. די נאַטירלעכע גרענעצן פֿון ג. זײַנען אױף צאָפֿן — דער טײַך ליטאַני (איצט אין ליוואַן), אױף דאָרעם — די טאָלן ייִסראָעלדיקער, האַראָד... אין בעט־שעאַן... צום סאָף פֿון 1979 זײַנען אין ג. געווען 160 ייִדישע (אָדער מערסטנטייל ייִדישע לויטן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד אײַנוווינער) באַפֿעלקערטע פּונקטן און 61 ניט־ייִדישע (אָדער מיט אַ מערהײַט ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג). בעסאַכאַקל 230,8 טויזנט ייִדן און 279,6 טויזנט ניט־ייִדן” (ב. 2, שפּ. 15, 20).

צי האָבן געוווּסט די פֿאַרייניקטע שטאַטן וועגן דעם, אַז ייִסראָעל גרייט אַן אינוואַזיע קיין ליוואַן? דאָס ווילט זיך פֿרעגן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. נו, און אויב אַזאַ שרעקלעכע פֿראַגע וואָלט פֿאַרגעבן דער ריכטער? מיר וואָלטן איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע: געוווּסט! געוווּסט!

אָט זײַנען פֿאַקטן. צען טעג פֿאַר דער אינוואַזיע. שאַראָן האָט זיך באַגעגנט מיטן מעלוכע־סעקרעטאַר אַלעקסאַנדער הייג אין וואַשינגטאָן. שפּעטער, דעם 30 יון, געבנדיק אַן אינטערוויו דער צײַטונג „דזשערוזאַלעם פּאָסט”, האָט דער ייִסראָעלדיקער שוץ־מיניסטער אופֿגעשטעלט אייניקע פּראָטים פֿון יענער באַגעגעניש:

„איך האָב געזאָגט דעם מעלוכע־סעקרעטאַר, אַז אונדזער ציל איז ניט צו שאַפֿן אַן אומאָפּהענגיקן ליוואַן אָדער אַרויסטרײַבן דאָס סירישע מיליטער פֿון ליוואַן... מיר קאָנען ניט לעבן אונטער אַ שטענדיקער דאַמאָקל־שווערד פֿון דער געפֿאַר פֿונעם פּאַלעסטינישן טעראָריזם פֿון ביירוט. מיר האָבן איין אַלטערנאַטיוו דער לאַגע, וועלכע האָט זיך געשאַפֿן, — מיר וועלן גיין אַהין און אַלץ אַליין אָפּרייניקן. מיר ווילן ניט, אַז דאָס זאָל פֿאַר אונדז זײַן אומגעריכט, נאָר מיר ווייסן ניט, וויִען דאָס אַלץ וועט פֿאָרקומען...”

הייג, פֿון זײַן זײַט, האָט ערנסט געהאַלטן, אַז „דאָס אַלץ (ס'הייסט, די אינוואַזיע פֿון ייִסראָעל קיין ליוואַן. — אווט.) איז די אַמעריקאַנער שאַ אױפֿן נאָענטן מיזרעך”. ער האָט אויך אויסגערעכנט, אַז די אָנגעהויבענע ייִסראָעלדיקע אינוואַזיע — „דאָס איז זײַן שאַנס זיך שטעלן בעראָש — ווערן דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן”. מיר וועלן נאָכאַמאָל אָנווײַזן דעם קוואַל: „אָבסערווער”, לאָנדאָן, דעם 27 יון 1982. מיר מיינען, אַז הייגס אָנערקענונג איז זייער אַ וויכטיקע.

דער מעלוכע־סעקרעטאַר איז אין מעשעך פֿון עטלעכע יאָר געווען אין פֿאַרטרויִלעכע באַציִונגען, אין פֿרײַנטלעכע באַציִונגען מיטן פּרעמיער־מיניסטער פֿון ייִסראָעל. בעגין האָט ניט אויסבאַהאַלטן זײַנע „באַזונדערע באַציִונגען” מיט הייגן. דעם 6 — 7 יול 1982, דאָס הייסט אינגאַנצן אין אַ כוידעש אַרום נאָכן אָנהייב פֿון דער אינוואַזיע, האָט ער באַמערקט:

— ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט הייגן אין ייִסראָעל (אין יול 1974, בײַסן וויזיט פֿונעם פּרעזידענט ניקסאָן), האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט בײַ איין טיש און געשמועסט קימאַט דרײַ שאָ. אין רעזולטאַט בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז הייג איז אַ גרויסער פּאַטריאָט, אַ מענטש, וועלכער האָט ליב און פֿאַרטיידיקט שטענדיק די פֿרײַהײַט. ווען ער איז געוואָרן מעלוכע־סעקרעטאַר,

האָבן זיך צווישן אונדז אײַנגעשטעלט וואַרעמע באַציִונגען. ייִשׂראל האָט ניט קיין בעסערן פרײַנט אין פּשאַ און אין אַנדערע לענדער, איידער ער.

הייג — וועגן בעגינען, אופריכטיק, אָפֿן, אַפּילו צופֿיל:

— קיינמאָל פּראָוואָצירט ער מיך ניט. איך ווייס פֿון וועלכן לאַנד ער איז. בעגין איז אַ פּאַט־ריאָט. ער איז איזאָלירט... און טוט זײַן זאַך אין ניט קיין פֿרײַנטלעכער סוויווע. בעגין איז אַ לידער, וועלכער טראָגט אויף זײַנע פּלייצעס אַ שווערן אָל...

איך געדענק, דער פּרעזידענט רייגאַן האָט געזאָגט: „מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז עס ווערט געגרייט אַן אינוואַזיע קיין ליוואַן". הייג האָט געוווּסט אַלץ! פֿון סאַמע אָנהייב אָן. איבעריקנס, רייגאַן האָט אויך געוווּסט.

אין מאָמענט פֿונעם אָנהייב פֿון דער אינוואַזיע האָט דער פּרעזידענט פֿון פּשאַ זיך געפֿונען אין מײַרעוו־איירפּאָפּע און איז געווען פֿאַרנומען מיט באַאַרבעטן די פּאַרבינדעטע, באַזונדערס זייער פּאָזי־ציע לויטן פּראָיעקט „גאַז — טרויבן", אין שײַכעס מיטן סאָוועטישן גאַז פֿאַר די מײַרעוו־איירפּאָפּעיִשע לענדער. און די באַשטימענדיקע ראָליע אין אונטערהאַלטן ייִשׂראל האָט פֿאַרנומען הייג! רייגאַן זשע, גאַרנישט ניט פּאַרנעמענדיק קעגן דער אינוואַזיע, האָט פּאַקטיש נאָכגעגעבן הייגן און ייִשׂראל.

צי האָבן געקאָנט די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿאָדערן פֿון בעגינען, ער זאָל אָפּשטעלן די אינוואַזיע? פֿאַרשטייט זיך, געקאָנט! עמאַציעס? ניין, פֿאַשעט — אַז מע ווייסט פּרעצעדענטן. מער גאַרנישט.

אין 1956 האָט דער פּרעזידענט אייזנהאָוער פּאַקטיש ניט געשטיצט די מילכאָמע פֿון ייִש־ראל, וועלכע איז אָנגעפֿאַלן אויף עגיפּטן צוזאַמען מיט ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך. דעמאָלט איז, אַדאַנק דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, די מילכאָמע אויף סיני און אין דער זאָנע פֿונעם סועץ־קאַנאַל אָפּגעשטעלט געוואָרן (דעם 5 נאָיאַבער 1956, דאָס הייסט גלײַך נאָך דער באַוווּסטער סאָוועטישער וואָרענונג האָט זיך די „דרײַצאַדימדיקע" אַגרעסיע פּאַרכלינעט), דער ראָש פֿון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע האָט אַ דראָע געטאָן ייִשׂראל מיט עקאָנאָמישע סאַנקציעס, דערונטער מיט פֿאַרבאָטן די ציִוניסטישע און ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איבערצופֿירן געלט־סומעס קיין ייִשׂראל, וואָס עס וואָלט געבראַכט צו אַ שאַרפֿער פֿאַרערגערונג פֿון די באַציִונגען צווישן ייִשׂראל און פּשאַ.

נעמענדיק אין אַכט די שאַרף נעגאַטיווע באַציִונג פֿון דער וועלט צו דער „דרײַצאַדימדיקער" אַגרעסיע, די וואָרענונג פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, האָט גאָלדע מעיִר, דעמאָלט דער מיניסטער פֿון אויסערן־איניִאָנים, דערקלערט דעם 1 מאַרטש 1957, אַז ייִשׂראל פֿירט אַרויס דאָס מיליטער פֿון סיניי...

אין 1962 האָט דער פּרעזידענט דזשאָן קענעדי אָפֿן געזאָגט דעם פֿראַנצויזישן זשורנאַליסט סימאָן מאַלע:

— די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿאַרמאָגן גענוג מיטלען, קעדיי צווינגען ייִשׂראל מאַסקים זײַן אויף אַ פֿרידלעכער לייזונג פֿונעם קאָנפֿליקט (ייִשׂראל־אַראַבישן), וועלכע וואָלט באַפֿרידיקט די אַראַבישע און פּאַלעסטינישע נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען. איבער מיר וועלן וועלן, וועט גיין אַ רייד וועגן גאַנץ באַשטימטע און קאָנקרעטע מאָסמיטלען, געריכטעט אויף דעם, אַז טעל־אוויוו זאָל אײַנגיין אויף נייטיקע האַנאָכעס. דאָ שטערט די קאָנצעפּציע, לויט מײַן מיינונג, אַ פֿעלערהאַפֿטע, פֿון אייניקע אונדזערע מיליטעריש־פּאָליטישע סטראַטעגן, וועלכע באַשטייט דערין, אַז ייִשׂראל זאָל אויסגענוצט ווערן אַלס עפֿעקטיוו געווער, וואָס וואָלט געשטערט דער סאָוועטישער אַרײַנדרינגונג אין רעגיִאָן און וואָלט געזיכערט די אַריענטאַציע פֿון די אַראַבער אויף דער „פֿרײַער וועלט". איך האַלט, אַז אַזאַ קאָנצעפּציע, אויב אַפּילע זי וועט זײַן לעבנסטעטיק אין מעשעך פֿון פֿיל יאָרן, קאָן ברענגען דערצו, אַז די אַראַ־בישע פֿעלקער, אינגאַנצן געגומען, זאָלן זיך אויסקערעווען פֿון אונדז און וועלן פֿאַרוואַנדלען זייערע לענדער אין אַ פּולווער־פֿעסל, וואָס איז גרייט זיך אופֿרײַסן אין אַ באַליביקן מאָמענט.

גראָד אין יענע סאַמע טעג, ווען דזשאָן קענעדי האָט אופֿגענומען סימאָן מאַלע, האָט דער אַמע־ריקאַנער געזאַנדטער אין קאַיִר געפֿירט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיטן פּרעזידענט נאַסער, וועל־כער איז אויך געווען פֿאַרינטערעסירט אין אײַנרעגולירן דעם אַראַביש־ייִשׂראלדיקן קאָנפֿליקט, וועגן דערגרייכן גלאָבאַלע צוזיפֿגערעדטקײַט צווישן ייִשׂראל און די אַראַבער.

אין יענער צײַט האָט די פּאַלעסטינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג ווי ניט עקזיסטירט!

די וואָרטער פֿונעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט האָבן אָפּגעשפּיגלט די רעאַלע לאַגע און די נאַטור פֿון די איניִאָנים אין די אַמעריקאַנער־ייִשׂראלדיקע באַציִונגען. ווען דזשאָן קענעדי וואָלט ניט אומ־געקומען!

איך אַצינד פֿאַרהיטן די פֿאַרייניקטע שטאַטן זייער רעאַלע מעגלעכקײַט אופֿצווינגען ייִשׂראל אופֿהערן די אַגרעסיווע מילכאָמעס קעגן די אַראַבער. אויב זיי וואָלטן געוואָלט!

רייגאַן וויל ניט. ער פֿרײדיקט אַ פֿעלערהאַפֿטע קאָנצעפּציע, וועלכע ס'האָט דערמאָנט דזשאָן קענעדי אים, פּונקט ווי דעם פֿענטאַגאָן, ווײַזט זיך אויס, אַז דער ייִשׂראלדיקער פֿאַרבינדעטער

שטערט נאָך אַלץ דער סאָוועטישער אַרײַנדרינגונג אױפֿן נאָענטן מיזרעך און גאַראַנטירט נאָך אַלץ די אַרײַנטאַציע פֿון די אַראַבער אױף די פֿאַראײניקטע שטאַטן.

סענאַטאָר ר. באָשוויץ: „...ייִסראָעל... איז אונדזער בעסטער פֿאַרבינדעטער אױפֿן נאָענטן מיזרעך, און דעריבער וועט די וואַקסנדיקע מיטאַרבעט צווישן די פֿאַראײניקטע שטאַטן און ייִסראָעל מיטווירקן דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער אַמעריקאַנער אָנוועזנהײַט.

קורץ גערעדט, ייִסראָעל — דאָס איז אַן אוצער, צו וועלכן מע טאָר זיך ניט באַציִען גרינגשעצעריש בלויז דערפֿאַר, וואָס דאָס געפֿעלט ניט די אַראַבער. די אַמעריקאַנער הילף ייִסראָעל מיט אַלע אירע אײגנטימלעכע אײגנשאַפֿטן איז אַן עכט לוינבאַר געשעפֿט".

און אָט וואָס עס טראַכט וועגן דער דערנידעריקנדיקער ראָליע פֿון זײַן לאַנד דער ייִסראָעלדיקער שרײַבער מ. סעווער: „די אַמעריקאַנער פֿאַרשטייען גוט די געאָפּאָליטישע געפֿעליקײַטן, וועלכע ייִסראָעל ווײַזט זיי אַרויס יאָר נאָך יאָר. די דאָזיקע געפֿעליקײַטן שטײַגן אױף אַ סאַך איבער די פּראָצענטן, וועלכע עס קומען די פֿאַראײניקטע שטאַטן. דאָס הײסט, די גרייטקײַט פֿון די אַמעריקאַנער קעסײדער אונדז צושטעלן געלט־האַלוואָעס וועט ניט געענדערט ווערן אין דער זעבאַרער צוקונפֿט, און כעלוקעדייעס וועלן טראָגן בלויז אַ צווייטראַנגיקן כאַראַקטער. און בעגין און שאַראָן נוצן אויס די פֿאַראײניקטע שטאַטן אין די אינטערעסן פֿון ייִסראָעל".

סטאָפּ־קאַדער! עפּעס־וואָס האָט וועגן שאַראָנען פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט. וועגן דעם לוינט צו דערוויסן זיך מער. „ניוסוויק" האָט געגעבן שאַראָנס ביאָגראַפֿיע, אויסטײלנדיק צוויי שטריכן פֿונעם מענטשן, וועלכן מע האָט אָנגערופֿן „בולדאָזער": פּרינציפּלאָזיקײַט אין דער אינערןײִסראָעלדיקער שפּיל (ער האָט ניט איין מאָל געביטן פּאָליטישע פּאַרטייען און פֿאַרבינדעטע) און אַכזאָריעסדיקײַט אַלס פּרינציפּ — אין לעבן און אין דער פּאָליטיק; אַ רעפּוטאַציע פֿון אַן אַרכי־שפּאַרבער בענוגייע די פּאַלעסטינער און אַראַבער ביכלאַל.

און עפּשער וואָלט בעסער געווען ווייניקער צו שרײַבן וועגן שאַראָנען? ניין, מע דאַרף! די ראָליע פֿון די מיליטערלײַט, באַזונדערס אין פּאָליטישן איסטעבלישמענט, איז קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן נאָך דער מילכאָמע פֿון 1967. איבערן לאַנד הענגט אַ שוידערלעכע, אַלץ־וואַקסנדיקע געפֿאַר פֿון אַ מיליטערישער איבערקערעניש, הגם די ייִסראָעלדיקע פּאָליטיקער און מיליטערלײַט רעדן גערן וועגן דעמאָקראַטיע.

אין 1953 האָט בען־גוריאָן, דער ערשטער ייִסראָעלדיקער פּרעמיער, באַפֿוילן דעם 25־יאָריקן שאַראָנען און זײַנע אונטערגעאָרדנטע דערהאַרגענען „אַ צען־צוועלף" אַראַבער אינעם דאָרף קיביאַ אױפֿן מײַרעוו־ברעג פֿונעם יאַרדן אַלס נעקאָמע פֿאַר דערהאַרגענען דרײַ ייִסרעיילים. וואָס זשע האָט געטאָן שאַראָן? ער האָט אַפֿילע ניט אַ פּינטל געטאָן מיטן אויג און האָט אופֿגעריסן 46 אַראַבישע הײַזער און דערהאַרגעט 69 פֿרידלעכע אײַנוווינער, אײַנגעשלאָסן אַ סאַך פֿרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס. דער זיכערהייט־ראַט פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראײניקטע נאַציעס האָט דאָס ערשטע מאָל פֿאַרורטײלט ייִסראָעל פֿאַר אָט דעם אומראַכמאָנעסדיקן אַקט.

דער זעלבער קסאַוו אין ליוואַן. די זעלבע טאַקטיק. בלויז דער כעזשבן פֿון די קאָרבאָנעס איז אַן אַנדערער — אױף טויזנטער, אױף צענדליקער טויזנטער. און אַנדערע פֿאַרניכטונגס־מיטלען — וואַקוום־קײַלעך־קאַסעט־באָמבעס, פֿאָספֿאָר־סנאַריאַדן.

נאָך דעם 22 מאַרט 1982 האָט דער „גענעראַל־בולדאָזער" געוואָרנט אין טעל־אַוויוו:

— אין פֿאַל, אויב עגיפּטע וועט נאָכן אומקערן אים סינײַ ברעכן די קעמפּ־דעווידער פֿאַרשטענדיקונגען, וועט ייִסראָעל אין 24 שאָ אַרום אָקופּירן דאָס גאַנצע (סינײַער) האַלב־אינדזל.

שאַראָן איז ערעגײַציק, אַמביציִעז, בא אים איז אַן אופּרײַסערישער, אומגעריכט זיך אַנטפּלעקנדיקער כאַראַקטער. אײנע פֿון זײַנע בולטעטע אײגנשאַפֿטן איז — פּרינציפּלאָזיקײַט, אַלצפֿרעסדיקײַט, שטרעבונג אויסצונוצן אַלץ, אַפֿילע שעקער, אויב, ווי ער איז איבערצײַגט, ס'איז נייטיק צו באַרעכטיקן די סאַמע אַכזאָריעסדיקע מײַסים.

אײנמאָל האָט בען־גוריאָן, ווענדנדיק זיך צו שאַראָנען, אים געפֿרעגט:

— ווען זשע, אַריק, וועט איר ענדלעך אופֿהערן צו לײַגן?

דער גענעראַל כאַיִם הערצאָג, דער איצטיקער פּרעזידענט פֿון ייִסראָעל, שרײַבט אין זײַן בוך „אַראַביש־ייִסראָעלדיקע מילכאָמע": „צופֿיל באַשולדיקט מען אים אין אומגעהאָרכזאַמקײַט און ניט־ערלעכקײַט... ניט קיין סאַך, ווער עס האָט געדינט מיט אים (מיט שאַראָנען), קאָנען וועגן אים זאָגן אַ גוט וואָרט".

מאָסקווע, דעם 12 יול 1982. כ'האָב זיך באַגעגנט מיט אַן אַראַבישן קאָלעגע. צען יאָר האָבן מיר זיך ניט געזען.

ער איז אַ פּראָגרעסיווער זשורנאַליכט. איבעריקנס, זאָגן אַזוי, וואָלט געהייסן ניט נעמען אין אַכט דעם איקער, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זײַן נעשאָמע. פֿאַר די יאָרן, וועלכע זײַנען פֿאַריבער נאָך נאַסערס טויט און נאָך סאַדאַטס קראַך, זײַנען בא אים אַנטשטאַנען טויזנטער פֿראַגן. ער האָט געפֿרעגט

באַ זיך און באַ זײַן זיקאָרן: וואָס זשע ווײַטער?״ ס׳איז געשען עפּעס שרעקלעכס: אױף די אויגן פֿון די אראַבער האָט מען רויִנירט ליוואַן, געהאַרגעט ליוואַנער, געפּרוּווט פֿאַרניכטן די פּאַלעסטינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, און די אראַבער האָבן פֿאַרשעמט און אַפּילע אַרויסרופֿעריש געשוויגן. מײַן פֿרײַנט האָט זיך אויסגעדריקט גראָד אַזוי. יאָ, עס זײַנען געווען פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס, אָבער וווּ? אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, אין מײַרעוו־אייראָפּע, אין פֿשאַ, ענגלענד, אין ייִסראָעל! דערפֿאַר אָבער אין דער מערהײַט אראַבישע הויפּט־שטעט קיין איין מיטינג אָדער כאָטשבי אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס זייערע אָנטיילנעמער זאָלן אויסדריקן זייער באַציִונג צו דעם, וואָס עס קומט פֿאָר, צו אַראַפֿאַטס גורל, סאָפּקאָלסאָף!

„וואָס איז מיט די אראַבער?״ ווירקלעך, ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גאַנץ נײַע אומגעבונג: די רעגירער פֿון אייניקע אראַבישע לענדער — אַמאָל ביט בלויז די קאָנסערוואַטאָרן — קוקן אין דער זײַט פֿון פֿשאַ, שיקן קיין וואַשינגטאָן זייערע מיניסטאָרן צוליב פּירן אונטערהאַנדלונגען.

די צײַטונג פֿונעם עמיראַט שאַרדזשאַ „אַל־כאַלידזש״, דעם 15 יון 1982: „דאָס אראַבישע שווײַגן אין שײַכעס מיט דער אָקופּאַציע פֿון ליוואַן און די קאָנטאַקטן פֿון די אראַבער מיט די פֿאַרייניקטע שטאַטן האָבן אַרופֿגעלייגט אױף די אראַבישע רעגירונגען אַ גלײַכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר דער ליקווידאַציע פֿון די אראַבישע קעמפֿער אין ליוואַן. יענע, ווער עס באַשולדיקט סיריע אין מיליטערישער אומטעטיקײַט, טרעטן אַליין ניט אַרויס אַלס איניציִאַטאָרן פֿון וועלכע־ניט־איז טאַטן. איצט איז די אײנציקע האָפֿענונג אױף די פֿאָלקס־באַוועגונגען אין אַלע אראַבישע לענדער״.

ס׳איז געווען גאַנץ באַשײַמפּערלעך, אַז פֿשאַ און ייִסראָעל האָבן געפֿירט אַ געמיינזאַמע אַגרעסיע קעגן די ליוואַנער און פּאַלעסטינער, קעגן אַלע אראַבער. איצטער מאַכן די אַמעריקאַנער אַן אָנשטעל, אַז זיי זײַנען די רעטער פֿון די אראַבער. און אייניקע אראַבער, האָט געזאָגט מײַן פֿרײַנט, גלייבן אין דעם, אַז די פֿאַרייניקטע שטאַטן ראַטעווען זיי ווירקלעך פֿונעם ייִסראָעלדיקן גענאָציד!

וויִאַזוי האָט עס געקאָנט געשען? אָבער ס׳איז דאָך געשען! הייסט עס, אַז אייניקע אײַנפֿלוס־רײַכע אראַבישע רעגירער האַלטן, אַז הײַנט איז דער איקער — מאַכן אַ געשעפֿט מיט פֿשאַ און ייִסראָעל (נייִן, ביט אונטערן קאָלפּעק פֿון קעמפּ־דעוויד, נאָר אונטער עפּעס אַן אַנדערן), און דעריבער איז אַלדאָס איבעריקע ניט וועזנטלעך. פֿאַר אָפּגיין פֿונעם קאַמף פֿאַרן זיג פֿון דער גערעכטיקער אראַבישער זאַך וועט דאָך אויסקומען צו צאָלן!

פֿאַרשטייט זיך, אַזאַ מין פּאָזיציע — דאָס איז אַ פֿאַראַט פֿונעם עכטן אראַבישן. וואָס פֿאַר אַ שאַנסן האָבן די הײַנטיקע סאַדאַטן אין דער אראַבישער וועלט? פֿאַרשטייט זיך, עקלהאַפֿטע! נאָר קעדיי צו געבן דער דאָזיקער פּאָזיציע אַ ווידערשטאַנד, זײַנען נייטיק יאָרן! גרײַלעך יאָרן, ווײַל דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דער איצטיקער פּאָליטישער סיטואַציע אין דער אראַבישער וועלט איז דאָס, וואָס קיין איין רעגירנדיקע אָדער קאָנסערוואַטיווע פּאָליטישע גרופּע האָט ניט, אָפּאָנעם, קיין פֿאַרלאַנג אופֿצוהייבן דאָס פֿאָלק קעגן דער שאַנד פֿון זיך אונטערלעקן די פֿאַרייניקטע שטאַטן, דעם אימפּעריִאַליזם!

וואַשינגטאָן, דעם 15 יול 1982. די פֿאַרייניקטע שטאַטן, האָט באַמערקט דער געוועזענער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם מעלוכע־סעקרעטאַר פֿון פֿשאַ דזש. באָל, אַנטשטייט אין די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט אַלס מיטבאַטייליקטע אין דער בלוטיקער אינוואַזיע פֿון ייִסראָעל קיין ליוואַן. פֿשאַ טראָגן די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר די באַרבאַרישע מײַכים פֿון טעל־אוויוו. גרײַלעך פֿשאַ האָבן געליפֿערט ייִסראָעל אַ קאָלאָסאַלע צאָל סאַמע הײַנטצײַטיק געווער, דערונטער קײַלער־באָמבעס, וועלכע טעל־אוויוו האָט אָנגעווענדט אין ליוואַן.

ס׳האָט זיך צערעדט דער קיניג כוסיין. דעם 26 יול 1982 האָט ער באַמערקט אינעם אינטערוויו דער צײַטונג „טײַם״ אַלס ענטפֿער אױף דער פֿראַגע, וואָס עס קומט אים אָפּן זינען, ווען ער הערט די ווערטער פֿונעם גענעראַל שאַראָן אָדער פֿונעם פּרעמיער־מיניסטער בעגין וועגן דעם, אַז יאָרדאַניע — דאָס איז אַ „פּאַלעסטינער מעלוכע״.

ענטפֿער: שאַראָן און בעגין מיינען, אַז זיי קאָנען אָנבינדן עפּעס אַ לייזונג, וועלכע באַזירט זיך ניט אױף די רעכט פֿון אַ פֿאָלק צו לעבן אױף זײַן ערד, נאָר ווי די גאַנצע פּראָבלעם וואָלט באַשטאַנען דערין, אַז מע זאָל אָפּזוכן אַ פּוסטן באַצירק צוליב שאַפֿן אַ נײַע מעלוכע — און גראָד אָט דער פּוסטער באַצירק איז יאָרדאַניע. די שטאָט גאַזאַ (אַן אָקופּירטע דורך די ייִסראָעלים) האָט אינדערעמעסן געהערט צו כאַשימען. כאַשים איז געווען דער ראָש פֿון מײַן שטאַם און פֿונעם שטאַם פֿון דעם נאָווי מוכאַמעד. נאָך ביזן נאָוויס געבורט איז כאַשים געבראַכט געוואָרן צו קוווּרע אין גאַזאַ. שאַראָנס אָוועס האָבן געלעבט אין פּוילן. שאַראָן באַהויפּטעט, אַז ער געפֿינט זיך אין זײַן לאַנד און אױף זײַן ערד, און איך בין אין יאָרדאַניע אַ פֿרעמדער. דאָס איז אַ גאַנץ מאָדנער געדאַנק; איך מיין, דאָס איז פּאָשעט אַן אומזין.

פֿראַגע: ציִ האַלט איר, אַז די פּראָבלעם באַשטייט אין ייִסראָעל גופֿע?

ענטפער: ניט אין ייִשראל אליין. דאָס, וואָס עס טוט ייִשראל, זײַן באַציִונג (צו די שכנים), זײַנע קאָמפּלעקסן, זײַן פּײַנטשאַפט — דאָס זײַנען פּראָבלעמען פאַרן גאַנצן ראַיאָן, און אין לעצטן סאַכאַקל פאַר ייִשראל גופא. די עקזיסטענץ פון ייִשראל שטייט ניט מער אונטער א פראגע.

פראגע: וויאַזוי האָט זיך אויפגעפירט אין דער דאָזיקער מילכאָמע די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פאַלעסטינע? די פאַלעסטינער?

ענטפער: זיי איז אויסגעקומען א סאַך איבערצוטראָגן. זיי האָבן געליטן א סאַך פאַרלוסטן. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי פאַרשאַפט א סאַך מער שאָדן דעם ייִשראלדיקן צאַד, איידער דאָס אנערקענען איצט די ייִשרעילים. אין א באַליבּיקן פאַל, דוכט זיך מיר, דאַרף די וועלט וויסן, אז ווען ייִשראל וועט אפילו פאַרזעצן זײַנע מײַסים, ווען ייִשראל וועט אפילו רויִנירן ביירוט און פאַרניכטן די פאַלעסטינער, וועלכע געפינען זיך דאָרט, וועט די זאַך פון די פאַלעסטינער ניט אומקומען. דער טאַך פון דער דאָזיקער פראגע איז דערין, וואָס ווען מענטשן פאַרלירן אַלע זייערע רעכט, אַלע זייערע מענטשלעכע רעכט, יעדערער באַזונדער און אַלע אינאיינעם — די ערד, די היימער, די זין, די טעכטער, די טאַטעס, די מאַמעס, די שוועסטער, פאַרלירן מיט צוואַנג זייער מענטשלעכע ווירדע, — קאָן די רעאַקציע אויף דעם ניט זײַן קיין שווידערהאַפטע. זי געבירט גוואַלדטאַט, וועלכע וועט זיך ניט באַגרענעצן בלויז מיט אונדזער רעגיאָן. זי וועט זיך פאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער וועלט. און איך דערקלער אָפּן, אז ער וועט פאַלן ניט בלויז אויף ייִשראל, נאָר אויך אויף די פאַראייניקטע שטאַטן און אויף זייערע אינטערעסן. און וועמען וועט מען קאָנען דעריין באַשולדיקן?

זשענעווע, דעם 27 יול 1982. אויף א פּרעסע־קאָנפערענץ זײַנען פאַר די זשורנאַליסטן ארויסגעטראָטן פאָרשטייער פונעם וועלט־ראַט פון די קלויסטערס (ווּרק), וועלכע האָבן זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון ליוואָן. זייער וואָרט פון גוויִס־איידעס איז באַזונדערס וויכטיק. די פאָרשטייער פון ווּרק האָבן גערעדט וועגן דעם, אז אָפּן סמאַך, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו זען אין ליוואָן, קאָנען זיי באַשטעטיקן, אז ייִשראל וויל פאַרניכטן דאָס פאַלעסטינער פאָלק. אין מײַרעװ־ביירוט פאַלט אויס אויף יעדן קעמפער פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פאַלעסטינע 10 מיטגלידער פון דער מישפּאָכע, און זײַן מישפּאָכע — דאָס זײַנען זקיינים, פרויען, קינדער... אָנרופנדיק די פאַלעסטינער פּלייטים — „טעראָריסטן" און אָפּזאָגנדיק זיי אין רעכט צו וווינען אויף דער טעריטאָריע, וואָס עס האָט זיי צײַטווײַליק אויסגעטיילט דאָס ברידערלעכע פאָלק, האָט בעגין געפּרוווט אָפּנאַרן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט. אָן אַראָפּגעטריבנס פון דער אייגענער ערד, שטייענדיק קעגן דער ייִשראלדיקער באַוואָפנטער אינוואַזיע, האָט דאָס פאַלעסטינער פאָלק געהאַט רעכט אויף זעלבשוץ און פאַרטייַדיקונג.

אַזוי האָבן גערעדט די רעליגיעזע טוער. ווײַל אַזוי האָבן גערעדט די גלויביקע — זייער פּאַראַפיע. דערוויַל איז געוואָרן אַלץ בולטער, אַז קאַרבאָנעס פון דער ייִשראלדיקער אינוואַזיע ווערן ניט בלויז די פאַלעסטינער...

לאָנדאָן, דעם 28 יול 1982. „ייִשראלדיקע אַעראָפּלאַנען, אַרטילעריע און קריגס־שיפן האָבן זעקס טעג נאַכאַנאַנד באָמבאַרדירט די וווינונגס־קוואַרטאַלן פון ביירוט, איצטער ווײַט פון די פּאָזיציעס פון די אָטריאַדן פון די פאַלעסטינער, — טיילט מיט „גאַרדיאַן". — עס שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אַז די ייִשרעילים ווילן באַווײַזן זייער גרייטקײַט צו דערלאַנגען קלעפּ איבער א באַליבּיקן טייל פון דער שטאָט אין זייער מילכאָמע קעגן די „טעראָריסטן".

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג האָט איבערגעגעבן פון מײַרעװ־ירושאַלאַיִם, אַז די ייִשראלדיקע אַטאַקעס האָבן צוויי צילן: פאַרזעצן אַרויסצווײַזן א דרוק אויף דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פאַלעסטינע, די פאַלעסטינער זאָלן פאַרלאָזן ביירוט; צוגרייטן א באָדן אויף צו פאַרכאַפּן מײַרעװ־ביירוט. אַוודע, אין דעם פאַל, אויב שאַראָן וועט אָפּגעבן אַזאַ באַפעל.

דאָרטן זשע, אין מײַרעװ־ירושאַלאַיִם, האָט א גרופּע אַמעריקאַנער קאָנגרעסמענער נאָך א באַגעגעניש מיט בעגינען אויסגעדריקט טיפע פאַרזאָרגטקײַט אין שײַכעס מיטן באַשלוס פון ייִשראל אָנהייבן אָן אָנגריף אויף מײַרעװ־ביירוט, קעדיי צו ליקווידירן די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פאַלעסטינע. „פייַנעשנל טײַמס" האָט ניט אָן א גרונט באַמערקט: דער אָנפירער פון דער גרופּע פּ. מאַקלאָסקי האָט געצווייפלט, צי קאָן מען לייזן דעם קאָנפליקט אויף א פרידלעכן אופן. בעגין האָט אים אָפּן געזאָגט, אַז „אויב די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פאַלעסטינע וועט אפילו אָנערקענען די רעזאָלוציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס 242 און 338 און די רעכט פון ייִשראל אויף עקזיסטענץ, וועט ער סײַווי ניט אַרײַנטרעטן אין קיין שום קאָנטאַקטן מיט אירע לידערס".

דער ייִשראלדיקער פּרעמיער־מיניסטער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער טראַכט!

„דיילי טעלעגראַף", פאַרופנדיק זיך אויף דער אַרויסטרעטונג פון פּ. מאַקלאָסקי, איז געקומען צום אויספיר: ייִשראל וועט קיינמאָל ניט אײַנגיין אויף דעם, אַז א פאַלעסטינער מעלוכע זאָל געשאַפן ווערן אָפּן מײַרעװ־ברעג פונעם יאַרדן אינעם גאַזאַ־סעקטאָר.

ניו־יאָרק, דעם 1 אויגוסט 1982. די צײַטונגען גיבן איבער פון וואַשינגטאָן:

אויב די איצטיקע אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע וועט געצוווּנגען זײַן צו קאַפּיטולירן אױף „דערנידערנדיקע באַדינגען", וועט קומען נאָך איר א ראַדיקאַלע אָנפירונג, וועלכע וועט פרײַדיקן אַנצוווענדן גוואַלדטאַט,— אַזוי האָט דערקלערט דער פּאָליטישער ראַטגעבער פונעם פרעזידענט פון עגיפּעט אוסאַמאַ אַל־באַז. צווינגען די פּאַלעסטינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג צו ראַדיקאַליזאַציע איז ווירקלעך געפערלעך; אַכוץ דעם, וועט א ראַדיקאַליזאַציע ברענגען צו דעם זעלבן פּראָצעס אויך אין דער אַראַבישער באַפרײַונגס־באַוועגונג ביכלאַל... זי וועט שפּילן א ראָליע פון א קאַטאַליזאַטאָר פון דער אַראַבישער פּאָזיציע אין אַנדערע לענדער, און די פּאַררייניקטע שטאַטן וועלן באַטראַכט ווערן אַלס מיטהעלפער פון יִשׂראָעל,— האָט דערקלערט אַל־באַז, אַרויסטרעטנדיק אין דער פּראָגראַם פון דער טעלעקאָמפּאַניע סי־בי־עס „מיטן פּנים צום לאַנד".

ענטפערנדיק אױף דער פראַגע, צי דערוואַרט ער וועלכע־ניט־איז ענדערונגען אין דער פּאָליטיק פון די פּאַררייניקטע שטאַטן אפן נאָענטן מיזרעך אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס הייג האָט פאַרלאָזט דעם פּאָסטן פונעם מעלוכע־סעקרעטאַר און אױף זײַן אָרט איז געקומען שולץ, האָט אַל־באַז געזאָגט:

— איך בין אין דעם ניט זיכער. איך וואָלט אױף דעם ניט אויסגערעכנט.

ער איז געווען גערעכט...

לאָנדאָן, דעם 2 אויגוסט 1982. שאַראָן האָט דערקלערט אין דער אַמעריקאַנער טעלעוויזיע, אַז די לעצטע מאַסירטע באָמבאַרדירונג פון מײַרעוו־ביירוט — דאָס איז דערווײַל די ערשטע כּטאַדיע פון דער צוגרייטונג פון דעם יִשׂראָעלדיקן מיליטער צו פאַרכאַפּן די שטאָט,— האָט מיטגעטיילט „גאַרדיאַן". בעגין האָט אַוועקגעשיקט א דרינגענדיקן בריוו דעם פּרעזידענט רייגאַנען, אין וועלכן ער האָט מיטגעטיילט, אַז די באָמבאַרדירונג פון דער ליוואַנישער הויפּט־שטאָט איז ניט קיין טייל פון דער צוגרייטונג פון דעם יִשׂראָעלדיקן מיליטער צום לעצטן שטורעם.

„גאַרדיאַן" האָט געלייגט אַכט אױף די באַמיִונגען פונעם לידער פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע, וועלכע ער אַפּישירט ניט, מיקויעך לייזן די פּאַלעסטינער פּראָבלעם. נאָך א סאַך פּריִער, ביזן אָנהייב פון דער יִשׂראָעלדיקער אַגרעסיע אין ליוואָן, האָט דער ראַטגעבער פונעם פאָרזיצער פונעם אַזיספּירקאָם פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע דאָקטאָר אי. סאַרטאַוו געפירט אין פּאַריזש עפּעס גאַנץ מאָדנע אונטערהאַנדלונגען מיט פאָרשטייער פון פּשא און פון די רעגירונגען פון מײַרעוו־אייראָפּע וועגן א פאָרמעלער אַנערקענונג מיצאַד דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע די רעכט פונעם פּאַלעסטינער פאָלק אױף זעלבסטבאַשטימונג... אַלס א בײַט פאַר אַנערקענען מיצאַד די פּאַלעסטינער די רעזאָליוציע 242 פונעם זיכערהײַט־ראַט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס.

די אינוואַזיע פון יִשׂראָעל קיין ליוואָן האָט איבערגעריסן די קאָנפידענציִעלע באַמיִונגען פונעם דאָקטאָר סאַרטאַוו, — האָט אָפּגעמערקט די צײַטונג, — נאָר ניט געקוקט אױף דער אָפּאָזיציע צו זײַן פּלאַן אין דער אָנפירונג פון אָבּפּ, האָט ער ניט אָפּגעשטעלט די פּרוּוון צו דערגרייכן א פאַרשטענדיקונג אפן דאָזיקן יעסאָד.

שאַראָן האָט ווי אונטערגעיאָגט די געשעענישן...

ניו־יאָרק, דעם 2 אויגוסט 1982. ט. פרידמאַן טיילט מיט אין „ניו־יאָרק טײַמס" וועגן נאָך איין באָמבאַרדירונג מיצאַד יִשׂראָעל פון מײַרעוו־ביירוט, אָנווײַזנדיק, אַז דאָס איז „די סאַמע אַכזאָריעסדיקע באָמבאַרדירונג פאַר דער גאַנצער צײַט פון דער יִשׂראָעלדיקער אינוואַזיע קיין ליוואָן". די שיסערײַ איז געפירט געוואָרן פון דער יאַבאָשע, פון דער לופט און פונעם יאַם אין מעשעך פון 14 שאָ. אייגצײַטיק האָבן די יִשׂראָעלדיקע טאַנקען געפּרוּווט דורכרײַסן די פּאָזיציעס פון די פּאַלעסטינער דאָרעם־צו פונעם ביירוטער צווישנפעלקערלעכן אַעראָפּאָרט, ווי אויך לענגויס דעם וועג אפן בײַברעג, וועלכער פירט צו דעם דאָזיקן טייל פון דער שטאָט. דעם יִשׂראָעלדיקן אָנגריף האָט מען אָפּגעשלאָגן.

שאַראָן האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס דער פּלאַן פון „זײַן מילכאָמע" איז פאַנאַנדערגעאַרבעט מיט א פּינקטלעכקײַט ביז א מינוט. פּינקטלעכקײַט בײַסן אויספּילן דאָס פאַרטראַכטע איז ביכלאַל געוואָרן דער שטאָלץ פונעם פּאַריסענעם גענעראַל. א פּאַריסענעם דערפאַר, וואָס ער האָט געפילט — הינטער אים שטייען אײַנפלוסרײַכע „מעכטיקע גדוילים" אין יִשׂראָעל.

נאָך פאַר דער אינוואַזיע קיין ליוואָן האָט שאַראָן אַרויסגערופן א נאָענטן אים אָפיצער:

— פאַרעפנטלעך מײַנע קאַוואָנעס אין ליוואָן. טו עס דורך דער פּרעסע. דער פראַנצויזישער געפין עפּעס א פּאָפּולערע וואָכנבלאַט. גיב איר אַן אינטערוויו. וואָס גיכער דו וועסט עס טאָן, וועט זײַן בעסער...

די וואָכנבלאַט „וואַנדרעדי, סאַמדי, דימאַנש" האָט אָפּגעדרוקט עפּעס אַזוינס, וואָס עס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט:

„מיר וועלן זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט דעם, וואָס מיר וועלן אָפּוואַרפן דעם סוינע אױף 40, 60 און אפילע אױף 80 קילאָמעטער פון אונדזער צאָפנדיקער גרענעץ. אונדזער ציל איז— פאַרניכטן

אָבפּ און שטערן איר ווידערגעבורט אין ליוואַן... אויב עס וועט זײַן נייטיק, וועט די ייִסראָעלדיקע ארמיי זיך ניט אָפּשטעלן אױף די צוטריטן צו ביירוט... צוליב דערגרייכן דעם ציל, וועט זיך פֿאָדערן, מעגלעך, מער פֿון א וואָך. נאָר מיר אײַלן זיך ניט, און מיר האָבן גענוג קויכעס, קעדיי דערפֿאָלגרײַך דורכפֿירן די אָפּעראַציע. יאָ, עס גייט א רייד וועגן א טאָטאלער מילכאָמע, וועלכע וועט זיך פֿאַרענדיקן בלויז מיט א פֿולער צעשמעטערונג פֿון אָבפּ... אויב עס וועט נייטיק זײַן, וועלן מיר צעגראַמירן אויך די סיריער. וואָס שײַעך דעם זיכערהײַט־ראַט, ווילן מיר גלײַך דערקלערן: מיר וועלן ניט גיין אנטקעגן זײַנע פֿאָדערונגען...״

הייסט עס, צו אלדי רוכעס די אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס, די צווישנפֿעלקערלעכע געמיינשאַפֿט האָט ניט קיין שום וואָג אין די אויגן פֿון שאַראָנען און פֿון יענע, ווער עס האַלט אים אונטער אין ייִסראָעל. און אין יוני 1982 זײַנען בלויז די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן און דער פֿראָנט פֿון קאַמף פֿאַר גלײַכבארעכטיקונג ארויסגעטראָטן קעגן דער מילכאָמע אין ליוואַן. שאַראָן איז געוואָרן אַלץ כוצפּעדיקער...

וואשינגטאָן, דעם 9 אויגוסט 1982. ר. עוואַנס און נאָוואַק שרײַבן אין „וואשינגטאָן פּאָסט״: ווען דער פּרעזידענט רייגאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דערקלערן סאַנקציעס קעגן ייִסראָעל, האָט ער דערמיט אָנגענומען א פֿאַטאַלן באַשלוס ניט שמידן דאָס אײַזן, קאַלזמאַן עס איז הייס, וועגן וואָס ער וועט, מעגלעך, ביטער כאַראָטע האָבן אין דער צוקונפֿט... דער מאָמענט, ווען די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן געדאַרפֿט האַנדלען אנטשיידן, קעדיי אײַנצוימען זייער אײַנגעשפּאַרטן קליינעם פֿאַרבינדעטן, איז, מעגלעך, שוין דורכגעלאָזט.

אַזאַ מאָמענט איז, אָן ספֿק, געווען אין דעם פֿאַריקן מיטוואָך בײַכן געהיימען בריפֿינג פֿאַר די סענאַטאָרן, וועלכן עס האָבן דורכגעפֿירט די מיטאַרבעטער פֿון דער צענטראַלער אויסשפּירונגס־פֿאַרוואַלטונג און פֿונעם מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט. צו יענעם טאָג האָבן די ייִסראָעלדיקע טאַנקען זיך ארײַנגעריסן אין מײַרעוו־ביירוט, ניט געקוקט דערויף, וואָס דעם 2 אויגוסט האָט רייגאַן זיך געווענדט מיט א רוף צום מיניסטער שאַמיר זיך אײַנהאַלטן. דער געזאַנדטער ר. פֿײַערבענקס, וועלכער האָט דורכגעפֿירט דעם בריפֿינג, האָט ניט איין מאָל געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אין איצטיקן מאָמענט זײַנען סאַנקציעס קעגן ייִסראָעל אויסגעשלאָסן. אבסאָליוט. ניט געקוקט אױף בעגינס כוצפּעדיקער אויפֿירונג...

דער סענאַטאָר ד. באָרען האָט פֿונדעסטוועגן געפֿרעגט:

— אויב ניט קיין סאַנקציעס, ווערן עפּשער באַטראַכט עפּעס אַנדערע באַשטראָפֿונגס־מיטלען?

פֿײַערבענקס האָט געענטפֿערט ניט יאָ, ניט ניין.

דרײַ אָנוועזנדע אױפֿן בריפֿינג סענאַטאָרן, וועלכע פֿאַרנעמען פּעסטע פּראָ־ייִסראָעלדיקע פּאָזיציעס, — אַלאַן קרענסטאָן, האָוואַרד מעצענבאַום און רודי באָשוויץ — האָבן פֿאַרגענומען אָבסטרוקציע. די איבעריקע סענאַטאָרן זײַנען געווען גאַנץ אנטשיידן געשטימט לטױווס באַליביקע באַשטראָפֿונגס־מיטלען, וועלכע עס וואָלט געקאָנט פֿאָרלייגן דער פּרעזידענט רייגאַן.

ווען באָרען האָט דערקלערט, אַז זײַן צאָרן איז געווענדט ניט קעגן ייִסראָעל, נאָר פּערזענלעך קעגן בעגינען, האָט אַן אַנדערער סענאַטאָר־דעמאָקראַט זיך אָפּגערופֿן נעווײַש אױף די דאָזיקע ווערטער:

— בעגין וועט, מעגלעך, פֿאַרנעמען זײַן אָרט אין דער געשיכטע אַלס מענטש, וועלכער האָט פֿאַרניכטעט ייִסראָעל.

ווער איז ער, מענאַכעם בעגין?

— איר ווייסט, אַז איך רוף זיך פּאַלעסטינער... מיר זײַנען אַלע פּאַלעסטינער, — האָט ער געזאָגט אין מײַ 1977.

דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער פֿון ייִסראָעל האָט ניט אָן אופֿגעבראַכטקײַט דערמאָנט, אַז אַלץ נעענטער צום טויט האָט ער זיך געפֿונען לויטן ווילן פֿון די... ציִוניסטן. בען־גוריאָן האָט באַפֿוילן צו דערהאַרגענען בעגינען. דער אויספֿילער האָט געדאַרפֿט זײַן דער קינפֿטיקער גענעראַל ראַבין, בעגינס פֿאָרגייער אױפֿן פּאָסטן פֿונעם פּרעמיער־מיניסטער! נאָר ער האָט ניט געטראָפֿן. מעגלעך, צום ערשטן מאָל אין לעבן, און וואַרשײַנלעכער פֿון אַלץ — בעקיוון.

ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן האָט בען־גוריאָן ניט אויסבאַהאַלטן זײַן אַנטיפּאַטיע צו בעגינען, קיינמאָל אים ניט אָנגערופֿן באַם נאָמען, ווענדנדיק זיך צו אים געוויינלעך בלויז אין דער דריטער פּערזאָן: „דער מענטש, וועלכער זיצט באַנאַנד״, „דער דאָזיקער מענטש״ אדג. דאָס ניט־אופֿנעמען בעגינען האָט דער „פֿאָטער פֿון ייִסראָעל״ געהאַלטן פֿאַר זײַן אומגעוואַקלטער מענטשלעכער, פּאָליטישער און אַפֿילע מאַנצבלשער פּריווילעגיע...

מע רופֿט אים אױף קאָלערליי אױפֿאַנים: „ציִוניסט״, „רעוויזיאָניסט״, „קעמפּערישער״, „טעראָריסט״, „מערדער״, „פֿאַשיסט״, „נאַציסט״, אַפֿילע „ייִסראָעלדיקער דוטשע״. איינער א מײַרעוודיקער דיפּלאָמאַט האָט געזאָגט ניט אָן סאַרקאַזם: „זײַן פּריוואַט לעבן איז פּראָסט, ווי א שפּילקע. אַלץ, וואָס מע רעדט וועגן אים, — איז עמעס״.

ווער זשע איז ער ווירקלעך, דער זיבעטער פּרעמיער־מיניסטער פֿון ייִסראָעל?

דערזעענדיק אים כאָטש איין מאָל (ביז זײַן אומגעריכטער דעמיסיע אין סענטיאַבער 1983), האָט מען אים שוין ניט געקאָנט מיט עמעצן איבערפּלאָנטערן. ניט פֿון הויכן וווּקס, האָט ער אויסגעזען פֿאַרהעלטעניסמעסיק שטאַלטנע. אַ באַליביקער מיליטערישער אָפֿיצער האָט אים געקאָנט מעקאַנע זײַן פֿאַר דער אויסגעשולטקייט. אויסערלעך האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ רויב־פֿויגל. אַ פֿאַרשמעלערט צו אונטן פּנים, די אַראָפּגעלאָזטע ווינקלען פֿונעם מויל האָבן אים צוגעגעבן אַ באַזונדערע אַגרעסיווקייט. ער האָט שטענדיק געהאַלטן שטאָלץ דעם קאָפּ. די אויגן, פֿאַרגרעסערטע דורך די ברילן, האָבן אויסגעגעבן אין אים אַ לײַדנשאַפֿטלעכן מענטשן. און ווען ער פֿלעגט זיך היצן, האָבן די אויגן געשריִען: קעגן אײַך שטייט אַן איבערצײַגטער, אַ פֿאַנאַטיקער, וועלכער איז גרייט אַף אַלץ.

אויסערלעך איז בעגין געווען אַ פֿאָרמענע אַנאָמאַליע אַף דער ייִסראָעלדיקער מענטשלעכער בינע, אַ באַזונדערער פּערסאָנאַזש אינעם טעאַטער פֿון כאַראַקטערן אין ייִסראָעל. שטרענגע קאָסטיומען, ווײַסע העמדלעך און שניפּסן האָבן אים שאַרף אויסגעטיילט פֿון צווישן דער מערהײַט ייִסראָעלדיקע פּאָליטיקער. יענע זײַנען פֿרײַ אין די קליידער, אָפּגעלאָזטע, דערקלערנדיק דאָס מיט אַ מין „דעמאָקראַטיזם" פֿון ייִסראָעל און מיטן הייסן קלימאַט.

אין שטייגער איז בעגין געווען שטענדיק אַלטמאָדיש. פֿרויען האָט ער, אַלס קלאַל, געקושט די הענט. ער האָט אַ זון און צוויי טעכטער. ער האָט זייער ליב געהאַט צו לייענען ביכער איבער געשיכטע, פּאָליטישע ביאָגראַפֿיעס און, פֿאַרשטייט זיך, די ביבל. זי האָט ער, ווי זײַן פּאָליטישער און אָפֿילע מענטשלעכער אַנטיפּאָד בען־גוריאָן, געהאַלטן פֿאַר אַן אומבאַשטרײַטלעכן, וואָס איז „אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון אויבן" און דערפֿאַר אַן אומגעוואַקלטן, וואָס באַרעכטיקט אַלץ און אַלעמען, מאַנדאַט אַף ווילקיר.

אין די זאַכלעכע באַציִונגען איז ער געווען אַ פּעדאַנט און פֿאָרמאַליסט.

אין מעשעך פֿון אַלע דרײַסיק יאָר, וועלכע בעגין האָט פֿאַרבראַכט אין דער אָפּאָזיציע און אַלס פּרעמיער־מיניסטער, האָט ער אופֿמערקזאַם געשפּירט נאָך דער אַרבעט פֿון פּאַרטיי כערוט („פֿרײַהײַט"). נאָכן קומען צו דער מאַכט אין מײַ 1977 האָט בעגין דערקלערט די מיטגלידער פֿון זײַן קאַבינעט, אַז ער האָפֿט זיי צו זען אַף די זיצונגען אין דער קנעסעט און סטימולירט ניט קיין אָפּוועזנהײַט. בעגין האָט אויך געוואָרנט, אַז ער וועט ניט דערלאָזן, עס זאָלן אַרויסגעטראָגן ווערן אינפֿאָרמאַציעס. ער האָט הויך געשעצט לאָיאַלקײַט אין דער פּאָליטיק. געוויינלעך, אין זײַן פּאָליטיק. נאָך דעם, ווי עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דער באַריכט פֿון דער קאַהאַן־קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך פֿאַרנומען מיט אויספֿאָרשן די שכיטע אין די פּאַלעסטינער לאַגערן סאַבראַ און שאַטילאַ אין סענטיאַבער 1982 אין בייִרוט, איז די פּאָליטישע צוקונפֿט פֿון זײַן קאַבינעט געווען אַ סאַך אָפּהענגיק דערפֿון, צי וועט אַוועקגיין אין דעמיסיע דער שוץ־מיניסטער שאַראָן. יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. און בעגין האָט, שטעלנדיק צום ערשטן מאָל אַף דער קאַרטע זײַן גאַנצע קאַריערע פֿון אַ פּאָליטיקער, ניט באַפֿרײַט דעם גענעראַל.

— איך האָב קיינמאָל ניט באַפֿרײַט מײַנע פֿרײַנט און קלײַב זיך ניט דאָס צו טאָן אויך איצט, — האָט ער געזאָגט.

אייגענע מענטשן? אַוואַדע!

בעגין פֿלעג אָפּשטיין 5 אַזייגער אינדערפֿרי. נאָכן פֿרישטיק פֿלעג ער אופֿמערקזאַם דורכשטודירן פֿיר ייִסראָעלדיקע הויפּט־צײַטונגען, וועלכע גייען אַרויס אַף איוורית, און איינע — אַף ענגליש. מע דאַרף אָפּמערקן, אַז געוויינלעך איז ער געווען גוט אינפֿאָרמירט, אָפֿילע בייס ער האָט געקרענקט. בעגין האָט אָבער ניט אויסגעמיטן דעם פֿעלער פֿון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט ייִסראָעלדיקע פּאָליטיקער. אים האָט אינטערעסירט בלויז דאָס, וואָס עס האָט אַ שײַכעס צו ייִסראָעל אָדער צום ציִוניזם. אַלדאָס איבעריקע, וואָס עס קומט פֿאָר אַף דער וועלט, איז פֿאַר אים געווען ניט וועזנטלעך.

יון 1967. בעגין איז צום ערשטן מאָל אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון דער רעגירונג. זי האָט זיך אָנגערופֿן „די רעגירונג פֿון נאַציִאָנאַלער אײנהײַט". אַזוי האָט ערעוו דער דריטער מילכאָמע פֿון ייִסראָעל קעגן די אַראַבער, און פּינקטלעכער געזאָגט, פֿון דער אַפּריִער צוגעגרייטער אַמעריקאַנער־ייִסראָעלדיקער אַגרעסיע, דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטישער איסטעבלישמענט אָנערקענט בעגינען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן זײַן אויפֿשטײַג צום סאַמע אײַנפֿלוסרײַכן פּאָסטן אין דער מעלוכע...

ניו־יאָרק, דעם 9 אויגוסט 1982. פֿון „קריסטשען מאָניטאָר". דעם נאָענטן מיזרעך טאָר מען ניט, בעלי סאָפֿעק, פֿאַרגלײַכן מיט דער אינערלעך־פּאָליטישער בינע אין פּשאַ. און פֿונדעסטוועגן זײַנען די פּראָ־ייִסראָעלדיקע שטימונגען פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער געמיינדע אַ פֿאַקטאָר, מיט וועלכן די סאַמע אײַנפֿלוסרײַכע אַמעריקאַנער פּאָליטישע טוער, און באַזונדערס די פּרעזידענטן, רעכענען זיך שטענדיק. הײַנטיקס יאָר, אין רעזולטאַט פֿון דעם, וואָס די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן עטלעכע מאָל רעאַגירט אַף די ייִסראָעלדיקע אַקציעס אין ליוואַן, האָט זיך דער פּאָליטישער קלימאַט אין די פֿאַרײַניקטע שטאַטן עטוואָס אונטערשיידט פֿון דעם טראַדיציאָנעלן. די פּאָליטישע קאַנדידאַטן איז די

ראַיאָנען, ווו עס וווינט אַ באַדײַטנדיקע צאָל ייִדן, האָבן פּלוצעם אַנטפּלעקט עפּעס אומגעריכטס: מע קאָן קריטיקירן בעגינען, ניט מוירע האָבנדיק צו פאַרלירן די שטימען פון דער הויפּט־מאַסע ייִדישע ווײַלער אויף די וואַלן הײַנטיקן האַרבסט. באַזונדערס מערקבאַר זײַנען די נײַע פּאָליטישע שטימונגען אין רייגאַנס אַדמיניסטראַציע בענוגע ייִשׂראל. דער פּרעזידענט האָט קיינמאָל ניט דערווידערט די אָנפירער פון די אַמעריקאַנער ייִדן. בײַס זײַן פּאַרוואַל־קאַמפּאַניע אין 1980 האָט ער אַזוי וואַרעם גערעדט וועגן ייִשׂראל, אַז אַ באַדײַטנדיקע צאָל ווײַלער־ייִדן האָבן אים אָפּגעגעבן זייערע שטימען...

איצטער אָבער זײַנען רייגאַנס ראַטגעבער מיט דער באַוויליקונג פונעם פּרעזידענט גופא געקומען צום אויספיר, אַז דער פּרעזידענט קאָן דורכפירן זײַן קורס אין נאָענטן מיזרעך, ניט מוירע האָבנדיק, אַז עס וועט אים אויסקומען זיך צעצאָלן פאַר דעם מיט אַ טײַערער פּרײַז אויף די קינפטיקע וואַלן.

דער דאָזיקער נײַער שטאַנדפּונקט באַטײַט ניט לאַכלוטן, אַז דער פּרעזידענט וועט זיך אויסקערעווען צו ייִשׂראל מיט דער פּלייצע... איינצײַטיק הייסט עס ניט, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַ קאַוואָנע אונטערצוהאַלטן די אַראַבישע מעלוכעס.

די טעלעקאָמפּאַניעס האָבן באַוויזן אויך רעפּאָרטאַזשן וועגן דעם באַשלוס פונעם געריכט אַרײַנצוליגן דזש. הינקלי, וועלכער האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויפן פּרעזידענט רייגאַן, אין אַ פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל. אין קיין איינעם פון זיי איז ניט געזאָגט געוואָרן, ניט מיטגעטיילט געוואָרן כאָטשבי אַ קורצע מעדיצינישע מאָטיווירונג פון אַזאַ מין אומגעריכטן באַשלוס. אַ פעלער? ניין! דאָס, וואָס מע האָט פאַרשלאָסן דזש. הינקלי אין אַ מעשוגאָים־הויז, האָט פאַרמאַכט די פראַגע וועגן די סיבעס פונעם אַטענטאַט. רייגאַנס סיגנאַל איז אויפגענומען געוואָרן!

ניו־יאָרק, דעם 9 אויגוסט 1982. די אַגענטור יופּי גיט איבער פון ביירוט: דער שאַליעך כאַביב האָט פאַרענדיקט די פאַנאַנדעראַרבעטונג פונעם פּלאַן פון אַרויספירן אַבפּ פון ליוואַן. דער פּלאַן איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם פּרעמיער־מיניסטער ש. וואַזאַנען פאַר די לידערס פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע און איינצײַטיק איבערגעשיקט געוואָרן קיין טעל־אָוויוו.

דער ענדגילטיקער וואַריאַנט האָט אײַנגעשלאָסן פאָלגנדעס:

— אַבפּ וועט צושטעלן די צעטלען פון אַלע פּאַלעסטינער שלאַכטלײַט, וועלכע וועלן פאַרלאָזן ביירוט;

— אַבפּ דאַרף צושטעלן אָנגאַבן וועגן דער צאָל אָפּיצערן, אָנווײַזן די פּינקטלעכע נעמען פון די אָנפירער פון אַבפּ און וואָס פאַר אַ פונקציעס פילן זיי אויס;

— דער פּלאַן וועט אַרײַן אין קראַפט, ווען עס וועלן צוגעשטעלט ווערן די דאָזיקע צעטלען;

— דאָס אַרויספירן די שלאַכטלײַט פון ביירוט וועט דורכגעפירט ווערן אין משך פון 15 טעג;

— די פּאַלעסטינער וועט דערלויבט ווערן צו נעמען מיט זיך שיס־געווער — פּיסטאָלעטן, ביקסן אאַוו.;

— די מערהײַט פּאַלעסטינער — 7000 מענטשן — וועלן עוואַקויִרט ווערן דורכן יאַם אויף פראַנצויזישע שיפן;

— יענע פּאַלעסטינער, וועלכע וועלן עוואַקויִרט ווערן איבער דער יאַבאָשע, וועלן אַריבערגעפירט ווערן אויף ליוואַנישע לאַסט־מאַשינען;

— דאָס אַרויספירן דאָס סירישע מיליטער, וואָס געפינט זיך נאָך אין ליוואַן, וועט זיך אָנהייבן נאָך דעם, ווי עס וועלן אָנהייבן זיך עוואַקויִרן די פּאַלעסטינער.

לויט דער מיטיילונג פון דער טעלעקאָמפּאַניע, וועלן אין דער אָפּעראַציע פון אונטערהאַלטן דעם שאָלעם זיך באַטייליקן פון 200 ביז 600 אַמעריקאַנער יאַם־פּעכאָטינער.

אַ פאָרשטייער פונעם מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט האָט באַשטעטיקט, אַז אין סאָף פון דער פאַרגאַנגענער וואָך איז צווישן שולצן און בעגינען פאָרגעקומען אַ בריוו־אויסטויש, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט עפּעס־וואָס צו מיטיילן וועגן דעם אינהאַלט פונעם בריוו־אויסטויש.

אויף דער ביטע דורכצוקאָמענטירן די מיטיילונגען וועגן דעם, אַז ייִשׂראל נוצט אויס אין ליוואַן אַזויגערופענע „וואַקוום־באָמבעס”, האָט ראָמבערג געזאָגט, אַז, לויט די אָנגאַבן פון פּענטאַגאָן, עקזיסטירט ניט אַזאַ געווער.

פּאַריז, דעם 9 אויגוסט 1982. די פראַנצויזישע פּרעסע־אַגענטור גיט איבער פון טעל־אָוויוו. בעגין האָט דערקלערט, אַז די מילכאָמע אין ליוואַן גייט צום סאָף און אַז די ייִשׂראלדיקע אַרמיי האָט דערגרייכט אירע צילן.

„מיר האָבן פולשטענדיק צערויִנירט די פּאַלעסטינער מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט באַ 8000 מענטשן, דערהאַרגעט פון 2000 ביז 3000. וואָס איז שײַעך די לעבנגעבליבענע, וועלן זיי פאַרלאָזן ליוואַן, — דאָס איז אַ פראַגע פון עטלעכע טעג”, — האָט ער געזאָגט, אַרויסטרעטנדיק אין דער העכסטער מיליטער־שול אין טעל־אָוויוו.

דאַמעסעק, דעם 10 אויגוסט 1982. אַלע באַוווּסטזיניקע פּאַטריאָטן, אונדזער גאַנץ פֿאָלק, — ווערט געזאָגט אין דער ווענדונג פֿון צק פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון סיריע, — זײַנען דאַנקבאַר דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וועלכער האַלט אונטער אונדזער פֿעסטקײַט, באַזאָרגט אונדז מיט די נייטיקע שוץ־מיטלען, לייגט צו אינטענסיווע פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע באַמיִונגען פֿאַר אײַנצוימען דעם אַגרעסאָר.

דערווײַל האָבן גענומען אָנקומען אומרויִקע מיטיילונגען וועגן דעם, אַז קיין ליוואַן ווערן געשיקט אַזויגערופֿענע „פֿילנאַציאָנאַלע קרעפֿטן". זייער באַווײַזן זיך איז אַ רעזולטאַט פֿון די באַמיִונגען פֿון פּשא און פֿון... ליוואַן.

וואַשינגטאָן, דעם 11 אויגוסט. ייִסראָעלדיקע באַמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען האָבן זיך, ווי עס טיילט מיט „וואַשינגטאָן פּאָסט" פֿון ביירוט, באַוויזן איבער דער שטאָט פּונקט 2 אַזייגער באַטאָג, ווען די אײַנוווינער פֿון דעם מײַרעוו־טייל פֿון דער שטאָט האָבן געהערט אין דער ראַדיאָ די מיטיילונג פֿון מײַרעוו־ירושלאַיִם וועגן דעם, אַז אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פֿונעם ייִסראָעלדיקן קאַבינעט איז באַשלאָסן געוואָרן אָנעמען מיט באַוואָרענישן „כאַביבס פּלאַן". דאָס איז געווען דער צווייטער פֿאַר די לעצטע טעג מעכטיקסטער אָנפֿאַל פֿון די ייִסראָעלדיקע לופֿט־קרעפֿטן.

די פֿאַרשטייער פֿון די רעכטקריסטלעכע קרעפֿטן האָבן זיך געשוווירן פֿאַר כאַביבן, אַז זיי וועלן ניט אַרײַנגיין אין מײַרעוו־ביירוט, וועלכער איז באַוווינט איבערהויפּט מיט מוסולמענער, נאָך דעם, ווי פֿון דאָרטן וועלן אַרויסגעפֿירט ווערן די שלאַכטלײַט פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון באַפֿרײַען פּאַלעסטינע. די אײַנוווינער פֿון דעם דאָזיקן טייל שטאָט האָבן זייער מוירע פֿאַר דער נעקאָמע פֿון די רעכטע קריסטן. די אַכזאָריעסדיקײַט פֿון די פֿאַלאַנגיסטן ווייסט ניט קיין גרענעץ. זיי האָבן זיך באַרריש צערעכנט מיט דער באַפֿעלקערונג פֿון די לאַגערן פֿון די פּאַלעסטינער פּליטים קאַראַנטינא און טעל־זאַאַטאַר אין די יאָרן 1975 — 1976. „די זיגער" האָבן געטרונקען שאַמפּאַניער באַנאַנד מיט בערג פֿון פֿוילנדיקע מייסים. די פֿאַלאַנגיסטן האָבן ניט געהאַט קיין ראַכמאָנעס אויף „זייערע" — די ליוואַנער־קריסטן. ווען די פּאַרטיי קאַטאַיִב האָט „געלייזט" דעם שטרײַט מיט דער נאַציאָנאַל־ליבעראַלער פּאַרטיי פֿון ק. שאַמון פֿאַר דער אויבערהאַנט איבערן „ליוואַנער פֿראָנט", האָבן די פֿאַלאַנגיסטן געהאַרגעט די אָנהענגער פֿון נלפּ. אין איינעם פֿון די דערפֿער האָבן זיי פֿאַרטריבן אין אַ פֿאָנטאַן די אײַנוווינער, און ווען ער איז געוואָרן פֿול געפּאַקט, זיי קאַלטבלוטיק צעשאָסן. די מיטגלידער פֿון די שלאַכט־פֿאָרמירונגען פֿון נלפּ האָט מען אָפּגעשניטן די בײַכער און געלאָזט אויסגיין אויף די גאַסן. דערבײַ האָבן די סנײַפּערס פֿון קאַטאַיִב געשפּירט נאָך דעם, אַז קיינער זאָל ניט פּרוּוון קומען צו הילף די גויסעסדיקע אָדער פֿאַרלײַכטערן זיי די יעסורים.

דער קאָרעספּאָנדענט פֿון סי־בי־עס אין ביירוט ר. סײַמאָן האָט אָפּגעמערקט: ייִסראָעל איז צוגעטראָטן צו אַ מאַסירטער פֿאַרשטאַרקונג פֿון זײַן מיליטער אויף די צוגאַנגען צו מײַרעוו־ביירוט. לויט איינִיקע אָנגאַבן, ווערט די איבערדיסלאָקאַציע פֿון צוגאָב־טיילן פֿונעם ייִסראָעלדיקן מיליטער, אײַנגעשלאָסן טאַנקען און אַרטילעריע, פֿאָרגענומען, קעדיי ייִסראָעל זאָל האָבן גענוג קרעפֿטן צוליב שטורמעווען מײַרעוו־ביירוט.

ראַבאַט, דעם 10 אויגוסט 1982. אַ נייטיקער פֿאָרום פֿאַר באַנײַען די באַראַטונג פֿון די אָנפֿירער פֿון די מעלוכעס און רעגירונגען פֿון די אַראַבישע לענדער אין פֿעסאַ איז געזיכערט. ניט רעכענענדיק מאַראָקאָ, האָבן 12 מיטגלידער פֿון 21 געגעבן זייער האַסקאָמע אויף אָנטיילנעמען אין דער באַראַטונג. צווישן זיי — סאַוד־אַראַוויע, קוווייט, די פֿאַרייניקטע אַראַבישע עמיראַטן, באַכריין, קאַטאַר, איראַק, יאָרדאַניע, דזשיבוטי, סאָמאַלי, טוניס, אָמאַן און אָבפּ. עס ווערט מיטגעטיילט, אַז ביידע טײַמענס האָבן „אין די אינטערעסן פֿון פֿאַרהיטן די אַראַבישע אייניקײַט און קעדיי מיטווירקן דעם געמיינזאַמען קאַמף פֿון די אַראַבער פֿאַר ראַטעווען ליוואַן און זיכערן די רעכט פֿונעם פּאַלעסטינער פֿאָלק" אַראָפּגענומען זייער פֿאָרשלאָג וועגן דורכפֿירן אַן אויסעראָרדנטלעכע באַראַטונג אויפֿן העכסטן ניוואָ אין דער שטאַב־קוואַרטיר פֿון דער ליגע פֿון די אַראַבישע לענדער אין טוניס.

טוניס, דעם 13 אויגוסט 1982. אַלזשיר, ליוויע און מאַוריטאַניע האָבן דערווײַל ניט געגעבן די האַסקאָמע אָנטיילצונעמען אין דער באַראַטונג פֿון די אָנפֿירער פֿון די אַראַבישע מעלוכעס און רעגירונגען, — האָט מיטגעטיילט די צײַטונג „פּרעס דע טוניזי".

לויט די ידיִעס פֿון אַראַבישע קוואַלן, דערווידערט ניט סיריע קעגן דורכפֿירן די באַראַטונג, נאָר האָט דערווײַל ניט געגעבן אין דער ליגע פֿון די אַראַבישע לענדער קיין אָפֿיציעלן ענטפֿער אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿונעם קיניג פֿון מאַראָקאָ. די איבעריקע 16 אַראַבישע מעלוכעס און אָבפּ האָבן געשטיצט דאָס צונויפֿרופֿן די באַראַטונג.

וואַשינגטאָן, דעם 15 אויגוסט 1982. פֿונעם אַרטיקל פֿון דזש. אַנדערסאָן אין „וואַשינגטאָן פּאָסט" פֿון ביירוט: „דאָס פֿאָלק האָט די רעכט צו וויסן דעם גאַנצן עמעס וועגן די ווידערשפּרעכיקע באַהויפּטונגען און געפֿערלעכע קאַטאַסטראָפֿעס, וועלכע פֿאַרנעפּלען נאָך אַלץ דעם ביירוטער עפּיזאָד.

איך האָב געשמועסט מיט די אָנפירער פוןביידע צדדים אין אַט דעם קאָנפליקט. איך האָב אויסגע־קלאָרט פאַקטן אין וואַשינגטאָן, אין מיזרח־ירושלים און אין ביירוט. איך האָב געהאַט א צוטריט צו געהיימע אַמעריקאַנער און ייִשׂראלדיקע אויספירונגס־אַנגאַבן. אַט זײַנע מײַנע אויספירן.

די אַמעריקאַנער אָנפירער האָבן פון פריִער געוווּסט, אַז די ייִשׂראלים האָבן בעדייע ארויס־טרײַבן די אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַען פּאַלעסטינע פון ליוואַן. די שפּעפּער פון דער פּאָליטיק אין וואַ־שינגטאָן האָבן ניט געוווּסט די טערמינען, זיי האָבן ניט דערוואַרט אזא מאַסירטן ייִשׂראלדיקן קלאַפּ און געהאַלטן פאַר גלײַכער דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, איידער א מיליטערישן דרוק נאָך דעם, ווי אַבּפּ וועט אַרײַנגעטריבן ווערן אין ווינקל, נאָר זיי האָבן געפּרוּווט אָפּריידן די ייִשׂראלים פון אַרײַנרײַסן זיך קיין ליוואַן, קעדיי אים אָפּראַמען פון אַבּפּ...

איך האָב געמיטיקט מיט באַשיר זשמאַיעלן, וועלכער וועט, גיכער פון אַלץ, זײַן דער פּאָלגנדי־קער פּרעזידענט פון ליוואַן. ער וויל, אַז סײַ די ייִשׂראלים, סײַ די פּאַלעסטינער זאָלן פאַרלאָזן זײַן לאַנד. נאָר ער באַשולדיקט מער די פּאַלעסטינער, איידער די ייִשׂראלים, פאַר די רויִנירונגען פון זײַן טײַערן ביירוט. ער האָט געזאָגט, אַז די פּאַלעסטינער זײַנען געקומען קיין ליוואַן אָן אײַנ־לאַדונג, ווי אומגעבעטענע געסט. „ליוואַן איז ניט זייער לאַנד. ביירוט איז ניט זייער שטאָט", — האָט ער געזאָגט. דעריבער באַציִען זיי זיך גלײַכגילטיק צו איר רויִנירונג, קאַלזמאַן די היזער פאַלן ווי ניט אויפן קאָפּ".

און אַליין באַשיר זשמאַיעל? אין איינער א טעלע־אינטערוויו האָט דער קינפטיקער פּרעזידענט פון ליוואַן געזאָגט: „איך אַפּן מײַרעוו מיינט, אַז עס זײַנען פאַראַן „גוטע פּאַלעסטינער" און „שלעכטע פּאַלעסטינער". נאָר זיי זײַנען דאָך אַלע פּאַלעסטינער. דאָס הייסט, אַז א פּאַלעסטינער — „דאָס איז א סוינע בלויז דערפאַר, וואָס ער איז א פּאַלעסטינער".

אמאַן, דעם 13 אויגוסט 1982. שאַראָן האָט אנערקענט אין אן אינטערוויו פאַר דער ייִשׂראל־דיקער ראַדיאָ, אַז „דער ציל פון די באַמבע־קלאַפּ איבער מײַרעוו־ביירוט איז געווען צו פאַרניכטן די אָנפירער פון אַבּפּ". ער האָט אָפּגעלייקנט די מיטיילונגען פון דער פּרעסע וועגן דעם, אַז אים וועט, מעגלעך, אויסקומען אוועקגיין אין דעמיסיע, אף ווי־פיל, אָפּגעבנדיק א באַפעל צו באָמבאַרדירן ביירוט, האָט ער קלוימערשט זיך ניט דורכגעקאָנסולטירט אפילו מיטן פּרעמיער־מיניסטער בעגינען. „איך האָב געהאַנדלט שטרענג אין העסקעם מיטן באַשלוס פון דער רעגירונג און איך קלײַב זיך ניט אוועקגיין אין דעמיסיע", — האָט ער געזאָגט. „אָבסערוווער" האָט אויך מיטגעטיילט, אַז איינער פון די אָנפירער פון אַבּפּ, סאַלאַ כאַליף, האָט דערקלערט אין קוווייט, אַז ייִשׂראל שטרעבט לאַכלוטן ניט צו עוואַקוירן די פּאַלעסטינער, נאָר ער וויל פולשטענדיק פאַרניכטן סײַ די פּאַשעטע שלאַכטלײַט, סײַ די אָנפירער פון אַבּפּ.

„אין יעסאָד פון בעגינס פּאָליטיק, — האָט אונטערגעשטראָכן „אָבסערוווער", — ליגט דער אָפּ־שרעקנדיקער פּאָסטולאַט: קעדיי עס זאָל עקזיסטירן ייִשׂראל, דאַרף מען פאַרניכטן די פּאַלעסטינער, און ניט פּאַשעט פאַרניכטן, נאָר אויך ליקווידירן א באַליביקע אנטפּלעקונג פון פּאַלעסטינישן נאַציאָ־נאַליזם. בעגין האַלט אים פאַר א געפאַר פאַר זײַנע פּלענער צו שאַפן א „גרויסן ייִשׂראל". דער ייִשׂראלדיקער פּרעמיער־מיניסטער האָט מער פון אַלץ מורא, אַז די פּאַלעסטינער קאָנען אָפּלייגן אין א זײַט זייער געווער און פאַרלייגן אונטערהאַנדלונגען וועגן שאָלעם און קאָעקזיסטענץ".

ביירוט, דעם 16 אויגוסט 1982. אין די פּאָליטישע קרײַזן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער ליוואַנער רעגירונג, האָבן די ייִשׂראלדיקע מיליטערישע אָנפירער געגעבן די האַסקאָמע אָפּפירן די טיילן פון די ראַיאָנען פונעם פּאַלאַץ מאַנסור, דער צײַטווײַליקער רעזידענץ פונעם ליוואַנער פּאַר־לאַמענט, ווו דעם 19 אויגוסט דאַרפן זיך צונויפקומען די דעפּוטאַטן פונעם פּאַרלאַמענט צוליב באַ־האַנדלען די פראַגן וועגן אויסוויילן א נײַעם פּרעזידענט פונעם לאַנד.

צי איז דאָס ניט קיין סימען דערפון, אַז אין ייִשׂראל האַלט מען, אַז דאָס אויסוויילן א גינסטיקן פאַר אים פּרעזידענט פון ליוואַן איז גאַראַנטירט? יאָ, מע האָט געהאַלטן. און געהאַט א טאָעס...

באַשיר זשמאַיעל האָט פּלוצעם דערקלערט, אַז דאָס ליוואַנער פּאָלק דאַרף אַליין באַשטימען, צי וויל עס שליסן א שאָלעם־אָפּמאַך מיט ייִשׂראל נאָך די פּרעזידענט־וואַלן אין ליוואַן, וועלכע דאַרפן פּאָרקומען אין קומענדיקן כוידעש.

זײַן דערקלערונג האָט זשמאַיעל געמאַכט אין אן אינטערוויו דער סאַודישער צײַטונג „אַל־דזשאַ־זירא", וועלכע האָט אים אָנגערופן אַלס הויפּטקאַנדידאַט אַפּן פּאָסטן פונעם פּרעזידענט היינט־צו־טאָג.

ער האָט געהאַלטן פאַר זײַן כויוו צו געבן א נייטיקן סיגנאַל אין א נייטיקער צײַט נאָר א נייטיקן פאַרבינדעטן. אין ייִשׂראל האָט מען זיך געכומען באַאומרוִקן.

ב. זשמאַיעלן האָט מען געפרעגט:

— אויב איר וועט אויסגעוויילט ווערן אַלס פּרעזידענט פון ליוואַן, וועט איר אונטערכאַסמענען א שאָלעם־אָפּמאַך מיט ייִשׂראל?

זשמאַיעל האָט געענטפערט:

— איך האָב ניט אַף דעם קיין רעכט. די דאָזיקע פראַגע דאַרפן לייזן אַלע ליוואַנער, און איך בין בלויז איינער פון זיי.

באַשיר זשמאַיעל און צוויי זײַנע נאָענטסטע געהילפן, קאַרים באַקראַדוני און זש. אַבו כאַטער, וועלכע זײַנען געזעסן באַנאַנד, האָבן אײַנגעשפּאַרט אונטערגעשטראָכן דעם „אַראַבישן כאַראַקטער" פון ליוואַן און אין מעשעך פון דעם גאַנצן אינטערוויו אָפּגעלייקנט, אַז עס עקזיסטירט אַ מיליטעריש ער בונד צווישן דער פּאַרטיי פאַלאַנגיסטן, צו וועלכער זיי געהערן, און די ייִסראָעלדיקע אינוואַזיע־קרעפטן אין ליוואַן.

— אונדז איז אויסגעקומען אויסצוקלײַבן פון ביידע בייזן, פון וועלכע אַפילו דאָס מינדסטע פאַרבלײַבט פאַרט אַ בייז, — האָט דערקלערט אַבו כאַטער, ריידנדיק וועגן דער פאַקטישער מיטאַרבעט פון די רעכטע מיט ייִסראָעל.

ב. זשמאַיעל האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די מיטיילונגען וועגן דעם, אַז ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק זיך באַגעגנט אינעם מיזרעך־סעקטאָר פון ביירוט מיטן ייִסראָעלדיקן שוץ־מיניסטער שאַראָנען. דער לידער פון די „ליוואַנישע קרעפטן" האָט עפּעס־וואָס פּלוצעם פאַרגעסן...

ווי ב. זשמאַיעל האָט דערקלערט, איז זײַן פּראָגראַם ערעוו די פּרעזידענט־וואַלן געבויט אַף דער פאָדערונג צו מאַכן אַ סאָף צו דער בלוטיקער שכיטע, זיך אומקערן צו דער פאַרשטענדיקונג וועגן דעם וואָפנשטילשטאַנד פון 1949 מיט ייִסראָעל, וואָס עס האָט שטאַרק באַומרויִקט בעגינען, אַפילו גע־מאַכט צעמישט.

פּאַריזש, דעם 17 אַווגוסט 1982. די „הומאַניטע": „צוליב וואָס קומט דאָס אַלץ פאַר אין ליוואַן? צוליב וואָס קומען אום אַזויפיל אומשולדיקע מענטשן? צוליב וואָס אַזאַ אַכזאָריעס בייסן סיסטעמאַטישן רויִנירן ביירוט? צוליב וואָס אַזויפיל ברעכונגען פון די נאָרמעס פון צווישנפעלקערלעכע רעכט? בעגין און זײַן אַרומרינגלונג קאָנען ניט געבן אַף די דאָזיקע אַלע פראַגן קיין איבערצײַגנדיקן ענטפער..."

בעגין האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַרויסגעטראָגן שאַראָנען אַן אויסרייד. נאָר שאַראָן פאַרבלײַבט, ווי פריִער, זײַן שוץ־מיניסטער. נאָך מער, ער האָט דערקלערט אין דער ייִסראָעלדיקער ראַדיאָ (דערבײַ האָט קיינער אים ניט אָפּגעלייקנט): „איך האָב געהאַנדלט אין הסכּם מיט די באַשלוסן פון דער רעגירונג". ער הייבט אָן צו לויבן זײַנע געוועזענע און, קאָן זײַן, קינפטיקע פאַרברעכנס, ווײַל, לויט זײַן מיינונג, „איינס פון די מיטלען פון אײַנשטעלן אַן עכטן שאָלעם — דאָס איז פאַרשאַפן וואָס מער פאַרלוסטן".

אַזויאַרום, איז דער ייִסראָעלדיקער גענעראַל, אַליין ניט־ווילנדיק, געקומען צום איקער. זײַן קרעדאָ איז לאַכלוטן ניט קיין אויסנאַם, פּונקט אַזוי זײַנען געשטימט אויך אַנדערע ייִסראָעלדיקע גענעראַלן. אייניקע — אַפילו נאָך ערגער. איינער פון שאַראָנס אונטערגעאָרדנטע, דער גענעראַל דאַן ווארדי, האָט אַפילו געלויבט באָמבאַרדירן שפּיטאָלן. ענטפערנדיק אַף די פראַגן פונעם קאָרעספּאָנדענט פון איינער אַן אַמעריקאַנער צײַטונג אין שײַכעס מיטן אָנפאַל אַף שפּיטאָלן, האָט ער געזאָגט: „אונדז איז אויסגעקומען צו צעבאָמבירן אַ פּאָר שפּיטאָלן, קעדיי צו באַווײַזן אונדזער מעכטיקײַט... יאָ, עס האָבן געליטן פאַרוווּנדעטע. נאָר מע קאָן דאָך ניט פירן קיין מילכאָמע אָן בלוטפאַרגיסונג".

זאָל אָט דער „גרויסער" פאַלקנפירער זיך באַרויִקן: אַדאַנק די פ־15, פ־16, „סײַדווינדער", „ספּעראָו", מ־16, אַדאַנק די פּאָספּאָר־קײַלעך־וואַקוום־באָמבעס און אַנדערן טויטברענגענדיקן געווער, פאַר וועלכע זײַנע פליִער, אַרטילעריסטן, טאַנקיסטן האָבן צו באַדאַנקען דער אַמעריקאַנער גוטהאַרציקײַט, האָט דער „אויטאָריטעט" פון דער ייִסראָעלדיקער אַרמיי בעפיירעש זיך פאַרפעסטיקט אַף די זיך רויכערנדיקע כורוועס פון ביירוט. אַכוץ אַ קליינעם באַצירק, וואָס פאַרנעמט אַן ערעך אַ שעטעך עטוואָס מער פון צוויי פּאַריזשער קרײַזן (גרײַלעך דאָרט געפינען זיך די איקערדיקע ליוואַנער טאַנקען), איז ביירוט רויִנירט אַמווייניקסטנס אַף אַ העלפט. עפּשער טרײַב איך איבער? ניין, אָט איז אַ גוויִעס־אייִדעס, דערבײַ אַזוינס קאָן מען ניט אָפּלייקענען.

פון אַ טעלע־אינטערוויו מיט אַן אַראָפּגעשלאָגענעם ייִסראָעלדיקן פליִער אַהאַראָן אַכיאַז, 28 יון 1982:

— איך האָב זיך צעווײנט, ווען כ׳האָב דערזען די אומגליקן, וועלכע האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אַף דער ציווילער באַפעלקערונג. איך בין ניט קעגן אַ מילכאָמע, נאָר איך בין קעגן אַ מילכאָמע מיט דער ציווילער באַפעלקערונג. באָמבאַרדירט און באַשאָסן האָט מען אַ צענדליק, און ניט קיין „פּאָר" שפּיטאָלן, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער גענעראַל דאַן ווארדי. זײַנע סאָלדאַטן האָבן זיך ניט געשעמט פאַר זייערע אַכזאָריעסן. די פראַנצויזישע זשורנאַליסטן האָבן געזען, וויאַזוי די ייִסראָעלדיקע וואַכלײַט האָבן מיט דער הילף פון באַוואָפנטע פאַלאַנגיסטן אָפּגענומען פּראָדוקטן און פלעשלעך מיט מינעראַל־וואַסער, וועלכע די אײַנוווינער פונעם מיזרעך־סעקטאָר האָבן געוואָלט איבערגעבן זייערע קרויווים פון מײַרעוו־ביירוט. אינעם אַמעריקאַנער שפּיטאָל אין ביירוט ווערן אַלע טאָג בֿאַ 50 קינדער צעביסן פון שטשורעס, וועלכע קאָנען זײַן פאַרשפּרייטער פון פּעסט.

אויב צוליב „באַשטעטיקן דעם אויטאָריטעט” פֿון בעגינען און שאַראָנען איז נייטיק, אַז ביירוט זאָל פֿאַרמישפּעט ווערן אויף דאָרשט, הונגער, עפּידעמיעס, אויף „מאַקסימאַלע פֿאַרלוסטן”, דאַרף אַזוינס פֿאָרקומען און איידעס. אַט פֿאַרוואָס ייִסראַעל האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפֿצונעמען באַאָבאַכטער פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס, און די ייִסראַעלדיקע מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרייַבן פֿון ביירוט די אויסלענדישע זשורנאַליסטן. מע האָט זיי באַשולדיקט, ווי שטענדיק און קיין שום גרונט, אין אַנטיסעמיטיזם (דאָס איז אַלץ באַקאַנט), האַגאַם זיי האָבן בלויז ערלעך און געוואַגט אויסגעפֿילט אין ביירוט זייער פּראָפֿעסיאָנעלן כּיוו.

צווישן די פּילצאָליקע באַדינגען, וועלכע בעגינס רעגירונג האָט אַרויסגעשטעלט פֿאַרן אַוועקגיין פֿון די פּאַלעסטינער, זייַנען באַזונדערס פֿילדייַטיק דרייַ: מע זאָל אים צושטעלן אַ נאָמענטלעך צעטל פֿון די פּאַלעסטינער שלאַכטלייַט מיט דער אָנווייַזונג פֿון די לענדער, וווּהין זיי וועלן איבערגעשיקט ווערן; דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון אויפֿנעמען די צווישנפֿעלקערלעכע באַאָבאַכטונגס־קרעפֿטן ביז דער עוואַקואַציע פֿון דער איבערוועגנדיקער מערהייַט פּאַלעסטינער שלאַכטלייַט און דאָס דערווידערן, אַז דער ערשטער אויסלענדישער קאָנטינגענט, וועלכער וועט זיך אַרויסזעצן אין ביירוט, זאָל זייַן אַ פֿראַנצויזישער. צי האָבן בעגין און שאַראָן שוין דעמלט ניט פֿאַרטראַכט, רעדנדיק וועגן דער עוואַקואַציע פֿון די פּאַלעסטינער שלאַכטלייַט, נייַע מאַסן־מאָרדן?

פֿאַרגלייַכנדיק דעם ציִעניזם מיט דער ראַסן־פּאָליטיק פֿון דער דאָרעם־אַפֿריקאַנער רעפּובליק ברענגט ע. טשיַידלערס די אַרויסזאָגונג פֿון פּאַטריק קיטלי: „דו הערסט ניט אויף צו פֿילן..., אַז אין דער טיף פֿון זייערע הערצער טראָגן די ווייַסע ראָדעזיער אַ ניט־אַרויסגעזאָגטן פֿאַרלאַנג..., אַז די אַפֿריקאַנער וועלן פֿאַרשווינדן”. די ציִעניסטן טראָגן, ווייַזט אויס, אויך אין זיך אַ ניט־אַרויסגעזאָגטן פֿאַרלאַנג, אַז אין איין טאָג זאָלן די פּאַלעסטינער „פֿאַרשווינדן”, און אין זומער 1982 האָבן זיי אין ליוואַן מיטגעהאָלפֿן, זיי זאָלן „פֿאַרשווינדן”.

די געשיכטע אָבער האָט גלייַכגילטיק פֿאַרפֿיקסירט — ס'איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער ראַסיסטישער רעזשים אין דאָרעם־ראָדעזיע...

אינגאַנצן עטלעכע ווערטער וועגן דער פּאָליטיק פֿון פֿראַנקרייַך. אין זייַן אַרויסטרעטונג אין דער טעלעוויזיע האָט דער פּרעזידענט פֿ. מיטעראַן אונטערגעשטראָכן, אַז זייַן פּאָליטיק אויפֿן נאָענטן מיזרעך באַזירט זיך אויף דרייַ פּרינציפּן: די רעכט פֿונעם ייִסראַעלדיקן פֿאָלק צו לעבן אין שאָלעם אין די ראַמען פֿון אַלעמען אָנערקענטע גרענעצן, די רעכט פֿונעם פּאַלעסטינער פֿאָלק צו האָבן זייַן פֿאָטערלאַנד, די רעכט פֿונעם ליוואַנער פֿאָלק נאָכאַמאָל געפֿינען איינהייַט און אומאָפּהענגיקייַט.

„מאַטען” האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אויגוסט 1982 אַן אינטערוויו מיטן לידער פֿון דער ייִסראַעלדיקער אַרבעטס־פּאַרטיי פּערעסן נאָך זייַנע אונטערהאַנדלונגען מיט מיטעראַנען. פּערעס האָט דערקלערט, אַז אָבפּ קאָן ניט זייַן קיין פּאַרטניאָר אויף צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט ייִסראַעל. אויף דער פֿראַגע, צי וואָלט אין ליוואַן זיך אָנגעהויבן אַ מילכאָמע, אויב ער וואָלט געווען ראָש פֿון דער ייִסראַעלדיקער רעגירונג, האָט פּערעס געענטפֿערט, אַז „פֿון יענעם מאָמענט, ווען די פּאַלעסטינער האָבן אָנגעהויבן צו באַשיסן פֿון הערמאָטן די ייִסראַעלדיקע טעריטאָריע, איז קיין אַלטערנאַטיוו ניט געווען”.

פּערעס האָט געוווּסט, ווער און וויִאַזוי עס האָט פּראָוואָצירט די דאָזיקע באַשיסונגען...

פּאַריזש, דעם 19 אויגוסט 1982. די אַגענטור פֿראַנס פּרעס גיט איבער פֿון ניקאָסיִע. דער ליוואַנישער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט געגעבן די האַסקאָמע אויף אַ פֿאַקטיש געצוווּנגענעם פּלאַן פֿון עוואַקויִרן די פּאַלעסטינער, וועלכן ס'האָט פֿאַנאַנדערגעאַרבעט כאַביב.

די עוואַקואַציע וועט פֿאָרקומען דורכן יאַם פֿון ביירוטער האַפֿן, דורך דער לופֿט — אויף קאַיִר און דורך דער יאַבאָשע — אויפֿן שאָסיי ביירוט — דאַמעסעק, די ליוואַנישע אַרמיי און אָבפּ וועלן קאָאָרדינירן דאָס אויסניצן דעם דאָזיקן שאָסיי־וועג. די עוואַקואַציע וועט גיין באַטאָג אין מעשעך פֿון 15 טעג. דעם פּאַלעסטינער מיליטער וועט זייַן דערלויבט האָבן בײַ זיך בלויז לייַכט געווער. דאָס שווערע געווער דאַרף איבערגעגעבן ווערן דער ליוואַנישער אַרמיי. די אָנפֿירונג פֿון אָבפּ וועט עפֿנטלעך מעלדן וועגן איר אַרויסגיין פֿון ליוואַן און וועט פֿאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד. די סירישע מיליטערלייַט, וועלכע גייען אַרייַן אין באַשטאַנד פֿון די צווישן־אַראַבישע קרעפֿטן אויף צו אונטערהאַלטן שאָלעם אין ליוואַן און געפֿינען זיך איצט אין ביירוט, וועלן זיך פֿאַראייניקן צום סירישן מיליטער אינעם טאָל בעקאַא און אין דעם צאָפֿן־טייל פֿון ליוואַן.

דאַמעסעק, דעם 19 אויגוסט 1982. די ייִסראַעלדיקע סאָלדאַטן צוזאַמען מיט די רעכטקריסטלעכע קרעפֿטן לאָזן ניט דורך אין באַלאַגערטן מייַרעוו־ביירוט פּראָכטן מיט מעדיקאַמענטן און שפּייַז, פֿאַרניכטן זיי אָדער צעגאַנוועגען זיי דעמאָנסטראַטיוו. פֿאַר די אויגן פֿון די פֿאָרשטייער פֿונעם צווישנפֿעלקערלעכן רויטן קרייַץ האָבן די אינטערוועענטן קאַלטבלוטיק, מעטאָדיש צעבראָכן די פֿלעשלעך מיט רעפֿועס און מיט דאָנאָר־בלוט, אָפּגענומען פֿאַר זיך אָדער פֿאַשעט צעשאָטן אויף דער ערד די טרוקענע מילך, וועלכע איז געבראַכט געוואָרן פֿאַר די הונגערנדיקע קינדער פֿון ביירוט.

פון די פּאַסאַזשירן פון יעדער מאַשין, וועלכע איז אַרויסגעפּאַרן פונעם מײַרעו־סעקטאָר פון דער שטאָט, האָט מען געפאָדערט „צינס" — 500 ליוואַנישע פונטן, און דאָס געלט איז געגאַנגען אין די קעשענעס פון די ייִסראַעלדיקע אָפיצערן און סאָלדאַטן. די פּאַטרולן, וועלכע האָבן בלאָקירט די וועגן, האָבן אָפּגענומען בײַ די פּליטים ווערטפולע זאַכן, ראַדיאָ־אופנעמער, זייגערס און מאַגניטאָפאָנען, בײַ די פרויען — צירונגען.

לאָנדאָן, דעם 19 אויגוסט, 1982. פון „טײַמס": „ייִסראַעל האָט באַצאָלט אַ קאַלאָסאַלע פּאָליטישע און מאָראַלישע פּרײַז פאַרן מיליטערישן דערפאָלג, וועלכן ער האָט דערגרייכט אין דער אונטערנעמונג, וואָס איר ציל איז געווען אַרויסטרײַבן די אַבּפּ פון ביירוט. מיט דער אַכזאָריעסדיקייט פונעם אָנפאַל האָט ער אָפּגעשטויסן פון זיך די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט, אַרײַנגעטראָגן צעשפּאַלטונג אין די רייען פון די אייגענע פּאָליטיקער און באַפעלקערונג. ער האָט שאַקירט אַ סאַך זײַנע פרײַנט אין אויסלאַנד, באַזונדערס אין אַמעריקע. איצט פירט ייִסראַעל ניט פּאַשעט אַ קאַמף פאַר דעם, קעדיי אַרויסגיין לעבעדיק פון דער פײַנטלעכער אַרומרינגלונג, נאָר ער שטרעבט, ווי־עס אויס, צו פאַרניכטן זײַנע הויפּט־קעגנער און צו פאַרטרײַבן די מענטשן, וועלכע זײַנען היימלאָז, ווי אַמאָל זײַנען געווען אַליין די ייִדן".

אינעם אַרטיקל פון פ. געיעלין אין „וואַשינגטאָן פּאָסט" ווערן אַנאַליזירט די סיבעס פון פאַרעפנטלעכן די פּראָטים פונעם שמועס, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען צווישן רייגאַנען און בעגינען. „אין אַ באַליביקן פאַל, — שרײַבט דער קאָרעספּאָנדענט, — איז אַ גרויסער ספּאָפק, צי וואָלט דער ייִסראַעלדיקער פּרעמיער־מיניסטער געווען צופרידן מיט דער דאָזיקער, ענלעכער אַף אַ שאָרביזנעס דיפּלאָמאַטיע פונעם פּרעזידענט, ווײַל ער אַליין איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט אַף אויסצונוצן אונטערהאַנדלונגען אין זײַנע אייגענע אינטערעסן". לויט געיעלינס ווערטער, איז די אויסגעשפּילטע שאָו אויסגערעכנט געווען אַף יענע מעסיקע אַראַבישע מעלוכעס, וועלכע גלייבן ניט אין דעם, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זײַנען פון סאַמע אָנהייב ניט געווען קיין שווײַגנדיקער מיטדענקער פון ייִסראַעל אין דער פאַרווירקלעכונג פון זײַן אינוואַזיע קיין ליוואַן.

ביירוט, דעם 22 אויגוסט 1982. מאָרגן דאַרפן פאָרקומען פּרעזידענט־וואַלן אין מיזרעך־ביירוט, אין דער מיליטער־שול, וואָס געפינט זיך אינעם קוואַרטאַל אַל־פײַאַדיאַ. דער איינציקער קאַנדידאַט, וועלכער האָט אָפיציעל אַרויסגערוקט זײַן קאַנדידאַטור אַפן פּאָסטן פונעם פּרעזידענט, איז ב. זשמאַיעל. די מוסולמענער — די טראַדיציאָנעלע טוער, ווי אויך פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס — האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן זײַן קאַנדידאַטור, ווי אַ „קאַנדידאַט פון דער ייִסראַעלדיקער אָקופּאַציע, וועלכער שטרעבט צו פאַרנעמען דעם פּרעזידענט־פּאָסטן מיט דער הילף פון די ייִסראַעלדיקע טאַנקען".

קעגן ב. זשמאַיעלן זײַנען אַרויסגעטראָטן אויך אײַנפלוסרײַכע קריסטלעכע קרײַזן, באַזונדערס די אָנהענגער פונעם געוועזענעם פּרעזידענט ס. פראַנזשיע און פונעם אָנגעזעענעם פּאָליטישן טוער ר. עדע. ס. פראַנזשיע האָט זיך געווענדט נעכטן מיט אַ בריוו צו די דעפּוטאַטן פונעם פּאַרלאַמענט, אין וועלכן ער האָט אָנגערופן ב. זשמאַיעלן פאַרברעכער און האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס אויסוויילן אים אַפן פּאָסטן פונעם פּרעזידענט וואָלט באַטײַט די אָנערקענונג פון דער געזעצלעכקייט פון די באַגאַנגענע מיצאַד אים פאַרברעכנס.

אַ גרויסן שטרײַט האָט אַרויסגערופן אויך דאָס אָרט פון דורכפירן די פּרעזידענט־וואַלן. דער קוואַרטאַל אַל־פײַאַדיאַ געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי קאַטאיב און אין דער אומיטלבאַרער נאָענטקייט פון די פּאָזיציעס פון דעם ייִסראַעלדיקן אָקופּאַציע־מיליטער. אַ סאַך דעפּוטאַטן פונעם פּאַרלאַמענט און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טוער האָבן געהאַלטן, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען קאָן ניט געזיכערט זײַן די פרײַהײַט פון אויסוויילן, אַף וויפל אַף די דעפּוטאַטן וועט אַרויסגעוויזן ווערן אַ מיליטעריש־פּאָליטישער דרוק.

ס'האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט די דערקלערונג פונעם פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט נאַדזשאַך וואַקים דעם, אַז עס זײַנען „געקויפט געוואָרן שטימען פון דעפּוטאַטן פאַר עטלעכע מיליאָן ליר לטובת איינעם אַ קאַנדידאַט". ניט אָנרופנדיק קיין נעמען, האָט וואַקים באַשולדיקט „אַ פּראַנאַנטוואָרטלעכן טוער, וועלכער שפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין אָרגאַניזירן די פּרעזידענט־וואַלן, אַז ער האָט באַקומען כּאַבאַר אַף אַ סומע פון 3 מיליאָן דאָלאַר".

וואַליד דזשומבלאַט האָט אין אַן אינטערוויו דעם ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „מאָנד" דערקלערט די סיבעס פון זײַן „אומבעשעלעמדיקער פײַנטשאַפט" צו דער קאַנדידאַטור פון ב. זשמאַיעל.

פראַגע: וויאַזוי רעאַגירט איר אַף דער ווענדונג פון זשמאַיעלן, וועלכער רופט די ליוואַנער צו אַ „הייליקן בונד", קעדיי צו „ראַטעווען ליוואַן"?

ענטפער: דאָס איז אַן אומבאַשטימטער לאָזונג. מע האָט אים גערדאַרפט פאַרפינקטלעכן. ליוואַן לעבט אין באַדינגונגען פון ייִסראַעלדיקער אָקופּאַציע. צי פאַרורטיילט זשמאַיעל די דאָזיקע אָקופּאַציע?

פראגע: ער האָט בעדייע טאקע פאָדערן, דאָס ייִסראָעלדיקע מיליטער זאָל זיך עוואקויִרן, ווי נאָר ער וועט ווערן אויסגעוויילט?

ענטפער: די קאָנסטיטוציע גיט דעם פרעזידענט פון דער רעפובליק דיקטאטאָרישע פּאָליטישע פריווילעגיעס און פולמאכטן. און אוואדע ניט באשיר ושמאיעל מיט זײַן אכזאָריעסדיקער און בלוטי־קער פּאָליטישער פארגאנגענהײַט וועט אויספילן זײַנע צוזאָגן. מיר פארטרויען אים ניט און גלייבן ניט אין זײַנע רופן צו א „הייליקן בונד".

פראגע: צי קאָן מען האלטן, אז איר וועט אין קיין שום פאל זיך ניט אָפּזאָגן פון אײַער אָפּאָ־זיציע בענעגייע דער קאנדידאטור פון זשמאיעלן?

ענטפער: יאָ, ווײַל ער לייגט פאָר ליוואן א פראָפאשיסטישן רעזשים, א קליינינקע דיקטאטור, וועלכע איז געריכטעט קעגן אלע אונדזערע פּאָליטישע פרײַהײַטן. איך בין זיכער, אז זשמאיעל וואָלט געקאָנט אונטערשרײַבן א שאָלעם־אָפּמאך מיט ייִסראָעל אָדער א פארשטענדיקונג וועגן מיטארבעט אין געביט פון געפארלאָזיקײַט. דאָס וועט, בעלי סאָפעק, ענדערן דעם אָנבליק פון ליוואן, וועלכער איז אן אראביש לאנד.

פראגע: אייניקע זאָגן, אגעוו, אז אין דער לעצטער צײַט האָט ער זיך געענדערט?

ענטפער: אין זײַן לעצטער ארויסטרעטונג אין דער טעלעוויזיע האָט ער אלעמען געדראָט. צי קאָן ער זיך דען ענדערן? איך פערזענלעך בין אין א גרויסן סאָפעק.

פראגע: איר קאָנט פאָרלייגן א וועלכן־ניט־איז אנדערן קאנדידאט?

ענטפער: ניין. מע קאָן ניט אָנבינדן א קאנדידאט מיטן קויעך פון באגנעטן — ניט מיט פאלאנ־גיסטישע, ניט מיט ייִסראָעלדיקע. די מוסולמענער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די מערהײַט אין דעם דאָזיקן לאנד, מאכן שאָלעם מיט דעם, וואָס אפן פאָסטן פונעם פרעזידענט פון דער רעפובליק ווערט אויסגעוויילט א מאראָניט. אָבער דערפאר דארפן זיי האָבן א מעגלעכקײַט צו זאָגן זייער וואָרט באם אויסוויילן דעם פרעזידענט. זיי האָבן רעכט צו אָפּוואָרפן דעם קאנדידאט, וועלכער געפעלט זיי ניט, פּרוּוונדיק אין דער זעלבער צײַט צו דערגרייכן א קאָמפּראָמיס מיט די מעסיקע קריסטן.

פראגע: וואָס זשע טאָן מיט די פאלאנגיסטן?

ענטפער: די פאלאנגיסטן האָבן א באדײַטנדיקע פּאָליטישע וואָג אין ליוואן, אָבער ניט בלויז זיי זײַנען די באלעבאטים פונעם לאנד. אין ליוואן איז קיינמאָל ניט געווען קיין פרעזידענט, וועלכער וואָלט פאָרגעשטעלט די דאָזיקע מאָנאָליטע פארטיי. אויב מע וויל אונדז אָנבינדן א מיליטערישע כונ־טע, לויטן מוסטער פון יענע, וועלכע עקזיסטירן אין לאטײַן־אמעריקע אָדער אין אייניקע אראבישע לענדער, מיין איך ניט, אז ליוואן זאָל קאָנען לײַדן א רעזשים פון אזא מין.

פראגע: א סאך רעדן אויך וועגן דער קאנדידאטור פון ק. שאמון, וועלכע וואָלט געווען א מער אָנעמבארע, איידער די קאנדידאטור פון ב. זשמאיעלן.

ענטפער: דאָס איז א וויכטיקע פראגע, נאָר איך קאָן זיך ניט ארויסזאָגן מיקויעך דעם. מע דארף זי באהאנדלען מיטן גאנצן איסלאמישן בלאָק.

פראגע: צי שאפט זיך בא אײַך אן אײַנדרוק, אז די ייִסרעיילים האלטן אונטער זשמאיעלס קאנ־דידאטור?

ענטפער: איך האָב ניט קיין שום דערווײַזונגען, אז די ייִסרעיילים זײַנען קעגן זײַן קאנדידאטור. איך האָב אויך ניט קיין שום דערווײַזונגען, אז די אמעריקאנער זײַנען קעגן זשמאיעלן. איך קאָן אָבער זיך פארופן אף אייניקע אמעריקאנער דערקלערונגען, אין וועלכע ס׳איז אויסגעדריקט א פאר־לאנג וועגן א שטארקער מעלוכע און א שטארקן פרעזידענט.

פראגע: צי זעט פאָר „כאביבס פלאן" אָפּצושטעלן די ייִסראָעלדיקע אָקופּאציע?

ענטפער: דער פלאן זעט פאָר צו באהאנדלען די פראגע וועגן דעם, אז די ייִסרעיילים און די סיריער וועלן אוועקגיין נאָך דער עוואקואציע פון די פאלעסטינער. דערווײַל אָבער ווערט פארשטארקט די אָקופּאציע פון דער ליוואנער טעריטאָריע...

פראגע: צי האלט איר, אז די ליוואנישע ארמיי, וועגן וועלכער מע האָט גערעדט א סאך שלעכטס, איז פעיִק צו פארטיידיקן די פאלעסטינער לאגערן און די ליוואנער באפעלקערונג נאָכן אוועקגיין פון די פאלעסטינער?

ענטפער: זי וועט קיינמאָל ניט זײַן פעיִק צו פארטיידיקן ניט די פאלעסטינער לאגערן, ניט די באפעלקערונג פון ביירוט. פאר די לעצטע דרײַ טעג פירט זיך אוף די ליוואנישע ארמיי, וועלכער די ייִסרעיילים האָבן דערלויבט צו פארנעמען די פּאָזיציעס אף דער דעמארקאציע־ליניע צווישן די צוויי סעקטאָרן, פונקט אזוי, ווי די פאלאנגיסטן און די ייִסרעיילים. אן ארמיי, וועלכע שטערט דעם צופירן שפײַז און אנדערע באזאָרגונג פאר דער מוסולמענישער באפעלקערונג פון מײַרעוו־ביירוט, קאָן ניט זיכערן די געפארלאָזיקײַט פון די אײַנוווינער פון דעם דאָזיקן סעקטאָר. זי וועט זײַן פּאָשעט א גע־ווער אין די הענט פונעם קינפטיקן ליוואנער רעזשים און פון ייִסראָעל.

פראגע: וויאזוי שאצט איר אָפּ די לאגע אין דרוזישן בארג־ראיאָן?

ענטפער: זי איז זייער א שלעכטע, אףֿ וויפֿל די פֿאלאנגיסטן פרוּוון דאָרט זיך פֿארפֿעסטיקן מיט דער הילף פֿון קויעך. עס קומען פֿאָר טאָגטעגלעכע צוזאמענשטויסן אינעם ראיאָן פֿון דער שטאָט אליי, וואָס עס קאָן זיך פֿארוואנדלען אין א רעליגיעזער מילכאָמע צווישן די דרוזן און מאראָניטן. די ייִסרעיילים שפּירן נאָך דעם, ווי פּאסיווע צושויער, און נעמען גאָרנישט ניט פֿאָר, קעדיי אונטערצוהאלטן כאָטשבי לעפּאָנעם אן אָרדענונג אין די בערג.

פֿראגע: מע זאָגט, אז די ייִסרעיילים וואָלטן ניט געהאט קעגן אזיספֿאָרמירן א מעלוכע, וועלכע וואָלט פֿארייניקט די דרוזן פֿון ייִסראָעל, סיריע און ליוואן?

ענטפער: דער איינציקער ציל פֿון די ייִסרעיילים באשטייט אין דעם, אז די דרוזן זאָלן אזיסגענוצט ווערן אלס א געווער. זיי האָבן דאָס געטאָן אין ייִסראָעל, נאָר האָבן געליטן אן אומדערפֿאָלג אףֿ די גאָלאנען און פּרוּוון דאָס אויסנוצן אין ליוואן. די געשיכטע פֿון די דרוזן איז שטענדיק געווען פֿארבונדן מיט די אראבישע און איסלאמישע אינטערעסן אין קולטורעלן, היסטאָרישן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פּלאן. די דרוזן פֿון ייִסראָעל האָבן קיינמאָל ניט געשפּילט קיין באדייטנדיקע ראָליע. די דרוזן פֿון ליוואן האָבן שטענדיק געהאט א באשליסנדיקע מאכט. זיי האָבן אָנגעפֿירט מיטן לאנד ביזן 17־טן יאָרהונדערט. אויב די דרוזן וואָלטן איצט באשלאָסן צו ווערן גרענעצלער פֿון דער ייִסראָעלדיקער ארמיי, וואָלט דאָס געווען א גאנץ דורכשניטלעכער און קלאָגעוודיקער סאָף. ניט דאָס וויל איך אלס דרוז און אלס בירגער פֿון ליוואן...

ניו־יאָרק, דעם 25 אווגוסט 1982. אין דער שטאב־קוואַרטיר פֿון דער אָרגאניזאציע פֿון די פֿאראייניקטע נאציעס איז פֿאַרעפֿנטלעכט א בריוו פֿונעם פּרעזידענט פֿון פשא, וועלכן ער האָט צוגעשיקט דעם 20 אווגוסט דעם גענעראל־סעקרעטאר פֿון דער אונאָ כ. פּערעס דע קועליאַרן מיקויעך דעם אמעריקאנער אָנטייל אין די צעשיידונגס־קויכעס אין ליוואן. אינעם בריוו ווערט מיטגעטיילט, אז די רעגירונג פֿון ליוואן האָט זיך געווענדט מיט א באקאָשע, אז דער מיליטערישער פּערסאָנאל פֿון פשא זאָל זיך באטייליקן אין די דאָזיקע קויכעס צוזאמען מיט די מיליטערלייַט פֿון פֿראנקרייַך און איטאליע.

„איך וויל אייַך אינפֿאָרמירן, — ווערט געזאָגט אינעם בריוו, — אז די רעגירונג פֿון די פֿאראייניקטע שטאטן האָט געגעבן די האסקאָמע אלס ענטפֿער אףֿ דער דאָזיקער באקאָשע פֿון דער ליוואנער רעגירונג דיסלאָצירן בא 800 מיליטערלייַט אין ביירוט אףֿ א פּעריאָד ניט מער פֿון 30 טעג. איך בין פֿעסט זיכער אין דעם, אז אין גאנג פֿון דער דאָזיקער אָפּעראציע וועט דאָס מיליטער ניט אריַנגעצויגן ווערן אין קריגס־אָפּעראציעס".

אמאָן, דעם 1 סענטיאבער 1982. זייַן שטאנדפּונקט אףֿ דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אפֿן נאָענטן מיזרעך, האָט דער קיניג פֿון יאָרדאניע כוסיין. אָט שוין העכער דרייַסיק יאָר האלט ער אייַן זייַן טראָן. אים קומט אויס פֿיל נעמען אין אכט, אָפּט קונציק צו לאווירן, פֿארנעמען זייַן פּאָזיציע בענעגייע די פּערספּעקטיוון פֿון אייַנרעגולירונג. אָט וואָס ער האָט געענטפֿערט אףֿ מייַן פֿראגע.

פֿראגע: צי קאָן מען רעכענען די איצטיקע אגרעסיע פֿון ייִסראָעל אין ליוואן פֿאר דער לעצטער מילכאָמע, דאָס הייסט פֿאר אזא, וואָס פֿירט צו עפּעס אן אייַנרעגולירונג פֿון די שארפֿסטע פּראָבלעמען פֿונעם נאָענטן מיזרעך? וואָס פֿאר א צילן האָט ייִסראָעל אין דער דאָזיקער מילכאָמע?

ענטפער: ווארשייַנלעך, איז עס ניט די לעצטע מילכאָמע. אויב מיר וועלן א קוק טאָן אףֿ דער פּאָזיציע פֿון ייִסראָעל און פֿון זייַנע ציִוניסטישע לידערס, אויסהערן זייערע דערקלערונגען, וועט ווערן קלאָר, אז, גיכער פֿון אלץ, איז עס ווירקלעך ניט די לעצטע מילכאָמע. דאָס איז א מין אָפּערציע, וועלכע גרייט צו סיי דאָס באהערשן אלע פּאלעסטינער שטאָכים מיצאד ייִסראָעל און סיי — וואָס מע דארף הייַנט באזונדערס אונטערשטרייַכן — דער איבערגאנג צו באהערשן אויך אנדערע אראבישע טעריטאָריעס. דער צווייטער ציל, דער צווייטער אָביעקט נאָך ליוואן וועט זיכער זייַן יאָרדאניע. ייִסראָעל שטרעבט מיט אלע מיטלען איבערצייַגן די וועלט, אז די פּאלעסטינער פּראָבלעם וועט געלייזט גאנץ פּאָשעט — מיט שאפֿן א פּאלעסטינער מעלוכע אףֿ דער יאָרדאנישער ערד. אָבער די אָנפֿירער פֿון ייִסראָעל האָבן א טאָעס, דערקלערנדיק, אז אזא מעלוכע קאָן געשאפֿן ווערן אין יאָרדאניע. דאָס קומט אין א ווידערשפּרוך מיטן געזונטן כייכל. עס קאָן ניט זייַן קיין רייד וועגן א פּעסטן שאָלעם, וועגן א פּעסטן און יוישערדיקן שאָלעם, קאָלזמאן דעם אראבישן פֿאָלק פֿון פּאלעסטינע וועלן ניט אומגעקערט ווערן פֿולשטענדיק זייַנע רעכט אףֿ דער ערד פֿון זייַן היימלאנד און אףֿ דער ערד, וועלכע איז אָקופּירט געוואָרן אין 1967, דערונטער אפֿן אראבישן ירושאָלאיִם... איך בין ניט זיכער, אז אָט די מילכאָמע איז די לעצטע. אונדזער רעגיאָן קאָן ראטעווען פֿון געפֿערלעכע קאָנסעקווענצן פֿון דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטיק און פֿון די פּרעטענזיעס פֿון ייִסראָעל אףֿ אָט דעם טייל פֿון דער וועלט בלויז:

אףֿ דער צווישן־אראבישער ארענע. א רעאָרגאניזאציע און באהאנדלונג פֿון אלע פּראָבלעמען פֿון דער אראבישער וועלט. דאָס דארף געטאָן ווערן אפֿן סאמע העכסטן ניוואָ, מיט דער גאנצער אופֿריכטיקייַט און קלאָרקייַט. קיין שום פּראָבלעם פֿון די אראבער, פֿונעם גאנצן נאָענטן מיזרעך דארף

ניט אויסגעשלאָסן ווערן פון א באַהאַנדלונג, קעדיי אין סאַכאַקל באַשטימען די מאַטעריעלע און מענטשלעכע רעסורסן און פאַנאַנדערטיילן זיי ווי געהעריק צוליב אויסאַרבעטן א שטאַרקע אַראַבישע פּאָזיציע, נעמענדיק אין אַכט די געפאַר.

אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע. דיַיטלעך פאָרמולירן אונדזער פּאָזיציע און דרינגענד זי פאַרבינדן מיט דער נײַער פּאָליטישער אַקציע, וועלכע האָט דעם ציל צו זוכן אַן אַלץ־אַרומכאַפּנדיקע יושערדיקע אײַנרעגולירונג אַפן נאָענטן מיזרעך מיטן אָנטייל פון אַלע פאַרינטערעסירטע צדאָדים, דערונטער פון די פּאַלעסטינער, וועלכע זײַנען פאָרגעשטעלט אין אָבפּ — דער אײנציקער געזעצלעכער פאָרשטייער פונעם פּאַלעסטינער פאָלק, ווי אויך מיטן אָנטייל פון די גרויסע מעלוכעס, וועלכע ווילן אַרײַנטראָגן זייער צושטײַער אינעם ווירקלעך פרידלעכן פּראָצעס. א צווישנפעלקערלעכער מאָראַלישער דרוק קאָן ברענגען צו א פּראָגרעס אַפן וועג פון דערגרייכן א שאָלעם אַפן נאָענטן מיזרעך און אויסמײַדן קאַטאַסטראָפעס, וועלכע קאָנען זײַן א געפאַר ניט בלויז פאַרן רעגיאָן, נאָר פאַר דער זאַך פון שאָלעם אין דער גאַנצער וועלט.

דערווײַל זײַנען די פּאַלעסטינער שלאַכטלײַט אַוועק פון ביירוט. ניט ווי קיין באַזיגטע — מיט א געפיל פון אומגעוואַקלטער ווירדע. ניין, זיי זײַנען ניט געלאָפן פון ליוואַן. זייער אַוועקגיין איז געוואָרן א דעמאָנסטראַציע פונעם אומבאַשטרײַטלעכן עמעס, אַז דער קאַמף דויערט!

מאָסקווע, דעם 25 סעפּטעמבער 1982. דער גרויסער פּאַלעסטינער דיכטער מוין בסיסו איז אין מאָסקווע. אַרויסטרעטנדיק אין דער רעדאַקציע „אָגאָניאָק", האָט ער געזאָגט:

— ווען מע האָט געפײַערט בעגינס 69־טן געבורטסטאָג, האָט ער באַקומען צווישן אַנדערע מאַטאָנעס — און דאָס איז געוואָרן גוט באַוווּסט — א טאָרט אין דער פאָרם פון א ייִסראָעלדיקן טאַנק „מערקאַווא". וועגן דעם טאָך פון דער מאַטאָנע איז ניטאָ וואָס צו ריידן. די ייִסרעײלים האָבן געפּרווּט אָפּווישן פון דער ערד 14 לאַגערן פון די פּאַלעסטינער פּליטים, ווו ס׳האָבן געלעבט אין שווערע באַדינגונגען 300.000 פּאַלעסטינער פּרויען, קינדער. די פאַרברעכנס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן אַף דער ליוואַנער טעריטאָריע, די ייִסרעײלים האָבן רויִנירט ליוואַנישע שטעט, פון ייִסראָעלדיקע באָמבעס און סנאַריאַדן זײַנען אומגעקומען צענדליקער טויזנטער ליוואַנער. בייס די באָמבאַרדירונגען האָב איך אָפּט געקלערט וועגן יענע, וועמ עס קוועטשט איצט די קנאָפּקעס פון די אויטאָמאַטישע באָמבעוואַרפער, און זיך פאַרגעבן די פראַגע: צי שוין זשע זײַנען אָט די מענטשן געבוירן געוואָרן דורך יענע, וועמ עס איז דורכגעגאַנגען דעם גענעם פון די היטלערישע טויט־לאַגערן בוכענוואַלד און אָשווענטשים?

איצטער האָבן א קאָנצענטראַציע־לאַגער ניט ווײַט פון דער שטאָט סײַדאַ אײַנגעאָרדנט די ייִסרעײלים. מאַנצבלען־פּאַלעסטינער האָט מען אַרעסטירט אונטער א באַליביקן טערעץ און אָן א טערעץ. אינעם לאַגער האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין א ריי, געצוווּנגען פאַרקאַטשען דעם לינקן אַרבל און געשטעלט אַף דער האַנט א בלויען שטעמפּל פון אַן אַרעסטירטן. איר געדענקט, אַז ערעך אַזעלכע שטעמפּלען פלעגן געשטעלט ווערן מיט פערציק יאָר צוריק אין די היטלערישע קאָנצלאַגערן...

די ייִסרעײלים האָבן געהאַט די אויבערהאַנט אין דער לופט און אַפן יאַם. מיר אָבער האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין מיליטערישע אַוויִאַציע און וועלכע־ניט־איז מיליטערישע יאַם־קרעפטן. מיר האָבן געהאַט בלויז פּאָשעטע שיס־געווער, גראַנאַטנוואַרפער און זייער א קליינע צאָל רערן און רעאַקטיווע אַרטילעריע. מיט אונדזער וואָפן האָבן מיר אָפּגעשטעלט און אײַנגעהאַלטן אין מעשעך פון 78 טעג די פולקום מאָטאָריזירטע, א באַוואָפנטע מיטן סאַמע הײַנטצײַטיקן געווער ייִסראָעלדיקע אַרמיי. מיר האָבן ניט געהאַט קיין הײַנטצײַטיקע טאַנקען און אַעראָפּלאַנען. מיר האָבן געהאַט א ווילן צום קאַמף.

(סאָף קומט)

סײַ לינדער זײַן, סײַ הארבער ווערן

דער מאלכאמאָוועס וועט א מיסע קריגן...

דעם הימל לויטערן
פארצ׳יען שווערע וואָלקנס,
און ס׳דאכט זיך מיר:
אין אַנגריף גייען פאַלקן.
עס טוט א פלייץ
א קאַלטער בייזער רעגן,
כ׳דערמאָן זיך,
ווי אין אַקאַפּ איך בין געלעגן,
און איבער מיר
האָט זיך געטראָגן א געוויטער
א שאַרפער בלייַץ
טוט ביז דער ערד א נידער,
און כ׳כאַפּ זיך אויף
פון יענעם בייזן ציטער.
וווהין אהינטאָן זיך
פון וויסטן כאַלעם?
עס גייט מיר נאָך פוסטריט
יענע מילכאָמע,
ווי א פארשטעלטער שאָטן,

יאָ, א שאָטן —
מיט אלע אירע
כווישעכדיקע פראַטים.
הארוגים אָן א שיר
כ׳זע ווידער,
דאָרט ליגט מײַן ברודער
צווישן אלע ברידער.
ס׳שווערט אפן הארצן ביטער,
סאַם האמאָוועס,
עס לאָזט אלץ ניט צורו
דער מאלכאמאָוועס.
נאָר עס פארגייט דער כאַלעם,
ווי א טאָנעס.
מיך פרייען ווידער
ליכטיקע קאוואָנעס,
כ׳באטראכט די וועלט
און האָף מיט פארגעניגן:
דער מאלכאמאָוועס
וועט א מיסע קריגן.

ווינטערדיקע מאכשאָוועס

עס קומט דער ווינטער מיט זײַן בלענד
און פרעגט בא קיינעם ניט קיין דייע,
פוצט יעדן בוים אויס מיט א העמד
פון פרישע פינקלענדיקע שנייען.

ער ווערט אין פעלד דער באַלעבאָס,
און קיינער קאָן אים ניט פארווערן
זיך פריילעך מאכן מיטן פראָסט
און לינדער זײַן, און הארבער ווערן.

און איך פארגעס פון ווײ־און־ווינד,
פון אלע ווייטיקן און קלאָגן,

עס ווילט זיך, ווי אליין דער ווינט,
צו ווײַטן שנייִקע זיך טראָגן.

דאָס פעלד איז ווײַסן איז פארהילט,
און כ׳פלי אף ליזשעס, ווי אף פליגל,
אָ, לאַנג איך האָב שוין ניט געפילט
אזא מין גרויסן פארגעניגן.

נאָר עפּעס טוט מיר א דערמאָן
אין ווײַטן אנדערע און ווערסטן,
אין אונדזער ליזשע־באטאליאָן,
אינעם פארשנייטן פערציק ערשטן...

וואָקזאַל פון קריג

א פריקרער הארבסטיקער רעגן פארגיסט די פּעראָנען,
מיט טערפקער מאכאָרקע און נאסע שינעלן עס שמעקט,
און אײַליק עס לויפן אָן אופהער פארבײַ עשעלאָנען,
פון אלע וואָקזאַלן פאר זיי עס איז אָפן דער וועג.

אהער, ווו די ליכטיקע זון איז אין רויכן פאַרגאַנגען,
בא יענער פאַרכווישעכטער ריכטונג, ווו נאָענט געווען איז דער קריג,
אויך מײַן עשעלאָן איז אהער צום וואָקזאַל צוגעגאַנגען,
און ס'האָט דער פעראָן זיך אין רויש און אין אומעט געוויגט.

מײַן טאַטע האָט עפּעס געטײַנעט און בילכערס געוואָלט עפּעס זאָגן,
נאָר ס'האָבן די ווערטער אין רויכיקן ווינט זיך געשטיקט.
א הילכיקער פײַף, און מײַן צוג האָט זיך אויך אָפּגעטראָגן,
כ'געדענק אײַך, אומהיימישע, ענגע וואָקזאַלן פון קריג.

ווי וועכטער ווי שטרענגע, אײַך האָבן באוואַכט סעמאַפאָרן,
פאַרוויינטע פעראָנען זיך פיבערדיק האָבן געוויגט,
אונדז (טויטע און לעבנגעבליבענע) האָט איר פאַרקריצט אין זיקאָרן,
וואָקזאַלן פון קריג, אָ, וואָקזאַלן פון הייליקן קריג...

א גאָלדענער רעגן

יעדער טראָפּן האָט א וואָרט,
ס'וואָרט דער הימל אויסגעשוועוקט,
גרויס איז זײַן פאַרמעגן,
ווי א בלויער לײַלעך.
אַף דער סאַמאַרקאַנדער ערד
ווי א נעס איז ער בא אונדז,
קאַרג איז מען אַף רעגנס.
פליִיצט איבער די ברעגן,
קענטיק, ס'איז דער כידעש גרויס,
דורכגעזאַפּט מיט דופט און זון, —
און אויך איר וועט פרעגן:
דער גאָלדענער רעגן.
ווי זשע קומט מען דאָרטן אויס
ס'איז א פרייד טאַקע — ער פליסט,
זומער אָן א רעגן?
קוויקן זיך די ביימער,
יעדעס גרעזעלע געניסט,
בין איך ענטפערן אײַך גרייט
אין דער זעלבער רעגע,
ווײַל עס איז דעם בוימוואָל.
ווײַל אָקאָרשט האָב איך מיט פרייד
יעדער טראָפּן האָט א וואָרט,
אויסגעפּרוּווט דעם רעגן.
גרויס איז זײַן פאַרמעגן,
כ'האָב אין אים זיך שוין פאַרבענקט,
אַף דער סאַמאַרקאַנדער ערד
טײַער איז די ווײַלע,
קאַרג איז מען אַף רעגנס.

א פאַרשפּעטיקטע ליבע־ליד

ס'פאַרשווינדט די נאַכט
און ס'גייט דער טאָג אויף העל,
עס דרייט זיך אין דער אַלוועלט
אונדזער וועלט.

ווו ס'דאַרף זײַן ווײַס,
דאָרט פּונקט קאַפּויר איז — שוואַרץ,
עס ווילט זיך פרייען,
נאָר עס קלעמט דאָס האַרץ.

נאָר ס'דוכט זיך מיר,
עס טוט זיך אַלץ פאַרקערט,
עס קומט צום לעבן —
און שוין אַלט מע ווערט;

איין וועג אונדז ביידן
איז געווען באַשערט,
אָן דיר כ'בין עלנט,
און מיט דיר איז שווער.

מע דאַרף א רעגן,
באַקט אָבער די זון,
מע וויל גיין גלײַך,
און ס'קומט אויס דאַפקע קרום.

און עפּשער דוכט זיך אויס
אַזוי, פאַרקערט,
נאָר ווי וואָלט אַנדערש
זיך געדרייט די ערד?..

הירש רעלעס

אַן אומגעריכטער פינאַל

ווען רעגינע איז אָנגעקומען זיך לערנען אין מינסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, האָט זי די ערשטע צײַט זייער אָפּט געשריבן אַהיים. איצט, ווען זי איז שוין אויפן פערטן קורס, שרײַבט זי די עלטערן איין מאָל אין אַ שמיטע. און אין יעדן בריוול איינס און דאָס זעלבע: אַלץ איז אין אָרדענונג, מע זאָל איר ניט שיקן קיין געלט, זי נייטיקט זיך ניט. נאָר טאַטע־מאַמע הערן זי ניט. זי איז אַן איין־און־איינציקע בײַ זיי. מיראָן פּאַוולאָוויטש און ווערע איסאַקאָוונע איז שטאַרק אומעטיק אָן איר.

פאַר די לעצטע צוויי כאָדאָשים איז פון רעגינען קיין איין בריוו ניט געווען. צי האָט זי זיך, כאָליליע, ניט צוגעקילט, מאַכמעס זי האָט אַ טעווע ווינטער זיך לײַכט אָנטאָן. בײַ דער יוגנט איז איצטער אַ מאָדע אַזאַ: גיין לײַכט אָנגעטאָן. ווײַטער קימערט טאַטע־מאַמע, צי עסט זי צו דער צײַט, אָדער כאַפּ־לאַפּ, ווי עס מאַכט זיך, און וואָס עס מאַכט זיך, ווי בײַ די סטודענטן איז אײַנגעפירט. ס׳ווילט זיך וויסן, מיט וועמען כאַווערט זי זיך דאָרט. פאַרשיידענע מאַכשאָוועס קומען אין קאָפּ אַרײַן.

נאָר אָט, אינמיטן יאַנוואַר, ערעוו די קאַניקולן, קומט פון איר אָן אַ בריוו, וואָס האָט ניט ווײניק פאַרוווּנדערט די עלטערן. רעגינע האָט געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל איבערגעבן די קלינבורגס, אַז זייער סיאָמע האָט כאַסענע געהאַט.

— איצט פאַרשטייסטו, פאַרוואָס רעגינע האָט אַזאַ צײַט ניט געשריבן קיין בריוו? — האָט ווערע געטײַנעט צום מאַן. — מיינסט, אַז דאָס קאָסט איר ווייניק האַרצווייטיק? זי האָט דאָך צום דאָזיקן סיאָמע זיך געצויגן מיטן גאַנצן האַרצן. ביסטו, ווי אַ שוואַרצע קאַץ, איבערגעלאָפן זיי דעם וועג. אַזאַ ווילן יאַט, ווי סיאָמע, דאַרף מען זוכן. שיין, ווי די וועלט, אַ געראָטענער, אַן ערלעכער, אַ וווילהאַרציקער. נו, איז וואָס אויב סיאָמעס טאַטע איז דיר ניט געווען צום האַרצן? דערפאַר האָט רעגינע ניט געטאָרט זיך כאַווערן מיט סיאָמען?

דער בארויגעז צווישן מיראָן כירגע און יאָסיף קלינבורג, סיאָמעס טאַטן, ציט זיך פון זייער לאַנג, נאָך איידער קלינבורג איז געוואָרן דער פּראָראַב פון דעם בוי־באַצירק, אין וועלכן מיראָן פירט אָן מיט אַ בריגאַדע מאַליערס. דער בארויגעז האָט זיך אָנגעהויבן פון קינע, וואָס האָט געדראָט אַריבערגיין צו אַ סינע.

ווערע איסאַקאָוונע האָט זיך געסטאַרעט איבערצײַגן דעם מאַן, אַז ער האָט ניט פאַר וואָס צו זײַן בארויגעז אויף קלינבורגן.

מיראָנען האָט געבייזערט, לעמײַ דאָס ווײַב האַלט דעם צאַד פון זײַן קעגנער. ס׳איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מיראָן האָט זיך געקליבן איבערגיין אַרבעטן אויף אַן אַנדער בוי־באַצירק, זאָל זײַן אַפילע פאַר אַ פּראָסטן אַרבעטער.

— יענער איזדיעקעוועט זיך איבער מיר, — האָט ער געטײַנעט צו דעם ווײַב, — און דו האַלטסט זײַן צאַד!

— ער וויל, אַז דײַן בריגאַדע זאָל גוט און ערלעך אַרבעטן. — האָט אים געענטפערט די פרוי. — ער זאָרגט זיך וועגן דיר, וועגן דײַן בריגאַדע. דאַרפסט דערפאַר דאַנקבאַר זײַן קלינבורגן און ניט קאַעסן זיך אויף אים... איבער דער דאָזיקער קינע דײַנער האָסטו, מעגלעך, אויף אייביק אומגליקלעך געמאַכט אונדזער איין־און־איינציק קינד.

— פּוסטע רייד! ס׳איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי זי וואָלט גליקלעך געווען, ווען זי וואָלט כאַסענע געהאַט מיט קלינבורגס בענאַק. אויף אונדזער רעגינען וועלן זיך געפינען ניט ווייניק באַלאָנים. זי וועט מיט דער צײַט אַראָפּברענגען אַ מאַן, וואָס סיאָמע וועט דאַרפן בײַ אים הרובעס הייצן. איין זאַך פאַרשטיי איך נאָר ניט, פאַרוואָס האָט סיאָמע אַליין ניט אָנגעזאָגט זײַנע עלטערן די גליקלעכע

בסורע? ניט אנדערש, ווי ער האָט אַרײַנגעכאַפּט יענע יעפּייפּיע, און ער איז זיכער, אַז זײַנע עלטערן וועט זי ניט געפעלן ווערן...

— באַ דיר באַקומט זיך, ווי אין יענעם גלײַכװאָרטל: „אַז מע עסט קרויט, שוויצן די פענצטער". סיאָמע טראָגט אַ האַרץ אויף רעגינען, ער קאָן איר ניט מוחל זײַן, פאַרוואָס האָט זי ניט געוואָלט כאַ־סענע האָבן פאַר אים. קעדיי זי דערגאַזשן, האָט ער זי געבעטן, זי זאָל איבערגעבן די דאָזיקע נײַס זײַנע עלטערן. גיכער פון אַלץ ווייסן זיי עס שוין אַליין. ער האָט זיי אַליין געגעבן צו וויסן וועגן דעם.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען קלינבורג האָט אָפּן באַצירק, ווו ס'האָט געאַרבעט מיראָנס בריגאַדע, אָפּגעגעבן אַלע פאַראָרדענונגען און זיך שוין געקליבן גיין אויף אַן אַנדער באַצירק, האָט מיראָן זיך צו אים גלײַכגילטיק אָנגערופן:

— אַגעוו־אורכע, איך האָב פאַרגעסן דיר זאָגן (אויג אויף אויג זײַנען זיי געווען אויף „דו", — מײַן רעגינע האָט מיר געשריבן, איך זאָל דיר איבערגעבן, אַז דײַן סיאָמע האָט כאַסענע געהאַט, נאָר ווי איך פאַרשטיי, איז עס שוין, מיסטאָמע, פאַר דיר קיין נײַס ניט.

באַמערקנדיק, ווי יאָסיף האָט זיך גלײַך געביטן אין פּנים, האָט מיראָן פאַרשטאַנען, אַז זײַן כאַוועס פון קינדהייט איז פּאַשעט דערשטוינט פון דער נײַס.

— וואָס? דו הערסט עס טאַקע ערשט פון מיר?

— עפּעס אַן אומגעלומפּערטע זאַך, — האָט קלינגבורג געענטפערט. — פאַרוואָס האָט ער עס באַדאַרפט איבערגעבן דורך דײַן טאַכטער? ער האָט דאָך געקאָנט אַליין אונדז מיטיילן. און בכלל האָט ער אונדז קיינמאָל קיין אָנצוהערעניש דערפון ניט געגעבן. פאַריקע וואָך האָט ער אונדז גע־קלונגען און גאָרניט געזאָגט וועגן דעם. ניט אַנדערש, אַז ס'איז עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש.

דאָך איז יאָסיף געווען שטאַרק באַאומרויִקט.

אינדערהיים האָט מיראָן אַרויסגעזאָגט דער ווײַב זײַנער, ווערען, אַ האַסאַגע:

— ס'קאָן גרײַלעך זײַן, אַז סיאָמע האָט עס טאַקע אויסגעטראַכט, קעדיי אַ רייץ טאָן זיך מיט רעגינען.

— ווער ווייסט... — האָט זיך געקווענקלט ווערע איסאַקאָוונע.

ס'איז דורך אַ פּאָר טעג. קלינבורג איז ווידער געקומען אָפּן אָביעקט, ווו ס'האָבן געאַרבעט די מאַליערס. ער איז געווען שטאַרק נערוועז. די אײַנוווינער האָבן זיך געקלאָגט, אַז די מאַליערס ברענ־גען אָן מער שאָדן, איידער נוץ. די אייל לייגט זיך אויס שלעכט סײַ אויף די ווענט, סײַ אָפּן באַלקן. אויסער דעם, ליאַפּעט מען און מע פּליוכעט, קעדיי וואָס גיכער אָפּקומען. זאָגט מען דעם בריגאַדיר, שטעלט ער זיך אײַן פאַר די כאַלטורשטשיקעס.

— דו הערסט? אַ ביזע־ביזאַיען, — האָט קלינבורג אָפּגעוואָרפן מיראָנען. — מע וועט מוזן אָנעמען מיטלען.

באַם פאַרלאָזן דעם באַצירק האָט יאָסיף אים אַ זאָג געטאָן:

— פאַר דער יעדיע, מיט וועלכער דו האָסט מיך געפעלפּט, מוז איך דיר אָפּצאָלן מיט רעווער. ווי סיאָמע האָט מיר מיטגעטיילט, וואַרט דיר אויך דאָס זעלבע. דײַן רעגינע האָט אויך אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל. זי האָט אויך כאַסענע געהאַט און קלײַבט זיך אים אַראָפּבערענגען אויף די קאַניקולן. אַזוי האָט סיאָמע געהייסן איבערגעבן דיר.

באַמערקנדיק, ווי מיראָן איז פון דער נײַס געוואָרן בלייך, האָט קלינבורג אים באַרויִקט:

— ערגער זיך ניט און זײַ ניט אַזוי צעקאָכט. ניט מיר זײַנען די ערשטע און ניט מיר זײַנען די לעצטע. אַזוי פירט זיך שוין אויף דער וועלט. מיט די עלטערן ראַט מען זיך ווייניק־וואָס.

— יאָ, הײַנטיקע יוגנט, — האָט שווער אַ זיפץ געטאָן מיראָן.

— וואָס עפּעס נאָר הײַנטיקע? — האָט אים דערוווידערט קלינבורג. — און איך מיט דיר זײַנען אין די יונגע יאָרן בעסער געווען? האָסט שוין פאַרגעסן, ווי איך האָב אַראָפּגעבראַכט מײַנע, ווען כ'האָב זיך נאָך געלערנט אין אינסטיטוט? פאַר די עלטערן איז עס געווען אומדערוואַרט. און ווען דו האָסט כאַסענע געהאַט, האָסטו אויך ווייניק־וואָס זיך געייצעט וועגן דעם מיט טאַטע־מאַמע.

ווען ווערע האָט דערהערט די דאָזיקע נײַס האָט זי אויפגעהויבן אַ גאַנצן טאַראַראַם:

— ניט אַנדערש, ווי רעגינע האָט סיאָמען אָפּצולאָכעס. ווער ווייסט, ווען האָט זי דאָרט פון אײַלעניש אַרײַנגעכאַפּט. און בכלל, צוליב וואָס האָט זי עס באַדאַרפט? אינגאַנצן צוואַנציק יאָר אַלט.

דאָך האָט מען באַשטימט אויפנעמען דאָס יונגע פּאָרפּאָלק, ווי עס פּאַסט אין אַזעלכע פאַלן. מע האָט צוגעגרייט פאַר זיי אַ באַזונדערן צימער, אָנגעקויפט פּראָדוקטן, עס זאָל זײַן פון קאַלטוו.

ווען זיי זײַנען געגאַנגען צום באַן באַגעגענען דאָס פּאָרל, האָט ווערע איסאַקאָוונע אָנגעטאָן דעם מוטאָנאָוון מאַנטל און די פוטערנע הוט. מיראָנען האָט זי געצוווּנגען אויך אויספּוצן זיך, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, קעדיי געפעלן ווערן דעם איידעם.

אפן וואָקזאַל זײַנען זיי געקומען מיט פופצן מינוט פריִער, אײדער די באַן קומט אָן פון מינסק. יאָסיף נאַטאַנאָוויטשן מיט זײַן פלוינעסטע האָבן זיי אויך דאָרט געטראָפן. מיראַן און ווערע האָבן אין זייער זײַט ניט געקוקט. נאָר ווען מע איז ארויס אפן פּעראָן און מע האָט זיך אַנגעשטויסן פּאָ־נעם־על־פּאָנעם, האָט מען שוין געמוזט זיך באַגריסן. אָבער קאַלט ווי ווילד־פרעמדע.

רעגינע האָט מיטגעטײלט, אַז זיי וועלן פאָרן אין פינפטן וואַגאָן, זײַנען די כיגערס צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, ווו דער דאָזיקער וואַגאָן געפינט זיך, ווען דער פּאַיעזד קומט אָן. די קלינבורגס זײַנען אויך צוגעגאַנגען צום זעלבן אָרט. הייסט עס, אַז סיאָמע מיט זײַן פלוינעסטע פאָרן אויך אינעם דאָזיקן וואַגאָן. ווי ס׳ווײַזט אויס, האָט זיך עס אַזוי באַקומען צופעליק.

ווען דער צוג האָט זיך דערנעענטערט, זײַנען ביידע צדאָדים געשטאַנען מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם. מיראַן האָט פון אופרעגונג ארויסגעשפּיגן דאָס ניט־דערייכערטע סיגאַרעטל און גלײַך פאַררייכערט אַ צווייטן.

און אָט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט.

איינער נאָכן אַנדערן זײַנען פון וואַגאָן ארויסגעשטיגן די פּאַסאַזשירן. און אָט האָט זיך באַוויזן רעגינע. זי איז אראָפּגעשפּרונגען פון די טרעפּלעך און געכאַפּט זיך קושן מיט דער מאַמען און מיטן טאַטן.

— און ווו איז דײַן מאַן? — האָט אויסגעשריִען ווערע.

— אָן גייט ער, — האָט רעגינע אָנגעוויזן אַף סיאָמען, וועלכער האָט זיך אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּלעך מיט צוויי טשעמאָדאַנעס.

יאָסיף און זײַן פרוי איז שוין פאַרשפּאַרט געווען פרעגן באָם זון, ווו איז זײַן פרוי.

ביידע מאַמעס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן קושן דאָס יונגע פּאָרפאָלק. די מאַנצבלען זײַנען גע־שטאַנען אָן אַ זײַט שטאַרק פאַרכידעשט און מעוולבל.

דער פּאָרטרעט

די פּאַרקויפערן פון דער בוקיניסטישער ביכער־קראָם אַליסע האָט מיך אין איינעם אַ טאָג אָפּ־געפירט צו דער באַקאַנטער סאָפיע איסאַקאָוונע, בא וועלכער עס פאַרהיטן זיך אוניקאַלע רוסישע און יידישע ביכער.

די באַלעבאָסטע פון די ביכער, אַ דאַרע, ניט קיין הויכע פרוי, ניט גאָר קיין יונגע, אָבער אויך ניט אין פּענסיאָנערן עלטער, איז לעבעדיקלע געווען פאַרוווּנדערט.

— פונוואַנען האָט איר געוווּסט, אַז איך פאַרקויף די ביכער? — האָט זי געטײַנעט צו אַליסען. דאָ האָב איך זיך שוין ארײַנגעמישט.

— עס רעדט זיך ניט וועגן פאַרקויפן. מיר איז פּאַשעט אינטערעסאַנט באַקענען זיך מיט אוני־קאַלע ספרים, איך בין אַ גרויסער ליבהאָבער פון ליטעראַטור.

— נו, דאָס איז עפּעס אַנדערש.

אין שטוב פילט זיך ניט, אַז מע איז אין אַן אַלטן היליצערנעם הויז. די צימערן זײַנען אויסגע־שטאַט, ווי אין די גרויסע נײַע מויערן. בלויז די אויוונס דערמאָנען, ווו מע געפינט זיך.

פון מיטעוו־זײַט קוקט ארײַן די זון אין זײַטיקן פענצטער און באַליכטט די מיזרעכדיקע וואַנט, אַף וועלכער עס הענגט אַ גרויסער פּאָרטרעט, וואָס ציט צו די אופמערקזאַמקייט פון יעדערן, וואָס עס קומט אַהער ארײַן.

אפן דאָזיקן פּאָרטרעט איז פאַרקערפּערט אַ געשטאַלט פון אַ מאַנצבל אין באַיאָרטן עלטער. די טיפע קנייטשן אפן פּאָנעם זאָגן איידעס, אַז דעם דאָזיקן פּאַרשוין איז אויסגעקומען אויסצושטיין אי קאַלטס, אי וואַרעמס. ניט געקוקט דערוף פילט זיך אין דאָזיקן געשטאַלט באַגײַסטערונג און דערהויבנקײַט. מיט וואָס פאַר אַ מיטלען האָט עס דער קינסטלער דערגרייכט, קאָן איך ניט דער־קלערן, מאַכמעס איך בין ווייניק באַהאַוונט אין פראַט פון בילדערישער קונסט.

באַמערקט, אַז כ׳נעם ניט אַראָפּ די אויגן פונעם בילד, האָט די באַלעבאָסטע זיך אָנגערופן צו מיר:

— דאָס איז מײַן שלוימע. פונקט אַזאַ איז ער געווען אין לעבן.

— ווי ס׳ווײַזט אויס, איז ער געווען אַ שעפערישער מענטש.

אַליסע האָט באַהאַלטן דאָס פּאָנעם הינטער סאָפיע איסאַקאָוונעס פּלייצע. איר שלאַנקער קערפּער האָט זיך מאַמעש געטרייסלט פון געלעכטער. סאָפיע איסאַקאָוונע האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר כאַוועדטע און מיט קאַס געפרעגט:

— איר וועט עפּשער זאָגן, אַז ס'איז ניט ער?

— ער, ער, — האָט אַליסע אַרויסגעבראַכט, ניט אויפהערנדיק לאַכן.

— ליגט ניט קיין אַכט, — האָט מיך געוואָרנט סאָפיע איסאַקאָוונע. — פאַר יונגע פרײַלנס, ווי אַליסע, האָט שלוימע אַלס מאַנצבל פאַרגעשטעלט אַ קליינעם אינטערעס. פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ לײַכטזיניקייט?

אַליסע האָט זיך באַליידיקט.

— דאָס ריידן שוין אין אײַך עמאָציעס. קיינער, אויסער אײַך, וועט ניט באַשטעטיקן, אַז אויפן בילד זײַנען אָפּגעשפּיגלט שלוימעס שטריכן פון כאַראַקטער. יענער איז געווען אײַנגאַנצן אַן אויסגעלאָשענער. מע קאָן זאָגן אַ שאָטן פון אַ מענטשן. דאָס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אַבסאָליוטע גלײַכגילטיקייט צו אַלץ און צו אַלעמען. עמעס, איך האָב אים ווייניק געקענט, נאָר איך פלעג אים צײַטנווײַז זען אין ביכער־קראָם, נאָך איידער איר האָט מיט אים כאַסענע געהאַט. די שטריכן פון כאַראַקטער, וואָס זײַנען איבערגעגעבן אויפן בילד, דאָס איז ניט מער, ווי דעם קינסטלערס שעפערישער אײַנפאַל. דער פּאָרטרעט איז טאַקע אַן אויסגעצייכנטער. אינעם געשטאַלט, וואָס איז דאָ אָנגעמאָלט, פילט זיך גײַסטיקע דערהויבונג, גוטמוטיקייט און אַזוי ווײַטער. אָבער דאָס איז ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר סיאָמען: ער האָט בלויז געדינט פאַרן קינסטלער אַלס מאָדעל. דערפאַר פילט זיך אַן אויסערלעכע ענלעכקייט צו אים. גלייבט מיר, אַז איך קלײַב זיך ווי־ניט־איז פאַנאַנדער אין קונסט. קוקט ניט, וואָס איך אַרבעט אַלס ביכער־פאַרקויפערן. אינדערעמעסן האָב איך געענדיקט אַ הויכשול. לויט דער ספּעציאַליטעט אַרבעט איך ניט, מאַכמעס ס'איז דאָ ניטאָ פאַר מיר דערווײַל קיין שטעלע. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאָרטרעט איז אַ שעפערישער דערפאָלג פאַרן קינסטלער. און אויף וויפל ער איז אויסערלעך ענלעך אויף שלוימען, האָט איר זיך אײַנגעשמועסט, סאָפיע, אַז דאָס איז ער. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז די ליבע איז בלינד. ס'איז פּאַשעט ניט פאַרשטענדלעך, מיט וואָס פאַר אַ אייגנשאַפטן האָט אײַך דער דאָזיקער סיאָמע אַזוי צוגעצויגן צו זיך? ניט אַנדערש, ווי אויסער אים, האָט איר קיינמאָל ניט געזען קיין מענער. דערפאַר האָט איר סיאָמען אַזוי פאַרגעטערט. אָבער דערמאָנט זיך, וואָס האָט ער אינדערעמעסן מיט זיך פאָרגעשטעלט?

— גענוג! — האָט אויסגעשריִען סאָפיע איסאַקאָוונע. — ס'איז אַ האָזע ריידן אַזוי וועגן אַ מענטשן, וועלכן איר האָט ווייניק געקענט.

— איך האָב זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט אויף אײַך אַזוי ווירקן, — האָט זיך פאַרענטפערט אַליסע. אויב אַזוי, איז אַנטשולדיקט מיך. זאָל זײַן, אַז ס'איז סיאָמע... מייִלע...

— ער! — האָט סאָפיע אויסגעשריִען נאָך מער אויפגערעגט. — ער איז געווען אַזאַ, ווי דאָ אויפן בילד.

— גוט! גוט! — האָט טראָץ איר איבערצײַגונג געטײַנעט אַליסע, אויפהייבנדיק דערבײַ די הענט. דאָך האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און אין אַ רעגע אַרום פאָרגעזעצט. — מיך וווּנדערט נאָר, וויִאַזוי אַ קינסטלעריש בילד קאָן אַמאָל מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער נעשאָמע פון אַ מענטשן.

איבערכאַפּנדיק אויף זיך מײַן בליק, פול מיט וואָרענונג, איז אַליסע גלײַך אַנשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צו מיר:

— מײַן שליכעס האָב איך אויסגעפילט. כ'האָב אײַך באַקאַנט מיט דער אייגנטימערן פון די אוניקאַלע ביכער, וועלכע קאָנען אײַך פאַרינטערעסירן. און ווײַטער וועט איר זיך שוין אַליין דערריידן. איך בין זיך שוין דאָ פאַרזעסן. באַלד וועט זיך אָנהייבן די דריטע סעריע פונעם פילם: „דאָס אָרט פון דער באַגעגעניש טאָר מען ניט ענדערן". אויף ווידערזען!

סאָפיע איסאַקאָוונע האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן. זי איז געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער און געקוקט אין דער ווײַט.

די זון האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרגיין, פון הויף האָט זיך דערטראָגן אַ הילכיקע פילדערײַ פון די קינדער, וועלכע האָבן געשפּילט אין פוטבאָל.

— נו, יאָ, — האָט סאָפיע זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. — הייסט עס, אינטערעסירן אײַך אונדזערע ביכער. איז, זײַט אַזוי גוט, עפנט דעם שראַנק און באַקענט זיך מיט זיי. איך וועל דערווײַל גיין מאַכן טיי. איר זײַט דאָך ניט קיין היגער, און די קאַפע איז שוין פאַרמאַכט.

צווישן די שעדעווערס, וועלכע שלוימע האָט איבערגעלאָזט, זײַנען געווען ביכער, וואָס האָבן מיך באַזונדערס פאַרינטערעסירט. לויטן אָפּקלײַב האָט זיך געפילט, אַז זייער זאַמלער איז געווען אַ גרויסער ערודיט, אַן עסטעט און אַז אויסער ליטעראַטור, האָט אים אויך ניט ווייניק געצויגן צו געשיכטע. ניין, ער איז ניט געווען אַזאַ, ווי אַליסע האָט זיך וועגן אים אָנגערופן. שלוימע האָט, קאָנטיק, ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן אינטערעס צו די אַרומיקע, מאַכמעס אים האָט זיך געדוכט,

אַז צווישן זיי וועלן זיך ניט געפֿינען קיין אײַנפֿאַרשטענדיקע מיט אים. אויסער דעם, איז ער ביכלאַל געווען אַ פֿאַרשלאָסענער מענטש. דערפֿאַר האָט זיך באַ די אַרומיקע געשאַפֿן וועגן אים אַ מיינונג, אַז ער איז צו אַלץ גלײַכגילטיק, האָט ניט קיין שום באַדערפֿעניש צו דערקוקן זיך מיט מענטשן.

...איך בין אַזוי פֿאַרהאָוועט געווען מיט די ביכער, אַז כ'האָב אַפֿילע ניט באַמערקט, ווי ס'האָט זיך אומגעקערט סאָפֿיע איסאַקאָוונע.

— די טיי וועט קאַלט ווערן.

באַם טיש האָט זי זיך פֿאַנאַנדערגערעדט.

אײגנטלעך, איז קיין ווונדער ניט, וואָס מײַן כאַווערטע האָט אַ טאָעס וועגן שלוימען. אַ לאַנגע צײַט האָב איך אויך קימאַט אַזאַ מיינונג וועגן אים געהאַט. באַוויזן האָט ער זיך אין אונדזער יישעוו, ווען ער איז שוין געווען קאָרעוו צו פּענסיע. געקומען איז ער פֿון אוראַל. אַ געבוירענער איז ער ניט ווײַט פֿונדאַנען, פֿון אַ שטעטל פּיראַגאָווישטשינע, אין צײַט פֿון דער מילכאָמע איז פֿון דעם קיין זייכער ניט פֿאַרבליבן. זײַענדיק אַ סטודענט פֿונעם מינסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, האָט שלוימע געשריבן לידער, געדרוקט זיי אין די זשורנאַלן און צײַטונגען. מע האָט אים געהאַלטן פֿאַר זייער אַ טאַלאַנטפֿולן. אָבער צווישן די באַקאַנטע און כאַווײרים זײַנען געווען ניט־פֿאַרגינער, איבערהויפּט צווישן די, וועלכע האָבן אויך געוואָלט ווערן פּאָעטלעך, נאָר ס'האָט זיך פֿון דעם גאָרנישט באַקומען. זיי האָבן זיך צו אים געטשעפּעט, אַז זײַנע לידער זײַנען פּעסימיסטישע. וועגן דעם פֿלעגן זיי שרײַבן אין די רעדאַקציעס. שלוימען איז שווער געוואָרן מיטן דרוקן זיך. און אַף וויפֿל ער איז געווען אַ שטילער און באַשיידענער, האָט ער אַ מאַך געטאָן אַף דעם מיט דער האַנט, נאָר טיף אין האַרצן האָט ער דערפֿון שטאַרק איבערגעלעבט.

מיט אַ פּאָר טעג פֿריִער, אײדער ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָט שלוימע כאַסענע געהאַט. אַפֿן דריטן טאָג, ווען זיי זײַנען געלאָפֿן פֿון מינסק, איז זײַן פֿרוי אומגעקומען פֿון אַ באָמבע, ער אַליין איז געווען שטאַרק קאָנטוזיעט. ווען ער האָט זיך אויסגעשריבן פֿון שפּיטאָל, האָט מען אים מאָביליזירט אין אַ בוי־אַטריאַד און אַוועקגעשיקט אַף אוראַל בויען שאַכטעס. דאָנבאַס איז שוין געווען אָקופּירט, די אינדוסטריע האָט זיך זייער געניטיקט אין שטיינקוילן.

ווען ווײַסרוסלאַנד האָט זיך באַפֿרײַט פֿון די היטלעראָווצעס, איז צו שלוימען דערגאַנגען די שרעקלעכע יעדיִע, אַז זײַן מאַמע מיט זײַנע שוועסטערלעך און אַלע קרויווים האָבן די פֿאַשיסטן לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט צוזאַמען מיטן שטעטעלע.

נאָך דער מילכאָמע איז ער שוין פֿאַרבליבן דאָרטן, אַף אוראַל. ער האָט געלעבט אָן אַ מישפּאָכע. ווען ער האָט דערפֿילט, אַז עס גייט צו דער עלטער, איז ער געקומען אַהער. ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַלס נאַכט־וועכטער אין קאָנטאָר פֿון רויכוואַרג־פֿאַרגרייטונג, מע האָט אים אויסגעטיילט אַ צימערל ניט ווײַט פֿון דער קאָנטאָר, מיט קיינעם פֿון די אַרומיקע האָט ער ניט געפֿירט קיין באַקאַנטשאַפֿט. דערפֿאַר האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ מענטשן, וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן. איך האָב אַף אים אויך קיין אַכט ניט געלייגט. כ'האָב געאַרבעט דאַן אַף דער עלעקטראָסטאַנציע אַלס קאָנטראָליאָר. דאָס האָב איך ספּעציעל זיך אײַנגעאָרדנט אַף אַזאַ אַרבעט, ווו די צײַט איז ניט נאָרמירט, קעדיי איך זאָל קאָנען צופּאַסן זיך אַף צו באַדינען די מאַמע, מאַכמעס די פֿיס זײַנען באַ איר געווען פּאַראַליזירט, — דאָס האָבן שוין נאָך דער מילכאָמע געגעבן וועגן זיך צו וויסן די אָפּגעקערענע צאָרעס פֿון געטאָ. מיר איז אין דער קינדהײַט אויך אויסגעקומען פֿאַרזוכן דעם טאַם פֿון געטאָ. פּאַשעט אַ ווונדער, וויאַזוי מיר זײַנען ניצל געוואָרן. וואָס מיר זײַנען אויסגעשטאַנען, האָט מען וועגן דעם געקאָנט אָנשרײַבן ניט איין בוך. צוליב דער מאַמעס קרענק האָב איך ניט געקאָנט כאַסענע האָבן. כ'בין געווען זיכער, אַז קיין איין מאַנצבל וועט ניט וועלן לײַדן, וואָס מיר קומט אויס אַזויפֿיל אַכט אָפּגעבן דער מאַמען. אַ קלייניקײַט — אַ מענטש ליגט אָן באַוועגונג. איך בין שוין אַף אַזויפֿיל צוגעוווינט געווען זיך אייסעקן אַרום איר, אַז נאָך איר טויט האָב איך ניט געקאָנט געפֿינען זיך קיין אָרט פֿון דעם, וואָס כ'האָב פֿרײַע צײַט און קאָן זי איר ניט ווידמענען. קעדיי מער זײַן פֿאַרנומען, האָב איך זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ ביכער־קראָם. דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַליסען, מיט דער זעלבער, וואָס האָט אײַך געבראַכט אַהער. ביכלאַל איז זי ניט קיין שלעכטע. אָן אָפּענע קאָרט, ווי מײַן מאַמע פֿלעגט זיך אָפּרופֿן וועגן אַזעלכע. וואָס אַף דער לונג, דאָס אַף דער צונג. אַגעוו, גייט איר אויך ניט־פֿויגלדיק אין לעבן.

אַרבעטנדיק אין ביכער־קראָם, האָב איך גענומען באַמערקן סיאָמען, ווי מע האָט אים דאַן גערופֿן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די ליבהאָבער פֿון אוניקאַלע ביכער. דאָס זײַנען געווען די איינציקע, מיט וועמען ער פֿלעגט זיך דערקונדיקן. אויסער אָבער זאַכלעכע שמועסן, פֿלעגט ער מיט זיי קיין איבעריק וואָרט ניט אויסריידן.

אײנמאָל, דאָס איז שוין געווען אין האַרבסט, האָב איך געקויפֿט אַ קעסטעלע קאַלך־פֿליטקעס אַף באַדעקן דאָס אײוועלע. האָב איך זיך אָנגענומען מיט האָזע און אים געבעטן, ער זאָל מיר העלפֿן

זיי איבערטראָגן פונעםווירטשאַפטלעכן מאַגאַזין אַהיים. איך האָב געוואָלט אים באַדאַנקען, נאָר ער האָט הערן ניט געוואָלט דערפֿון. אַרויסגייענדיק פֿון שטוב, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— די לאָדנס דאַרף מען פֿאַריכטן, זיי האַלטן זיך בײַ אײַך אויף הינערשע פּיסלעך.

— ניטאָ ווער זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דעם, — האָב איך זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר אים. — און ס'איז מיר ביכלאַל ניט דערבײַ.

אויף דעם האָט זיך פֿאַרענדיקט אונדזער שמועס.

אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען פֿון דער אַרבעט, קוק איך און גלייב ניט מײַנע אויגן. די לאָדנס זײַנען צוגעפֿעסטיקט מיט נײַע זאַוויסעס, די קאַרניזן פֿאַרפֿעסטיקט מיט פּלאַנקעס, די לאָדנס אָפּגעפֿרישט מיטן זעלבן געלן קאָליר. די שטוב האָט געקראָגן גאָר אַן אַנדער אויסזען: ווי מע וואָלט אין אַ מומיע אַרײַנגעשטעלט לעבעדיקע אויגן. ס'האָט ממש געדוכט, ווי זי וואָלט געקוקט אויף מיר מיט אירע פֿענצטער און געקוואָלן. אָט וואָס הייסט, אַז אין אַ שטוב פֿילט זיך אַ מאַנצבלשע האַנט. כ'האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שלוימעס אַרבעט.

— וויפֿל האָט איר באַצאָלט דעם דאָזיקן שלימאַזל פֿאַר אַזאַ מלאָכע? — האָבן געפֿרעגט בײַ מיר די שכנים. — ער איז דאָך אַן אויסגעצייכנטער סטאָליער. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז ער איז פֿעיִק אויף אַזױנע זאַכן?

— מע וועט אים דאַרפֿן מיט עפּעס באַדאַנקען.

און גראַדע, ווי אָפּצולאַכעס, קומט ער ניט. כ'האָב זיך שוין געוומען באומרויִקן, צי האָט מיט אים עפּעס ניט פּאַסירט. בײַ וועמען דערוויסט מען זיך?

ענדלעך, האָט ער זיך באַוויזן. ער איז גאָר ניט כּוישעד געווען, ווי איך האָב זיך דערפֿרייט, ווען כ'האָב אים דערזען, כ'האָב אים אָפּגערופֿן אין אַ זײַט און געפֿרעגט:

— וויפֿל קומט אײַך פֿאַר דער אַרבעט?

— פֿאַר וואָסער אַרבעט? — פֿרעגט ער פֿאַרוווּנדערט. — אַ, איר מיינט די לאָדנס? גאָרנישט קומט מיר ניט.

און גייט גלײַך אַוועק, קוקט גאָר ניט אין מײַן זײַט.

שטיי איך אַזוי, ווי געלײמט. ווו? ער לייגט גאָר קיין שום אַכט ניט.

נעם איך זיך אָן מיט האָזע, גיי צו צו אים און זאָג:

— נו, אויב אַזוי, האָב איך צו אײַך נאָך אַ באַקאָשע. איך דאַרף פֿאַריכטן דאָס טישל אין קיך. איר קאָנט קומען מאָרגן אין אָוונט?

און טאַקע צו מאָרגן, ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פֿון דער אַרבעט, טרעף איך אים אויפֿן הויף מיט אַ קעסטעלע אינסטרומענטן.

אַ מינוט צוואַנציק האָט בײַ אים געדויערט די מלאָכע. צונויפֿגעלייגט דאָס קלאַפּערגעצייג און וויל גיין.

— אײַלט זיך ניט, — זאָג איך אים, — כ'וועל אײַך מכבד זײַן מיט געפֿילטן קאַרפּ. איך בין זיכער, אַז איר ווייסט אַפֿילו ניט דעם טאַם פֿון דעם.

— ניין, ניין, — האָט ער קאַטעגאָריש געמאָלדן.

שטעל איך זיך אַוועק בײַ דער טיר און זאָג אים:

— איך וועל אײַך ניט אַרויסלאָזן פֿונדאַנען, ביז איר וועט ניט אָפּעסן קיין אָוונט־ברויט. כ'האָב ספּעציעל געקראָגן קאַרפּ. געײסעקט זיך מיט דעם, קעדיי אײַך מכבד זײַן, בעט איך אײַך, אַז איר זאָלט מיך ניט באַליידיקן.

דאָ האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט אָנטזאָגן.

בײַם טיש איז ער געזעסן פֿאַרטראַכט, נאָר די פֿיש האָט ער געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן.

— מײַן מאַמע פֿלעגט עס אויך אַזוי צוגרייטן, — האָט ער מיט אַן אומעטיקער שטים געזאָגט.

בקיצור, פֿון ראַכמאָנעס וועגן האָב איך אים קוים אײַנגערעדט, ער זאָל איבערגיין צו מיר אַלס קוואַרטיראַנט אויף פּאַרטיקע קעסט. קיין סך געלט, ווי איר פֿאַרשטייט, האָב איך בײַ אים ניט גענומען. איך פֿלעג אים צווינגען אײַנקויפֿן עפּעס־וואָס פֿון קליידונג און שוכוואַרג. ס'פֿלעגט נאָך אים בלײַבן אויף אײַנקויפֿן ביכער.

די אַרומיקע זײַנען געווען זיכער, אַז שלוימע איז בײַ מיר ניט נאָר אַ קוואַרטיראַנט, ניט הײַנט־מאָרגן וועט ער ווערן מײַן מאַן, האָבן זיי מיר אויפֿגעוואָרפֿן:

— אויב דו טראַכסט שוין צונויפֿגיין זיך מיט וועמען, האָסטו דאָך געקאָנט קריגן עפּעס אַ רעכטן און ניט אַזאַ שלימאַזל.

און טאַקע, די לעצטע יאָרן האָבן אייניקע, עמעס, שוין ניט קיין יונגע לײַט, געפּרוווט שאַדכענען זיך צו מיר, נאָר יעדערער פֿון זיי האָט דערבײַ מער אין זינען געהאַט מײַן פֿאַרדינסט, די דירע.

ווי געזאָגט, האָב איך אױף אים שטאַרק ראַכמאָנעס געקראָגן. כ׳האָב דערפילט, אַז ער איז זייער א ווילער, נאָר אַן אומבאהאָלפענער און נייטיקט זיך אין שטיצע, בין איך געוואָרן אים אַנטקעגנגעקומען. און דעם עמעס געזאָגט, בין איך שוין ניט אַזוי עלנט געווען, ווי פריִער. פון אונדזער גרויסער מישפּאָכע בין איך פאַרבליבן איינע אַליין, קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, וויאַזוי איך האָב זיך דערפרייט, וואָס אױף מיין לעבנסוועג האָב איך באַגעגנט אַזאַ מענטשן, ווי שלוימע.

ער האָט זיך אויך פיל בעסער דערפילט, ווען ער איז איבערגעגאַנגען צו מיר. ער האָט גאָר אַן אַנדער אויסזען געקראָגן: זיך פאַריכט אין געזונט, ניט אַרומגעגאַנגען אַזוי אָפּגעלאָזן, ווי פריִער. איך האָב אים געקויפט א נייעם קאָסטיום. דאָס העמדל אונטערן פּידזשאַק איז בא אים שטענדיק ריין געווען. איין זאַך האָב איך ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך, ער זאָל אָנטאָן א האַלדזטוך. לויטן אויסערלעכן אויסזען האָט זיך שוין ניט געוואָרפן אין די אויגן, אַז ער איז אַן עלנטער און ניט קיין באַווייבטער, וואָרעם אַזאַ דערקענט מען גלייך מיטן ערשטן קוק.

צו מיר איז ער געווען אופגעלייגט, פלעגט אויספילן אַלע מיינע באַקאָשעס, געצײַטערט, ער זאָל מיך, כאַליליע, מיט וואָס-ניט-איז ניט דערגאַזן.

די ערשטע צײַטן איז אונדז וויניק-ווען אויסגעקומען זײַן צוזאַמען. באַטאָג פלעג איך אַרבעטן. באַנאַכט פלעגט ער זײַן אויף דעזשורסטווע, נאָר אין דער באַלעבאַטישקײַט האָט ער געהאָלפן, ווי נאָר ער האָט געקאָנט. ער פלעגט אײַנקויפן פּראָדוקטן, אָנהאַקן האָלץ, געטאָן אַלץ, וואָס מע דאַרף, אין גאָרטן, פאַריכט דעם דיל אין שטוב, איבערגעדעקט דעם דאַך אָפן שטעלכל. אַלץ געטאָן לויטן אייגענעם פאַרלאַנג.

און אַזוי האָבן זיך געטווישט די טעג און די וואָכן, ביז איינמאָל אין זומערצײַט איז אָהער אָנגעפאָרן אױף דאַטשע א באַוווּסטער קינסטלער: א קליינינקער, א דאַרינקער, מיט א קאָפּ האָר, ווײַסע, ווי מילך, און מיט אופמערקזאַמע טשיקאַווע אויגן, וואָס פלעגן אַרויסקוקן דורך די ברילן. אָנגעפאָרן איז ער מיט א פרוי און מיט אַן אייניקל, א מיידעלע פון א יאָר צוועלף. די פרוי איז בא אים א געוועזענע פאַרטיזאַנקע, א קראַנקע, נעבעך, אױף די פיס. ניט אַזוי, ווי מיין מאַמע, אָלעהאַשאָלעם, נאָר זי האָט שטאַרק געהונקען. דאָס האָט די מילכאָמע איר געגעבן צו וויסן וועגן זיך.

איך ווייס ניט, וויאַזוי איז פאָרגעקומען זײַן באַקאַנטשאַפט מיט שלוימען, נאָר זיי האָבן זיך באַפרײַנדעט, פלעגן אַרומבלאָנקען באַם טײַך, אין וואַלד, און ווו ניט.

אין א שיינעם זונטיקדיקן פרימאָרגן שטעלט זיך דער קינסטלער אַרײַן צו אונדז אין שטוב מיט זײַן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג, מיט א גרויסן לײַוונט אָנגעצויגן אױף א ראַם, — ער וועט אָנמאָלן שלוימען, און דאַפקע בא דער שאַפע מיט ביכער. טראַכט איך, וואָס קאָן זיך פון דעם באַקומען, אַז שלוימעס פּאָנעם איז אַן אויסגעמאַטערטער, און אויסער דעם, דריקט ער גאָרנישט ניט אויס. וועסט קיינמאָל ניט זען אױף אים ניט קיין שמייכל, ניט קיין אומצופרידענע גרימאַסע, פּונקט ווי ער וואָלט אױף גאָרנישט ניט רעאַגירט. און פון א קראַסאַוועץ איז ער אויך גאַנץ ווײַט. ווער ווייסט, עפּשער איז ער אין דער יוגנט יאָ געווען א שיינער, און איצט זײַנען פון דעם קיין שום סימאָנים ניט פאַרבליבן, טאָ וואָס איז אײַנגעפאַלן דאַפקע שלוימען אויסמאָלן אױף א פאָרטרעט? ניט שוין זשע האָט ער ניט געקאָנט אויסקלײַבן אױף דעם אַן אַנדער פּערזאָן? אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קינסטלער האָט גוט געוווּסט, וואָס ער טוט. ער האָט מיט שלוימען פאַרפירט א געשפּרעך וועגן פּאָעזיע און אָנגעהויבן פאַרלייענען אױף אויסווייניק פאַרשיידענע לידער. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ווינציק-וואָס פון דעם פאַרשטאַנען.

און דאָ דערזע איך א גרויס וווּנדער... וואָס קומט פאָר מיט שלוימען? גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. די אויגן — אופגעלעבט, דאָס פּאָנעם — אופמערקזאַם, אױף די ליפּן שײַנט א שמייכל. און אָט ווערט ער פלוצלינג ערנסט, אַן אומעטיקע צאַרטקײַט לויערט אױף זײַנע צונויפגעשלאָסענע ברעמען. און אָט ווידער צעשײַנט זיך א שמייכל אױף זײַנע ליפּן. ווי שיין און ווי כיינעוודיק ער האָט אויסגעזען אין דעם מאָמענט! איך קוק אױף אים און קאָן די אויגן ניט אָפּווענדן... און זיי, שלוימע און דער קינסטלער, — קיין שום אכט אױף מיר. ווי איך וואָלט דערבײַ גאָר ניט געווען. דער קינסטלער דעקלאַמירט און מאָלט, און שלוימע שײַנט, ווי זיבן זונען. די איבעריקע טעג האָט אים שלוימע פּאָזירט, ווען איך בין געווען אױף דער אַרבעט.

ערשט דאַן האָב איך זיך איבערצײַגט, סאַרא ריינע, איידעלע און שיינע נעשאָמע איז בא מײַן קוואַרטיראַנט. איך האָב זיך אַליין אופגעוואָרפן, פאַרוואָס האָב איך עס ביז איצט ניט געוווּסט. ס׳האָט מיך געוווּנדערט, וויאַזוי האָבן עס די אַרומיקע ניט באַמערקט, כאָטש וואָס איז דער וווּנדער? ער האָט זיך פון אַלעמען אָפּגעזונדערט, געלעבט איינער אַליין, איינזאַם.

פון דעמלט אָן האָט פון זיך אַליין שוין אײַנגאַנצן געביטן זיך בא מיר די באַציִונג צו אים. איך האָב אים בעמעס ליב באַקומען. ער איז אויך צו מיר געוואָרן מער אופגעלייגט. ווי מײַן מאַמע פלעגט זאָגן: „א האַרץ פילט א האַרץ״. ער פלעגט מיט מיר פירן געשפּרעכן וועגן אַלוועלטלעכע

5—1913

זאַכן, איבערהויפּט וועגן ליטעראַטור. מיט דעם האָט ער מיר געעפֿנט די אויגן אויף פֿיל דערשײַנונגען, וועגן וועלכע איך האָב ביז דאַן קיין אָנונג ניט געהאַט.

איך האָב אים געצוווּנגען פֿאַרלאָזן די נאַכט־וועכטערײַ, קעדיי ער זאָל קאָנען זיך פֿאַרנעמען מיט שאַפֿונג. און ניט נאָר צוליב דעם. מיר האָט זיך פּאַשעט געוואָלט, אַז אין די אָוונטן זאָל ער זײַן אינדערהיים. מיר האָבן געקויפֿט אַ קאָלירטן טעלעוויזאָר. בײַ שלוימען האָט זיך אויפֿגעוועקט אַן אינטערעס צו פֿיל וועריקע טראַנסלירונגען. מיט זײַן הילף האָב איך מער טיפֿער זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן אין ספּעקטאַקלען, קינאָפֿילמען און אַנדערע טראַנסלירונגען. איך האָב דערפֿילט אַ שטאַרקן אינטערעס צו דיכטונג. און ערשט דאַן איז צו מיר דערגאַנגען, ווי נאַריש און לעפּיש זעען אויס די, וועלכע יאָגן זיך נאָך רײַכן מעבל, קרישטאָלענע ליוסטערס, גילדענע און זילבערנע כפֿייצים. דאָס אַלץ איז קיין גראָשן ניט ווערט אין פֿאַרגלײַך מיט דער גרויסער פֿרייד, מיטן גײַסטיקן פֿאַרגעניגן, וואָס מע האָט פֿון ליטעראַטור און קונסט, ווען דו קלײַבסט זיך אין דעם פֿאַנאַנדער און פֿילסט עס מיטן גאַנצן האַרצן.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָב איך באַמערקט, אַז מײַן שלוימע האָט זיך גענומען צו דער פּען. מיך האָט עס שטאַרק דערפֿרייט. עמעס, קיין לידער האָט ער ניט געשריבן, נאָר עפּעס אַנדערש. אַן ליגט בײַ מיר זײַנס אַ פּעקל קסאָווים. כ׳האָב עס געוויזן אַ שרײַבער, וועלכער איז דאָ געווען אין אַ שעפֿעדישער קאָמאַנדירונג. האָט ער געזאָגט, אַז קיין גאַנצע זאַך שטעלט עס מיט זיך ניט פֿאָר, נאָר דאָ זײַנען אויסגעדריקט פֿיל פֿאַרשיידענע אינטערעסאַנטע געדאַנקען. ער האָט מיר געראָטן, איך זאָל עס איבערגעבן אין ליטעראַרישן אַרכיוו. נאָר דערווײַל אײַל איך זיך ניט. וואָרעם ווער ווייסט, עמעצער קאָן זיך נאָך מיט דעם פֿאַראינטערעסירן און וועט עס אַרויסגעבן פֿאַר אַן אייגן ווערק. ווי מיר... איז אויסגעקומען צו הערן, טרעפֿן זיך אַזוינע קונצן אויך. דאַרף מען פֿון דעם זײַן געהיט.

אויף וויפֿל שלוימע, מיט וועמען מיך האָט פֿאַרבונדן דער גורל, איז פֿאַרבליבן אַן אײַנגעשלאָסענער, האָט ווייניק־וועניק פֿון די אַרומיקע באַמערקט די ענדערונגען, וואָס זײַנען אין אים פֿאָרגעקומען. אַז איך פֿלעג דערציילן אויף דער אַרבעט, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר מײַן שלוימע, האָט מען מיר ניט געגלייבט. פֿאַר אַ ליגנערן האָט מען מיך ניט געהאַלטן, נאָר זיי האָבן אָבער געמיינט, אַז איך בין אין אים אויף אַזויפֿיל פֿאַרבלענדט, אַז איך מיין, ער איז אינדערעמעסן אַזאַ, ווי מיר דוכט זיך, און, ווי איר האָט זיך אַליין אין דעם איבערצײַגט, ביז איצט טראַכטן זיי אַזוי. איר האָט דאָך געהערט, ווי אַליסע האָט זיך וועגן אים אָפּגערופֿן.

איבער זעקס יאָר האָט געדויערט אונדזער צוזאַמענלעבן. זיי זײַנען דורך, ווי אַ זיסער כאָלעם. און אַוועק איז שלוימע פֿון דער וועלט פֿון אַן אינפֿאַרקט. אין האַרבסט האָט זיך עס געטראָפֿן. קאָנטיק, אַז ער האָט אין יענעם טאָג זיך איבערגעהאָרעוועט. איך בין געווען אויף דער אַרבעט בײַס מע האָט אונדז געבראַכט בריקעט און אויסגעהרוזעט אויפֿן הויף, האָט ער עס אַליין איבערגעטראָגן אין שטעלכל. ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך אים שוין אַ לעבעדיקן ניט געטראָפֿן. ער איז געלעגן אויפֿן דיוואַן אין די קליידער. די קורטקע האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן דיל. קאָנטיק, ווען אים איז ניט גוט געוואָרן, האָט ער נאָך באַוויזן אַרײַן אין שטוב און אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די קורטקע. וואָס איך האָב איבערגעלעבט, איז ניט צו דערציילן. איצט האָב איך זיך שוין אַ ביסל באַרויִקט. ניט אומזיסט טאַקע זאָגט מען, אַז צו צאָרעס ווערט מען געוווינט.

ווען איך בין געבליבן ווידער אַליין, האָב איך די ערשטע צײַט זיך קיין אָרט ניט געפֿונען. אויף דער אַרבעט איז נאָך ווי־ניט־איז. נאָר אַז איך פֿלעג קומען אַהיים...

אין איינער אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז ווען איך האָב פֿאַר זיך שלוימעס פּאָרטרעט, וואָלט מיר לײַכטער געוואָרן, כ׳וואָלט זיך ניט געפֿילט אַזוי עלנט. מיט איין וואָרט, איך האָב באַשטימט אַראָפּכאַפּן זיך קיין מינסק, אָפּזוכן דעם קינסטלער און קויפֿן בײַ אים דעם פּאָרטרעט. אויף וויפֿל ס׳האָט זיך — מיר פֿאַרגעדענקט, איז די פֿאַמיליע פֿונעם מאָלער — סאָולאָוו. ער איז דאָך אַ באַוווּסטער מענטש, וועל איך שוין ווי־ניט־איז אים אָפּזוכן. האָב איך גענומען אויף עטלעכע טעג אורלויב אויף מײַן כעזשבן און זיך געלאָזט אין וועג.

אין מינסק בין איך פֿריִער פֿון אַלץ אַוועק אין פֿאַריין פֿון די קינסטלער, זיך נאָכפֿרעגן אויף סאָולאָוון. מע האָט מיר געענטפֿערט, אַז אַזאַ איז טאַקע פֿאַראַן, נאָר ער איז שוין זייער אַלט. איך האָב פֿאַרשריבן דעם אַדרעס פֿון זײַן אַטעליע. זי געפֿינט זיך אויף לענין־פּראָספּעקט. ניט דערפֿאָרנדיק צום פּאַרק פֿון די טשעליוסקינצעס אויפֿן העכסטן שטאָק פֿון אַן אַכטשטאָקיקן מויער.

פֿאַר די יאָרן, וואָס איך האָב דעם קינסטלער ניט געזען, האָט ער זיך שטאַרק געעלטערט. די ווײַסע פּאַטלע האָר איז שוין ערטערווײַז אויסגעקראָכן. די הענט טרייסלען זיך, ווי אַנגעעלעקטריזירטע. אָבער די אויגן, ווי פֿריִער, לעבעדיקע. טכילעס האָט ער מיך ניט דערקענט, נאָר ווען איך האָב אים דערמאָנט וועגן דעם פּאָרטרעט, איז צו אים גלײַך דערגאַנגען, ווער איך בין. ווײַזט זיך אַרויס, אים איז שוין געווען באַוווּסט, אַז שלוימע איז אַוועק פֿון דער וועלט. פֿונוואַנען איז צו אים

דערגאנגען די יעדיִע, האָב איך בא אים ניט געפרעגט. ס'איז מיר ניט דערביַי געווען. אויסגעהערט מיך, איז ער אוועק אין זיַיטיקן צימער, האָט זיך א היפשע ציַיט געפּאָרעט דאָרטן, און מיט טרייסלענדיקע הענט ארויסגעטראָגן דעם פּאָרטרעט און אוועקגעשטעלט קעגן מיר. און איך האָב גליַיך דערזען פאר זיך מיַין שלוימען, פּונקט ווי ער וואָלט פון טויט לעבעדיק געוואָרן. כ'האָב דערפילט, אז אָן דעם פּאָרטרעט וועל איך ניט קאָנען אוועקגיין פונדאנען.

— איר וועט מיר מוזן פארקויפן דאָס בילד, — האָב איך געזאָגט סאוואָוון.

דערויף האָט ער מיר געענטפערט:

— ווען איר ווענדט זיך צו מיר מיט עטלעכע יאָר פריִער, וואָלט איך איַיך געמאכט א קאָפּיע פון אים. איצט איז עס אויסגעשלאָסן. — און ער וויַיזט מיר אָן אף זיַינע הענט.

— עס רעדט זיך ניט וועגן א קאָפּיע, נאָר וועגן עצעם פּאָרטרעט.

— פּריוואטע פּערזאָנען פארקויף איך ניט קיין בילדער. אפילע פאר אנשטאלטן פארקויף איך ניט... ווען איך וועל ניט זיַין, וועט עס איבערגיין אין דער בילדער־גאלעריי, דאָרט וועט זיך עס פארהיטן.

— וואָס רעדט איר וועגן פריוואטע פּערזאָנען? דאָס איז דאָך מיַין שלוימע. איר האָט דאָך אים אופגעמונטערט און צעפלאקערט דעם פונק, וואָס איז אין אים פארפלאנצט געווען פון געבוירן. איר האָט דאָך אים פון טויט לעבעדיק געמאכט ניט נאָר אפן בילד. איר פארשטייט, וואָס באטיַיט פאר מיר דאָס בילד? און זיַיטיקע מענטשן וועלן עס אופנעמען גלייכגילטיק. איך צווייפל, צי וועט עס באזונדערס צוציִען זייער אופמערקזאמקיַיט.

— פריַינט מיַינע, איַיער שלוימעס פּאָרטרעט איז געהאנגען אין דער שטאָטישער בילדער־גאלעריי אף אן אויסשטעלונג. מע האָט וועגן אָט דעם בילד פיל געשריבן אין דער פּרעסע... אזויארום, אז וועגן פארקויפן אים קאָן קיין רייד ניט זיַין.

— ס'וועט איַיך גאָרנישט ניט העלפן. — האָב איך אים געזאָגט מיט הארץ, — פאר מיר וועט איר מוזן מאכן אן אויסנאם. אָן דעם פּאָרטרעט וועל איך פונדאנען ניט אוועק. לאָמיר זיך ניט אמפּערן און זאָגט מיר, וויפל דארף איך איַיך באצאָלן פאר אים?

איך זע, ער איז אין פארלעגנהיַיט. נאָך א דויערנדיקער פּאוזע פארגיט ער מיר א פראגע:

— נו, וויפל טראכט איר, איז ער ווערט?

— א טויזנטער, — ענטפער איך, מיינענדיק, אז דאָס איז א גוזמע, נאָר איך בין גרייט באצאָלן.

— איר האָט א טאָעס, — זאָגט ער מיט א שמייכל. — ווייניקער פון צען טויזנט קאָסט עס ניט.

— איז ווי וועל איך אָנעמען אזויפיל געלט?! — שריַי איך אויס, — אין דער שפּאָרקאסע אפן ביכל ליגט בא מיר טויזנט פינף הונדערט רובל. דערצו וועל איך פארקויפן אונדזער ביבליִאָטעק, כאָטש ס'איז מיר א גרויסער שאָד זיך שיידן מיט איר. מאכמעס דאָס זיַינען די ביכער, וואָס שלוימע האָט שטארק געשעצט. נאָר מיילע, ס'וועט אויסקומען פארקויפן. וועל איך אויסלייזן נאָך אָנדערהאלבן טויזנט רובל. א טויזנטער וועל איך לייַען אף אויסצאָלן. אזוי אז פיר טויזנט קאָן איך איַיך געבן.

— צען טויזנט, און ביליקער קיין גראָשן ניט! — ענטפערט ער מיטן זעלבן שמייכל. דעם קאָפּ האלט ער דערביַי ארויפגעלאָזט. קאָנטיק, אים איז אליין ניט באקוועם געווען אָנרופן אזא סומע געלט. דאָ האָב איך זיך שוין אינגאנצן פארלאָרן און זיך צעוויינט.

— שוין זאָלט איר אופהערן! — האָט ער זיך צעבייזערט. — איר האָט זיך ווייניק אָנגעוויינט אין דער געטאָ... — ער איז צוגעגאנגען צום פּאָרטרעט, גענומען אים מיט די ציטעריקע הענט און דערלאנגט מיר.

איך האלט דעם פּאָרטרעט און שווער זיך, אז אין א וואָך ארום ברענג איך אים דאָס געלט.

— וועלכע געלט?

— פיר טויזנט רובל.

— ווער דארף איַיער געלט! דאָס האָב איך געשפּאסט. — ער נעמט ארויס א טיכל פון הויזקעשענע אוןווישט די אויגן. — נעמט דעם פּאָרטרעט און גייט, קאָלזמאן איך האָב ניט כּאראָטע געקראָגן.

איך קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.

— גייט איַיך געזונטינקערהייט, — זאָגט ער און טוט מיר א גלעט איבערן קאָפּ. — אנטשולדיקט, וואָס איך בין זיך מיט איַיך אזוי באגאנגען. ס'איז מיר זייער א שאָד געווען צו שיידן זיך מיטן פּאָרטרעט.

... — אָט אזוי, מיַין פריַינט, — ווענדט זיך צו מיר סאָפיע איסאקאָוונע, — וויַיזט זיך ארויס, אז פארשטיין א מענטשיש הארץ איז ניט אזוי פּראָסט. איך מיין מיט דעם ניט נאָר מיַין מאן, נאָר אויך דעם קינסטלער סאוואָוו, — און גליַיך פירט זי אריבער דעם געשפּרעך. — איך וועל איַיך אָנגיסן נאָך א גלאָז טיי. אָדער עפּשער ווילט איר עפּעס שטארקערס, וועט זיך אויך געפינען.

— ניין, ניין, א דאנק.

— באומרויִקט זיך ניט! — זאָגט זי מיט א שפּאַס. — קיינער וועט אײַך ניט נויטן. ווי איך זע, האָט אַף אײַך שטאַרק געווירקט דער אנטי־אַלקאָהאָלישער געזעץ.

— איך האָב פריִער אויך זעלטן־ווען געברויכט עס.

— נו, אויב אזוי, האָט איר א גליקלעכע פרוי. בא אונדז האָבן פיל מענער ערשט איצט זיך גענומען אָפּגעוויינען דערפון.

צום שלום האָט זי מיר געזאָגט:

— פון שלוימעס ביבליאָטעק פאַרקויף איך קיין ביכער ניט. אמאָל לײַ איך וועמען אַף איבער־צולייענען. אָפט קוק איך אליין ארײַן אין א בוך. מערסטנטייל אין א ייִדישן. דאָס האָט מיך שלוימע אויסגעלערנט לייענען אַף ייִדיש, נאָר ריידן קען איך נאָך פון דער קינדהײַט. די מאמע פלעגט מיט מיר ריידן אַף ייִדיש. דאָ, אין ייִשעוו, זײַנען פאַראַן עלטערע לײַט, נעמען זיי בא מיר ייִדישע ביכער אַף צו לייענען. אויב איר ווילט, קאָנט איר אויך אויסקלײַבן עטלעכע ביכער, נאָר מיט א טנײַ, אז איר וועט זיי מיר אומקערן. קאָלזמאַן איך לעב, סטאַרע איך זיך פאַרהיטן די ביכער, נאָכדעם וועלן זיי איבערגיין אין רעשוס פון דער ראַיאָנער ביבליאָטעק.

איך האָב גערן זיך באנוצט מיט איר פאָרשלאָג און געליִען עטלעכע ספאָרים.

ווען איך בין ארויס פון שטוב, איז אין דרויסן שוין גוט פינצטער געווען. נאָר די לעוואָנע האָט מיך ניט פאַרלאָזט. זי האָט מיך באגלייט ביז דער אכסאַניע.

כראָניק

ארויס פון דרוק דער צווייטער נומער פונעם יאָרבוך

עס איז דערשינען דער צווייטער נומער (פאַרן 1986) פונעם יעזשעגאָדניק „יאָר נאָך יאָר” אין דער רוסישער שפּראַך.

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן פיל ווערק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימ־לאַנד”.

אין די נאָענטסטע טעג וועט דער יעזשעגאָדניק ארײַן אין פאַרקויף. געניי וועגן די ווערק, וואָס זײַנען אין אים אײַנגעשלאָסן, וועלן מיר דערציילן אין די קומענדיקע נומערן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”.

לעוו בערינסקי

קוקן אַף דער וועלט מיט די אויגן פֿון אַ דאָקטער...

פֿ. ג. צאַרפֿיס בײַס דער מילכאָמע

— פּיאָטער גריגאָריעוויטש?

— יאָ, דאָס בין איך.

אַן ענערגישער מענטש מיט אַ ברייטן פֿרײַנט־לעכן שמייכל. אויסשטרעקנדיק די האַנט, קעדײַ זיך באַגריסן מיט מיר, פֿירט ער איבער דעם בליק אַפֿן זשורנאַל־טישל, וווּ צווישן עטלעכע ביכער און צײַ־טונגען ליגט אַ גרויסער, ווי אַן אַלבאָם, בוך — אַ פּראַכטפֿול אויספֿאָרמירטער, אַן עכטער שעדעווער פֿון פּאָליגראַפֿיע.

— אָט איז ער! איך קאָן זיך ניט אָנקוויקן! טוט נאָר אַ קוק, האַ?

די פֿרייד זײַנע איז אַן אָפֿענע, אַן קײנדלעך — אַ פֿרייד פֿון אַ קינד, אָדער פֿון אַ האָרעפּאַשניק, וועלכער ווייסט גוט די פּרײַז פֿון זײַן מי.

— „נאָטיצן פֿון אַ מיליטערישן דאָקטער". איר זעט, מיט אַן אַנאָטאַציע, מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס — אַלץ, ווי עס פֿירט זיך. דאָס איז דער זעקסטער בוך מײַנער פֿון אָט דעם מין, אַכוץ, געוויינלעך, ספּעציעלע, וויסנשאַפֿטלעכע. אַגעוו, וויאַזוי וואָלט איר איבערגע־זעצט אַף ייִדיש — „זאַפּיסקי"? טאַקע נאָטיצן? ווען מע רעדט אַף ייִדיש, פֿאַרשטיי איך, און אַפֿילע גאָר ניט שלעכט, אָבער לייענען און שרײַבן... אַנדערש, וואָלט איך שוין פֿון לאַנג געוואָרן אַן אָוטאָר פֿון „סאָ־וועטיש היימלאַנד". איך שפּאַס ניט. כ׳מיין, אַז איך וואָלט געקאָנט דערציילן די לייענער פֿונעם זשורנאַל עפּעס אַזוינס, וואָס ניט יעדערער ווייסט עס און ניט יעדן איז עס אויסגעקומען איבערצולעבן. יאָ, יאָ. קוקן אַף דער וועלט מיט די אויגן פֿון אַ דאָקטער — באַטײַט זען אַ באַזונדערע וועלט. און ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס דו ביסט אַן איידעס פֿון דעם, וויאַזוי עס ווערט געבוירן און שטאַרבט אַ מענטש, אַן איידעס פֿון קראַנק ווערן און אויס־היילן זיך... נו, מיילע, פֿרעגט, וואָס אײַך אינטערעסירט, און איך וועל אײַך ענטפֿערן.

פֿון מײַן ערשטער פֿראַגע פֿאַרגייט ער זיך אין געלעכטער:

— הער אַ מײַסע, וואָס הייסט, ווען איך שרײַב? ווען איך שרײַב... נו, מאַכט אַ כעזשבן. מײַן אַרבעטסטאָג הייבט זיך אָן צען אַזייגער אינדערפֿרי. האַלב אַכט זיץ איך שוין באַם שרײַבטיש, אָט באַ דעם דאָזיקן. דאָס איז אַ געזעץ. און פֿרײַע טעג, אָפּרו־טעג, יאָמטויווים? און אורלויב־צײַט? בעקי־צער, טויזנט זײַטלעך אַ יאָר — ווידער, אויסער וויסנשאַפֿטלעכע, ספּעציעלע — דאָס איז מײַן נאָרמע. דערבײַ, נעם אין אַכט, אָן קיין שום אָנשטרענגונג...

אָן קיין שום אָנשטרענגונג. אַ פּראָפֿעסאָר, אַן אָנפֿירער פֿון אַ קלינישער אָפּטיילונג אין צענטראַלן וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט, אַ דאָקטאָר פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן, דער אָוטאָר פֿון צענדליקער מאָנאָגראַפֿיעס און אַרטיקלען — שרײַבט ער נאָך אָן אין מעשעך פֿון אַ יאָר 1000 זײַטן! ניט יעדער פּראָפֿעסיאָנעלער ליטעראַט קאָן זיך באַרימען מיט אַזאַ „פּראָדוקטיווקײַט".

פֿאַרשטייט זיך, אָנשרײַבן קאָן מען גאַנצע בערג, זײַט מויכל, פֿאַרן מיסט־קויש, אָדער מע קאָן אַפֿילע אַרויסגעבן דאָס אָנגעשריבענע, וואָס עס איז אויך ניט קיין גאַראַנטיע פֿון גראַפֿאָמאַניע. נאָר פּיאָטער גריגאָריעוויטש צאַרפֿיסעס ביכער — דאָס איז עכטע פּראָזע מיט אַלע אירע אַטריבוטן, מיט אַ געפֿיל פֿון קאָמפּאָזיציע און פֿון אָפּקלײַבן דאָס וואָרט, פֿון ריטמיק אין דער פּראָזע און פֿון אַלץ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ קינסטלערישן ווערק. אַן אַנדער זאַך איז דאָס, וואָס דער אָוטאָר שפּאַרט זיך אָן דעריקער אַפֿן פֿאַקט, אַף דער וואָרהאַפֿטיקײַט פֿון די געשעענישן און פֿאַרקריכט ניט

מיט זײַן פֿאַנטאַזיע, ווי מע זאָגט, קיין בויבעריק. דאָס איז דער גענעץ פֿונעם זשאַנער, בײַ וועלכן
ס'האָט זיך געהאַלטן אַפֿילע אַזאַ גרויסער פֿאַנטאַסט, ווי הערבערט וועלס, ווען ער האָט געשריבן
דאָקומענטאַלע פּראָזע, לעמאָשל, דעם בוך „רוסלאַנד אין כּוישעך". אָבער דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון צו־
טראַכטן עפּעס מיינט ניט מאַכן דאָס ווערק גרוי און טרוקן. די בילדערישקײַט פֿונעם געדאַנק איז
דער אור־עלעמענט, וועלכער פֿאַרוואַנדלט דאָס אָנגעשריבענע אין קינסטלערישן שטאָף. און ווען
פֿ. צאַרפּיס שרײַבט, אַשטייגער, אַז „דער פֿאַרווונדעטער האָט קאָנוווּלסיוו איבערגעקליבן מיט די
פֿינגער אויף דער קאָלדרע, ווי מע שפּילט אויף אַ ראָיאַל", איז עס, פֿאַרשטייט זיך, פּראָזע, וועלכע
נעמט אויס ניט נאָר מיטן אינהאַלט פֿונעם דערציילטן.

דער ציל אָבער און די ווערט פֿון דער דאָזיקער פּראָזע איז פֿונדעסטוועגן ניט אַזוי די קינסט־
לערישקײַט, ווי די מאָראַלישע, די הומאַניסטישע אידיי, וועלכע איז אַרײַנגעטירט אויף אויסניצן דעם
דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל. און ניט צופֿעליק ווידמעט דער אויטאָר זײַן בוך „דער טאַטער טאַמאַרע
און יענעם דאָר, וועמענס קינדהײַט און די יוגנט האָבן זיך אָפּגעבריט אינעם מילכאָמע־פֿלאַם"...

— וואָס באַוועגט אײַך, פּיאָטער גריגאָריעוויטש, אַ מענטשן, וועלכער איז זייער פֿאַרנומען און,
לאָמיר זאָגן אָפֿן, שוין ווײַט ניט קיין יונגערמאַן, אָפּגעבן די פֿרײַע צײַט און די קויכעס דער דאָזיקער
צוגאָבלעכער אַרבעט? ס'איז דאָך ניט פּאַשעט אַ יעיִצערהאָרע עפּעס אָנצושרײַבן?

— איך מיין, אַז דאָ גייט זיך צו פֿילן דער זעלבער אימפּולס, דער זעלבער דראַנג, מיט וועלכן
איך באַמי זיך קומען צו הילף די מענטשן אַלס דאָקטער און אַלס געלערנטער. פּאַשעט גערעדט,
איך האָב ליב מענטשן. דעריבער האָב איך מײַנע ביכער, צווישן זיי אַט דעם דאָזיקן, אָנגעשריבן,
כּדי זיי זאָלן נוצלעך דעם הײַנטיקן דאָר מענטשן, און ניט צוליב פֿאַרפֿולן עפּעס אַ בלויז אין אונדזער
מעמואַריסטיק, הגם, אויב ס'איז שוין געקומען צו רייד, איז גערעכט דער אויטאָר פֿון דעם פֿאָר־
וואָרט צום בוך, דער הויפּט־כירורג פֿונעם שוץ־מיניסטעריום פֿון פֿסס״ר, דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט
פֿון דער אַקאַדעמיע פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן קאָנסטאַנטין מיכײַלאָוויטש ליסיצין, ווען ער שרײַבט,
אַז „די דאָקומענטאַלע ליטעראַטור, געווידמעט דער טעטיקײַט פֿון די סאָוועטישע מעדיקער אויף די
פֿראָנטן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט נאָך ניט גענוגנדיק דערציילט וועגן
אונדזערע פֿאַר־קאָלעגן...". איך מיין, אַז אויף דער מילכאָמע מיט איר אומנאַטירלעכער מאַסן־
שטערבלעכקײַט דאַרף מען קוקן ווי ניט פּאַשעט אויף אַ שוין פֿאַרגאַנגענער צײַט, וועלכע מע מוז ווי
ווײַט מעגלעך זיך באַמיִען אויסמײַדן אַצינדער. די מילכאָמע דאַרף מען האַסן, מע דאַרף זי פֿאַרניכטן,
דאָס איז דער סוינע נומער איינס פֿון דער מענטשהײַט, אַ סוינע, וואָס איז שרעקלעכער און נידערטרעכ־
טיקער, איידער אַ באַליביקע קראַנקײַט, איידער דער טויט גופֿע, ווײַל זי געבירט מענטשן־האַס, זי איז
אַ בייזע פֿאַרקריפּלונג פֿונעם קיִעם. וואָס פֿאַר אַ זין... זאָגט מיר, וואָס פֿאַר אַ טאָלק האָט די גאַנצע
מעדיצין, די אַלע אויסמאַטערנדיקע טעג און שלאָפֿלאָזע נעכט פֿון הונדערטער טויזנטער דאָקטוירים,
מעדיצין־שוועסטער, סאַניטאַרן, פֿאַרמאַצעווטן, טוער פֿון די רעטונגס־דינסטן, רעאַנימאַטאָרן, אויב
מאָרגן איבערמאָרגן ווערט פּלוצעם זיך צעקלינגען דער טעלעפֿאָן און אַ פֿאַרכריפּעטע פֿון אופּטרייסלונג
שטים וועט מיטיילן, ווי מיט פֿיר און פֿערציק יאָר צוריק:

— דאָקטער, אַ מילכאָמע...

איך בלעטער די „נאָטיצן". אַ געשעעניש נאָך אַ געשעעניש, אַ בילד נאָך אַ בילד, אַ מענטש
נאָך אַ מענטש — לעבעדיקע, הגם אַ סך זײַנען שוין ניטאָ, יונגע, הגם אַלע האָבן זיך שוין
געעלטערט, איבערפֿולטע מיט ליבע צו די פֿאַרטיידיקער פֿונעם היימלאַנד, צו זייער פֿײַן און צו זייער
האָפֿענונג. און אַליין דער דערציילער — אַ יונגער דאָקטער־כירורג, וועלכער איז גערופֿן געוואָרן צום
פּריזיוו שוין אין ערשטן יאָר פֿון מילכאָמע, און ער האָט געדאַרפֿט זיך אָנעמען מיט האַרבער דער־
פֿאַרונג אין מעדסאַנבאַט, כּדי שפּעטער זיך שטעלן בעראָש פֿון פֿראָנט־שפּיטאָלן... און אָט זײַנען
זײַנע קאָלעגן, דער מיליטערישער דאָקטער פֿון 2־טן ראַנג ב. אַ. ספּעקטאָר, דער פּראָפֿעסאָר אַ. וו.
טאַפּט, דער כירורג ז. ט. טאַלמוד... מער פֿון 72 פּראָצענט פֿאַרווונדעטע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן האָבן
אומגעקערט אין דער ריי פֿאַר די מילכאָמע־יאָרן די סאָוועטישע מעדיקער!

עס קלינגט דער טעלעפֿאָן. אויסגעהערט און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, פֿאַרשרײַבט עפּעס
פּיאָטער גריגאָריעוויטש אין אַרבעטס־קאַלענדאַר.

— נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז כ'בין מסכּים! — ווענדט ער זיך צו מיר, ווי ער זאָל וועלן באַקו־
מען מײַן הסכּמה. — יאָ, כ'בין מסכּים, ווײַל ס'איז דאָך אַזוי נייטיק... זיי בעטן מײַן הסכּמה
אויף איבערצוזעצן דעם בוך — ניין, ניט אָט דעם, וועלכן איר האַלט אין די הענט, נאָר אַ נײַעם.
אויף שפּאַניש וויל מען אים איבערזעצן. אויף ענגליש, טוט אַ קוק, האָט מען אים שוין אַרויסגעגעבן
אין ניו־יאָרק. עס גייט דאָרט אַ רייד וועגן נײַע מעטאָדן. מיר, די געלערנטע פֿון אונדזער געביט,
אַרבעטן פֿאַנאַנדער אַזאַ פֿיזישע טעראַפּיִע, וועלכע דערלויבט צו דערשלאָגן זיך כּסדר צו סטאַבילע היילונגס־
עפֿעקטיווקײַט אָן קיין שום — איר הערט? — אָן קיין שום רעפֿועס. אײַך זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, באַ־
קאַנט די „קרענק פֿונעם יאָרהונדערט"? דער מיִאָקאַרד־אינפֿאַרקט, די היפּערטאָניִע, די פֿאַרשיידענע

קראנקייטן פון בלוט־געפעסן, פונעם רוקנביין און דעסגלייכן. לויט דער טראַדיציע היילט מען זיי מיט דער הילף פון פּרעפּאַראַטן, וועלכע מע גרייט קינסטלעך, אויף אַן אָרגאַנישן אופן. זיי גיבן אָבער זײַטיקע עפעקטן, וואָס רופן ניט זעלטן ארויס נײַע קרענק. מיר אָבער זײַנען געגאַנגען מיט אַן אַנ־דער וועג — מיטן וועג פון סטימולירן די פאַרנידעריקטע פונקציעס פון די אָדערן יענע דריזן אין פאַרשיידענע רעגיאָנען פונעם אָרגאַניזם, לאָמיר זאָגן, פון דער שילד־דריז, פון די אונטער־נירן אָדער פון דער אונטערמאָגנדיקער דריז. דער מעטאָד פון אַזאַ סטימולירונג באַשטייט דעריקער אין אויס־נוצן הויך־אָפּטיקע (высокочастотные) עלעקטראָמאַגנעט־כוואַליעס, וועלכע אַקטיוויזירן די פונקציעס פון די דאָזיקע דריזן און קאָמפּענסירן דעם דעפיציט פון האָרמאָנען... דעריבער אינטערע־סירט מען זיך מיטן בוך, און זאָל מען אים איבערזעצן. ווי מיינט איר, אַלעמען איז עס דאָך בײַטיק, האַ?

ער נעמט שפּאַנען איבערן קאַבינעט, א מונטערער, עטוואָס אַן אויפגערודערטער, פרעגט זיך עפּעס אַליין און ענטפערט אַליין, דערנאָך שטעלט ער זיך אָפּ, טוט כיטרע א קוק אויף מיר, און מיט עפּעס אַן אומדרייסטער נײַגעריקייט, ווי ער וואָלט געצווייפלט, צי ס׳איז גענוג העפלעך צו שטעלן די פראַגע, טוט ער א קוק מיר אין די אויגן:

— און לידער שרײַבט איר ניט? נו, מיסטאָמע אויף ייִדיש...

ע ל ו ו י ר ע   פ א ג ע ל

אַזאַ קורץ, אַזאַ פּראַכטפול לעבן

— באַקען זיך, דאָס איז סאַשע ראַדיטשעוו...

איך טו זיך א קער און דערזע לעכאַטכילע אויפן פאָן פונעם זויבער־בלוילעכן פענצטער א וויל־געבויטן סילועט. אײַנקוקנדיק זיך אין דער אָפּבילדונג אויפן נאַטירלעכן צאַרטן לײַוונט, וואָס איז מײַסטערהאַפט אויסגעשניטן פונעם הימל און ארײַנגעשטעלט אין א פּירעקיק רעמל, אַנטפּלעק איך א קרעפטיקן, פײַנעם באָכערעץ מיט גאָלדענע האָר. מײַן ערשטער אײַנדרוק איז — א ליכט־קרוין פון ווייכקייט און קויעך ארום אָט דעם געשטאַלט. אַז סאַשע פאַרמאָגט אַן אויסטערליש אומגעווייניקלעכע קראַפט, האָב איך געוווּסט פאַרפריִער, כ׳בין געווען גרייט עס אויפצונעמען: איין קלייניקייט — א טשעמפּיאָן פון קראַסנאָיאַרסקער געגנט אין צענמיניקן ספּאָרט־פאַרמעסט! הייסט עס, טאַקע דער סאַמע פלינקער, דער סאַמע זשוואַווער, דער סאַמע אײַנגעשפּאַרטער. זעלטן באַשענקט עמעצן די נאַטור אַזוי שעפעדיק: בא דער מוטער, אידע דאַנילאָווונע, געיאַרשנט איידעלע, צוגעלאָזטע, שײַנענדיקע אויגן, מוזיקאַלישקייט און א קאָל, צו וועלכן מע קאָן שאָענווײַז זיך צוהערן, בפּראַט נאָך, ווען ער זינגט לעם א שײַטער אָקודזשאַוועס לידער, אַקאָמפּאַנירנדיק זיך אַליין אויף א גיטאַרע. און נאָך איין מײַלע: די פעיִקייט ארויסצורופן בא יעדערן אופריכטיקייט. ווען ער הערט, ווילט זיך זאָגן אַלטמאָדיש — האָרכט, דרינגט ארײַן אינעם סייכל־האַיאָשער. און אין דעם באַטייליקן זיך דערבײַ זײַנע אויגן, אַמאָל מיט גרימצאָרן, אַמאָל שמייכלענדיק, ערנסט אָדער פאַרגאַפט, נאָר קיינמאָל ניט גלײַכגילטיק. ערנב־וואָרט, אַזוי אויסהערן א מענטשן — איז א זעלטענער באַרוף. די ליפּן בא סאַשען זײַנען אײַנצײַטיק סאַמעטענע און קרעפטיקע און אַזוי אויסגעפורעמט, אַז קעסיידער איז אין די עטוואָס פאַרבויגענע אין דער הייך ווינקעלעך זייערע פאַרבאָרגן א שמייכל — אָט־אָט פלאַמט ער אויף. און עס איז ניט בײַצושטיין קעגן זײַן צויבער. נאָר, אייגנטלעך, פאַרוואָס זיך קעגנשטעלן? פאַרקערט, מיט סאַשעס שמייכל גלוסט זיך באַצויבערט ווערן, ווערן געפּלעפּט.

וויאַזוי באַקומט זיך עס? איך מיין, אַז ער איז אַן אָנשטעקנדיקער. און ער רופט זיך טאַקע אָפּ אין יעדערן, ווער עס באַגעגנט זיך מיט אים. כ׳בין אַליין געווען אַן איידעס: סאַשע האָט זיך אָפּגע־שטעלט אינמיטן גאַס, קוקט זיך ארום, שמייכלט גליקלעך, און קיינער פון די, ווער עס זעט זײַן פּאָנעם, קאָן זיך ניט אָפּווענדן, יעדערער ענטפערט אים אויך מיט א שמייכל. סאַשע פרייט זיך מיטן ווינטל, וואָס נישטערט לעם אים, מיט די זון־פלעקן אויף די וויטרינעס פון די קראָמען, מיט די טויבן

אַף דעם בולוואַר, מיט די אויסגעוואַשענע גאַסן, מיט די פאַרבײַגייער, מיט די קינדער, מיט די הינטלעך — מיט אַלץ, וואָס רופט זיך לעבן. ער פילט עס ניט אַזוי, ווי איך, גאָר אַנדערש, שפּירעוודיקער, שאַרפער, גלײַך ער וואָלט עס האַלטן אַף די דלאָניעס, גלעטן, באַוווּנדערט, האַנאָע האָבנדיק פון דעם.

סאַשע איז פאַרורטיילט. אַלע פאַרשטייען, אַז זײַן לעבן איז פאַקטיש פאַרענדיקט. אַליין סאַשע ווייסט אויך פּינקטלעך, אַז אים איז געבליבן זיך קוויקן מיט אָט דער צויבערבאַרער, העלער, אינטערעסאַנטער וועלט אַ יאָר דרײַ־פיר, ניט מער. נאָך אַן אַכצניאָריקער, אַרײַנפאַלנדיק דאָס ערשטע מאָל אין שפּיטאָל, ווען די אומהיילבאַרע בלוט־קרענק האָט זיך אָנגעוואַלגערט אַף זײַן מעכטיקן, שיינעם גוף, האָט ער אויסגעקלאָרט, אַז בּיכלאַל מאַטערט זי דעם מענטשן, ביזוואַנען זי שלעפּט אים ענדגילטיק אוועק אַף יענער־וועלט, אַ יאָר צען אַן ערעך. דערנאָך האָט ער זיך אַליין איבערצײַגט אין דעם, איבערשרײַבנדיק זיך מיט יענע, ווער עס האָט אָנגעהויבן אָט דעם צעניאָריקן וועג טאַקע אין זײַן ערשטן שפּיטאָל — אויך דאָרטן איז ער, סאַשע, טייקעף באַוואַקסן געוואָרן מיט פרײַנט צווישן די כאַלאָים און מעדיצינישן פּערסאָנאַל.

אַלעקסאַנדער ראָדיטשעוו

ניט איינעם פון סאַשעס צאָרע־מיטברידער האָט זײַן מוט, צויבער און גרענעצלאָזע וואַרעמקײַט געהאָלפן ווירדיק אויסצולעבן די פאַרבליבענע געציילטע יאָרן...

דער לעצטער פון זיי, פונעם יאָר איין־און־פופציקסטן, איז ניפטער געוואָרן אין 1961. סאַשע האָט זיך געהאַלטן פאַנטאַסטיש לאַנגדויערנדיק — 14 יאָר. קענטיק, אַז זײַן נאַטירלעכע קראַפט שטאַמט פון זײַן טאַטן — מיכאַיל ראָדיטשעוו, וועלכער האָט געקאָנט, זאָגט מען, אײַנבייגן אַ פּאָדקאָווע מיט די דלאָניעס. די דאָזיקע ירושע, קלער איך, האָט סאַשען יאָ עפּעס געהאָלפן. אָבער די דאָקטוירים באַשטעטיקן, אַז אָט די קרענק פרעסט אוף דעם זאַפּאַס פונעם מענטשנס פיזישע קויכעס זייער גיך. נאָר לאָמיר אַ שפּיר טאָן, וויאַזוי סאַשע האָט דורכגעלעבט אָט די לעצטע 14 יאָר זײַנע, וואָס איז אים געלונגען אופצוטאָן, וועלכע זאַפטן האָבן אים גענערט און אונטערגעהאַלטן אַף דער וועלט.

מיט סאַשען איז פאָרגעקומען אַן אויסטערלישע זאַך: דאָס סאַמע גליקלעכע און דאָס סאַמע ביטערע אינעם לעבן האָט מיט אים פּאַסירט אײנצײַטיק — בײַס ער איז אַלט געווען 18 יאָר. אַן איראָניע פונעם גוירל — אַכצן, כײַ יאָר... פונקט דאַן, ווען ער האָט באַגעגנט און זיך פאַרליבט אין זײַן שיינער, זײַן צערטלעכער, זײַן אַזאַ מין געגאַרטער, ווען ער פלעג איר זינגען לידער אין די אָפּדערנאַכטן, ווען די שוואַרצע צווײַגן אַף דער אַלייע האָבן געשפּליטערט די לעוואָנע־שײַן, און עס האָבן געפינקלט שטערן, אַזעלכע סוידעספולע, ספּעציעל און אויסשליסלעך געשאַפענע פאַר די פאַרליבטע. טאַקע דעמלט, אין יענע טעג, האָבן די דאָקטוירים לעכאַטכילע אַרויסגעזאָגט אים דעם אורטייל. דעם מיידלס האַרץ איז געווען פול מיט ווידערשפּרעכיקע געפילן, די נעשאָמע האָבן געשטיקט איינס מיטאַנאַנדער די ליבע און די טרערן, די צאַרטקײַט און די שרעק, אָבער געבליבן איז זי אין סאַשעס זיקאָרן ווי אַן אומפאַרווירקלעכט קישעף־מײַסעלע...

אַלע ווײַטערדיקע פערצן יאָר, אָנגעפילטע מיט מי און שאַפונג, מיט קאַמף קעגן דער קרענק, מיט זיגן איבער די רעטענישן, וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטעלט די מאַגנעט־דערשײַנונגען, און איבערן אײגענעם וויטיק, אָט דעם שטרענגן מעהאַלעך, איז באַנאַנד מיט סאַשען געווען אַ מערקווירדיקער מענטש, אַ צאַרטע פרוי, אַ ברייטהאַרציקער פרײַנט — אַ גלײַכן צו זײַן מוט און דער שיינקײַט פון זײַן נעשאָמע. מיט לײַב און לעבן האָט אָט דער פײַנער מענטש געדינט סאַשען. עמע, עמושקע, ווי עס האָבן זי גערופן אַלע פרײַנט און קרויווים, האָט באַמערקט דעם פריילעכן און כיינעוודיקן באָכער אַף דעם אינסטיטוטישן וואָליבאָל־פּלאַץ און פון דעמלט אָן זיך פאַרקאָכט אין אים. קיין טאָג פלעג ניט דורכגיין, זי זאָל וועגן אים ניט קלערן. איר אַנציקונג און איר ליבע זײַנען אויסגעוואַקסן נאָך מער, ווען זי האָט זיך נעענטער מיט אים באַקאַנט, און ווען סאַשע האָט זיך אַנטשלאָסן דערציילן איר, אַ באַגײַסטערטער און שײַנענדיקער, וועגן זײַן קרענק, האָט זי אַפילע קיין רעגע ניט געצווייפלט — אַנטשיידן אַרופגעלייגט אַפן מיזבייעך פון איר ליבע אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

דער באַוווּסטזײַן, אַז איר אָנטייל אין סאַשעס שיקזאַל איז אַן אומבאַדינגטע און נויטווענדיקע זאַך, האָט אַנטדעקט און אופגעוועקט אין איר אַזעלכע מוט־קויכעס, וועגן וועלכע זי האָט זיך פריִער אַפילע ניט אָנגעשטויסן. עמושקע האָט דײַטלעך זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וועכעזשבן, וואָס עס דערוואַרט זי

באַלד און אין דער צוקונפֿט, נאָענטער און ווײַטער. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס גליק צו זײַן באַנאַנד מיטן טײַערסטן וועט זיך ציִען ניט לאַנג. זי האָט געוווּסט, אַז קיין העמשעך — קיין קינד וועט בײַ זיי ניט זײַן. אַלץ האָט זי געוווּסט — און אַלץ האָט זי גענומען אויף דער נעשאָמע. מיט וואָס קאָן פֿאַרגלײַכט ווערן אָט דער פּרוּװישער העלדנטאַט?! איר פּלייצע, אירע הענט, איר שמייכל זײַנען געווען שטענדיק גרייט זיך אַרויסצוּװײַזן. איך האָב געזען, ווי אין דער קליניק, לעבן סאַשעס בעט, פֿלעגן אויפֿבליִען זאַרגלאָזע עמושקעס כיין־גריבעלעך, זי פֿלעג קײַכן איבער סאַשעס וויצן, אַליין געפּלאַפּלט וועגן קלייניקײַטן, אָבער ווי נאָר עס האָבן זיך פֿאַרמאַכט הינטער איר די שפּיטאָל־טויערן, איז זי שווער געווען צו דערקענען: אין די בלויע אויגן אירע, מיטאַמאָל — וואָלקנס ייִעש. מיר איז קלאָר פֿאַרוואָס. ווּעמען וואָלט אַזאַ, ווי בײַ איר, אָנמעכטיקײַט ניט פֿאַרומערט?

א. ראַדיטשעוו מיט זײַן פֿרוי עמאַ

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ביזן סאַמע סוף האָבן בלויז עטלעכע נאָענטע מענטשן געוווּסט וועגן דעם, ווי שווער און האָפֿענונגסלאָז סאַשע איז קראַנק. ער האָט קיינמאָל מיט קיינעם ניט געשמועסט וועגן זײַן שלאַפֿקײַט, קיין איין מאָל קיינעם זיך ניט אָנגעקלאָגט. אין זיקאָרן שווימט אויף אַזאַ מין פֿאַל. איך באַגלייט סאַשען קיין קראַסנאָיאַרסק נאָך זײַן אַרדנטלעכן באַזוך אין מאָסקווער שפּיטאָל. מיר זײַנען שוין געשטאַנען אויף דעם פֿליפֿעלד, דאָס אַרײַנזעצן זיך אין אַעראָפּלאַן האָט זיך פֿאַרהאַלטן בלויז אויף אַ מינוט פֿופֿצן, נאָר זיי, אָט די פֿופֿצן מינוט, האָבן מיר זיך אויסגעוויזן אַלס אייביקײַט, דערפֿאַר ווײַל איך האָב געזען, ווי שווער סאַשע שפּאַרט זיך אָן אויפֿן שטעקל, ווי דריבנע דריבנע עס ציטערן בײַ אים די פֿיס, ווי עס זײַנען אײַנצײַטיק צונויפֿגעפּרעסט און צעצויגן זײַנע ליפּן, סטאַרענדיק זיך אַרויסצוגעבן אַ שמייכל. ער האָט דעמלט דערציילט וועגן זײַנע באַליבטע ספּאָרטסמענען פֿון דער לײַכט־אַטלעטישער זאַמל־קאָמאַנדע. אויף אַ באַגעגעניש מיט איר זײַנען מיר געווען ערשט נעכטן.

פֿרי האָט סאַשע געענדיקט די שול, דעם אינסטיטוט, די אַספּיראַנטור. אין עלטער פֿון 24 יאָר געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער סיבירער אָפּטיילונג בײַ דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע — אָנגעפֿירט מיט אַ גרופּע אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון מאַגנעט־דערשײַנונגען בײַ דעם קראַסנאָיאַרסקער אינסטיטוט פֿון פֿיזיק. גאָר גיך ווערט זײַן נאָמען באַוווּסט צווישן די מאַגנעטאָלאָגן בײַ אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד. זײַנע געדרוקטע אַרטיקלען רופֿן אַרויס אַ שאַרפֿן אינטערעס מיט זייער דרייסטקײַט און קלאָרקײַט פֿונעם דענקען. קיין איין אַלפֿאַרבאַנדישע קאָנפֿערענץ, געווידמעט דער פֿיזיק פֿון מאַגנעט־דערשײַנונגען, באַגייט זיך ניט אָן אים, און אַלעמאָל רופֿן אַרויס זײַנע פֿאַרטראָגן לעבהאַפֿטע דעבאַטן.

אַלעקסאַנדער ראַדיטשעוו פֿאָרשט אויס דעם סאָד פֿונעם מעכאַניזם, וואָס רופֿט אַרויס די שפּרונגען בײַס דער אָנמאַגנעטיזירונג פֿונעם פֿעראָמאַגנעטיק, וועלכער איז אַרײַנגעשטעלט אין אַ מאַגנעטפֿעלד. קעדיי לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם, שאַפֿט סאַשעס גרופּע אַ קאָמפּליצירטע עלעקטראָנישע אַפּאַראַטור. סאַשע פֿאַרשטייט, אַז די רעזולטאַטן פֿונעם עקספּערימענט פֿאָדערן אַ מאַטעמאַטישע אויספֿורעמונג און אַ טעאָרעטישן באַזיס, וועלכע עקזיסטירן נאָך ניט דערווײַל. און דאָ אַנטפּלעקט זיך נאָך איין זעלטענע מײַלע פֿון ראָדיטשעוון דעם געלערנטן: אין דער פֿיזיק זײַנען באַוווּסט בלויז עטלעכע נעמען, וועלכע האָבן זיך אין אַ גלײַכער מאָס געמאָלדן אַלס טעאָרעטיקער און אַלס עקספּערימענטאַטאָרן. סאַשע שאַפֿט די טעאָריע פֿון שפּרונגען, פֿאַרקערפּערט זי אין שטרענגע מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס. דאָס איז בעפּיירעש אַ זיג! די געשאַפֿענע טעאָריע העלפֿט דערפֿירן דעם עקספּערימענט אין דער געהעריקער ריכטונג. און די אויפֿגאַבע איז געלייזט.

אויפֿן יאָר 1961 איז אין מאָסקווע געווען אָנגעמערקט די פֿאַרטיידיקונג פֿון אַלעקסאַנדער ראַדיטשעווס קאַנדידאַטישער דיסערטאַציע. סאַשע קומט צו פֿאָרן מיט צוויי וואָכן פֿריִער — עס איז פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן זײַן קרענק, מע מוז דורכגיין אַ היילונגס־קורס. אויף דער פֿאַרטיידיקונג פֿון זײַן דיסערטאַציע לאָזט זיך סאַשע אַוועק דירעקט פֿונעם שפּיטאָל. ס'איז אָבער אַנטרונען ערגעץ סאַשעס קאָל — דאָס מאָל האָט די שלאַפֿקײַט אָנגעגרירט די שטים־בענדער. סאַשעס פֿאָרטראָג לייענט איינער פֿון זײַנע קאָלעגן. אויף די פֿראַגעס ענטפֿערט סאַשע שעפּטשענדיק. און זאָל הערשט דערבײַ אַ שטיל־

קײַט, אַף די פּנעמער פֿון די בײַװױנדע — אַנגעשטרענגטע אױפֿמערקזאַמקײַט, אַלע הערן זיך צו, מע סטאַרעט זיך ניט דורכלאָזן קײן װאָרט. די פּאַרטײדיקונג גײט דורך גלענצנדיק — קײן אײן שװאַרצע קויל!

פֿון אַט דעם יאָמטעװ קערט זיך אום דער דיסערטאַנט אין שפּיטאָל. דאָרט איז בײַ אים פּאַק־טיש און עכטער אַרבעטס־קאַבינעט. סײַ די דאָקטוירים, סײַ די מעדשװעסטער גיט זיך אים אײַן צו איבערצײַגן, אַז די אַרבעט איז אים נײטיק, װי רעפֿועס. ער איז אַרומגערינגלט מיט ביכער און פּאַ־פּירן, צו אים גײען אַרײַן אַן אַ שיר פֿיזיקער — און ניט פּאַשעט מעװאָקער קוילע זײַן, מע קומט שטרײַטן, באַהאַנדלען פּראָבלעמען, זוכן דעם עמעס.

די צײַט לױפֿט, און סאַשע גײט איבער פֿון עקספּערימענטאַלע אַרבעטן צו פּראָבלעמען פֿון טעאָרעטישער פֿיזיק. אָבער אים װערט שױן שװער צו זײַן אַ גאַנצן טאָג אַף די פֿיס, אין לאַבאָראַ־טאָריע. זײַן קװאַרטיר פֿאַרװאַנדלט זיך אין אַן אַרבעטס־אָרט. עס קומען אַרײַן שילער־אַספּיראַנטן. ער קנעלט מיט זײ, אַרבעט אַ סאַך שעען — באַם טיש, אָפֿילע ליגנדיק, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אַף אַ קישן — קײן אײן רעגע טאָר ניט פֿאַרלאָרן װערן, מע דאַרף באַװײַזן װאָס מער אױפֿטאָן. אין פֿולן גאַנג איז די אַרבעט איבער דער דאָקטאָר־דיסערטאַציע.

אים באַזוכן פֿרײַנט, קעדײַ זיך פּאַשעט דורכשמועסן, זיך אָן אײצע האַלטן מיקויעך קאָלערלײ זאַכן — קלײנע און גרױסע. מע װײסט: סאַשע איז אױפֿמערקזאַם צו אַלץ, באַציט זיך ערנסט אָפֿילע צו די מינדסטע אומאַנגענעמלעכקײַטן, זײַן אײצע איז טאָמיד קאָנקרעט. ביכלאַל פֿלעג זײַן זאָרג װעגן מענטשן, אָפֿילע אינגאַנצן אומבאַקאַנטע, אין באַליביקע סיטואַציעס — קלײנע און ערנסטע — טאָמיד זײַן ניט קײן אָרדינאַרע. אײנמאָל, אין טראַמװײַ, האָט אַ געזונטער װערגעלעץ פֿאַרפֿירט אַ קריגערײַ, דערלאַנגט אַ פּראַסק דעם קאָנדוקטאָר. סאַשע האָט זיך ניט בלױז אַ ריס געטאָן ברענגען דעם כוליגאַן צום סײכל, נאָר זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים, אָן אַנגעשראָקענעם מיטן װידערשטאַנד, איבער דער גאַס.

— װען דער מענוװל װאָלט זיך געװען צורירן צו מיר כאָטש מיט אײן פֿינגער, װאָלט איך זיך, מיסטאָמע, צעװאַלגערט אַף שטיקער, — האָט סאַשע געשמײכלט, דערצײלנדיק מיט לײַכטער איראָ־ניע װעגן אַט דער געשעעניש. — מײַן גליק, װאָס אַט דער הונט מיט אױערן האָט ניט געװוּסט, װער איך בין...

אינעם פֿערצניאָריקן גערַאנגל מיט דער קרענק האָט סאַשע ראַדישטשעװ אַרױסגעװיזן ניט בלױז אַ װוּנדערלעכע אײַנפֿעסטיקײַט פֿונעם גײַסט, מוט און געדולד. אָפֿילע די דאָקטוירים פֿלעגן װערן דערשטױנט פֿון זײַנע ספּעציעלע קענטענישן אין פֿראַט פֿון דיאַגנאָסטירן און הײלן זײַן שלאַפֿקײַט. סאַשע פֿלעג אױפֿמערקזאַם שפּירן נאָך די פּובליקאַציעס אַף דער דאָזיקער טעמע אין די מעדיצינישע זשורנאַלן באַ אונדז אין לאַנד און אין אױסלאַנד. ביזן לעצטן טאָג האָט ער געהאָפֿט, ער פֿלעגט זאָגן: „נישקאָשע, מירן נאָך אָטעמען, אַלע יאָר טראַכטן צו די מעדיקער עפּעס־װאָס נײַס...”

די לעצטע יאָרן האָט סאַשע ראַדישטשעװ געאַרבעט װי אַ מעטורף, מוירע געהאַט, אַז ער װעט ניט באַװײַזן אױספֿורעמען אַלע זײַנע אידײען. אַכט אָפּגעדרוקטע מיטײלונגען אין אַ יאָר — יעדער געלערנטער װעט פֿאַרשטײן, װי פֿיל דאָס איז אָפֿילע פֿאַר אַ געזונטן מענטשן.

אינצװישן איז סאַשע פֿאַר די זעלבע 3—4 יאָר שױן עטלעכע מאָל געשטאַנען מיט אײן פֿוס אַף יענער־װעלט. עס זײַנען געװען פּעריאָדן, װען עמושקע פֿלעג אים מאַכן צו צען אײַנשפּריצונגען אין מעסלעס.

דעם 15 אָקטיאַבער האָט נאָך סאַשע געהאַלטן אַ פֿאָרטראַג װעגן זײַן אָרדנטלעכער אַרבעט, דעם 26 אָקטיאַבער האָט זיך זײַן געװאַגט האַרץ אָפּגעשטעלט. עטלעכע טעג האָט ער ניט דערלעבט ביז זײַנע 32 יאָר. זײַן געבורטסטאָג איז אַ סימבאָלישער — דעם 7 נאָיאַבער.

אין דער צײַטונג „קראַסנאָיאַרסקי קאָמסאָמאָלעץ”, װעלכע האָט געװידמעט אַלעקסאַנדער ראַ־דישטשעװן אַ גאַנץ זײַטל, האָט דער שעף פֿונעם אינסטיטוט פֿון פֿיזיק באַ דער סיבירער אָפּטײלונג פֿון דער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע ל. װ. קירענסקי געשריבן: „דאָס לעבן — דאָס איז אױך עפּעס אַ מין צענמיניקער פֿאַרמעסט. עס קאָנטראַלירט דעם מענטשן אַלזײַטיק — זײַן ערלעכקײַט, די ליבע און גע־טרײַשאַפֿט צו דער הײם, דעם טאַלאַנט, די באַציִונג צו דער מי, דעם מוט, דעם הומאַניזם, אָפּטימיזם, די פֿרײַנטשאַפֿט. אין לעבן איז סאַשע געװען אונדזער בעסטער צענמיניקער קעמפֿער”.

איך זע אַלעקסאַנדער ראַדישטשעװן אַ לעבעדיקן, איך שטאָלציר מיט דעם, װאָס ער איז געװען מײַנער אַ מיטצײַטלער, איך סטאַרע זיך נאָכפֿאָלגן זײַן דעװיז: ליב האָבן מענטשן, ליב האָבן דאָס לעבן און אַרבעטן, אַרבעטן — באַװײַזן אױפֿטאָן װאָס מערער.

הערשל פּאָליאַנקער

אַ באַגעגעניש אין וואַרשע

איך מוז זיך גלײַך מודה זײַן, אַז דעם פּוילישן דיכטער און סאַטיריקער, דעם אויטאָר פֿונעם בוך „ניט צוגעקעמטע געדאַנקען" סטאַניסלאַוו יעזשי לעצן, האָב איך ניט געקענט, און בלויז ערעוו מײַן רײַזע קיין פּוילן, בלעטערנדיק דעם זשורנאַל „שפּילקי", צום ערשטן מאָל באַגעגנט אָט דעם נאָמען.

אַז דו קענסט זייער ווייניק אַ פֿרעמדע שפּראַך און נעמסט צופֿעליק אין די הענט אַ זשורנאַל אויף דער דאָזיקער שפּראַך, וועסטו זיך, פֿאַרשטענדלעך, גלײַך ניט כאַפּן צו די גרעסערע ווערק, נאָר פֿריִער פֿאַר אַלץ וואַרפֿן אַ בליק אויף אַ פֿרײלעכן געמעל, אַ קאַריקאַטור, אַ שאַרזש, אַ וויץ, אַן אַפֿאָריזם...

און דאָ האָט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן דער אויסערגעוויינלעכער נאָמען: לעץ...

און פּונקט אַזוי קורץ, ווי עס איז געווען זײַן נאָמען, אַזוי קורץ זײַנען געווען זײַנע ווערק. אַפֿאָריזמען. איין שורה, צוויי שורות, און אַזויפֿיל געזאָגט! עס טוט אַ בליץ, און עס פֿאַרבלײַבט גלײַך אין זכּרון. עס רופֿט אַרויס אַ גוטמוטיקן שמייכל, עס ווערט גוט אויפֿן האַרצן, און דו פֿילסט, אַז דו ווערסט מיט עפּעס ווײַכטיקס באַרײַכערט.

סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ

שוין דער נאָמען אַליין האָט מיך דערפֿרייט, אַרויסגערופֿן אַ וואַרעמע שטימונג, נאָר אויך ניט ווייניק וווּנדער: נו, גוט, סטאַניסלאַוו יעזשי... אַ פּוילישער שרײַבער, אַזעלכע נעמען באַגעגענען זיך דאָ גאַנץ אָפֿט. נאָר — לעץ?..

לעץ... לייצים... הערשעלע אָסטראָפּאָליער... כעלמער כאַכאָמים... פֿריילעכע, לעבנסלוסטיקע לייצים... נאָר אַ נאָמען... אויסערגעוויינלעך!

איז עפּשער האָט זיך עמעצער פֿון די פֿריילעכע מענטשן אויסגעקליבן אַזאַ ליטעראַרישן פּסעוודאָנים — לעץ? נאָר, פֿון דער צווייטער זײַט, פֿאַרוואָס דאַרף דאָס גראָדע זײַן אַ פּסעוודאָנים און ניט קיין אייגענע פֿאַמיליע? מאַלע וואָס פֿאַר אַ פֿאַמיליעס עס טרעפֿן אויף דער וועלט!

אָט זײַנען מיר, לעמאַשל, צוריק מיט אַ פּאָר יאָר געווען אין גרוזיע. אַרויסגעטראָטן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט. דער אָנפֿירער פֿון אונדזער דעלעגאַציע האָט פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן פֿולגעפּאַקטן זאַל אונדזערן אַ שרײַבער, אַ פּראָזאַיקער, געגעבן אים אַ וואָרט, אָנגערופֿן זײַן פֿאַמיליע. דאַכט זיך וואָס — אַ פֿאַמיליע, ווי אַ פֿאַמיליע בײַ אונדז, אויף אוקראַיִנע, קלינגט זי גאַנץ פֿײַן און רופֿט ניט אַרויס קיין באַזונדערע עמאָציעס. פֿאַרקערט, זי קלינגט אַפֿילו עטוואָס דערהויבן. אָבער ווי נאָר אונדזער פֿאָרזיצער האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע פֿאַמיליע אויף אַ קול, האָט זיך דער זאַל אויפֿגעריסן פֿון אַ מוירעדיקן געלעכטער, און די פֿרויען האָבן זיך, נעבעך, שטאַרק פֿאַרוויטלט און אַראָפּגעלאָזט פֿון בושה די קעפּ...

גיי זײַ אַ נאָווי און וויס, אַז דאָרט, אין גרוזיע, טאָר מען אַזאַ מין פֿאַמיליע ניט אַרויסברענגען, עס איז אַ ביזעבּיזאָיִען! אַ סקאַנדאַל!

„לעץ" אָבער קלינגט אױף אונדזער לאַשן גאַנץ פײַן. אַזאַ פֿאַמיליע איז װי אָנגעמאָסטן פֿאַר אַ שריפֿטשטעלער, ביפֿראַט נאָך פֿאַר אַ הומאָריסט און סאַטיריקער. קײן בעסערע װעסטו ניט צוטראַכטן. זאָלסט אַפֿילו זײַן מיט אַכצן קעפּ!

איך האָב גלײַך געגומען לײענען די קאַרגע שורות פֿון דעם אומבאַװוּסטן מעכאַבער און זיך גלײַך דורכגעדרונגען צו אים מיט גרױסער סימפּאַטיע, אַפֿילו מיט ליבע.

און טאַקע, פּרוּװט אַ לײענען טאָן!

„די פּיעסע איז געװען אַזױ שװאַך, אַז זי האָט ניט געקאָנט אַראָפּגײן פֿון דער בינע".

אָדער:

„העכער דעם קאָפּ! — האָט געזאָגט דער טאַליען, אַרופֿװאַרפֿנדיק אױפֿן האַלדז פֿון זײַן קאָרבן די טליע".

איבערלײענענדיק אַ צענדליק אַזעלכע אַפֿאָריזמען, האָב איך דערפֿילט אַז איך װיל שטאַרק פֿערזענלעך זיך באַקענען מיט אים, און כ׳װעל עס גלײַך טאָן, װי נאָר איך װעל קומען קײן פּױלן.

דאָס איז געװען מײַן צװײטע רײַזע קײן װאַרשע.

די ערשטע איז געװען מיט יאָרן לאַנג, פּינקטלעכער געזאָגט, אין יענעם װײַטן אָנהײב האַרבסט 1944 יאָר. איך בין דעמלט געװען אין אַ סאָלדאַטישער שינעל און געגאַנגען מיט אונדזער אַרמײ. און בעפֿײרעש צופֿוס. אונטער אַ האָגל פֿון קױלן, סנאַריאַדן און באָמבעס.

מיר זײַנען געגאַנגען איבער דער פּױלישער ערד מיט שװערע שלאַכטן. און אָפֿטער פֿון אַלץ ניט אַזױ געגאַנגען, װי געפּױזעט פּלאַסטוניש איבער איר צעבלוטיקטער ערד. אונטערן פֿאַשיסטישן פֿײַער האָבן מיר זיך דורכגעריסן צו דער װאַרשעװער פֿאָרשטאָט — פּראַגע, בײַ דער װײַסל, און לאַנגע כאָדאָשים געזעסן אין די טראַנשײען, בלינדאַזשן, װאַרטנדיק אױפֿן באַפֿעל צו פֿאָרסירן דעם טײַך און באַפֿרײַען װאַרשע פֿון די היטלערישע הענקער...

אין אַ פּראָסטיקן יאַנוואַר-פֿרימאָרגן זײַנען מיר אַריבער דעם פֿאַרקאָװעטן װײַסל און זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט. און דאָס, װאָס מיר האָבן דאָרט געטראָפֿן, האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ פֿון גרױל און װײטיק!

די גאַנצע שטאָט איז געלעגן אין שרעקלעכע רױנען, פֿאַרװאָלגערט מיט בערג שטײנער און אַש. אַ טױטע, אַן אױסגעלאָשענע שטאָט. און קײנער האָט זיך דעמלט ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, װען װעט מען זי קאָנען אױפֿשטעלן, אױפֿהײבן פֿון די רױנען.

דאָס מאָל, אין אַ סך יאָרן אַרום, האָב איך זיך װידער געלאָזט קײן פּױלן, נאָר שױן װי אַ ציװילער מענטש, אַ גאַסט. און געפֿאָרן מיט אַ פּרעכטיקן צוג, ניט געגאַנגען צופֿוס...

איך האָב פֿאַרשטײט זיך די שטאָט ניט דערקענט. זי איז שױן פֿון לאַנג אױפֿגעשטאַנען טכיאַס־האַמײסים. פֿון די רױנען איז ניט געבליבן קײן זײכער. די פּאַליאַצן, פֿאַרליבטע אין זײער הױפּט־שטאָט, האָבן אױפֿגעשטעלט די גאַסן, הײַזער, פּאַלאַצן פּונקט אַזױ, װי זײ זײַנען געװען פֿריער. די שטאָט איז געװען ניט צו דערקענען. די מעכטיקע באַװעגונג איבער די גאַסן און פּלעצער, די באַגאַסענע מיט עלעקטרישער שײַן פֿראָספּעקטן, דער יאָמטעװדיק פֿאַרפּוצטער און אױפֿגעלעבטער שפּאַצירנדיקער עולם, דער פֿרײלעכער געלעכטער, װאָס האָט פֿאַרפֿלײצט דעם אַרום, — אַלץ האָט געמאַכט די שטאָט ענלעך צו דער אַמאָליקער װוּנדערלעך־שײנער און אײביק יונגער װאַרשע...

און מיך האָט ניט געלאָזט רוען דער געדאַנק, אַז איך דאַרף זיך באַגעגענען, זיך באַקאַנען מיט דעם קינסטלער, װאָס איז מיר אַזױ טיף אַרײַן אין האַרצן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע זאַכן טאָר מען ניט אָפּלײגן אין דער לאַנגער באַנק, אױף שפּעטער, און פֿעסט באַשלאָסן בײַ זיך, אַז װי נאָר איך אָרדן זיך אײַן אין האָטעל, הײב איך אים אָן זוכן.

און אָט בין איך שױן אין אַ געראַמען און שטילן האָטעל־נומער. זיך נאָך װי געהעריק ניט אַרומגעקוקט, װוּ איך האַלט אין דער װעלט, דערזע איך אַ טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט אױפֿן קלײנינקן טישל און, ניט לאַנג געטראַכט, אָנגעקלונגען דער טעלעפֿאָניסטקע פֿון אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ און געבעטן דעם שריפֿטשטעלערס טעלעפֿאָן־נומער.

— װאָס, װאָס? יעזשיס טעלעפֿאָן־נומער? — האָב איך דערהערט נאָך אַ קורצער פּױזע אַ פֿרײַלעך קלינגעװדיקע מײדלשע שטים, — װאָס אַזױ שפּעט? איר װילט געװיס זיך דערװיסן, װאָס פֿאַר אַן אַפֿאָריזם האָט הײַנט געזאָגט אונדזער סטאַניסלאַװ יעזשי לעץ?..

איך האָב זיך פֿון איר פּראַגע אײנגאַנצן פֿאַרלױרן, ניט פֿאַרשטאַנען, װאָס זי מײנט. דאָס מײדל האָט, זעט אױס, פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט מיך געשטעלט אין פֿאַרלעגנהײט, און שנעל צוגעגעבן:

— איר זײַט, פּאַן, זעט אױס, ניט קײן היגער... אונדזער סטאַניסלאַװ יעזשי לעץ שענקט אונדז אַלע טאָג אַ פֿרישן אַפֿאָריזם. און גאַנצע טעג קלינגען זיך דורך די װאַרשעװער און פֿרעגן זיך אײנער באַם צװײטן, װאָס עס האָט הײַנט יעזשי געזאָגט, דאָס הײסט, װאָס פֿאַר אַן אַפֿאָריזם ער האָט פֿאַרפֿאַסט. מע קלינגט אין די רעדאַקציעס, און צו װעמען איר װילט!.. יאָ, איז הערט און פֿאַרגע־

דענקט, ביטע, פֿאַן יעזשי האָט היינט איבערגעגעבן פֿון וועג: „פֿאַרליִרט ניט דעם קאָפּ — עפּשער וועט דאָס לעבן אייך וועלן א גלעט טאָן איבערן קעפּעלע...״

דאָס מיידל האָט זיך הילכיק צעלאַכט און דערביי מיר געגעבן דעם נומער פֿונעם שרייבערס טעלעפֿאָן.

א לאַנגע ווײַלע בין איך געבליבן ווי צעמישט. איך האָב זיך ניט פֿאַרגעשטעלט אַזאַ פּאָפּולער־קייט פֿון א שרייבער. מע קאָן זיך ניט דערוואַרטן, ביז עס וועט דערשיינען דער זשורנאַל, די צייטונג, און מע דערפֿרעגט זיך ווי נאָר מע קאָן, „וואָס האָט היינט געזאָגט פֿאַן יעזשי״.

א מאָדנער געפֿיל האָט מיך אַרומגעכאַפּט. זעט אויס, עס איז אינגאַנצן ניט באַקוועם אים צו קלינגען. טאַקע, א ווילד־פֿרעמדער מענטש איז געקומען פֿון אויסערן־לאַנד, ער האָט, מעגלעך, מיר קיינמאָל ניט געהערט, און איך וועל אים אָנהייבן דולן א קאָפּ, אַז איך וויל זיך מיט אים באַ־געגענען. אַפֿנים, אַזעלכע באַלאַנים זיינען דאָ פֿאַראַן איבערגענוג, און אויב ער וועט איינשטימיק זיין מיט אַלעמען זיך באַגעגענען, וועט אים ניט סטייען דערויף די טעג מיט די יאָרן.

ניין, א נאַרישער פֿאַרטראַכט. מע דאַרף זיך אָפּזאָגן, זיך אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ דעם געדאַנק וועגן אונדזער באַגעגעניש...

נאָר פֿון דער צווייטער זייט, וואָס פֿאַר א פּאַנעם וועל איך האָבן באַ מיינע פֿריינט און קאָלעגן, ווען איך וועל זיך אומקערן אַהיים און זאָגן, אַז איך האָב אין וואַרשע זיך ניט באַגעגנט מיט דעם באַרימטן סאַטיריקער און דיכטער. עס וועט אויסזען פּונקט אַזוי, ווי דו זאָלסט זיין אין מעקאַ און זיך ניט פֿאַרנייגן פֿאַר מאַהאַמעטן...

און נאָך א ווײַלע קווענקלעניש האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעקלונגען אין טע־לעפֿאָן.

עפּעס צו לאַנג האָט דאָס טרייבל געשוויגן. אָן אומרו האָט מיך אַרומגעכאַפּט: „יאָ, באַלד, זעט אויס, וועל איך אַריינכאַפּן א שיינעם פּסק, איך זאָל א צווייט מאָל ניט דערקוטשען אַזוי פֿרי קיין פֿאַרנומענע מענטשן...״

איך האָב אָבער אין א רגע אַרום דערהערט אין טרייבל אַן אָנגענעמע ווייכע פֿרויען־שטים, פֿון וועלכער עס איז מיר געוואָרן עטוואָס לייכטער אָפּן האַרצן.

— אַנטשולדיקט, ביטע, זייט אַזוי גוט, דעם פֿאַן סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ אָף א פּאָר ווײַלעס... איך וועל אים לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן...

און איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט, ווער איך בין און פֿונוואַנען איך קום אָקאָרשט צו פֿאָרן.

זי האָט מיך אויסגעהערט און מיט באַדויערונג געזאָגט:

— לײַדער האָב איך ניט די מעגלעכקייט אויספֿילן אײַער באַקאַשע... יעזשי איז איצט גראָדע ניטאָ אין וואַרשע... ער איז אין לאָנדאָן. פֿאַרלאַג־אינטערעסן. וויפֿל צייט וועט איר פֿאַרברענגען אין וואַרשע?

— א פּאָר וואָכן...

— אַ, דאָס איז וווּנדערלעך! — האָט זי זיך ווי דערפֿרייט. — אויב אַזוי, וועט איר זיך קאָנען זען מיט יעזשין... אין לאָנדאָן וועט ער נאָך זיין א צוויי־דריי טעג, פֿון דאָרטן דאַרף ער צופֿאָרן אָף א פּאָר טעג קיין פּאַריז. עס דערשיינען דאָרט צוויי ביכער זיינע אין פֿראַנצויזיש. נו, און דערנאָך קומט ער אַהיים. ניין, אַנטשולדיקט, וואָס זאָג איך! פֿון פּאַריז טראַכט ער אַריינפֿאָרן אָף איין טאָג קיין ווין אָף א פֿוטבאָל־מאַטש. ער איז דאָך א פֿאַנאַטיקער, א ליבהאָבער פֿון פֿוטבאָל... יעדנפֿאַלס, איר קאָנט מיר איבערלאָזן אײַערע קאָאָרדינאַטן, און ווי נאָר יעזשי קערט זיך אום אַהיים, וועל איך אים גלייך מעלדן וועגן אייך...

איך האָב שוין אָפּגעדאַנקט יעזשיס פֿרוי פֿאַר אירע גוטע רייד, געגעבן מיינע קאָאָרדינאַטן און זיך העפֿלעך געזעגנט.

יאָ, איך האָב איר שוין אָפּגעדאַנקט, נאָר פֿאַרשטאַנען, אַז בלויז צוליב איר אינטעליגענטישקייט האָט זי מיט מיר אַזוי איידל גערעדט. אינדערעמעסן איז דאָס, ווייזט אויס, אַן אומזיסטע טירכע: א שרייבער, וואָס האָט די מעגלעכקייט אין מעשער פֿון איין וואָך אויספֿאָרן האַלב אייראָפּע און אונטערוועגנס זיך אַרײַנכאַפּן קיין ווין אָף א פֿוטבאָל־מאַטש, געהערט ניט, אַפֿנים, צו יענע, וועלכע זאָלן ליב האָבן זיך באַגעגענען מיט ווילד־פֿרעמדע מענטשן, פֿאַטערן אומזיסט און אומנישט צייט.

און איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיט מיין קלונג בין איך באַגאַנגען א נאַרישקייט, און יעזשיס פֿרוי קער איצט זיך גוט אויסלאַכן פֿון מיין קלונג.

נאָר דאָס איז שוין געווען א פֿאַרפֿאַלענע זאַך!

טעג זיינען געגאַנגען שנעל. איך האָב שפּאַצירט, זיך באַקאַנט מיט דער וווּנדערלעכער שטאָט,

געהאַט ניט ווייניק באַגעגענישן מיט גוטע מענטשן, נאָר ווען איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איך האָב געקלונגען צו יעזשי לעצן, איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ גרויל.

איך האָב וועגן דעם קלונג קיינעם ניט דערציילט, מע זאָל פֿון מיר ניט לאַכן, עס האָט מאַמעש אויף מיר געפּלאַמט דאָס פּאָנעם פֿון בושע...

וואַרשע האָט מיך פֿאַרכאַפּט מיט אירע שיינע פּראָספּעקטן, פּלעצער, מוזייען, טעאַטערס, מיט פֿאַרשיידענע באַגעגענישן, וויזיטן, און עס איז ניט געווען קיין פֿרײַע צײַט זיך אַרומקוקן.

עס איז איבערגעגאַנגען אַ וואָך, מעגלעך נאָך אַ פּאָר טעג. ס'האָט זיך אויסגעגעבן אַ כיינעוודיקער פֿרילינג־באַגינען מיט אַ יאָם זון, וואָס האָט אַ שמײַס געטאָן אין פֿענצטער, מיט אַ פֿריילעכן געזאַנג פֿון אומדערמידלעכע נאַכטיגאַלן און וואָרקערײַ פֿון אַן אַ שיר טויבן. ס'איז געווען זונטיק, זייער פֿרי, און מע האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען אַ ביסל זיך אויסשלאָפֿן, זיך אָפּרוען נאָך אַזעלכע אָנגעשטרענגטע טעג.

זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, קעדיי זיך ראַטעווען פֿון דעם טויבן טראַמוויי־געפּילדער, האָב איך געפּרוּווט אײַנשלאָפֿן, נאָר פּלוצעם האָט עמעצער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר.

צוערשט האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס הער איך עס אין כאָלעם, נאָר ווען אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דער קלאַפּ איבערגעכאַזערט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין כאָלעם.

ווער זשע קאָן עס קלאַפּן אַזוי פֿרי מיט דער ראַשטשינע? וואָס פֿאַר אַ ניט־גוטער לאָזט ניט שלאָפֿן?

געכאַפּט אויף זיך, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, האָב איך געעפֿנט די טיר און דערזען פֿאַר זיך אַ פֿעסטגעבויטן מיטליאָריקן פֿאַרשוין אין אַ לײַכטן ספּאָרטיוון רעקל, וואָס האָט שטײַף אַרומגענומען זײַן פֿעסטע פֿיגור. זײַן פֿולבלעך אָפֿן און שמייכלענדיק פּאָנעם, די גרויסע קלוגע, ליכטיקע אויגן זײַנע האָבן געשמייכלט. ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך געקענט פֿון לאַנג.

— איך בעט אַנטשולדיקן... איך האָב אײַך, דאַכט זיך, אויפֿגעוועקט?.. — האָט ער זיך אָנגעהויבן, — נאָר דאָס ווערטל זאָגט, אַז גוטע זאַכן הייבט מען אָן פֿון באַגינען...

זיך צעלאַכט מיט זײַן גוטן האַרציקן געלעכטערל, וואָס האָט גלײַך געפֿאַנגען און צוגעגעבן אַ גוטע שטימונג, האָט ער פֿאָרגעזעצט: — איך האָט מיר געקלונגען... איך בין סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ...

דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען מאָלע כיין. און באַזונדערן כיין האָט אים נאָך צוגעגעבן דער בלאָוולעכער בערעט, וואָס איז וויליונגעריש געזעסן אויף זײַן קורץ־געשוירענעם קאָפּ האָר.

אַ לאַנגע רעגע בין איך געשטאַנען אויף דער שוועל אַן לאַשן, קוקנדיק אויף דעם מענטשן. כ'האָב אים ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ערשט אין אַ פּאָר ווײַלעס אַרום האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האַלט אַזאַ טײַערן און געגאַרטן גאַסט פֿאַר דער שוועל און, דריקנדיק אים זײַן גרויסע מעכטיקע האַנט, אים געבעטן אַרײַנקומען אין צימער, האַסטיק גענומען צונויפֿקלײַבן די אָנגעוואָרפֿענע אויף די שטולן זאַכן, צײַטונגען, ביכער, ברענגען דעם צימער אין אַ שטיקל אָרדענונג.

יעזשי לעץ איז שוין הײמלעך געשטאַנען באַם ברייט צעעפֿנטן פֿענצטער, געשטאַנען אַן אויפֿגעלייגטער, קוקנדיק אויף מײַן פֿאַרלוירנקײַט, און מיך גענומען באַרויקן:

— לייגט ניט קיין אַכט דערויף! ווען איך קום אַרײַן צו מיר אין קאַבינעט און טוט אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אויף מײַן שרײַבטיש און אַרום אים, וואָלט איר גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז בײַ אײַך איז דאָ אַן אידעאַלע אָרדענונג. מײַן פֿרוי קריגט זיך דערפֿאַר מיט מיר, נאָר די לעצטע צײַט האָט זי אויפֿגעהערט, זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיך וועט זי שוין ניט איבעראַנדערשן... מיר וועט שוין גאָרנישט ניט העלפֿן. אַזוי אַז איר דאַרפֿט זיך ניט נעמען צום האַרצן...

איך בין געווען גערירט פֿון דעם טײַערן גאַסט און נאָך מער פֿון זײַן פּאַשטעטקײַט און אַבסאָליוטער אָפּוועזנהײַט פֿון פּאָזע.

פֿאַר עטלעכע מינוט זײַנען מיר געוואָרן אַזוי היימיש, אַז אַ זײַטיקער מענטש וואָלט געקאָנט מיינען, אַז מיט יעזשי לעצן זײַנען מיר שוין באַקאַנט און באַפֿרײַנדעט אַ שאָק מיט יאָרן!

— סאַראַ וווּנדערלעכער פֿרימאָרגן הײַנט. אַזאַ, וואָס נאָר אונדזער וואַרשע קאָן זיך עס פֿאַרגינען. וואָלט עפּשער געווען אַ פּלאַן זיך לאָזן שפּאַצירן איבער דער שטאָט?

דערבײַ האָט ער געבעטן אַנטשולדיקן, וואָס ער איז געקומען אַזוי פֿרי. אַזאַ טעווע האָט ער נאָך פֿון די פּאַרטיזאַנישע יאָרן, ווען ער איז געווען אין וואַלד, — זיך אויפֿכאַפּן מיט די ערשטע הענער...

— וואָכ? פֿון די פּאַרטיזאַנישע יאָרן? — האָב איך זיך פֿאַרוווּנדערט. — פּאַן יעזשי לעץ איז געווען אין די וועלדער? ער זעט דאָך אויס אַזאַ ציווילער, קיין סימען פֿון אַ מיליטערישן מענטשן...

מײַן גאַסט האָט שטילערהייט אונטערגעשמייכלט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט, געוויס בין איך דעמלט ניט געווען קיין ציווילער.

— איצט איז שוין שווער צו דערקענען, — האָט געזאָגט דער גאַסט, — אַז מיר זײַנען געווען סאָלדאַטן אויפֿן פֿראָנט... יאָרן טראָגן זיך מוירעדיק שנעל...

אָבער אײדער עפּעס־װאָס, דאַרף מען זיך אַראָפּכאַפּן אין קאַפע אױסטרינקען אַ גלעזל קאַװע, עפּעס איבערבײַסן און שױן דערנאָך לאָזן זיך אין װעג.

דער פֿאַרשלאָג איז אײנמוטיק אָנגענומען געװאָרן.

עס איז אָבער געבליבן אױספֿאָרשן נאָך אײן זײער װיכטיקע פֿראַגע: װאָס װעט זײַן מיטן שפּראַך־באַריער, װאָס איז געשטאַנען צװישן אונדז, ניט אַלץ, װאָס ער האָט גערעדט, האָב איך אײנגאַנצן פֿאַרשטאַנען, און ניט אַלץ, װאָס איך האָב געזאָגט, האָט ער גלײַך באַנומען.

איך, לעמאַשל, קען שװאַך פּױליש, און ער — רוסיש.

— עפּשער װעלן מיר איבערגײן אױף מאַמע־לשון — ייִדיש? — האָב איך פֿאָרגעלײגט, נאָר יעזשי לעץ האָט אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— צום גרױסן באַדױערן, קען איך זײער שװאַך דאָס לשון...

אין אַ פּאָר װײַלעס אַרום האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז מיר װעלן שױן יאַקאָס פֿאַרשטײן אײנער דעם צװײטן. באַזונדערס איז דאָס קלאָר געװאָרן, װען יעזשי לעץ האָט זיך צעשמײכלט מיט זײַן כײנעװדיק שמײכעלע:

— נישקאָשע, װיבאַלד אַזױ, װעלן מיר זיך דערקלערן, װי שלום־עליכם האָט אַמאָל אין אַזאַ פֿאַל געזאָגט: מיר װעלן רײדן אַ ביסעלע אױף פּױליש, אַ ביסעלע אױף רוסיש, ייִדיש און דאָס איבעריקע — מיט די הענט...

און טאַקע, אינגיכן האָבן מיר זיך גאַנץ פֿײַן דורכגערעדט און זיך פֿאַרשטאַנען.

כאָטש עס איז נאָך געװען גאַנץ פֿרי, זײַנען שױן אַ סאַך טישלעך געװען פֿאַרנומען, און ס׳איז געװען גאַנץ רױשיק.

דאָס אַרײַנקומען אַהער פֿונעם באַרימטן הומאָריסט און סאַטיריקער איז ניט געבליבן אומבאַמערקט. מע האָט אים גלײַך דערקענט, און עס איז געװאָרן אַ גערודער.

— דזיען דאָברי, פּאַן יעזשי! — האָבן זיך געטראָגן פֿרײלעכע אױסגעשרײען פֿון אַלע זײַטן. מע האָט צו אים געמאַכט מיט די הענט, מיט די קאַפּעליושן און בערעטן. פֿענעמער האָבן געשײַנט פֿון גליק, װאָס מע זעט און מע קאָן באַגריסן דעם ליבלינג, און ער האָט צום לעבהאַפֿטן עולם געמאַכט מיט דער האַנט, געשענקט ענטפֿער־שמײכעלעך:

— דזיען דאָברי, דזיען דאָברי, פּאַן! — און שנעלער זיך דורכגעשמוגלט אין אַ צװײטן װינקל אונטער אַ קאָלאָנע, צו אַ לײדיק טישל, באַמיִענדיק זיך בלײַבן אומבאַמערקט פֿונעם עולם. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. ער האָט געפֿילט אױף זיך אָנצאָליקע בליקן, פֿאַרשטאַנען, אַז באַלד װעט מען אָנהײבן גײן צו אים מיט די געװײנלעכע פֿראַגן:

— װאָס האָט הײַנט געזאָגט פּאַן יעזשי לעץ?

עמעס, הײַנט איז דאָס פֿאַר אים געװען ניט קײן גרױסע סאַקאָנע. ער װעט זיך װי־ניט־איז קענען אָפּשלאָגן פֿונעם עולם דערמיט, װאָס ער װעט זאָגן, אַז ס׳איז זונטיק, אַ רו־טאָג, און סטאַניסלאַװ יעזשי לעץ זאָגט גאָרניט. ער האָט נאָך הײַנט קײן פּען אין האַנט ניט געהאַלטן.

און דאָ האָבן מיר זיך געמוזט װאָס גיכער אָפּפּאַרטיקן מיט דער קאַפע און אװעקגײן פֿונדאַנען, װײַל אױלעם איז אַלעמאָל צוגעקומען. דערזען יעזשין, איז מען צוגעגאַנגען, זיך העפֿלעך געגריסט מיט אים, זיך דורכגעװאָרפֿן מיט אַ פּאָר װערטער, אָפּגעגאַנגען אױף די ערטער, נאָר ניט אַראָפּגענומען פֿון אים די פֿרײלעכע און נײַגעריקע בליקן.

יאָ, מע דאַרף גלײַך זיך אָפּפּאַרטיקן. צופֿיל מענטשן קומען צו אונדזער טישל, און מע װעט יעזשין ניט לאָזן נעמען קײן ביסן אין מױל.

זיך דערװוּסט, אַז איך האָב ליב גײן צופֿוס, האָט יעזשי זיך דערפֿרײט. ער האָט דאָס אױך ליב. מיט אַ מאַשין, אַ אױטאָבוס פֿאַרסטו נאָשפּיץ דורך די גאַסן און פֿראָספּעקטן און דו זעסט גאָרניט. אַלץ שװעבט דורך פֿאַר דײַנע אױגן. אױב דו װילסט זיך נעענטער באַקענען מיט אַ שטאָט, דאַרף מען זי אױסמעסטן מיט די פֿיס, פֿאַרקערעװען אין אַלע געסלעך, טופּיקן... ער װעט מיט פֿאַרגעניגן מיר באַװײַזן הײַנט װאַרשע אין איר גאַנצער פּראַכט!

מײַן באַגלײטער איז אָבער געװאָרן עטװאָס אַנטױשט. װען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין שױן דאָס צװײטע מאָל אין װאַרשע. ער האָט אַפֿילע באַדױערנדיק אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסלען, װי אײנער רעדט: „נו, װאָס זשע װעל איך אײַך דאָ באַװײַזן, איר האָט שױן געװיס אַלײן אַלץ געזען". נאָר װען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס ערשטע מאָל בין איך דאָ געװען מיט אונדזער אַנגרײַפֿנדיקער אַרמײ אין יענעם װײַטן יאַנואַר־פֿרימאָרגן 1945 יאָר, װען מיר האָבן באַפֿרײַט צוזאַמען מיט די פּױלישע טײלן װאַרשע, און אַז די שטאָט האָב איך דעמלט געטראָפֿן אין מוירדיקע רױנען — קײן שטײן אױף קײן שטײן האָבן די היטלערישע װאַנדאַלן דאָ ניט איבערגעלאָזט, — האָט ער זיך אַ ביסל באַרויִקט.

אָ, וויבאַלד אַזוי, וועט ער מיר באַווײַזן די אופגעבויטע וואַרשע, די שטאָט, וואָס איז אופגעשטאַנען טכיאַס-האַמייסים, און ניט יענע, וואָס איך האָב געזען דאָס ערשטע מאָל.

ער האָט געשײַנט, געווען צופרידן, וואָס איך האָב אַ שטיקל כײַלעק אינעם באַפרײַען זײַן שטאָט. דאָס איז וווּנדערלעך. בין איך, הייסט עס, אין יענע מילכאָמע-יאָרן אויך געווען אופן פראָנט, ווי ער? זײַנען מיר ביידע סאָלדאַטן? אויב אַזוי, וועלן מיר זיך פאַרשטיין...

מיר האָבן ניט אײַלנדיק געמאָסטן די שיינע יערוסאַלימקאַ-אַלייע, וואָס איז באַצירט געוואָרן מיטן ערשטן פרילינג-גרינס, דערנאָך פאַרקערעוועט אַף מאַרשאַלקאָווסקאַ, מיט זײַטיקע געסלעך און הויפן זיך אַרויסגעקליבן צו דער אַלטשטאָט און פון דאָרט — אופן גרויסן פּלאַץ, צום וווּנדערלעכן און מערקווירדיקן דענקמאָל פון די געטאָ-גיבוירים, באַם צופוסנס פון וועלכן עס זײַנען געלעגן פרישע בלומען. אָן אַ שיר בלומען.

אָט דאָ, איבערן געטאָ-פּלאַץ איז יעזשי לעץ געגאַנגען שטילערהייט, פּאַמעלעך, מיט אַ פאַרנייגטן קאָפּ. דער דענקמאָל און דער אומענדלעכער פּלאַץ האָבן גערעדט פאַר זיך אַליין. דעם שרײַבערס גרויסע גלאַנצנדיקע אויגן זײַנען פאַרנעפּלט געוואָרן. ער איז געגאַנגען איבערן פּלאַץ, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

— מיר גייען איבער די רוי̆נעס פון וואַרשעווער געטאָ, — האָט ער שטילערהייט זיך אָנגערופן, — און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער, ווי עס זידט נאָך זייער הייס בלוט, דאָס בלוט פון די גיבוירים... אָט הערט זיך נאָר צו, וועט איר דאָס אויך דערהערן.

ער איז שטיל געבליבן, אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם בערעט, פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו דעם פּיעדעסטאַל און באַטראַכט די מערקווירדיקע סקולפּטורן פון די אופשטענדלער. אַ סאַך פון זיי האָט ער געקענט, אַ קורצע צײַט געווען מיט זיי אין געטאָ...

די פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט אים געטראָפן אין לוואָוו, ווו סטאַניסלאַוו איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פיר יאָר, ווי ער איז געוואָרן אַ יאָסעם און פאַרזוכט קאַלטס און וואָרעמס. גוטע מענטשן האָבן זיך געטראָפן אַף זײַן וועג און אים געהאָלפן. געלערנט אין גימנאַזיע, גאָר פרי האָט אים באַזוכט „גאָטס פונק”, און ער האָט גענומען אַ פּען אין האַנט. אָנגעהויבן שרײַבן לידער. קורצינקע און שאַרפע, ווי זײַנע אַפאָריזמען. ער האָט ניט געהאַט קיין צײַט שרײַבן לאַנגע זאַכן. צו פרי, ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ סטודענט פונעם לעמבערגער (לוואָווער) אוניווערסיטעט, איז ער גלײַך צוגעשטאַנען צו דער סטודענטישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, זיך אָנגעהויבן דרוקן אין די געהיימע צײַטשריפטן, אינגיכן אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכעלע לידער — שאַרפע, ווי די שפּיזן, בײַסיקע, סאַטירישע, וואָס האָבן אויסגעלאַכט די טעמפּע רעגירער, פּריצים, פאַבריקאַנטן. דער יונגער שרײַבער-סאַטיריקער איז ברייט באַוווּסט געוואָרן מיט זײַנע אָפּטע אַרויסטרעטונגען אַף ליטעראַרישע אָוונטן און מיטינגען. זײַן וואָרט האָט געקלונגען, ווי אַ רוף צום קאַמף פאַר אַ נײַער, פּראָגרעסיווער אָרדענונג. ער האָט גאָר פרי געפונען זײַן וועג צווישן דער קאָהאָרטע רעוואָליוציאָנערע דיכטער פון פּוילן. נאָר טאַקע דערפאַר זיך אויך פרי באַקאַנט מיט דער טורמע און מיט די קאַזעמאַטן.

ער האָט קיין אַנדער וועג ניט געזוכט, ניט געזוכט קיין גרינג לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטורמישער צײַט, ווו קיין רו וועט ניט זײַן. אינגיכן האָבן די היטלערישע כאַיאָלעס זיך אַרײַנגעריסן אַף זייערע טאַנקען און מאַשינען קיין לוואָוו און גענומען בושעווען. ניט לאַנג איז דער דיכטער געווען אַף דער פרײַ. מע האָט אים געכאַפּט אַף דער גאַס, ווי אַנדערע טויזנטער, און פאַרטריבן אין געטאָ. פאַרשפּאַרט, דערנידעריקט. דאָס בלוט האָט געזאָטן אין אים פון האַס צום סוינע. ער קאָן ניט זיצן אונטער די שטעכלדראָטן. ער דאַרף קעמפן!

צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע פאַרמישפּעטע צערײַסט לעץ די שטעכלדראָטן פון דער געטאָ און ראַטעוועט זיך פונעם קלעם. מיט מוירעדיקע שוועריקײַטן און סאַקאָנעס דערקלײַבט ער זיך קיין וואַרשע צו זײַנע פרײַנט און שליסט זיך גלײַך אײַן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג.

וואַרשע ליגט אין רוי̆נען. בלוט גיסט זיך, ווי וואַסער. טויזנטער מענטשן קומען אום. הונדערטער טויזנטער פאַרטרײַבט מען אין די אַרומיקע טויט-לאַגערן: מײַדאַנעק, אָשווענטשים, טרעבלינקע.

צווישן די רוי̆נען פון וואַרשע גייט דער אומגלײַכער קאַמף מיט די היטלערישע טאַליאָנים. אין די פינצטערע קעלערס דרוקן זיך אונטערערדישע בלעטלעך, אופרופן: „מענטשן, שטייט אוף צום קאַמף פאַר פרײַהײַט!”. עס קלינגט אויך יעזשיס וואָרט, יעזשיס סאַטירישע פײַלן, זײַנע אַפאָריזמען, געצילטע אין די פאַשיסטישע הענקער. דער דיכטער האָט געפונען זײַן אָרט אין דער גרויסער שלאַכט.

אָבער ער גייט אַרום צווישן פאַשיסטישע וועלף, אופן שאַרף פון מעסער. אין איינעם אַ פּראָסטיקן פרימאָרגן האָט מען אים פאַרהאַלטן אין אַ טיפן קעלער צוזאַמען מיט אַ גרופּע זײַנע פרײַנט און כאַווירים, וועלכע האָבן געגרייט אַ פרישן נומער פון אַן אונטערערדישער צײַטונג.

מע האָט דעם דיכטער פאַרשפּאַרט אין דער געטאָ, ווו ס'האָבן זיך געמאַטערט עטלעכע הונדערט טויזנט פאַרורטיילטע.

זיך אַרויסרײַסן פֿון דער שטאַרק באַוואַכטער דורך עסעס־טײלן געטאָ איז געווען אומעגלעך. נאָר פֿון יענער זײַט געטאָ־וואַנט האָבן יעזשיס פֿרײַנט זיך דערוווּסט, ווו עס איז פֿאַרשפּאַרט זייער שלאַכט־כאַווער און זיך געגרייט אים אַרויסרײַסן פֿונעם קלעם. דאָס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן. ווי פֿל מע האָט געקאָנט האָט מען אים אויסבאַהאַלטן, ווו עס האָט זיך געמאַכט. די פֿאַשיסטישע טאַליאַנים האָבן אים אומעטום געזוכט, געמאָלדן פֿאַר זײַן קאָפּ אַ הויכע פּרײַז.

דער אומרויִקער דיכטער איז אָבער ניט געווינט צו זיצן אין אונטערערד און ניט נעמען קיין נעקאָמע אינעם סויגע, ער קאָן קיין איין טאָג ניט זײַן אומטעטיק. און סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ לאָזט זיך אַוועק מיט אַ גרופּע זײַנע פֿרײַנט צו די פּױלישע וועלדער, צום לעגענדאַרן גענעראַל סווער־טשעווסקי, וועלכער פֿירט אָן מיט די פּױלישע פּאַרטיזאַנער־פּאַטריאָטן.

די באַגעגעניש מיטן העלדישן גענעראַל, וועלכער האָט פֿון לאַנג געקענט דעם יונגן דיכטער־סאַטיריקער און אים שטאַרק ליב געהאַט, איז געווען אַ האַרציקע און רירנדיקע. דער גענעראַל האָט אים שוין פֿון זיך ניט אָפּגעלאָזט. לעץ איז געוואָרן זײַן נאָענטער פֿרײַנט און געהילף אין אַלע גרויסע און קלענערע שלאַכטן פֿון דער פּאַרטיזאַנער־אַרמיי קעגן די פֿאַשיסטישע קאַהאָרטעס. דער באַשײַדענער — טיף ציווילער שרײַבער־סאַטיריקער איז אין די פּױלישע וועלדער געוואָרן אַ שרעקלאָזער שלאַכטמאַן, אַן עכטער העלד. פֿאַר זײַן העלדישקײַט אין די שלאַכטן אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער און שפּעטער, אין די רייען פֿון „וואַיסקאַ פּאָלסקאַ", איז דער „פּאַן מאַיאָזש" באַלוינט געוואָרן מיט די העכסטע אָרדענס און מעדאַלן פֿון דער פּױלישער רעגירונג און זײַן נאָמען איז פֿאַרשריבן מיט גאָלדענע אויסיִעס אין דער געשיכטע פֿונעם נײַעם פּױלן.

...יעזשי לעץ שטייט פֿאַרן געטאָ־מאָנומענט מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ אַ טיף פֿאַרטראַכטער. און ווען עס גיבן איצט אויף אים אַ קוק זײַנע פֿילצאָליקע לייענער און פֿאַרערער, וואָלטן זיי ניט דערקענט דעם שטענדיק פֿריילעכן, לעבנסלוסטיקן, שאַרפֿצינגיקן סאַטיריקער און דיכטער.

— איר ווייסט, — זאָגט ער, — ווי איך זאָל ניט זײַן פֿאַרנומען, פֿאַרקער וווּ איך אָפּט צו אָט די שטיינער, צו אָט דעם מאָנומענט און פֿאַרנייג דעם קאָפּ פֿאַר די גיבוירים פֿון געטאָ... איך טראָג זיך שוין אַזויפֿיל יאָרן אַרום מיט אַן אַפּיקאָרסישן פֿאַרטראַכט און שטעל זיך ניט פֿאָר, ווי אַזוי אים צו פֿאַרווירקלעכן: אָנשרײַבן אַ בוך וועגן דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ... עמעס, וועגן דעם איז שוין ניט ווייניק פֿאַראַן אויף אַ סאַך שפּראַכן, מע האָט געשאַפֿן קינאָ־בילדער... נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז בלויז אַ טראָפּן אין יאַם... מיך באָמבאַרדירט מען פֿון אַלע זײַטן, די רעדאַקציעס, פֿאַרלעגער פֿון אַלע עקן וועלט. די לייענער, אַקטיאָרן — מע פֿאָדערט פֿון מיר נײַע „ניט צוגעקעמטע געדאַנקען", פּראַשקעס. און איך טראַכט, וויאַזוי רײַכט מען זיך אויף דערפֿון כאָטש אויף עטלעכע יאָר, אויף אַ צײַט, קעדיי אָנשרײַבן וועגן זיי, — האָט ער אַ ווונק געטאָן אויף די בראָנזענע פֿיגורן, וועלכע האָבן אַראָפּגעקוקט פֿונעם גראַניט. — מיר, לעבעדיקע, זײַנען גרויסע באַלכויוועס בענעגייע די גי־בוירים פֿון וואַרשעווער געטאָ. די גאַנצע וועלט זײַנען באַלכויוועס זייערע...

און נאָך אַ פּויזע:

— יאָ, אַגעוו, איר זעט אָט די מעכטיקע גראַניט־פּליטעס פֿונעם מאָנומענט? דאָס איז שוועדי־שער גראַניט. בלויז אין שוועדן זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע שטיינהאַקערײַען. אייביקע שטיינער. שײַנ־הײַטן. ווען היטלער האָט אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט ער אויפֿן צווייטן טאָג באַשטעלט אין שוועדן אַ דענקמאָל פֿאַר זיך. און דאָס האָט געדאַרפֿט זײַן דער גרעסטער דענקמאָל אין דער וועלט. אָט די הליבעס גראַניט, אָט די שוואַרצע פּליטעס האָט מען אויסגעטעסעט פֿאַרן פֿיורערס דענקמאָל. און ווען די שוועדן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן דער אומגע־הערטער געוואַגטקײַט פֿון די העלדן, האָבן זיי געשענקט די שטיינער פֿאַרן דענקמאָל די אויפֿשטענד־לער...

יעזשי לעץ איז ווידער אויף עטלעכע ווײַלעס שטיל געוואָרן. זײַנע שיינע קלוגע אויגן זײַנען פֿאַרצויגן געוואָרן מיט אַ דורכזיכטיק נעפּעלע טיפֿן טרויער. ער האָט זיך עטוואָס אָפּגעקערט פֿון מיר, ניט וועלנדיק אַרויסווײַזן זײַן מענטשלעכע שוואַכקײַט, די טרערן, וועלכע האָבן זיך געריסן אויף דער פֿרײַ.

אַרום איז געלעגן אַן אומענדלעכער פּלאַץ פֿאַראַספּאַלטירט, אַקוראַט אויסגעגלײַכט, און דער דיכטער איז נאָך אַלץ געווען צעבראָכן און פֿאַרטראַכט.

פּלוצעם האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווען איך האָב אַ דייע, וואָלט איך ניט געלאָזט, מע זאָל אויסגלײַכן דעם גאַנצן פּלאַץ און פֿאַרגיסן מיט אַספֿאַלט. איך וואָלט דאָ, כאָטש אין אַ זײַט, געדאַרפֿט געווען איבערלאָזן עטלעכע רויִנען, עטלעכע בערגלעך שטיין, אַש, ליים... זיי זײַנען געדיכט דורכגעזאַפּט מיט בלוט פֿון די גע־טאָ־אויפֿשטענדלער. זאָל געווען אויך דער גערוך פֿאַרבלײַבן, מענטשן, וועלכע קומען צו די שטיינער, זאָלן אים פֿילן, געדענקען.

מיר האָבן זיך געלאָזט צום עק פּלאַץ, צום גרינעם בערגל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ ניט־געטעסעטע הליבע פֿון ראָזעווען גראַניט. ווען כ׳האָב איבערגעלייענט דעם אויסגעהאַקטן אויפֿשריפֿט, איז אַ קעלט איבערגעלאָפֿן איבערן לײַב.

אונטער אָט דעם בערגל, אונטער. דעם שווערן שטיין, איז געווען דער באַרימטער בונקער. דאָ האָט זיך געפֿונען דער שטאַב פֿונעם אופֿשטאַנד — מאָרדכע אַנילעוויטש, דער סאָוועטישער קאַפּיטאַן שמידט, וועלכער האָט ערעוו דעם אופֿשטאַנד אַראָפּגענידערט אַהער פֿון אַ סאָוועטישן אעראָפּלאַן מיט אַ פּאַראַשוט, זיך פֿאַריניקט צו די אופֿשטענדלער. פֿון דעם בונקער האָט דער שטאַב אָנגעפֿירט מיט דער אומגעהערטער שלאַכט. און צום סאָף פֿונעם אופֿשטאַנד, ווען די פֿאַשיסטישע טאַליאַנים האָבן אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן דעם באַרג מיטן בונקער און עס איז שוין ניט געווען קיין קוילן, גראַנאַטעס, געווער, מיט וואָס זיך אָפּשלאָגן, האָט דער גאַנצער שטאַב, קעדיי ניט אַרײַנפֿאַלן צו די הענקער אין די הענט, פֿאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. קיין לעבעדיקע האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן...

מיר האָבן זיך אָפּגעקערעוועט פֿונעם פּלאַץ און זיך געלאָזט באַטראַכטן נײַע שטאָט־ווינקעלעך. מײַן באַגלייטער האָט זיך באַמיט אויסמײַדן צענטראַלע גאַסן און סעדלעך, וווּ עס זײַנען געווען אין דעם פֿרילינגדיקן טאָג אַ סאַך מענטשן. אומעטום האָט מען אים דערקענט און געקוקט אויף אים מיט באַגײַסטערונג. אַנדערע האָבן זיך געסטאַרעט אים דריקן די האַנט, פֿרעגנדיק דערבײַ: „וואָס האָט הײַנט געזאָגט פּאַן לעץ?”. קליין און גרויס האָבן זיך העפֿלעך געגריסט מיט אים, פֿאַרנייגט די קעפּ, אַראָפּגענומען די קאַפּעליושן און בערעטן.

און מיך האָט געוווּנדערט: אַזויפֿיל פֿרײַנט פֿאַרמאָגט ער! אָבער ווי קאָן דאָס זײַן אַנדערש, אַז זייער אָפּט זעט מען אָט דאָס פּאָלבלעכע, גוטמוטיקע, קלוגע פּאָנעם אויפֿן טעלעוויזיע־עקראַן, אין קינאָ, אויף גרויסע ליטעראַרישע אָוונטן און קאָנצערטן. אין אַלע צײַטונגען, אין די „פֿריילעכע ווינקלען” דרוקן זיך טאָגטעגלעך זײַנע בײַסיקע, כאָכמעדיקע אַפֿאָריזמען און פֿרײַנטלעכע שאַרזשן. אַ וווּנדערלעכער ווייסער פֿון דער שטאָט, האָט ער מיט פֿאַרכאַפּונג דערציילט וועגן יעדער ווינקעלע, וועגן מענטשן, געשעענישן.

מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון די ענגע וואַרשעווער לאַבירינטן און פֿאַרקערעוועט צום ברעג פֿונעם ווײַסל. דאָ האָבן מיר זיך דערפֿילט עטוואָס פֿרײַער. באַנאַנד האָבן געפּלאַפּלט די כוואַליעס פֿונעם אומרויִקן טײַך. אָפּ און אויף האָבן זיך דורכגעטראָגן שיפֿלעך, קאַטערס. אָבער אויך דאָ האָט מען גלײַך דערקענט דעם שרײַבער און פֿון די שיפֿלעך און קאַטערס צו אים געמאַכט מיט די הענט, באַגריסנדיק אים, און ער האָט העפֿלעך געענטפֿערט.

די נאַכט האָט גענומען צופֿאַלן. אין די צעבושעוועטע פֿון די שיפֿלעך וואַסערן, ערגעץ ווײַט־ווײַט האָבן זיך געטוקט די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון. אַ קיל ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן פֿונעם טײַך און אָפּגעפֿרישט דאָס לײַב. איך האָב זיך זאַט ניט געקאָנט אָנשפּיגלען אינעם טײַך, וואָס האָט אָנגעוויעט אַזויפֿיל דערמאָנונגען.

לויט די אויגן פֿון מײַן באַגלייטער, לויט זײַן שווײַגן, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ער דערמאָנט זיך אויך אַ סאַך אין אָט דער מינוט, קוקנדיק אויף דעם ווײַסל און אויף די געדיכטע וועלדער, וואָס שוואַרצן זיך אין דער ווײַט. אין יענער צײַט איז ער אויך געגאַנגען מיט די שווערע מילכאָמע־וועגן באַנאַנד.

און מיר האָבן זיך מיט דעם שרײַבער איבערגעקוקט פֿילדײַטיק. מיר האָבן זיך געוויס נאָך דעמאָלט געקאָנט באַגעגענען, זיך באַקענען, זיך דורכריידן, ווײַל אין די רייען פֿון אונדזערע פֿראָנט־שכיינים, וועלכע זײַנען געווען גאָר נאָענט צו אונדז, איז געגאַנגען די אַרמיי נעקאָמענעמער פֿון דעם פּוילישן מיליטער — וואָיכקאַ פּאָלסקאַ — און דאָרטן איז געווען דער דיכטער...

מיר וואָלטן זיך געווען געקאָנט נאָך דעמאָלט באַגעגענען. און, ווער ווייסט, עפּשער האָבן מיר זיך אָט דאָ, אויף אונדזערע פֿראָנט־וועגן, ניט איין מאָל באַגעגנט.ביידע זײַנען מיר דעמאָלט געווען אין שינעלן. ביידע מיט געווער אין די הענט, ביידע געגאַנגען צו איין ציל, וואָס האָט אונדז געפֿירט קיין בערלין...

לעץ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקוקט אויף מיר, ווי בעעמעס אויף אַן אַלטן באַקאַנטן און פֿראָנט־כאַווער, און געשמייכלט.

— גערעכט זײַנען יענע, וואָס זאָגן, אַז די וועלט איז ענג, — האָט ער זיך אָנגערופֿן, — ווײַבאַלד אַזוי, וועלן מיר האַלטן, אַז אונדזער באַקאַנטשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר פֿריִער אָט דאָ, באַם ווײַסל...

מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי ס׳איז דורכגעלאָפֿן אָט דער אומפֿאַרגעסלעכער טאָג און מע האָט זיך שוין געדאַרפֿט אומקערן אין שטאָט. עס האָט זיך דערנעענטערט די מינוט פֿון צעשיידונג, כאָטש מע האָט נאָך געדאַרפֿט אַזויפֿיל שמועסן. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ בעט געטאָן, צי האָט דער דיכטער ניט קיין כיישעק עפּעס איבערלייענען, ווײַל אין אַזאַ וווּנדערלעכן פֿרילינג־פֿאַרנאַכט אָן פּאָעזיע, אָן פֿרייד וואָלט געווען גאַנץ ביטער...

דאָס כּיינעווּדיק־פאַרדײַגעט פּאָנעם זײַנס איז אַף א רעגע באַשײַנט געוואָרן מיט זײַן האַרציק שמייכעלע:

— און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איר וועט זײַן דער ערשטער מענטש אין וואַרשע, וואָס וועט מיך ניט פרעגן, „וואָס האָט הײַנט אָנגעשריבן פּאַן יעזשי לעץ”... נאָר ווי א געוועזענער דיפּלאָמאַט — איך האָב נאָך דער מילכאָמע א שטיק צײַט געאַרבעט אין דער פּוילישער געזאַנדשאַפט אין ווין, — האָב איך פאַרגעסן אײַער באַקאַשע...

יעזשי לעץ האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע צוויי שיין אַרויסגעגעבענע ביכלעך און העפ־לעך זיי מיר אונטערגעטראָגן, זאָגנדיק דערבײַ:

— איך האָב אײַך הײַנט דערציילט צופיל טראַגישע זאַכן. אייגנטלעך, דאָס, וואָס איך טרוים נאָך אַמאָל אָנשרײַבן, וואָס מײַן געוויסן, מײַן האַרץ פאָדערט פון מיר... און אָט דאָס... — האָט ער א ווונק געטאָן מיט די אויגן אַף די ביכלעך, — וועט איר עפּשער איבערלייענען, וועט עס וועט זײַן גרינגער אַפן האַרצן... און דערצו נאָך וועט איר זיך אונטערלערנען די פּוילישע שפּראַך. די ערשטע טריט, זע איך, האָט איר שוין געמאַכט...

און איך האָב געשפּאַנט מיט מײַן נײַעם פרײַנט אַרוף־באַרג צו דער באַלויכטענער מיט טויזנטער באַנאַכטיקע פײַערן וואַרשע — דער שטרענגער, טראַגישער, פריילעכער, רווישיקער, און די שטאָט האָט מיר איצט אויסגעוויזן שענער, נאָענטער פון אַלע שטעט אַף דער וועלט, ווײַל דאָ האָט גע־ווינט אָט דער וווּנדערלעכער מענטש און שרײַבער. און כ'האָב בעעמעס שטאַרק באַדויערט, וואָס גאָר אינגיכן וועט מיר אויסקומען זיך צעשיידן מיט אים.

עס איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען קיין יאָר, זינט מיר האָבן זיך געזעגנט אַפן רווישיקן וואַרשעווער וואָקזאַל, און איך, זוכנדיק אינעם פריילעכן פּוילישן זשורנאַל „שפּילקי” נײַע וויצן, אַפאָריזמען, פראַש־קעס, לידער פון דעם באַוווּסטן סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ, האָב אומדערוואַרט דערזען דעם נאָמען אין א שוואַרץ טרויער־ראַמל...

דאָס האַרץ האָט זיך שיר ניט אָפּגעריסן פון ווייטיק: ס'איז אַוועק פון אונדז אַזא וווּנדער, אַזא קוויעך, אַזא מײַסטער! און צוזאַמען מיט אים — אַזויפיל ניט־פאַרווירקלעכטע פּלענער און פאַרטראַכטן, און דעריקער — דער בוך פון זײַן לעבן, פון זײַן טרוים, וועגן וועלכן ער האָט מיר אַזוי האַרציק און רירנדיק דערציילט באַם דענקמאָל לעקאָוועד די גיבורים פון וואַרשעווער געטאָ...

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

מאָריס ווינטשעווסקי
(1932 — 1856)

יאנקעוו דינעזאָן
(1919 — 1856)

מאָריס ווינטשעווסקי

א קאמפס־געזאנג

ווייקלט פאנאנדער די פאָן די רויטע,
שפּילט אויף א מארש און גיט זיך א ריר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק־טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, דאָ שטייען מיר,
דאָרטן — דער בלוטיקער פײַנט:

דאָ איז די פרײַהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט,
דאָרטן — דער יאָך און די נאכט און די שלעכטיקייט, —
ברידער, מארשירט מיט אונדז הײַנט!

ווישט אויס פון ארבעטער־אויגן די טרערן,
זאָגט זיי: צו וויינען איז איצט ניט קיין צײַט;
זאָל הײַנט קיין קאָל פון געוויין זיך ניט הערן,
הײַנט, ווען מיר קומען ארויס אַף א שטרײַט,
מיר און דער בלוטיקער פײַנט;

מיר, — וועלכע ווילן די מענטשהײַט פארברידערן,
ער, — וועלכער וויל אונדז דורך סינע צעגלידערן...
ברידער, מארשירט מיט אונדז הײַנט!

וויקלט פאנאנדער די פאָן די רויטע,
וועקט די, וואָס שלאָפן, וואָס זײַנען נאָך שוואך,
איינציקווײַז נעמט זיי צונויף, די צעשפרייטע,
זאָגט זיי: אונדז רופט הײַנט די הייליקע זאך
קעגן דעם בלוטיקן פײַנט;

אונדז, דעם האמוין פון געדריקטע, נאָר מוטיקע,
קעגן גאזלאָנים פארווילדעטע, בלוטיקע, —
ברידער, מארשירט מיט אונדז הײַנט!

וויקלט פאנאנדער די פאָן די רויטע,
שפילט אוף א מארש און גיט זיך א הייב;
האלט פאר די אויגן די העלדן די טויטע,
געדענקט די קאָרבאָנעס פון גאָלד און פון רויב!..
הײַנט קעגן בלוטיקן פײַנט!..

גיט ארײַן קראפט אלע בלייך־אויסגעזויגענע,
גיט ארײַן מוט אלע טיף־אײַנגעבויגענע,
זאָגט זיי: מארשירט מיט אונדז הײַנט!..

דער פרײַהײַט־גײַסט

אין די גאסן, צו די מאסן
פון געדריקטע פעלקער־ראסן
רופט דער פרײַהײַט־גײַסט:
!איך ברענג וואפן — פאר דעם שלאפן,
איך באפרײַ די ארבעטס־שקלאפן
און איך מאך זיי דרייסט.
„ליכט פארשפרייטן — רעכט פארברייטן
קום איך און צעברעך די קייטן
פון דער טיראנײַ;
די נאציאָנען — פון קאנאָנען,
פון ארמייען, פון שפּיאָנען
קום איך מאכן פרײַ.

„איך קום, לערן: ארבעט ערן,
ערן, אכטן און באגערן
ארבעט מיט א טאָלק;
גליק און פרייד, — ניט אונטערשיידן
צווישן קריסטן, ייִדן, היידן,
צווישן פאָלק און פאָלק.

„פרייד אין שטרעבן קום איך געבן,
לעבנסלוסט און לוסט אין לעבן
אלעמען באגלײַך;
מענטשנקינדער זאָל ווי רינדער
מער ניט אומברענגען דער שינדער,
דער, וואָס ווילד און רײַך.

„איך קום פרויען — צו פארטרויען
אלע רעכט אַף העלפן בויען
גלײַכהײַטס גרויסן טראָן;
איך גיב רעכט זיי אין דער עכטער,
ברידערלעכער און גערעכטער
אָרגאניזאציאָן.

„איך קום מעלדן יענע העלדן,
וועלכע שמאכטן אין די קעלטן,
אין סיביר אצינד,
אז צעטראָגן וועט אָסטראָגן
באלד מײַן שטורעם, — באלד וועט שלאָגן
די באפרײַונג־שטונד”.

א בעזעם און א קער!

גענוג! איך וויל ניט פיטערן
קיין ליידיקגייערס מער;
גענוג פאַר פּירשטן ציטערן,
א בעזעם מיר אהער!

ארויס, מײַן לאַרד און אדלמאַן,
דו סוועטער, דיקער בויך,
דו מוסערזאַגער, טאַדלמאַן,
דו קיטלמאַן, גיי אויך!

איך דאַרף ניט מער קיין מיטלמאַן,—
א בעזעם און א קער!
קיין מיטלמאַן, קיין טיטלמאַן, קיין קיטלמאַן
ניט מער!

דו עסט מיך אויף, דו פריידיקער,
אויב ס'בלײַבט פון סוועטער נאָך;
און דו, דו לאַרד, דו גנעדיקער,
דײַן טיטל איז מײַן יאָך.

דער לאַרד נעמט צו דאָס לאַנד פון מיר,
דער פריידיקער שטימט צו,
דער סוועטער שוויצט די האַנט בא מיר,
איז זאָג איך אײַך: הערט צו!

איך דאַרף ניט מער קיין פריידיקער, —
א בעזעם און א קער!
קיין פריידיקער, קיין גנעדיקער, קיין ליידיקגייער
מער!

גענוג שויז לאָזן האָבוועזן
האָבונעס דורך מײַן מי;
גענוג, גענוג שויז ראַבעווען
און טרײַבן מיך ווי פי!

מיך שרעקט קיין שווארצער קיטל ניט,
קיין שווארצער יאָר ניט מער;
מיך שרעקט קיין קרויז, קיין טיטל ניט, —
מײַן בעזעם מיר אהער!

איך דאַרף ניט מער קיין פלאָפּערמאַן, —
א בעזעם און א קער!
קיין פלאָפּערמאַן, קיין כאַפּערמאַן, קיין קלאַפּערמאַן
ניט מער!

די לעוואָנע

ווייסט איר, פאַרוואָס די לעוואָנע איז בלייך?
ווייסט איר, פאַרוואָס זי פאַרדעקט זיך
מיט וואָלקנס מיט גרויע מיט נעפּל, מיט רויך, —
ווייסט איר, פאַרוואָס זי פאַרדעקט זיך?

דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל די וועלט איז באַנאַכט
פֿול מיט דערשרעקנדע בילדער;
דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל די וועלט ווערט געמאַכט
טעגלעך אַלץ ערגער און ערגער.

דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל דער דאַלעס, די נויט
פֿילן די נאַכט אָן מיט שרעקן,
און הונגער־לײַט וואַנדלען פֿאַרקומערטערהייט,
וואַנדלען אין אַלע פֿיר עקן...

דאָס הארץ דער לעוואָנעס, וואָס מילד איז און ווייך,
פֿילנדיק מענטשן־לייד, שפּאַלט זיך,
דעריבער, דעריבער איר פּאָנעם איז בלייך,
און זי פֿאַרקריכט און באַהאַלט זיך...

די צוקונפֿט

אָ, די וועלט וועט ווערן יינגער,
און דאָס לעבן — לײַכטער, גרינגער,
יעדער קלאָגער וועט אַ זינגער
ווערן, ברידער, באַלד, —

זאָל דער אַרבעטער זיך שטעלן
מוטיק קעגן די, וואָס קוועלן
זײַנע ברידער און געזעלן, —
מוטיק קעגן פֿיינט.

לאָז דאָס פֿאָלק נאָר ווערן קליגער,
און פֿאַריאָגן דעם באַטריבער[1],
אים, דעם פֿוקס און אויך דעם טיגער,
פֿון זײַן שיינעם וואַלד.

אָ, די וועלט וועט ווערן דרייסטער
און עס וועט ניט זײַן קיין מײַכטער,
ניט די קרויז און ניט דער טײַכטער,
ניט דעם זעלנערס שווערד, —

אָ, די וועלט וועט ווערן שענער,
ליבע — גרעסער, סינע — קלענער,
צווישן פֿרויען, צווישן מענער,
צווישן לאַנד און לאַנד.

זאָל דאָס פֿאָלק ניט זײַן געפֿאַנגען, —
זאָל דאָס פֿאָלק ניט נאָר פֿאַרלאַנגען,
זאָל עס קריגן אין געראַנגל
רעכט אויף אונדזער ערד.

זאָל די גלײַכהייט נאָר באַזיגן
פֿאַלשקייט, רויבערײַ און ליגן,
זאָל דער מענטש נאָר ענדלעך קריגן
מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד.

מוטיק, ברידער, מוטיק, שוועסטער!
אָט דער קאַמף, דער לעצטער, גרעסטער
רופֿט אײַך פֿון די טונקל'ע נעסטן
אויפֿן פֿרײַען פֿעלד, —

אָ, די וועלט וועט ווערן פֿרײַער.
פֿרײַער, שענער, יינגער, נײַער,
און אין איר — דער עמעס טײַער.
טײַער, ווי אַ פֿרײַנט, —

מוטיק, מוטיק אין די רייען,
אין די רייען צו באַפֿרײַען.
צו באַפֿרײַען און באַנײַען
אונדזער אַלטע וועלט!..

---

[1] באַטריבער — אָפּנאַרער, עקספּלואַטאַטאָר.

יאנקעוו דינעזאָן

אנטלאָפן פונעם כאָסן

מיט איר כאָסן האָט זיך ראָכעלע שוין מער ניט געזען. ער האָט זיך געהיט מיט איר זיך מער ניט צו באַגעגענען ביז דער כופּע. אים איז גיכער געווען בעסער ברוגעזערהייט מיט איר כאַסענע צו האָבן, איידער בעשאָלעם פון איר נאָכאמאָל צו הערן, אז זי איז נישט זײַן קאלע. ער האָט געהאָפּט, אז די נײַע מאטאָנעס און דאָס הויז, וואָס זײַן פאָטער האָט אָפּגעקויפט, וועלן גוטע מעליצים זײַן פאר אים, און זי וועט גיין צו דער כופּע. ער האָט זיך דערמאָנט פיל געשיכטן מיט קאלעס, וואָס האָבן ניט געוואָלט די כאסאנים, נאָר אז די עלטערן האָבן געוואָלט, איז פונדעסטוועגן בא זיי געווען די כאסענע, מיסטאמע וועט דאָ אויך אזוי זײַן.

רעב שלוימע האָט ראָכעלען אָנגעזאָגט, אז דאָס הויז האָט שוין רעב העניך אָפּגעקויפט און אָפּגעשריבן אַף איר כאָסנס נאָמען.

— איצט, מײַן טאָכטער, — האָט ער טרײַ געזאָגט, — איז שוין אַלץ פארפאלן. איצט קאָן שוין אנדערש ניט זײַן, דו מוזט מיט דײַן באשערטן כאסענע האָבן!

זי האָט נאָר געוויינט דאָס אויסהערנדיק.

— ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט ער געטרייסט, — איך גיב דיר מײַן ערנוואָרט, אז אין א יאָר צײַט נאָך דײַן כאסענע, אז דו וועסט וועלן א געט, וועט זײַן א געט. דאָס האָב איך מיט רעב פּינכעסלען נאָך פריִער אָפּגעשמועסט. אָבער די כאסענע מוז זײַן. איז מעגלעך, עס זאָל דײַן געשטאָרבענער פאָטער איצט פון זײַן קייווער אופשטיין? אזוי איז איצט מעגלעך, עס זאָל קיין כאסענע ניט זײַן.

אין דעם זעלבן טאָג האָט דער פּאָטשטער דערלאנגט איר א בריוועלע פון מוישעלען. זי איז ארײַן אין סאָד און האָט עס איבערגעלעזן.

„ליבע ראָכעלע!

פון אַלץ, וואָס דו און אונדזער גוטער, אָבער ניט קלוגער פעטער, האָבן מיר אין אײַערע לעצטע בריוו געשריבן, זע איך, אז די סאקאָנע איז נאָענט, און די גרעסטע שמערצן האָב איך דערפון נאָר, וואָס דו שרײַבסט מיר און באשווערסט מיך, אז איך זאָל ניט קומען א האנט אויסצושטרעקן דער, וועלכע טרינקט זיך. איך זאָל דיך, מײַן טײַערע, מײַן ליבע ראָכעלע, לאָזן אין דעם יאם טרערן דערטרונקען ווערן? קאָן איך עס? מעג איך עס?

מע קאָן מיינען, אז איך בין א שרעקלעכער עגאָיִסט. איך האָב דיך אן עלנטע געלאָזן אליין צווישן מענטשן, וועלכע פארשטייען דיך ניט און קוועלן דיך און פּײַניקן דיך מיט זייער געטרײַקײַט, בייס איך זיץ מיר אין פארגעניגן צווישן באווײרים און בין גליקלעך צו לערנען נײַע וויסנשאפטן פון בארימטע לערער און קלוגע לײַט. איך אליין, ליבע ראָכעלע, קום מיר פאָר פאר אן עגאָיִסט און פיל זיך אָפּט אזוי אומגערעכט, ביז זעלבסטפאראכטונג. ווען מאך איך גליקלעך

א קאפּיטל פונעם ראָמאן „א שטיין אין וועג".

מיט מײַן לערנען? מײַן טרײַען ײדן און מײַן באָבען, מײַן ליבן פעטער און מומען האָב איך נאָר ביזיוינעס און צאר פארשאפט. אויך דיך, מײַן נעשאָמע, מײַן ליבער מאלעך, האָב איך אזוי אומגליקלעך געמאכט!.. עפשער וועט ווער אמאָל נוצן האָבן פון מײַן איצטיקן לערנען, דערווײַל אָבער האָב איך נאָר איינער דאָס פארגעניגן: מײַן לוסט אלץ צו וויסן און צו דערפאָרשן גיב איך נאָך. און דו לײַדסט, און דו וויינסט און ליבסט מיך דאָך. בין איך דען דאָס ווערט? אָ, איך וואָלט בעמעס נישט ווערט זײַן דײַן ליבן נאָמען צו דערמאָנען, ווען אין מיר וואָלט אזא שטיינערן הארץ געווען, מיר ניט צו באקימערן וועגן דײַנע לייד און שמערץ! איז ניט ראטעווען א מענטשן די העכסטע פליכט פון א מענטשן? און ראטעווען דיך נאָר פון איין איבעריקן טאָג ליידן איז בא מיר ווי מײַן גאנצע וועלט געראטעוועט, און איך קום פאָרט ניט נאָר דערפאר, ווײַל דײַן פארלאנג איז מיר טײַערער און ליבער אלס מײַן רו און גליק. דו שרײַבסט מיר, אז נאָר אנגסט און זאָרג נײַע וועל איך דיר מיטברענגען מיט מײַן קומען, איידער דו וועסט מיך רופן, און איך וויל דיר קיין נײַע זאָרג ניט צוגעבן, כאָטש מײַן אנגסט פונווײַטן צו זיצן איז עפשער גרעסער און פײַנלעכער.

אונדזער פעטער רעב שלוימע שילדערט מיר אין זײַן לעצטן בריוו דײַן טרויעריקע לאגע איצט. דײַנע אגמעסנעפעש, וואָס די מוטער דײַנע פארקויפט דאָס הויז און אלץ, וואָס אים און דיר איז טײַער, און דו מוזט צוזען, ווי דײַן פאָטערס האָב־און־גוטס ווערט פארפרעמדט און זײַנע עלנטע קליינע יעסוימים מוזן באלד אָנקומען צו א שטיף־פאָטער, וועלכער — ווי דער פעטער אליין איז מוידע — וועט פאר זיי קיין געטרײַער פאָטער ניט זײַן. דער עלנט פון די קינדער און דײַן טרויעריקע צוקונפט אליין צו בלײַבן ערגעץ אין א געדונגענעם כיידערל, בייס דײַן מוטער וועט מיט איר רעב פינכעסלען כופע האָבן, דאָס אלץ, שרײַבט אונדזער פעטער, באוועגט דיך פון אונדזער ליבע זיך אָפּצוזאָגן און כאסענע צו האָבן מיט דײַן געוואלדכאָכן... נאָר איין זאך, שרײַבט ער, שטייט דיר נאָך אין וועג: די שוווּע דײַנע, וואָס דו האָסט מיר געשווירן מײַנע צו זײַן און נאָר אַף מיר צוווארטן. דעריבער בעט ער מיך, איך זאָל דיר די שוווּע מויכל זײַן, דיך באפרײַען און ניט שטיין דיר אין וועג, וועלכער קאָן דיך און די עלנטע יעסוימים פירן צום גליק... ראָכעלע, איך פרעג ניט, צי שרײַבט דער פעטער דאָס מיט דײַן וויסן, צי ניט. איך וויל גאָר ניט וויסן, צי איז דיר ווען ניכע געווען, ער זאָל עס מיך בעטן; נאָר איך רוף איצט גאָט, דעם איינציקן איידעס פון דער שוווּע, ער זאָל אויך איצט אונדזער איידעס זײַן, אז איך בין דיר דײַן שוווּע מויכל! פון דער מינוט, וואָס דו וועסט די ווערטער לעזן, ביסטו פרײַ און דיך בינדט צו מיר ניט קיין שוווּע, קיין וואָרט און פליכט. איך האָב קיינמאָל אַף דער שוווּע ניט געהאָפט און ניט גערעכנט. ניט א שוווּע קאָן דער גוטער מאשקן זײַן א מענטשנס טרײַע און ליבע צו פארזיכערן, נאָר די ליבע היט די שוווּע, זי זאָל ניט געבראָכן ווערן. באדויערנסווירדיק איז יענע ליבע, וואָס דאָס הארץ איז פאר איר קיין זיכער אָרט ניט און מוז נאָך א שוווּע האָבן, וואָס זאָל זי דאָרט אײַנהיטן. זײַ זיכער, אז דײַן מוישעלע וועט דיך צו ליבן ניט אופהערן, אפילע דאן, ווען דײַן הארץ וועט מער קיין ליבע ניט פילן פאר אים!.. מע ליבט ניט, ווײַל מע וויל ליבן, און מע הערט ניט אוף צו ליבן, ווײַל מע וויל מער ניט ליבן. ווי אומשולדיק דו ליבסט מיך, אזוי אומשולדיק קאָנסטו אופהערן מיך צו ליבן. ניט אזוי איז אכטונג: דו אכטעסט מיך, ווײַל איך פארדין פילײַכט דײַן אכטונג און ווײַל איך האָף קיינמאָל, כאָלילע, ניט ערגער צו ווערן, ווי דו קענסט מיך, וועסטו צו אכטן מיך קיינמאָל ניט אופהערן. זאָל דאָס אונדז טרייסטן און לאָמיר דאָס הארץ און ליבע אָפּפערן פאר אונדזערע עלנטע יעסוימימלעך! אויב דער יוישער הייסט אונדז אמאָל: צוליב א ווילן פון עלטערן און צוליב עלנט פון קליינע עלנטע יעסוימים אויסרײַסן אונדזערע געפילן און טאָן פונקט פארקערט, ווי מיר האָבן געהאָפט.

נאָר איין זאך מוז איך דיר נאָך דערמאָנען: דו זאָלסט פריִער זיך אליין פרעגן, צי האָסטו אזויפיל קויעך אין זיך אויסצורײַסן די אומגליקלעכע ליבע דײַנע, ביז עס זאָל פון איר א שפור ניט בלײַבן? שרעקלעך איז יענעמס לאגע, וואָס מיינט, אז ער האָט מיט זײַן שטרענגן ווילן די ליבע אינגאנצן אויסגעריסן און האָט זיך ניט ארומגעקוקט, אז ערגעץ אין א ווינקל איז נאָך א וואָרצל געבליבן און דער וואָרצל האָט באלד צוריק נײַע בלומען און צווײַגן אָנגעהויבן צו אנטוויקלען, ביז דאָס הארץ איז ווידער מיט ליבע פול געוואָרן. דאן, ראָכעלע, ווען דאָס הארץ האָט שוין אן אנדער באלעבאָס אַף זיך, איז יעדן ליבע צו אן אנדערן א פײַן פאר זיך... דאן איז דעם אומגליקלעכן די זון פינצטער אינמיטן טאָג און בא דער גרעסטער רײַכקײַט איז מען אָרעמער און אומגליקלעכער, ווי דער אָרעמסטער און אומגליקלעכסטער אין דער וועלט!.. אָט דער געדאנק באאומרויִקט מיך יעצט, ליבע ראָכעלע, מער ווי אלץ, און די זאָרג איבער דעם וועט מײַן זאָרג בלײַבן, ווי לאנג איך וועל לעבן!..

איך בעט דיך: שרײַב מיר אן ענטפער אַף דער דאָזיקער פראגע מײַנער, און נאָר דאן זאָלסטו מיר הייסן דאָ בלײַבן זיצן, ווען מײַן בריוו וועט שוין זײַן צו שפעט און דער אנטשיידענער שריט וועט שוין זײַן געמאכט... אָבער ווען דו וועסט מײַן בריוו דערהאלטן, כאָטש איין אויגנבליק פאר דעם שלוס פון אונדזער ראָמאן, זאָלסטו בעטן כאָטש נאָך א שאָ צײַט, ביז דו וועסט דעם זעלבן בריוו

נאָכאמאָל דורכלעזן און זיך גוט באַזינען, וואָס דו האָסט צו טאָן. איך שווער דיר, איך וועל נאָר גאָט פאַר דיר בעטן, אַז מײַן זאָרג זאָל זײַן אַן אומזיסטע זאָרג און דו זאָלסט פון יענע פּײַן און שמערצן ביט וויסן, וועלכע שרעקן מיך שוין איצט.

אין פאַל, אויב דו וועסט אײַנזען, אַז דו ביסט צו שוואַך מיט אַזאַ גוואַלדריס פון דײַנעם האַרצן אויסצורײַסן די ליבע, און די געפאַר, וואָס צווינגט דיך דאָס צו טאָן, איז שוין צו נאָענט, באַשווער איך דיך, דו זאָלסט מיר טעלעגראַפירן. אין דער מינוט, ווען דײַן טעלעגראַמע וועט מיך טרעפן, וועל איך צו דיר לויפן. יעדנפאַלס, האָט מען דיך אין קייטן נאָך ניט געשמידט און הונדערט וועגן זײַנען פרײַ און אָפן פאַר דעם מענטשן, וואָס וויל זיך ראַטעווען... איך ווייס ניט פונוואַנען דיר צו זאָגן, ווי זיך צו ראַטעווען: אָבער איך זאָג דיר, אַז שולדיק איז יענער פאַר זײַן אייגן גליק און לעבן, ווען ער האָט דעם מוט ניט אַ געצוווּנגענעם סקאַנדאַל צו מאַכן, ווען זײַן גליק און לעבן פאַרלאַנגען עס פון אים. — איין אָרט ווײַז איך דיר אָן פאַר יעדן פאַל: איך האָב מײַן מוטער פון אַלץ געשריבן, און זי וועט דיך ווי איר קינד צונעמען, ווען נאָר דו וועסט צו איר קומען. איר לאַגע איז איצט בעסער ווי געווען. שרײַב מיר נאָר, אַז דו ווילסט צו איר פאָרן, וועל איך קומען און אַוועקפירן דיך צו איר. זאָרג נאָר נישט, מײַן טײַערע! די זון פאַרגייט ניט אויף אייביק, דײַן ליכטיקער פרימאָרגן וועט דיר באַלד אויפשײַנען. זאָל מײַן ליבע צו דיר דערווײַל דאָס ליכטל זײַן אַפילו אין פינצטערניש דעם גראָדן וועג צו געפינען... זײַ מיר געזונט, איך בלײַב, יעדנפאַלס, דײַן מוישעלע..."

— און פאַר הענעכס געבילדעטן זון זאָל איך זיך פון אים אָפּזאָגן? — האָט זי פאַר זיך איבערגערעדט, אַז זי האָט דאָס בריוועלע איבערגעלייענט. — ניין, אַזוי נידעריק בין איך נאָך ניט געפאַלן. דײַנע בין איך, מוישעלע, דײַנע, ווי לאַנג איך לעב און וועל לעבן!..

אַרויסגייענדיק פון סאָד, האָט זי אויפן וועג באַגעגנט עטלעכע פייגעלעך, וועלכע זײַנען זיך צעפלויגן, אַז זי איז צו זיי נעענטער צו. דאָס האָט זי אויף נײַע געדאַנקען אַרויפגעפירט. — בין איך דען ניט שוואַך, ווי אַ פייגעלע, איצט קעגן דעם שטאַרקן ווילן פון דעם רעבן, פון רעב פינכעסלען און פון מײַן אייגענער מוטער? פאַרוואָס זאָל איך נאַרישער זײַן פאַר די קליינע פייגעלעך און מוירע האָבן פאַר דעם אַנטלויפן מער ווי פאַר דער געפאַר גופא? זע איך דען ניט אָפן די גרוב, וואָס איז גרייט אַלע מײַנע האָפענונגען אײַנצושלינגען? וואָס וואַרט איך נאָך? — איך האָב אַלץ געטאָן אויסצומײַדן יעדן סקאַנדאַל, וואָס איז פאַר אַ ייִדישער טאָכטער ניט שיין. שטיי מיר בײַ, גאָט, איצט אין מײַן נויט און שיק מיר דײַן גוטן מלאך, וואָס זאָל מיך אין מײַן וועג באַגלייטן!

מיט די ווערטער איז זי איצט צו דער קראַנקער פייגען אַרײַן און איר אָנגעזאָגט, אַז זי רעכנט נאָך הײַנט צו אַנטלויפן צו מוישעלעס מוטער. פייגע האָט ניט געענטפערט, נאָר ביטער געקרעכצט.

— וואָס טוט אײַך ווי, פייגע? — האָט ראָכעלע מיט אַנגסט געפרעגט.

— דאָס האַרץ, דאָס האַרץ, מײַן טײַער קינד! — האָט די קראַנקע געענטפערט. — אָבער ניט אויף דער קראַנקײַט מײַנער באַקלאָג איך מיך: אָן יעסורים לעבט מען ניט און אָן יעסורים שטאַרבט מען ניט, עס דאַרף אַזוי זײַן, און איך האָב צו גאָט קיין טײַנעס ניט; דאָס האַרץ אָבער צעגייט אין מיר, וואָס דו, מײַן ליב קינד, רעדסט פון אַנטלויפן אין דעם טאָג, וואָס האָט געזאָלט זײַן דײַן שׂימחה! וואָלט איך כאָטש ניט אַזוי קראַנק געווען, וואָלט איך פאַר דײַן מאַמען גאָר קיין מוירע ניט געהאַט און דיך באַגלייטן אין דײַן וועג. איצט אָבער האָב איך אַפילו קיין קויעך ניט פון בעט אַראָפּצוגיין. ווו וועסטו לויפן אַליין, מײַן קינד? אַ מיידל אַליין אין אַ וועג איז ערגער ווי אַ קליין קינד אַליין. וואַרט נאָר אַ ווײַלע, לאָז מיך באַטראַכטן, טאָכטער, וועל איך פאַר דיר געפינען אַ זיכער אָרט דאָ אין שטאָט, ווו דיך צו באַהאַלטן ביז אַ צײַט. עפשער וועט מיר דער, וואָס לעבט אייביק, געבן קויעך, איך זאָל קאָנען אַראָפּ פון בעט, וועל איך פאַר דיר דינגען אַ פור און מיט דיר מיטפאָרן צו דײַן מוישעלעס מאַמען.

ראָכעלע האָט זיך אויסגעוויינט און איז צוריק אַרײַן אין שטוב, דאָ האָט זי די מומע דווירען געפונען, וועלכע איז געקומען זען, ווי זי וועט אָנמעסטן איר כופּע־קלייד, וואָס די שנײַדערקע האָט איר איצט אָפּגעבראַכט. זי האָט די כופּע־קלייד אָנגעמאָסטן, באַדאַנקט דער מומען פאַר אירע בראָכעס צו דער געלעגנהײַט און ניט געלאָזט מערקן, וואָס אין איר האַרצן איז אין דער צײַט פאָרגעקומען.

— נו, שוועגערן! — האָט כײַעלע צו דווירען געזאָגט. — בין איך ניט קליגער פאַר אײַך אַלעמען? ווער איז גערעכט? ווייסט כאָטש, אַז אַ מאַמע קען איר אייגן קינד בעסער פאַר אַן אַנדערן. אַזוי זאָל איר גיין אין אַלדאָס גוטס, ווי זי וועט, אימירצעשעם, מאָרגן צו דער כופּע גיין מיט איר אייגענעם ווילן!

— ניט אומזיסט זאָגן די מאַנסלײַט, אַז ווײַבער האָבן צען דייעס אין איין טאָג! — האָט דווירע געענטפערט און איז אהיים אַוועקגעפאָרן אָנזאָגן איר אַלטן.

רעב שלוימע האָט דווירען אויך אַ גוטע בסורע אָנגעזאָגט: ער האָט ערשט דערהאַלטן אַ דעפּעשע, ער זאָל צוגרייטן כאַדאָרים פאַר רעב זאַלמענקע דעם רעבנס, זאָל לעבן, און פאַר רעב פינכעסלען, וועלכע זײַנען אַרויסגעפאָרן אויף דער כאַכנע אַהערצו.

— דו וועסט זען, דווירע, — האָט ער געזאָגט זייער גערירט פון דעם קאָוועד, וואָס רעב זאַל־מענקע דעם רעבנס וועט באַ אים סטאַנציע האַלטן. — דו וועסט זען, מיר וועלן נאָך פּאַר אונדזער צאַר פיל נאַכעס האָבן פון ראַכעלען! גוואַלד, אונדזער רעבע, זאָל לעבן, ווייסט, וואָס ער טוט!

כײַעלע האָט באַזונדער דערהאַלטן אַ דעפּע־שע, זי זאָל אָנגרייטן אַ צימער פּאַר גיטעלען, און כאָטש זי האָט זיך שוין פריִער געריכט אַף איר, נאָר איצט איז זי שוין געווען זיכער, אַז גיטעלע וועט קומען, האָט זי פונדאַסנײַ אָנגעהויבן קאָמאַנ־דעווען, מע זאָל אַ פּאָר צימערן צוגרייטן, און האָט אַליין אויך גענוג צוגעהאַרעוועט. די קינדער האָט מען הײַנט פריִער געלייגט שלאָפן, און אַליין אויך פריִער, ווי געווינלעך, געלייגט זיך אין בעט, זי זאָל קאָנען אופשטיין פריִער און זײַן דערבײַ, בײַם די פישער וועלן ברענגען פיש, און דערנאָך קאָנען גיטעלען מעקאַבל־פּאָנעם זײַן אַן אויסגערוטע, אַ צוגעגרייטע, גאָר ניט ווי אַ מעכוטענעסטע אין דעם טאָג פון אַ קינדס כאַסענע.

ראַכעלע האָט דעם גאַנצן טאָג גאָר גלײַכגיל־טיק באַוויזן, קיינער האָט ניט געוווּסט, ווי לאַנג איר איז דער טאָג געווען און ווי גערן זי וואָלט שוין געוואָלט, עס זאָל ווערן נאַכט. אַז אַלע זײַ־נען שוין געשלאָפן, איז זי שטיל אַרײַן צו פייגען. פייגע איז אויך געשלאָפן.

— שטייט אוף, פייגע טײַערע! — האָט זי שטיל אויסגערעדט. — געזעגענען זיך מיט אײַך, איינציקער, בין איך געקומען...

— אַך, ראַכעלע! — האָט פייגע, זיך אופ־כאַפּנדיק, אויסגעזיפצט. — גוט, וואָס דו ביסט גע־קומען!

— פייגע, וווהין זאָל איך איצט גיין? מיר בלײַבט נאָר איין וועג פון בריק אין וואַסער... — באַ די רייד האָט זי שרעקלעך געוויינט.

— וויין ניט, מײַן קינד, — האָט פייגע גע־טרייסט, — גאָט איז מיט אונדז, ער ווײַזט אונדז ניסים גרויסע: איך האָב מיר דעם גאַנצן טאָג דעם קאָפּ געבראָכן, ווו פּאַר דיר אַ זיכער אָרט צו גע־פינען, און האָב פון שוואַכקײַט ניט געפילט, ווי איך בין אין אַ זיסן שלאָף אַרײַנגעפאַלן. און וואָס פּאַר כאַלוימעס מיר האָבן זיך אָנגעפּלאָנטערט, גע־דענק איך גאַרנישט דיר איבערצודערציילן: נאָר איך געדענק, אַז איך האָב דײַן זיידן, רעב אוורעמען, געזען, ער האָט דיך פּאַר דער האַנט געפירט און צוגעפירט צו אַ שטיבעלע. פון שטיבעלע איז אַרויסגעגאַנגען סאַרעלע די אַלמאָנע מיט אַ קאַ־שעק פּוטער־זעמעלעך, ער האָט פון קאַשעק אַרויס־גענומען צוויי זעמעלעך און דיר דערלאַנגט. — „עס דו איינס, מײַן טאָכטער, — האָט ער גע־זאָגט, — און באַהאַלט דאָס אַנדערע פּאַר מוישע־לען, ער וועט באַלד פון כיידער קומען, מײַן טײַער קינד!”. אין דער מינוט האָסטו מיך אופגעוועקט.

דאָס איז אַן עמעסער כאַלעם, מײַן קינד! דער זיידע איז מיר געקומען אָנזאָגן, דו זאָלסט זיך באַהאַלטן באַ סאַרעלען. ער האָט דיך געטרייסט, אַז דײַן מוישעלע וועט באַלד צו דיר קומען. הערסטו, גיי צו סאַרעלען, דו האָסט איר פיל טויִ־וועס געטאָן, זי וועט דיך ווי דאָס אויג פון קאָפּ אָפּהיטן. האָב קיין מוירע ניט, זכוס־אָוועס באַגלייט דיך אין דײַן וועגן! נאָר איידער — דו גייסט אוועק פון מיר, מוז איך דיך נאָך עפּעס בעטן, און דו זאָלסט עס מיר צוזאָגן. זײַ וויסן, מײַן טאָכטער, אַז ניט לאַנג נאָך וועל איך מיך מוטשען דאָ אַף מײַן קראַנקן־בעט. איך פיל: מײַן טאָג איז אַרי־בער, די פינצטערע לאַנגע נאַכט רוקט זיך אָן, און אַ קליין ווינטעלע וועט דעם לעצטן פונק, וואָס ברענט נאָך אין מיר, באַלד אינגאַנצן אויסלעשן... ראַכעלע, איך וויל, דו זאָלסט נאָך באַ מײַן לעצ־טער שאָ דאָ זײַן. איך האָב קיין נעענטערע און קיין ליבערע פּאַר דיר, וואָס זאָל מיר העלפן מײַ־נע אויגן צומאַכן אַף אייביק דיך שוין ניט מער צו זען. גיב מיר דײַן ערלעך וואָרט, מײַן קאָשער קינד, אַז דו וועסט פון סאַרעלעס שטיבעלע ער־געץ ניט אוועקפאָרן פריִער, ביז איך וועל דיר הייסן פאָרן, און אַז איך וועל דיך שיקן רופן אין דער גוטער מינוט, זאָלסטו קומען און נאָך מײַן טויט נאָך מיר אַ ליכטל אָנצינדן. איך גיב דיר עטלעכע רובל, נאַ, נעם זיי, קאָשער פאַרהאַרעוועט געלט... פּאַר דעם זאָלסטו מיר קויפן טאַכריכים, פּאַר אַ קייווער אַפן גוטן־אָרט באַצאָלן... וועט נאָך עפּעס בלײַבן, זאָלסטו צעטיילן צדאָקע, ווו דו וועסט זען, אַז עס איז אַ צדאָקע. אַזוי אַז דו וועסט טאָן, וועל איך שטאַרבן אַ צופרידענע... איך האָב מײַן וועלטל גאַנץ שיין אויסגעפירט און ליג אין קייווער, כאַלילע, ניט אין פרעמדע טאַכ־ריכים... אָ, מײַן קינד, בעסערס האָב איך מיר אין מײַן לעבן ניט געוווּנטשן!

— איך וועל אָן אײַער וויסן ערגעץ ניט גיין, פייגע! — האָט ראַכעלע אַ וויינענדיקע פאַר־שפּראָכן. — נאָר לעבט און זײַט געזונט! אָ, ווי עלנט וועל איך אָן אײַך זײַן!.. פאַרגעסט מיך ניט, פייגע. איך וועל גאָט בעטן, ער זאָל אײַך נאָך יאָרן געבן! זאָגט קיינעם ניט, ווו איך וועל זײַן!

— זאָרג ניט, מײַן קינד, קיינער, אויסער מיר, וועט דײַן אָרט ניט וויסן! קאַלזמאַן איך וועל ניט שיקן נאָך דיר, מעגסטו רויִק זיצן... עפּשער וועט נאָך גאָט, באָרוך הו, מיך אופהייבן פון מײַן בעט, איך זאָל מיט דיר צוזאמען צו מוישעלעס מוטער פאָרן!

זיי האָבן זיך ביידע גוט אויסגעוויינט, און ראַ־כעלע איז צוריק אין שטוב אַרײַן. אַלע זײַנען דאָ רויִק געשלאָפן. זי האָט נאָך אַ קליין צעטעלע אָנגעשריבן און באהאלטן אונטערן לאָמפּ. געגומען איר פּאָטערס זייגערל און עטלעכע רובל געלט, איז זי שטיל מיט האַרץ־קלאפּן אַרײַן צו די קנדער

אין צימער, זיי שלאָפנדיק גוט אָנגעקושט און זיך גוט אויסגעוויינט.

— זייַט געזונט, אָרעמע יעסוימימלעך, בא אייַך בלייַבט מייַן האַרץ, מייַן לעבן... אָ, זייַט מיר געזונט, עלנטע ברידערלעך, אומגליקלעך שוועסטערלך!..

מיט די רייד האָט זי זיך א ריס געטאָן פון צימער ארויס און דערבייַ אָבער געפילט אזא ווייטיק, ווי זי וואָלט דאָס גאנצע האַרץ פון זיך ארויסגעריסן. בא דער טיר איז זי שיִר אין כאַלאַשעס געבליבן, אזוי האָט איר דאָס האַרץ געקלעמט, און... זי איז גוטע צען מינוט געשטאנען, דעם קאָפּ צו דער וואנט אָנגעשפּארט, ביז זי איז צו־זיך געקומען. שטיל, ווי א גאנעוו, איז זי, א פארהילטע און אייַנגעוויקלטע, דורכגעגאנגען דעם לאנגן קאָרידאָר, ביז זי איז אריַין אין סאָד. פונדאנען איז זי מיט א הינטערטירל אין א שטיל געסל ארויס און זיך געלאָזט לויפן צום טייַך, ווו סאָרעלע האָט געווױנט.

שטיל און טיף פארשלאָפן איז נאָך דאָס גאנצע שטעטל געווען, באַר איר האָט געדאכט, אז טויזנט אויגן קוקן אף איר און זעען, ווי זי לויפט. זי האָט איר געזיכט נאָך מער פארוויקלט, מע זאָל זי ניט דערקענען. פון א בוידעם ערגעץ האָט א האָן א קריי געטאָן, נאָר זי האָט אין דעם קאָל איר ברודערל מאָטעלעס וויינענדיק געשריי געהערט, און אזוי קלאָר און דייַטלעך געהערט, אז אפילע זייַן בעטן זיך האָט זיך צוגעטראָגן צו איר אויער:

„ניט אנטלויף, ראָכעלע, האָב מיך ניט פייַנט. לויף ניט אזוי גיך, איך האָב שוין קיין אָטעם ניט נאָכצולויפן!"

„גיי צוריק אהיים, אָרעם קינד!" — ענטפערן אירע ליפן, און דאָס האַרץ צעגייט אין איר. דעם קינדס געוויין הערט אָבער ניט אוף און רייַסט איר האַרץ אין שטיקער. זי וויל זיך אומקערן און האָט מוירע. פון פאָרנט זעט זי, איז קיינער ניטאָ, נאָר הינטער איר יאָגן זיך עפשער די גאנצע שטאָט מענטשן, און מאָטעלע וויינט נאָך און כליפּעט שוין.

— ניין, איך קאָן ניט ווייַטער! — האָט זי אויסגערעדט און איז אינמיטן לויפן שטיין געבליבן, זיך צוגעהערט: צי וויינט עס טאקע מאָטעלע, צי דאכט זיך איר נאָר אזוי.

„ניין, איך האָב דאָס קינד געלאָזן שלאָפן רויִק אין זייַן בעטעלע, מייַן ראכמאָנעס אף דעם יאָסעמל שרייַט עס אין מייַן אייגענעם האַרצן. עס איז שטיל, שטיל... שלאָף, מאָטעלע, שלאָפט, אָרעמע יעסוימימלעך, וואָס קאָן איך אייַך העלפן?"

און זי איז ווייַטער געלאָפן, נאָר לויפנדיק, האָט זי ווידער געהערט, ווי מאָטעלע וויינט און בעט זיך נאָך רירנדיקער ווי פריַער:

„איך וויל ניט, ראָכעלע, אָ, איך וויל ניט צום נייַעם טאטן פאָרן!.. האָב ראכמאָנעס, נעם מיך מיט, ראָכעלע!"

„מיטנעמען דיך קאָן איך ניט, אָרעם ברודערל! — ענטפערט איר צעריסן האַרץ. — לויף מיט דייַנע יונגע שוואכע פיסעלעך, ראטעווע זיך, מאָטעלע, דייַן נייַער טאטע יאָגט אונדז ביידן!.."

און זי לויפט ווייַטער, ווייַטער... אפצולאָכעס האָבן זיך די שטילע געסלעך אזוי לאנג אויסגעצויגן, און זי זעט סאָרעלעס שטיבעלע העט ווייַט, ווייַט, און פילט שוין דאָס האַרץ ניט מער אין זיך, די פיס זייַנען שווער געוואָרן ווי בליַי, און דער אָטעם ענדיקט זיך. אָט־אָט, זי פאלט אין כאַלאַשעס.

א שטראָם נייַע קויכעס האָט זיך א גאָס געטאָן אין אלע אירע גלידער, און זי לויפט אָן אָטעם ווייַטער, ווייַטער... נאָך א פּאַר טריט, און אָט איז זי שוין בא סאָרעלעס שטיבעלע. דאָ האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געהאָרכט. זי האָט געהערט, ווי סאָרעלע בעמט האָלץ אין פּירהויז, געוויס דעם אויוון שוין אייַנצוהייצן. זי האָט די קליאמקע פון טיר אָנגענומען, נאָר די טיר האָט זיך ניט געעפנט. לאנגזאם און שטיל האָט זי אָנגעקלאפּט.

— קטאָ טאם? — האָט זיך א קאָל פון אינווייניק אָפּגערופן.

זי וויל זאָגן: „עפנט, סאָרעלע!", אָבער די צונג און גומען זייַנען איר פון לויפן אזוי אויסגעטריקנט געוואָרן, און מיט דער גאנצער אָנשטרענגונג קאָן זי קיין איין־אייַנציק וואָרט ניט ארויסריידן, די הענט ציטערן, נאָר זי האָט נאָך קויעך געהאט און נאָכאמאָל א קלאַפּ געטאָן. סאָרעלע האָט א ביסל די טיר געעפנט, א קוק געטאָן, ווער דאָ קלאפּט. אז זי האָט אָבער א פארוויקלט טויט פּאָנעם פאר זיך דערזען, האָט זי זיך דערשראָקן און געוואָלט די טיר צוריק צומאכן.

— ראטעוועט מיך, סאָרעלע! — האָט ראָכעלע מיט א פארצווייפלונג אויסגעשריגן. און אין דער רעגע איז זי שוין געלעגן אין כאַלאַשעס אין סאָרעלעס אָרעם. סאָרעלע האָט זי מיט וואסער אָפּגעשפּריצט, מיט א ביסל עסיק די שלייפן אייַנגעריבן און געגלעט איר די האנט, וועלכע זי האָט מיט עסיק באגאָסן. ראָכעלע איז צו־זיך געקומען.

— וואָס איז דיר געשען, ראָכעלע? — האָט סאָרעלע מיט אנגסטן אויסגעשריגן. — ווי איז מיר, ווינד איז מיר, א קאלע אין דער נאכט פאר איר כופּע! — זי האָט געמיינט, אז מיט איר האָט עפּעס ניט נאטירלעכס געטראָפן.

— שרעקט אייַך ניט, — האָט ראָכעלע זייער שוואך אויסגערעדט, — באהאלט מיך, סאָרעלע, ראטעוועט מייַן לעבן פון אומגליק! האָט איר ערגעץ א קעלער, א גרוב א פינצטערע, באגראָבט מיך א לעבעדיקע... באַר זאָגט קיינעם ניט, ווו איך בין! שפּעטער וועט איר אלץ וויסן און א ברייַרע האָבן צו טאָן מיט מיר כעסעד צי ניט, נאָר

איצט לאָזט מיך ניט שטאַרבן אפֿן גאַס. צוריק אַהיים וועל איך ניט גיין, און ווײַטער לויפֿן קאָן איך מער ניט!

סאָרעלע האָט מער ניט איבערגעפֿרעגט. זי האָט זי קימאַט אַף זיך אין שטיבעלע אַרײַנגעטראָגן. די לאָדנס זײַנען נאָך צוגעמאַכט געווען, און אין דער פֿינצטער האָט זי ראָכעלען אַף איר בעט אוועקגעלייגט, פֿאַנאַנדערגעשפּיליעט אירע קליידער און ניט אויפֿגעהערט צו רײַבן אירע הענט און צו קושן זי. ראָכעלע איז ווי א פֿאַרשטיינערטע געלעגן. סאָרעלע האָט געוויינט, קוקנדיק ווי דאָס שיינע קינד פּײַניקט זיך און לײַדט גרויסע יסורים. ענדלעך, האָט זיך א קוואַל טרערן געעפֿנט אין ראָכעלעס אויגן און זי האָט שטיל און ביטערלעך געוויינט.

— איצט איז מיר גרינגער, — האָט זי געזאָגט. — פֿון מײַן אייגענער היים און אייגענער מוטער בין איך אַנטלאָפֿן און צו אײַך זיך באַהאַלטן געקומען. נעמט מיך צו, באַהאַלט מיך. ניין, איר ווילט ניט, איך זאָל פֿון בריק אין וואַסער לויפֿן.

— זײַ רויִק, ראָכעלע! איך ווייס, איך ווייס, איך פֿאַרשטיי שוין אַלץ. — האָט סאָרעלע געענטפֿערט. — פֿייגע האָט מיר נאָך לאַנג געזאָגט, אַז עס וועט בא דיר קיין כאַסענע ניט זײַן מיט דעם כאָסן, וועלכן דײַן מאַמע האָט פֿאַר דיר אויסגעקליבן. אין שטעטל האָט מען אויך פֿיל זיך אָנגערעדט. נאָר ליידיקע מײַלער, וואָס דען האָבן זיי צו טאָן, אַז ניט יענעמס דײַגע צו פֿאַרדײַגענען.

— איך האָב אַפֿילע מוירע פֿאַר דײַן מאַמען, און זי וועט זײַן גערעכט, וואָס זי וועט מיר ניט טאָן; אָבער איך בין דיר מער שולדיק, ווי מײַן לעבן! דו האָסט מיר דאָס לעבן דערהאַלטן און ניט איין מאָל מיך און מײַן קינד פֿון נויט געראַטעוועט, פֿאַרוואָס זאָל איך דיר ניט אָפּדינען אין דײַן נויט? נעם זיך גאָר ניט צום האַרצן, אַזוי גיך זאָל איך אויפֿגעריכט ווערן, ווי גיך דו וועסט צוריק גליקלעך זײַן און אין פֿריידן דאָס אַלץ דערציילן!

ראָכעלע האָט געכליפּעט און סאָרעלעס האַנט ניט אַרויסגעלאָזן.

— לאָז מיך, ראָכעלע, — האָט סאָרעלע געבעטן, — איך וועל מײַן מאַמען אויפֿוועקן, מיר וועלן פֿאַר דיר א ביידערל צופּוצן... האָב קיין מוירע ניט פֿאַר מײַן מוטער. זי ווייסט, וויפֿל איך בין דיר שולדיק. ביידע וועלן מיר זײַן דײַנע שאָמרים, ווי לאַנג דו וועסט אונדזער היטן נאָך דאַרפֿן...

איר צו באַרויִקן, האָט סאָרעלע זי אַפֿן בוידעם דערווײַל אַרופֿגעפֿירט. אויפֿגעוועקט די מוטער אירע, איר אַלץ דערציילט, און נאָך איידער די זון איז אַרויס, האָבן די ביידע פֿרויען א הינטער־ביידערל, וווּ זיי האָבן שטענדיק זייערע דײַזשעס און מולטערל געהאַלטן, צוגעקליבן, א ריין בעטעלע צוגעפּוצט און ראָכעלען אין איר זיכער אָרט אַרײַנגעפֿירט. פֿון זיכערקײַט וועגן האָבן זיי די טיר פֿון זייער ביידער, וואָס פֿירט אין דעם צימערל אַרײַן, פֿאַרשטעלט מיט מולטערס און דעם אַרײַנגאַנג צו איר געמאַכט פֿון צווישן אויוון. וווּ זיי האָבן א ברעט פֿון שייד־ווענטל אויפֿגעריסן. אויך די לאָדנס האָבן זיי מיט א ברעט פֿאַרשלאָגן, און ראָכעלע האָט שוין מער די ליכטיקע שײַן ניט געזען.

איטמע דרוקער

אדויני פּאָרעץ

די מילכאָמע־יאָרן, דאָס בלײַבן אליין אָן פּערעצן און אָן שאָלעם־אלייכעמען האָבן שטארק אונטערגעבראָכן מענדעלעס געזונט.

— אוי, ווי זיי פעלן מיר אויס, — האָט דער זיידע זיך געקלאָגט, — זיי פעלן מיר אויס אױף טריט און שריט. געווען א „מזומן", א „טראַיקע", די „טראַיקע" פון דער יידישער ליטעראטור, און איצט בין איך געבליבן אליין און דארף אין טיפן עלטער איבערטראָגן די צאָרעס און אומגליקן פון גלופסק, קאפּצאנסק, קאסרילעווקע, יעהופּעץ, פון די נאלעווקעס און מאַלדאוואנקע, פון טישאָוויץ, זאמאָשטש און כעלם צוזאמענגענומען.

— לאנג אָן דעם זיידן וועלן זיי דאָרט נישט זײַן, — האָט מענדעלע אלץ אָפטער געשמייכלט, — איך קען אים גוט, מײַן פארשײַט אייניקל, ער וועט נישט זיצן מיט קיין פארלייגטע הענט, ער וועט ארבעטן מײַסים און זיך דערשלאָגן צו אים אליין, צום האר פון אלע וועלטן, ער וועט אים בעטן און זיך קלאָגן פאר אים:

— א ראכמאָנעס, נעבעך, אפן זיידן, וואָס וועט ער ארומבלאָנקען איינער אליין איבער דער זינדיקער ערד, שיק אים אן אײַנלאדונגס־בילעט, וועט ער נישט וועלן גיין, איז גלײַך א פּאָוועסטקעלע. פון א פּאָוועסטקע האָט זיך נאָך קיינער נישט אויסגעדרייט.

מיט אים, מיטן אלטן, וועט אונדז זײַן פריילעכער, מיט אים וועלן מיר ווידער האָבן א מעזומען, מיט אים וועלן מיר ווידער ווערן „א טראַיקע". ער האָט שוין גענוג אָפּגעזיידעט דאָרט... ס'איז שוין געקומען די צײַט, אז ער, דער אדויני זיידע־קיניג, זאָל פארשפרייטן זײַן מאלכעס דאָ איבערן אוילעם האָעמעס. עפּעס איז דאָך די וועלט א ביסעלע מער פון יענער, וועלכע מיר האָבן פארלאָזן. יענע ערדישע וועלט איז דאָך נישט מער ווי א קאָרידאָר, ווי א פּאָדערצימער, און די וועלט איז דער פּאלאץ, אבי מ'גייט ארײַן אין אים, גייט מען שוין פון אים קיינמאָל נישט ארויס. און ווידער וועט ער דערווײַזן, און ווידער וועט ער טײַנען, מײַן געטרײַ אייניקל, אז דער גרעסטער סכאר פאר א נאש בראט, פאר א שרײַבער, איז די אייביקײַט, און די אייביקײַט איז דאָ און נישט דאָרטן, דאָרטן זײַנען אוילים וועיאָרדים, ארוף און אראָפּ, געקומען און אוועק, זיך ניט באוויזן ארומקוקן, און דער פאָרהאנג לאָזט זיך אראָפּ, די קאָמעדיע איז געענדיקט.

אויך מיר א וועלט, א וועלט, וואָס איז ניט ענלעך אפילע צום שאָטן פון דער וואנט, צום שאָטן פונעם בוים, נאָר צום שאָטן פונעם פויגל, וואָס פליט אדורך, א פאָכע מיט די פליגלען, געווען און בישטאָ.

שאָלעם־אלייכעמען, — פלעגט דער זיידע אונטערקרעכצן, — דארף מען די צונג ניט פּיקן, און וואָס שײַעך אים, פּערעצן, איז ער דאָך אן אדוואָקאט, ער ווייסט ווו אײַן און ווו אויס, און ער וועט פאר דעם דאן יעכידי דערווײַזן, אז ניט נאָר אלפי יוישער, נאָר אויך „פאָ זאקאָנו" איז שאָלעם־אלייכעם גערעכט און זײַנע פאָדערונגען באדארפן באפרידיקט ווערן. א פארשפּילטער זעקס און זעכציק, איך וועל זיך פון שאָלעם־אלייכעמס און פּערעצעס הענט ניט אויסדרייען, זיי וועלן זיך זייערס דאָביוען און וועלן מיך גאָר אינגיכן אראָפּברענגען צו זיך.

* * *

דער זיידע האָט אלץ אָפטער גענומען קרענקען. זײַנע פיס, וואָס זײַנען ניט מיד געוואָרן שפּאבען איבער דער ערד און האָבן שטענדיק געײַלט, ווי זיי זאָלן מוירע האָבן פארשפּעטיקן עפּעס, האָבן זייערע גרויסע ברייטע טריט פארביטן אױף די שאבעסדיקע קליינע נאָך־קוגל־טריט...

דער זיידע האָט אופגעהערט ווײַזן זײַנע בעריעשאפטן און קונדייסישע קונצן אינעם שווארצן יאם, אין זײַן באַליבטן „טינטערל". ער האָט אופגעהערט ווײַזן, וואָס אזוינס איז קלאפטער לייגן, וואָס אזוינס איז ליגן אפן רוקן, ווי באַם טאטן אין ווײַנגאָרטן, וואָס אזוינס איז ווערן און ניט ווערן, זײַן און ניט זײַן, אראָפּ אין דער טיף און גלײַך באַקרוינען דעם יאם מיט זײַן ווײַסן קאָפּ און ווידער אין דער טיף, און ווידער ערגעץ העט־ווײַט אופהעלן מיט זײַנע לויכטנדיקע זילבערהאָר.

דער ווידערשפּעניקער זיידע, וואָס האָט יאָרנלאנג געבראוועוירט מיט זײַן געזונט און געשפּאסט, אז דאָס הארץ איז נישט מער ווי א מאָשל, ווי אן אויסטראכטעניש פון די דאָקטוירים, האָט באַל קאָרכוי געמוזט אנערקענען, אז ס'איז טאַקע דאַ א הארץ אף דער וועלט, אז דאָס הארץ איז טאַקע באַשאפן געוואָרן פון ששעס יעמיי בערײשיס און געפינט זיך גראָדע ניט אין דער רעכטער זײַט, נאָר אין דער לינקער.

מענדעלע אף א שפּאציר אין פּאָדבראָדזע, 1909

באַל קאָרכוי האָט מענדעלע געמוזט אנערקענען, אז פּונקט ווי דער לייב איז דער מיילעך פון די כײַעס, דער אָדלער דער מיילעך פון די פייגל, אזוי איז דאָס הארץ דער מיילעך פון די איווורים. פונעם קלענסטן ביזן גרעסטן איווער זײַנען אלע פון אים אָפּהענגיק, זײַנען אלע אים געהאָרכזאם. גיט דאָס הארץ זיך א שטויס, ציטערן אוף אלע איווורים, גלײַך ווי עס זאָל זיך קלײַבן מאכן א וואַיִזוראָך, און שטעלט עס זיך אָפּ א ווײַלע אָפּ, באשלאָגט א קאלטער שווייס און דאָס בלוט ווערט פארגליווערט.

מענדעלעס מויעך, וואָס האָט געטראכט וועגן אלץ אין דער וועלט, איז געצוווּנגען געווען איצט א טראכט טאָן וועגן זיך אליין. און וואָס מער ער האָט געטראכט, אלץ מער אומצופרידן איז ער געווען מיט דער אומזיכערקײַט פונעם מויעך — דעם באַל מאכשאָוועס, דענקער און סייפער האַזיכרוינעס פונעם מענטשן.

א לעבן האָט דער זיידע ניט אופגעהערט ניספּאָעל ווערן פונעם שארפן מויעך, און איצט האָט ער אים אלץ אָפטער און אָפטער גענומען באריידן:

— א פּאָטעפּאלנעס פון א מויעך, זײַן אָנגעפּיקעוועט מיט פּרוזשינקעס, ווי א מילגרוים מיט קערנדלעך, און דערבײַ האָט די שליטע אפן מענטשנס לעבן ניט דער גאנצער קנויל פּרוזשינקעלעך נאָר יעדער פּרוזשינקעלע באזונדער. אף יעדער פּרוזשינקעלע הענגט דאָס לעבן ווי אף א האָר.

דער אויצער פון דאָר־דוירעסדיקע געדאנקען, וואָס איז שטענדיק אָפן פאר אלץ נײַע און נײַע, דער כאָכעם און באַל־זיקאָרן, וואָס געדענקט דעם נעכטן און שטעלט זיך פאָר און זעט דעם מאָרגן ווי הײַנט, פאלט, ווי דער ריז גאָליַאס האפּלישטי פון דאָווידס קליין שטיינדל. פלאצט עפּעס א געפעסל, א נישטיקײַט, א פארזעעניש, א גאָרניט שעבעגאָרניט — און אלץ פלאצט, אויס לעבן, אויס מענטש, אויס טרוימען, אויס דענקען און פארלאנגען, אויס מעשאָלים, אויס מײַסעס, אויס מענדעלע...

קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש פּוריץ, דער הויפּט־דאָקטער פֿון ייִדישן שפּיטאָל, וועמען דער זיידע האָט ניט אַנדערש גערופֿן ווי אַדוינֿי פּאָרעץ, האָט געטאָן אַלץ אױף אַרויספֿירן דעם זיידן פֿון דעם איצטיקן צושטאַנד.

ער האָט דערווידערט די דאָקטוירים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף אַריבערפֿירן דעם זיידן אין שפּיטאָל.

— ניין, דער שפּיטאָל וועט שלעכט ווירקן אױפֿן זיידן, ער טאָר ניט זײַן צווישן קראַנקע, ער מוז זײַן צווישן געזונטע.

צווישן געזונטע וועט לײַכטער זײַן אומקערן דעם זיידן אין דער וועלט פֿון דײַגעס. דײַגעס — דאָס איז איצט די איינציקע רפֿואה, וואָס קאָן ראַטעווען דעם זיידן. וואָס מער דײַגעס, אַלץ ווייניקער און קלענער וועט ווערן בײַ אים די איין־און־איינציקע דײַגע וועגן זײַן געזונט־צושטאַנד. וואָס מער מ׳וועט אינעם זיידן וועקן דעם שרײַבער, אַלץ שטאַרקער וועט אין אים אײַנדרעמלען דער כּוילע.

קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש האָט באַפֿוילן, אַז דעם זיידנס טעג זאָלן ווי שטענדיק זײַן אָפּן פֿאַר באַזוכער.

נישטאָ אַזאַ שרײַבער, ער זאָל זיך אין זײַן שרײַבן אינגאַנצן אויסשרײַבן, און דעריבער טאַקע זײַנען שרײַבער אַזוי באַריידעוודיק, בײַ דער ערשטער באַגעגעניש מיטן ערשטן מענטשן, בײַ דער מינדסטער מעגלעכקײַט האַלטן די שרײַבער אין איין דערציילן און דערציילן דאָס, וואָס זיי האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויסלאָדן בײַם שרײַבן.

נישט שרײַבן און נישט ריידן וועט דער זיידע ניט אויסהאַלטן, גיט אים אַלע מעגלעכקײַטן זיך אויסרעדן.

קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש פֿלעגט עטלעכע מאָל אין מעסלעס באַזוכן דעם זיידן. ער גייט פֿון אים אַוועק שפּעט בײַנאַכט, און פֿאַרטאָג איז ער שוין ווידער דאָ. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער איז דאָ אויך געווען די נאַכט, אַז בײַם טאָגן דאַרף ער כאַפּן דעם ערשטן קוק אױפֿן זיידן און דעם ערשטן גוט־מאָרגן אים אונטערטראָגן.

— אַ גוט־מאָרגן, זיידע! — פֿלעגט פּוריץ אײַנהאַלטן זײַן הילכיקע שטים, אַז דער זיידע זאָל ניט פֿילן ווי אָפּגעשוואַכט ער איז, אױף וויפֿל טענער איז זײַן שטים אַראָפּ און וויפֿל קלאַנגען ס׳האָט פֿאַרלוירן יעדער פֿאַרבליבענער טאָן.

— ס׳רעדט זיך אַזוי גוט־מאָרגן, — פֿלעגט דער זיידע אַ פּרוּוו טאָן ווי האַלט עס מיט זײַן שטים, מיט איינער פֿון די שענסטע גאָבן, מיט איינער פֿון די שענסטע מתּנות, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן דעם מענטשן. — איך בין אױף געווען די נאַכט און נישט צוגעמאַכט קיין אויג. איך ווייס נישט, וויאַזוי איז אַלפּי דאָקטאָריע, נאָר אַלפּי שרײַבערײַ איז אונדז באַוווּסט, אַז אַ שלעכטער טאָג האָט קיינמאָל נישט קיין גוטע נאַכט, און אַ שלעכטע נאַכט האָט קיינמאָל נישט קיין גוטן טאָג.

— בײַ אײַך, שרײַבער, איז עפּשער אַזוי, און בײַ אונדז, מעדיקער, איז עפּעס אַנדערש, — גיט קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש אַ גלעט זײַנע געדיכטע וואָנצעס און גרוי־אַשיק בערדל.

אױף קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטשעס גלעט ענטפֿערט דער זיידע מיט אַ פֿאַרקאַטשע אַרויף זײַן גרוי־ווײַס בערדל, עס זאָל זײַן שפּיציקער, בײַסיקער.

און איידער די בערדלעך באַווײַזן זיך צו פֿאַרמעסטן, פֿאַרטשעפּען זיך זייערע בליקן, קוקן אַרײַן איינער אינעם צווייטן אין דער טיף אױף דערגיין, ווער פֿון זיי וועט מער דעם גאַנג פֿון דער פֿאַרבאָרגענער, נישט אַרויסגעבראַכטער מחשבֿה אין מענטשלעכן מויעך, פֿילט מער דעם ציטער פֿון דער נשמה און דאָס קלאַפּן פֿונעם האַרץ.

דאָס פֿאַרמעסטן און פֿאַרהערן זיך האָט מענדעלע דורכגעמאַכט נישט בלויז מיט קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטשן, נאָר אויך מיטן באַוווּסטן כירורג יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש זילבערבערג, וועמענס פֿאַמיליע דער זיידע האָט פֿאַרביטן אױף גאָלדנבערג, ווײַל גאָלד איז גאָלד, און זילבער איז זילבער. דער זילבערבערג־גאָלדנבערג, וועמען מ׳האָט אין אָדעס געהאַלטן פֿאַרן צווייטן פּאָפּולערסטן מענטשן נאָך מענדעלען און וועגן וועמען מ׳האָט אױף דער מאָלדאַוואַנקע לידער געשאַפֿן, פֿלעגט איצט, ווען דער זיידע איז קראַנק געוואָרן, קומען אַלע טאָג זוכן דעם דויפּעק אין זיידנס פּיס. ער פֿלעגט לאָזן אין גאַנג אַלע זײַנע פֿינגער נאָכן אַנטלאָפֿענעם דויפּעק און אָנשטרענגען זײַן געהער.

— אַן אומזיסטיקע טירחה, — גיט מענדעלע אַ מאַך מיט דער האַנט אױף זײַנע פּיס, — אַן אומזיסטיקע טירחה, יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש, איך בין איצט, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, געגליכן צו איינעם פֿון יענע אָפּגעטער, וואָס האָבן אַלץ, און אַלץ טויג בײַ זיי אױף קאַפּאָרעס. ווי שטייט דאָרט געשריבן: רגלים להם ולא יהלכון, זיי האָבן פּיס און קאָנען נישט גיין מיט זיי.

— רעדט נישט אַזוי, — פֿאַרבײַסט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש זײַנע ליפּן און פֿאַרקרימט זײַן פּאָנעם, גלײַך ווי ער, וואָס האָט אַזויפֿיל מאָל אין זײַן לעבן אָפּערירט, געשניטן, האָט זיך פּלוצעם דערפֿילט, ווי מ׳זאָל מיט אַ מעסער דורכגיין איבער זײַן לײַב. — דער קאָפּ וועט אײַך ווערן לויטערער, דאָס האַרץ וועט זיך באַרויִקן, וועט דער דויפּעק אָנקלאַפּן, זיך לייגן צו אײַערע פּיס און זיך בעטן

ראכמים בא זיי — לאָזט מיך אַריַין, פון הײַנט אָן און װײַטער װעל איך שטענדיק זײַן מיט אײַך און אין אײַך.

מענדעלען גלײבט זיך נישט, אז דער דויפעק, װאָס איז באַגאַנגען אַזאַ אוולע, זאָל מיטאַמאָל װערן אַ באַלטשוװע, זיך אומקערן, צוריק אַרײַן אין זײַנע פּיס און דאָרט זיך קלאַפּן אַלכעט. ער רײַסט איבער דעם געשפּרעך װעגן דויפעק און קערט זיך אום צו זײַן באַליבטער טעמע װעגן די צווייערלײ מינים כירורגיע — װעגן דער כירורגיע פון דער פּען און װעגן דער כירורגיע פונעם מעסער.

— איר, יאַקאָװ װלאַדימיראָװיטש, פאַרמאָגט זיך אײַער קלאָפּערגעצײַג, און איך פאַרמאָג זיך מײַנעם. איר שנײַדט, און איך שנײַד. דער אונטערשייד איז נאָר דאָס, װאָס איר באַדאַרפט, אז דער געשווירע זאָל זיך זעצן, אז די מאַקע זאָל זײַן אַ מאַקע, מ׳זאָל זי קאָנען אָנטאַפּן, און מײַן שטײַגער איז — צום אַלעם ערשטן אַרויסשטעלן פאַרבאָרגענע מאַקעס, אַ פּיק טאָן, טרעפן אין קאַרב, עס זאָל אויסרינען דער אײַטער.

מענדעלע האָט צוליב געטאָן זײַן אַדוני פּאַרעץ, דעם הויפּט־דאָקטער פונעם יידישן שפּיטאָל און זיך געלאָזט דערלערנען פון די פאַרשיידענע דאָקטוירים, װעלכע ער האָט אַף אים טאָגטעגלעך אָנגעשיקט.

— װויבאַלד דער אַדוני פּאַרעץ איז גויזער, איז װער קאָן אים זאָגן — װאָס טוסטו עס? װאָס האָסטו צום ויידן? פאַרװאָס לאָזטו אים נישט רויק קרענקען? אַלע אַדונים און אַלע פּריצים זײַנען אַזוי, זיי האַלטן, אז די נעשאָמע איז זײערע און דער גוף איז זײערער, אַלץ איז זײערס...

אַ קאָנסיליום נאָך אַ קאָנסיליום, און דער זיידע האָט געצאָלט מיט מידע קענעגעד מידע — זיי, די דאָקטוירים, לערנען אים, און ער, דער זיידע, האָט גענומען דערלערנען די דאָקטוירים. ער איז קײנמאָל נישט געװען קײן ליידיקגײער און װיל איצט נישט זײַן קײן ליידיקגײער. מיטן סייפער האַקאַפּצאָנים איז געענדיקט, װעט ער אָנהייבן איצט אַ נײַעם סייפער, דעם סייפער האַדאָקטאָריע.

דער זיידע האָט געזאַמלט שטריכן, דעטאַלן, פאַרגעדענקט גרימאַסן, טנועס, דעם פאַרשיידענעם געקלאַפּ פון פינגער באַם אויסהערן דאָס האַרץ און די לונגען, די פאַרשיידענע אויסשפּראַכן און קלאַנגען פון לאַטײַנישע פּסוקים און לאַטײַנישע טערמינען.

מיט אַן אָנפאַל און אײַנפאַל, מיט אַן אַפּצולאָכעסל האָט דער זיידע װי געזונטערהייט געהאַלטן אויך איצט אין אופדעקן און אַנטבלויזן די כאַראַקטערן פון די פאַרשיידענע דאָקטוירים. דער גרעס־טער קאַרדיאָלאָג אין אָדעס, דער באַװוסטער לאַזאַר באַריסאָװיטש בוכשטאַב, װעגן װעמען מ׳פלעגט זאָגן, אַז ס׳איז גענוג, ער זאָל אַ קוק טאָן אין די אויגן פון כוילע און דערזען דאָס האַרץ װי דורך צוויי שפּיגלען, האָט גערעדט מיטן זיידן בלויז אַף רוסיש, גלײַך װי יידיש װאָלט נאָך נישט געבוירן געװאָרן, און מענדעלע װאָלט אַף דער װעלט נישט געװען. דעם זיידן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן און אַפּצולאָכעס האָט ער גערעדט מיט בוכשטאַבן בלויז אַף יידיש און פלעגט אים פאַרשיטן מיט געמאַרעס און מעדראַשים, מיט פּסוקים און גלײַכװערטלעך.

און אַז דער דאָקטער אַדעסמאַן פלעגט נעמען אַרויסװײַזן זײַן לאַמדעס, סאַראַ באָקי ער איז אין די שװאַרצע פּינטעלעך, פלעגט דער זיידע זיך מאַכן פאַר אַ קעלוי יאַדע און מיט אים קײן אײן װאָרט יידיש נישט אויסרעדן.

* * *

אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט דער זיידע געהאַט אין דער אָנװעזנהייט פון דאָקטוירים צונישט מאַכן זײער דאָקטאָריע.

ער זידלט און זידלט, און פּלוצלינג פאַלט די האַנט זײַנע אַף דער ברוסט, װי ער זאָל זיך שלאָגן אַלכעט פאַר זײַן אַפּיקאָרסעס. זײַנע בליקן טוען טשוװע, בעטן מעכילע און קוקן אַף דער דאָקטאָריע װי אַף דעם אײן־און־אײנציקן מעגלעכן נעס.

פון דעם זיידנס ליפּן רײַסט זיך אַרויס אַן „אוי”... די גילגולים דרייען זיך אין קאָפּ און דאָס האַרץ האָט װי אַ גאַזלען אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן גאַרגל.

די דאָקטוירים צעטײלן זיך מיטן זיידנס גוף: אײנער מאַכט אַן אײַנשפּריצונג, אַ צװייטער הערט אויס דאָס האַרץ, אַ דריטער האַלט דעם דויפעק, אַ פערטער באַטאַפּט די פּיס און דער פינפטער, פאַר װעמען ס׳איז שוין גאָרנישט געבליבן װאָס צו טאָן, פאַכעט מיט אַ צײַטונג דעם זיידן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, ס׳זאָל אים זײַן גרינגער צו אָטעמען. די אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן. דעם זיידן איז גרינגער. זײַן בלאַס פּאָנעם רויטלט זיך פון פרייד, גלײַך װי די שײַן פון באַגינען, פון זון־אויפגאַנג זאָל אים קומען מעװאַקער כוילע זײַן.

אין מויער נעמען זיך פּלאָנטערן נאָך נישט קײן דערצײלטע מײַסעס און געשיכטעס, זיי לאָזן נישט צורו, זיי בעטן זיך — דערצײל אונדז, זיידע! דערצײל אונדז, זאָל מען װיסן װעגן אונדז.

ווּעסטו פאַרזאַמען, קאָנען מיר כאַסוועכאָלילע אַף דער וועלט נישט קומען, איז פאַרוואָס זאָל די וועלט זײַן אָרעמער, ווען זי קאָן ווערן רײַכער.

דער זיידע איז גוטמוטיק געשטימט, זײַנע ליפּן זײַנען באַגאָסן מיט א גליקלעכן שמייכל, זײַנע אויגן קאָנען זיך נישט אָנקוקן, גלײַך ווי אַלץ, וואָס זיי זעען דאָ אין צימער, זעען זיי צום ערשטן מאָל, און זײַן פּאָנעם זעט אויס ווי באַם גוימל־בענטשן. עפּעס א קליינקײַט, אים דערוואַרט דער גרעסטער פאַרגעניגן אין דער וועלט! דער פאַרגעניגן פון דערציילן א נײַע מײַסע...

דער זיידע גלייבט גאָרניט, אַז נאָרוואָס האָט ער זיך געפילט הילפלאָז און זיך געבעטן ראַכמים מיט זײַנע בליקן, מ׳זאָל אים ראַטעווען.

פאַראַט די הילפלאָזיקײַט פון זיך בעטן און אָנקומען צו די דאָקטוירים זעצט פאַר דער זיידע זיך נויקעם זײַן אין דער דאָקטאָריע.

ס׳איז אַן אײַנרעדעניש! און אַן אײַנרעדעניש איז ערגער פון א קרענק. און ווער איז שולדיק אין דער אײַנרעדעניש, זיי, די אײַנרעדער, די דאָקטוירים, די שעליכים פונעם מאַלכאַמאָוועס. די דאָקטוירים, וואָס זיצן באַם זיידנס בעט, באַם זיידנס טיש, שמייכלען. זיי זײַנען צופרידן. זאָל ער זידלען די דאָקטאָריע, אבי ער זאָל לעבן, אבי ער זאָל רעדן, אבי ער זאָל וועלן זײַן זיקאָרן. סאַרא גרויס פאַרמעגן זײַן זיקאָרן פאַרמאָגט נאָך. און דער זיידע שעפּט אַלץ און שעפּט אַלץ.

...כשגנז וחזקיהו ספר הרפואות הודיו לו חכמים — ווען דער קייסער כעזקיאָהו האָט פאַרווערט און באַהאַלטן דעם כײַפער הארעפוּעס, האָבן אים די כאַכאָמים אָפּגעגעבן דעם געהערכט און געדאַנקט דערפאַר.

וועלן נישט זײַן רעפוּעס, וועלן נישט זײַן קיין מאַקעס, וועלן נישט זײַן קיין דאָקטוירים, וועלן נישט זײַן קיין כאַלאָים.

איר הערט, אונדזערע כאַכאָמים זײַנען טאַקע געווען כאַכאָמים, זיי האָבן אונדז אָנגעזאָגט: אוקר לאסיך עד דלא תצרך ליה — האַלט טײַער דעם דאָקטער ביז דו באַדאַרפסט נישט אָנקומען צו אים. און ריכטיק, מיט א דאָקטער איז גוט האָבן צו טאָן ביז דער קרענק, ווײַל דאַן מיינט מען נאָך, אַז ער ווייסט עפּעס.

און ווידער ווערט דעם זיידן שאָפל, און ווידער גיט ער זיך א כאַפּ מיט ביידע הענט פאַרן בעט, ווי ס׳זאָל אים טראָגן ערגעץ אין א טיפן אָפּגרונט אַראָפּ. און ווידער בעטן זיך זײַנע בליקן ראַכמים, און ווידער א ביטערער שמייכעלע: יקומו נא הנערים וישחקו לפנינו — ווײַזט, כעוורע, וואָס איר קאָנט!

מפפו... מפפו... — ווישט דער זיידע אָפּ דעם שווייס פון זײַן הויכן שטערן, ווי באַם צענטן מאָל פאַרמעקן א זײַטל פון א דערציילונג און אַן עלפטן און צוועלפטן מאָל... ווי בא א טאָג אָפּהאָרעווען אומזיסט און אומנישט, אָן איין וואָרט, וואָס זאָל אַף עפּעס טויגן. מפפו! מפפו... אַט פונקט ווי ער, דער שרײַבער, האָט זיך געפילט געפאַלן, ווען ער האָט נישט געקאָנט אויסגעפינען דאָס נייטיקע וואָרט, אָוועקשטעלן די אַנטשפּרעכיקע שורע אַף איר אָרט, אַט אזוי פילט ער זיך דער בען אָדאָם נאָך דעם ווי דער מאַלכאַמאָוועס האָט זיך מיט אים א שפּיל געטאָן.

— ווײַזט אויס, — העלפט א ביטערער שמייכל אין די ווינקלען פון זיידנס מויל אים קומען צום וואָרט, — ווײַזט אויס, אַז דאַן, ווען גאָט האָט פאַרשאַלטן דעם מענטשן, אַז מיטן שווייס פון זײַן פּאָנעם זאָל ער עסן זײַן ברויט, האָט ער מיט דער זעלבער קלאָלע אים פאַרשאָלטן אויך דאַן, ווען ער וועט שוין נישט קאָנען אַקערן, זייען און שנײַדן... בזעת אפיך — מיט דעם שווייס פון דײַן פּאָנעם זאָלסטו קרענקען!..

א בלאָנדזשענדיק פײַערל ווײַזט זיך אין דעם זיידנס קליינע שוואַרצע אויגן, ער גורט אָן די לענדן, נעמט זיך אָן מיט די לעצטע קויכעס און קערט זיך ווידער אום צום סייפער האַדאָקטאָריע. ער זוכט א לעוווּש פאַר די פאַרשיידענע צושטאַנדן פונעם כוילע.

...אַז ס׳איז שווער, איז דאָך אוודאי שווער, און אַז עס איז גרינג, איז אויך נישט גרינג. אַט וואַלגערט זיך ארוף אַף מײַן גראָוון שוואַכן קאָפּ אַזאַ מײַסע, וואָס דער גרעסטער טרעגער וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן אַף זײַנע פּלייצעס, עס דריקט אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ אין די מאַאַמאַקום אַרײַן, א רעגע און איך בין אין דער שעויל טאַכטיע.

פאַלט אָן א שרעק אַף אונדז ביידן, אַף מיר און אַפן מאַלכאַמאָוועס, ווײַל, ווי עס ווײַזט אויס, האָט ער, דער מאַלכאַמאָוועס, אַן אָנווײַזונג פון אויבן זיך באַגיין מיט מיר ווי מיט א יאָוון — די פאַס צעברעכן, און דער זײַן זאָל בלײַבן גאַנץ...

אויס דריקעניש, הייבט מיך אָבער דערפאַר ווי אַף דרוקעס, מײַן קאָפּ, וואָס איז נאָרוואָס באַפרײַט געוואָרן פון די שווערע מײַסעס, הייבט אָן מאַכן פאַרשיידענע ווילדע סאַלטאָ־מאָרטאַלע־קונצן. די קישנס צעפּאָכען זיך מיט די פעדערן, ווי מיט פליגלען, איך פלי, די שטוב פליט, מײַן בעט פליט, די דאָקטוירים פליען מיר נאָך, דער הימל פאַלט אַף דער ערד, און די ערד בושעוועט, ווי א שטורעמדיקער יאַם. א ראַש, א טומל, א געפּילדער, גלײַך ווי נישט איך האַקאָטן מענדעלע קומט

אום, נאָר די גאַנצע וועלט גייט צום גרונט. ווי אין טילים שטייט געשריבן: „ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו — עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטן, עס ציטערן פֿון בערג די גרונטן — קראַך־קראַך, אָט וואָליען זיי זיך אײַן". וואָס מער קפּיצעס הימל, אַלץ מלאָסנער ווערט מיר. דאָס האַרץ וואָרפֿט זיך, ווי דער צווילינג אין דער מוטער ריווקעס בויך, עס ווערט מיר פֿינצטער אין די אויגן, די פּיס — צוויי שטיקער אײַז, און אין פּלייצע, ווי מ'זאָל אָנשיטן א פֿולן שליטן מיט שניי. פֿון דער קעלט קלאַפּט מיר א צאָן אין א צאָן, איך ווער פֿאַרפֿרוירן.

א שטעכעניש אין די זײַטן, א ברעכעניש אין די ביינער, א קלעמעניש, אַן אָפּנעמעניש, איך קאָן מיט קיין אייוער נישט רירן.

איז דוכט זיך דייאַנו! דייאַנו, וואָס דער גוף קומט אזוי אָפּ, נודזשעט נאָך א נעשאָמע. זי, די נעשאָמע, וועט אין אזא גוף אַף קיין מינוט לענגער זיך נישט פֿאַרהאַלטן. אויס גוף, אויס נעשאָמע, אויס מענדעלע!

דער זיידע אָטעמט אָפּ שווער, נאָר קיינער פֿון די דאָקטוירים וואַגט נישט זאָגן — גענוג! איר טאָרט מער נישט, איר דאַרפֿט ליגן רויִק און שווײַגן. יעדער איינער האָט מוירע פֿאַר א פּסאַק, פֿאַר א מיִעס אָפּשנײַדן, פֿאַרן זיידנס א שאַרף וואָרט, און דער זיידע זעצט פֿאָרן אומגעשטערט זײַנע באַאָבאַכטונגען פֿאַר די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען פֿון זײַן קומענדיקן סייפֿער האַדאָקטאָריע.

פֿון דער אייגענער דערפֿאַרונג, פֿון זיך אַליין און דורך זיך אַליין זע איך, אז א קרענק האָט פּײַנט זײַן אַליין, האָט פּײַנט פֿראַוועץ יעכידעס, זי איז ווי אַן אווײַרע — איין קרענק שלעפּט נאָך זיך די צווייטע. פֿאַלט די אַקס, פֿאַלן די רעדער. ווי זאָגט מען עס, אַרום א פּרישטש זײַנען פּרישטשעלעך, אַרום א צאָרע — צאָרעלעך, יעדער געשוויר מיט זײַן קאַליר און אַלע צוזאַמען דערגייען זיי די יאָרן.

און אָפּטמאָל טרעפֿט, אז דאָס קליין געשווירל איז ערגער פֿונעם געשוויר דעם גיבער, ער איז דער טראַפֿן, וואָס פֿון זײַן טריף גיסט זיך דער בעכער איבער.

צווישן די אייוורים הערשט א גוואַלדיקער יאַד־אַכאַס, האַלעוויַ וואָלט אזא יאַד־אַכאַס געווען צווישן מענטשן.

הערט א מײַסע, עס טוט וויי א צאָן, און דער קאָפּ ווערט דיר אופֿגעריסן, עס שיסט אין די אויערן און עס וואָרפֿט מיט דיר ווי א קאַדאָכעס.

די פּיס דערפֿילן, אז דער קאָפּ איז נישט מיט אַלעמען, אז דאָס האַרץ קוקט אָפּן גוף ווי אַף א דירע, וואָס אָט פֿאַרלאָזט ער עס, איז אויס גיין און אויס שטיין. און ווי די פּיס, אזוי זײַנען די הענט, און ווי די הענט, אזוי זײַנען די אויגן, און ווי די גובערניעס פֿון אויסן, אזוי זײַנען די גובערניעס פֿון אינווייניק, מערידע, אופֿשטאַנד, בונט. קיין שום אויסוועג, כאָטש לייג זיך לעבעדיקערהייט און שטאַרב.

* * *

פֿאַרן קומענדיקן סייפֿער איז שטאַרק וויכטיק די געשיכטע פֿון דאָקטאָריע בא ייִדן. דער זיידע הייבט אָן פֿון ברייִשיס. די דאָקטוירים הערן אים אופֿמערקזאַם ווי סטודענטן הערן אויס די לעקציע פֿון זייער קראַנקן פּראָפֿעסאָר, וואָס איז געצווונגען פֿאַרבײַטן די קאַטעדרע אַף זײַן בעט.

...ווען ייִדן זײַנען געווען א געזונט פֿאָלק, — רעדט דער זיידע לאַנגזאַם, ציט און שפּינט פֿעדעמער פֿון זײַן זיקאָרן, — זײַנען זיי זיך באַגאַנגען אָן דאָקטוירים. צוליב וואָס דאָקטוירים, אז ס'איז דאָ א גאָט אַף דער וועלט, ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן: אני אדוני רופאיך — איך, גאָט, בין דײַן דאָקטער. נאָר אַף וויפֿל גאָט האָט אויסער דאָקטאָריע געהאַט א סאַך אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן, האָט ער אָפּגעשטעלט פֿאַר זיך בלויז טעראַפּיִע — פֿאָרט א בעריע אַף די אינגעווייד.

מאַקעס, געשווירן, טשעסאָטקעס, זודן און קאַלערליי מינים אַנדערע בײַסעניש האָט ער איבערגעלאָזט פֿאַר די קויהאַנים. אויך די כירורגיִע האָט ער איבערגעגעבן אין זייערע הענט. טאָגטעגלעך האָבן די קויהאַנים עקספּערימענטירט איבער בעהיימעס, שעפּסן, קעלבער און ציגן, געשניטן אַף שטיקער. דאָס, וואָס ס'טויג אָפּן פײַער, האָבן זיי פֿאַרברענט, און ווי נאָר א געשמאַק פֿעט שטיקל פֿלייש, זיך גענומען.

דעם זיידנס בלאַס פּאָנעם ווערט פֿול מיט שמייכלענדיקע קנייטשעלעך, עס לאַכט, דאַכט זיך, אין אים יעדער אייוועך.

שטיל. די לעקציע ווערט פֿאָרגעזעצט.

...ווען אסא, דער קייסער פֿון יעהודע, האָט זיך געווענדט צו דאָקטוירים, זיי זאָלן אים אונטערטרײַבן זײַנע פּיס, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין און זײַנען געגליכן געווען צו א פּאָר פֿוילע פֿערד פֿאַרן אופֿגיין בארג אַרויף, האָט מען אים אופֿגעוואָרפֿן, אז ער איז באַגאַנגען א גרויסע זינד מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געווענדט צו די דאָקטוירים און פֿאַרגעסן, אז עס איז דאָ א גאָט אַף דער וועלט.

און ערשט דאַן, ווען מ'האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז דאָס היילן פון די קויהאָנים איז, לעהאַווידל, ווי דאָס היילן פונעם טעראַפּעווט איבער אַלע טעראַפּעווטן, איז געקומען ראַבי יישמאָעל און האָט אויסגעטײַטשט דעם רופא, אַז די וועלט איז גרויס און אויב גאָט וועט זיך פאַרנעמען מיט יעדן כוילע, קאָן די וועלט כאַסוועכאַלילע כאָרעוו ווערן. און דעריבער האָט דער אַלמעכטיקער אַראָפּגע־נומען פון זיך אויך די אַכרײַעס פון טעראַפּיִע און עס איבערגעגעבן אין די הענט פון זײַנע שעליכים די דאָקטוירים, נאָר ראַבי יישמאָעלס העטער איז די מעלאָכע פון רעפוע געוואָרן די מעלאָכע פון זייער אַ סאַך יִדישע געלערנטע און דענקער.

דער זיידע פאַרהאַלט זיך לעגגער באַם ראַמבאַם...

אינמיטן די רייד וועגן ראַמבאַם קומט אָן קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש פּוריץ.

די שײַן פון ניצאָכן פינקלט אַרויס פון פּוריצעס אויגן, באַלײַכט זײַן פּאָנעם, ער האָט ריכטיק געשטעלט דעם דיִאַגנאָז, ער האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אַז מ'דאַרף פאַרבײַטן דעם זיידנס איין־און־איינ־ציקע דײַגע וועגן זײַן קרענק אַף אַ סאַך דײַגעס, אַף אַ סאַך אינטערעסן, מ'דאַרף וועקן אין אים דעם שרײַבער. דער שרײַבער איז דער וויכטיקסטער דאָקטער, נאָר ער, דער שרײַבער, קאָן איצט ראַטעווען דעם מענטשן, וואָס איז טײַער און אַזוי וויכטיק פאַר זײַן פאָלק. ניין, מענדעלע שטאַרבט נישט, ער לעבט אויס דאָס לעבן זײַנס ביזן לעצטן טראָפּן...

דער זיידע פאַרפלאָנטערט זיך אין אַ דאַטע. קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש העלפט אים גלײַך זיך אויספּלאָנטערן און בעט אים פאַרזעצן. — דערציילט, זיידע! דערציילט!

— אַדויני פּאָרעץ, איך דערצייל נישט, איך זאָג. יעדער עכטער שרײַבער באַדאַרף האָבן וואָס צו זאָגן און נישט נאָר וואָס צו דערציילן. זאָגן איז מער ווי דערציילן.

— ריכטיק! ריכטיק! — איז מאַסקים קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש.

— ווײַבאַלד אַזוי, איז זאָגט מיר, דערציילט נישט, נאָר זאָגט מיר, וואָס הערט זיך עפּעס אַף דער וועלט? ווי האַלט עס מיט דער מילכאָמע?

— עס האַלט באַם סאָף. דאָס פאָלק וויל מער נישט מילכאָמע האַלטן. רעב ניקאָלײַקעס בייס־האַקאָוועד כקריפּעט שטאַרק אונטער, אָטאָט — און ער פאַלט אײַן.

— אוי, ווי דערלעבט מען עס! — לעבט אוף דער זיידע, און די פאַרשוווּנדענע, ראָזלעכע פאַרב ווײַזט זיך ווידער אַף זײַן פּאָנעם. — איך האָב שוין איבערגעלעבט נישט איין קייסער, נישט איין צײַט, נישט איין עפּאָכע קאָן מען זאָגן.

ווי דערלעבט מען עס, אַדויני פּאָרעץ, די צײַט פון אויס קייסער, פון אויס אַדויני און פון אויס פּאָרעץ...

— איר וועט דערלעבן! — דריקט קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש מענדעלעס האַנט, ווי ער זאָל אים געבן אַ טקיִעס קאָה, אַז זײַן צוזאָג וועט אויסגעפּילט ווערן. — איר וועט דערלעבן!

זאַלמען ליבינזאָן

מענדעלעס שפּעריִשער וועג

פונעם קליינעם מענטשעלע צו דער באַנדע שטאָט-באַלטיוועס

איראָניע און סאַטירע

שאָלעם-יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז באַוווּסט מיטן קלינגענדיקן נאָמען מענדעלע מוכער-ספרים, האָט דורכגעלעבט אַ גרויס לעבן, בײַס וועלכן ס'זײַנען פֿאָרגעקומען אַלוועלטלעך-היסטאָרישע געשעענישן. באַוויזן האָט ער זיך אויף דער וועלט אין צען יאָר אַרום נאָכן אופשטאַנד פון די דעקאַבריסטן און געשטאָרבן אינגיכן נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין זײַטיקער באַאָבאַכטער, שטענדיק זיך ניט נאָר, אַזוי אָדער אַנדערש, אָפּגערופן אויף דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אַרום אים אין לאַנד און אָפּט אין דער וועלט, נאָר אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די אידיישע שלאַכטן, וועלכע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אין יענע צײַטן. פֿאַרשטייט זיך, אים האָט אין דער ערשטער ריי אינטערעסירט, וויאַזוי די געשעענישן האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם קיום פונעם ייִדישן פאָלק, אָבער ער האָט זיך אָפּן אַרויסגעזאָגט אויך וועגן די אַלגעמיינע פּראָבלעמען. צום באַדויערן, זײַנען נאָך ניט צונויפגעקליבן און ניט אויסגעפאָרשט זײַנע פּילצאָליקע פּובליציסטישע אַרטיקלען, אין וועלכע ער ווײַזט זיך אַרויס אַלס אַן אײַגנאַרטיקער סאָציאַל-פּאָליטישער דענקער און וועלכע וואַרפן אַ נײַע שײַן אויף זײַן פּערזענלעכקײַט.

מענדעלעס שפּעריִשער וועג ציט זיך אין מעשך פון זעכציק יאָר. דער ליטעראַרישער דעביוט זײַנער — „דער בריוו וועגן דערציִונג" איז דאַטירט מיטן 1857 און זײַן לעצטער כיבור — די ווענדונג „צום צוזאַמענפאָר פון ייִדישע אַרטיסטן אין רוסלאַנד" איז אָנגעשריבן סאַף אויגוסט 1917. די דאָזיקע צוויי דאַטעס זײַנען פּילבאַדײַטנדיקע און האָבן אַן אומיטלבאַרע שײַכעס צו מענדעלעס גאַנג. אויב דער דעקאַבריסטן-אופשטאַנד באַצייכנט די ערשטע טקופע פון דער רוסלענדישער באַפרײַונגס-באַוועגונג, האָט זיך די באַוועגונג אין די זעכציקער יאָרן אויפגעהויבן אויף אַ נײַער שטופע, ווען בעראָש פון די פּראָגרעסיווע קויכעס האָבן זיך געשטעלט די ראַזנאָטשינצעס, די רעוואָליוציאָנערן-דעמאָקראַטן, „די יונגע שטורמאַנעס פונעם קומענדיקן שטורעם", ווי גערצען האָט זיי אָנגערופן. „דער שטורעם, — האָט לענין באַמערקט, — איז די באַוועגונג פון די מאַסן גופע", ער האָט אויסגעבראָכן אין אָקטיאַבער 1917.

זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 5, 1986.

מענדעלע איז געווען ווײַט פֿונעם רעוואָליוציאָנערן שטורעם, פֿון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג בכּלל, אָבער זײַן שאַפֿונג קאָן דערקלערט ווערן בלויז מיט דער ווירקונג פֿון דער רוסלענדישער רעוואָליוציאָנערער אַטמאָספֿער. נאָך מער, זײַן שאַפֿונג האָט אָביעקטיוו אָפּגעשפּיגלט — אויף אַ ספּעציפֿישן נאַציאָנאַלן אופֿן — דעם קעסיידערדיקן אָנוווּקס פֿון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָט אידייִש צוגעגרייט די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. זײַענדיק באַווירקט פֿון דער רוסישער קלאַסישער אויפֿקלערערישער און רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, איז מענדעלע געווען אַ שריפֿטשטעלער אַ ייִדישער, אַ יורש פֿון דער דורות־דיקער ייִדישער קולטור, אָנהייבנדיק פֿון אירע אוראַלטע וואָרצלען, ביז דער נײַסטער האַסקאָלע־טראַדיציע. אַ קענער פֿונעם טאַנאַך און פֿון דער גמרא, האָט ער גוט געוווּסט אויך די ייִדישע ליטעראַטור ביז אים. אָט וואָס עס האָט וועגן דעם געשריבן מ. ווינער, דער בעסטער באַ אונדז אין לאַנד פֿאָרשער פֿון מענדעלען: „אין מענדעלעס סטיל — אין שפּראַך און בילד־שפּילן האָט אַ גרויסע ראָליע, אַחוץ דעם מינדלעכן פֿאָלקלאָר, אויך די טראַדיציעס פֿון דער עלטערער ייִדיש־טײַטשער ליטעראַטור: מײַסע־ביכער, ראָמאַנטישע ריטער־ראָמאַנען, עלטערע און נײַע לידער, פּורים־שפּילן, יויסיפֿן, שעווערס־ייִסראָעל, סייפֿער־האַיאָשער, צענע־אורענע, נאַכלאַס־צווי, טכינעס, מוסער־ביכער אַ. אַנד.״[1]

צו דעם דאַרף מען צוגעבן, אַז מענדעלע איז געווען באַהאַוונט אין די אוצרות פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. נאָך דער באַגעגעניש מיט גאָטלאָבערן האָט ער פֿלײַסיק גענומען לייענען די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע ליטעראַטור, די אַנטישע (אַריסטאָטעל, אַפּוליי), מיטלאַלטערלעכע (שעקספּיר, סערוואַנטעס), אויפֿקלערערישע (לעסאַזש, רוסאָ, באָמאַרשע, לעסינג, פֿילדינג, סטערן). ער האָט זיך באַמיט נאָכשפּירן נאָך דער הײַנטצײַטיקער פֿאַר אים אויסלענדישער ליטעראַטור, געלייענט זשאָרזש סאַנד, טעקערייען, דיקענסן און אַנדערע. מע קאָן דעריבער זאָגן, אַז מענדעלע איז געווען אַ שרײַבער אַן ענציקלאָפּעדיש געבילדעטער, און דאָס איז צו זען שוין אין זײַן ערשט ייִדיש קינסטלעריש ווערק, אין „קליינעם מענטשעלע״.

דאָס איז אַ ווערק פֿון אַן אָנהייבער, אין וועלכן ס׳איז שוין צו זען דער קומענדיקער גאָון. נאָך דער פּובליקאַציע אין דער צײַטונג איז עס גלײַך אַרויס אין אַ בוך־פֿאָרם. צוויי סיוזשעטישע ליניעס — די ווידוי פֿונעם הויפּט־העלד און די אַסיפֿע פֿון די גלופּסקער נעגידים — גיסן זיך צונויף צוזאַמען אַדאַנק דעם געשטאַלט פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרימען.

אין דער דערציילונג קרייצן זיך איבער פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע טראַדיציעס, אָנהייבנדיק פֿונעם שעלמען־ראָמאַן, וואָס איז אַנטשטאַנען אין שפּאַניע נאָך אין סאָף פֿונעם 16־טן יה., און פֿאַרענדיקנדיק מיטן רוסישן און מײַרעוו־אייראָפּעיִשן ראָמאַן פֿון דעם 18־טן און ערשטער העלפֿט 19־טן יה. מיר ווייסן ניט, צי מענדעלע האָט עפּעס געלייענט פֿונעם שפּאַנישן שעלמען־ראָמאַן, נאָר אַז ער איז געווען באַקאַנט מיט די ווערק, וועלכע זײַנען געשאַפֿן אין אָט דעם גײַסט, — דאָס איז בעלי סאָפֿעק. מיר האָבן דאָ אין זינען אין דער ערשטער רײ — „דעם קרומען שעד״ און „זשיל בלאַס״ פֿונעם פֿראַנצויזישן שרײַבער לעסאַזש (אין רוסלאַנד איז געווען באַוווּסט וו. נאַרעזשנים ראָמאַן „דער רוסישער זשיל בלאַס״), און ווײַטער — גאָגאָלס „טויטע נעפֿאַשעס״. אָבער די דאָזיקע און אַנדערע ליטעראַרישע טראַדיציעס ווײַזן זיך אַרויס אינעם „קליינעם מענטשעלע״ ניט גראָדליניק, נאָר אומדירעקט, זיי זײַנען איבערגעשמאָלצן אין אַן אָריגינעל נאַציאָנאַל־ייִדיש קינסטלעריש ווערק. „דאָס קליינע מענטשעלע״ איז אַ געשיכטע פֿון אַ ייִדישן שווינדלער, אַ ייִדישן פֿיגאַראָ, עס ווערט דערציילט וועגן פֿלאָגענישן און דערהויבונג. די דערציילונג איז צומאָל סאַטיריש און אויך סענטימענטאַל, מיט באַשײַמפּערלעכע מאַסקילישע אילוזיעס.

אין פֿאַרגלײַך מיט די פֿריִערדיקע ווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור טיילט זיך די דערציילונג קודעמקאָל שאַרף אויס מיט איר שפּראַך, אַזאַ לעבעדיקע, נאַטירלעכע און פֿרײַע שפּראַך האָט נאָך די ייִדישע ליטעראַטור ניט געוווּסט. מענדעלע נוצט אויס אייניקע העברעיִשע עלעמענטן, רוסישע אוקראַיִנישע און פּויליִשע אויסדרוקן, נאָר ער פֿירט די דערציילונג אין ייִדיש, באַפֿרײַענדיק אים פֿונעם דײַטשמערישן גאַנג, וואָס האָט פֿון לאַנג אָן געהערשט אין דער ליטעראַטור. נאָך מער, מענדעלע איראָניזירט איבער יענע, וועלכע פֿאָלגן די דײַטשישע לעקסישע און גראַמאַטישע קאָנסטרוקציעס, צופּאַסנדיק זיי צו דער סטרוקטור פֿון דער ייִדישער שפּראַך. מיט פֿולע הויפֿנס שעפּט ער פֿון די פֿאָלקס־אוצרות, איבערשיטנדיק זײַן דערציילונג מיט שפּריכווערטלעך און גלײַכווערטלעך. אונטער מענדעלעס פּען איז די ייִדישע שפּראַך, וועלכע מע האָט געהאַלטן פֿאַר אַ זשאַרגאָן, אַ דײַטשישן דיאַלעקט, געוואָרן אַן עכט ליטעראַרישע, זי האָט גענומען קלינגען מוזיקאַליש און מעלאָדיש.

[1] מ. ווינער, נאָכוואָרט צום IV באַנד פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרימס געזאַמלטע ווערק, מאָסקווע, 1940, ז. 197—199.

צום ערשטן מאָל האָט זיך אין דער ייִדישער ליטעראַטור באַוויזן אַזאַ דעמאַסקירנדיק ווערק. פאָלעמיש און איראָניש איז דאָס עצעם קעפל. נאָך פון די צײַטן פונעם סענטימענטאַליזם איז אין דער ליטעראַטור ברייט אַרײַן דאָס געשטאַלט פונעם אַזויגערופענעם קליינעם מענטשן, דעם פאַרשקלאַפטן, דערשלאָגענעם, וועלכער פאַרמאָגט אָבער אַ רײַכע נעשאָמע. צונויפשטויסנדיק זיך מיט דער אַרומיקער וועלט, לײַדט ער שטאַרק און רופט אַרויס אַ טיפן מיטגעפיל. מענדעלע האָט פאָרגעשטעלט גאָר אַן אַנדער טיפ, אַ קליינעם מענטש לויטן אָפשטאַם, אָבער דער פאַרקלענערטער סופיקס — מענטשעלע — גיט שוין צו אַן איראָנישע שאַטירונג. ס׳איז דער טיפ פון אַ מענטשן, וואָס איז אַרויסגעשוווּמען פון אונטן אויפן אויבערפלאַך פון דעם לעבן, זיך באַהעפט מיט די פאַרמעגלעכע לײַט, נאָר לויט דער נעשאָמע איז ער געבליבן אַ קליינטשקער, אַ לאַקיי, אַן אונטערלעקער, נאָך אַ מער אומבאַרעכמאָנעסדיקער און אַכזאָריעסדיקער איידער די געוויינלעכע פראָפעס־יאָנעלע מעשאָרסים.

דער עצעם באַגריף פון אַ קליין מענטשעלע ווערט אין גאַנג פון דער דערציילונג טראַנספאָרמירט און באַקומט אַ סימבאָליש־פילאָסאָפישן מיין. נאָך אַ קינד, האָט איציק־אַווראָמל זיך געוווּנדערט, באַמערקנדיק אין דער מאַמעס אויגן זײַן אָפשפיגלונג. „דאָס קליינע מענטשעלע איז די נעשאָמע״, — האָט אים די מאַמע געענטפערט. זײַן גאַנץ ווײַטערדיק לעבן וועט ווערן אַ יאָגעניש נאָך דעם סימבאָל, נאָך דעם כוידעסדיקן טאָך פונעם מענטשלעכן לעבן. די דערציילונג דאַרף אַלעגאָריש באַווײַזן דעם פראָצעס פון דערקענען די ווירקלעכקײַט, אירע אינערלעכע, אומזעבאַרע אויפן אויבערפלאַך געזעצמעסיקײַטן.

די וואָגלענישן אין דער יוגנט האָבן פאַרהאַרטעוועט ייִצכאָק־אַווראָמלס כאַראַקטער און דערלויבט אים צו דערקענען, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט. מענדעלע פאָרמולירט עס קלאָר: „די גאַנצע וועלט איז אַ מאַרק, איטלעכער זוכט מעציִעס, איינער באַם אַנדערן אָפצורײַסן... אויף דער וועלט מוז מען דאָך נאַרן...״ אין די דאָזיקע ווערטער הערט זיך ביט נאָר דער נאָמען פון טעקערייס ראָמאַן, ווי ער איז איבערגעזעצט אין רוסיש „דער יאַריד פון גײַוועע״ (פינקטלעכער דאַרף זײַן „העוול האַוואָלים״), נאָר אויך די ייִדישע פאָלקלאָר־טראַדיציע. אינעם „קליינעם מענטשעלע״ איז ניט איין מאָל געזאָגט, אַז מענטשן שפילן אַ קאָמעדיע אויף דער אָרענע פונעם לעבן. איציק־אַווראָם האָט גוט באַהערשט די לעבנס־פילאָסאָפיע פון די גדולים פון דעם וועלטעלע, געוואָרן איינער פון זיי, דערגרייכט, דאַכט זיך, זײַן ציל, אָבער מיט וועלכער פרײַז? — מיט דער פרײַז פון מענטשלעכע קאָרבאָנעס. אין עפיזאָד פון זײַן ערשטער כאַסענע האָט די דעמאַסקירנדיקע קראַפט פון דער דערציילונג דערגרייכט איר אַפאָגיי. אין אָט דעם עפיזאָד, דערעכגאַעוו, ווײַזט זיך אַרויס די אייגנאַרטיקײַט פון מענדעלעס סטיליסטיק, אין וועלכער עס באַהעפטן זיך צוויי שטראָמען — אַ סאַטירישער און אַ סענטימענטאַלער.

ייִצכאָק־אַווראָם האָט זיך זײַנס דערשלאָגן, געוואָרן אַ גרויסער טאַקיף, אָבער, זײַענדיק אויף דער העכסטער שטופע, האָט ער זיך פלוצעם אַרומגעקוקט אויפן דורכגעגאַנגענעם וועג און ס׳האָט אים אָנגעכאַפט אַ גרויל. ער איז מעכטיק, אָבער ביז גאָר נישטיק. ניט קיין מענטש, נאָר אַ מענטשעלע. און דעמלט קלאַפט ער זיך אַלכעט. קעדיי אויסקויפן די שולד, האָט ער אָנגעשריבן זײַן ווידע, אין וועלכער ער דערציילט אָפן וועגן זײַנע שווינדלערײַען. ער וויל ניט נאָר אויסגיסן אויפן פאַפיר זײַן נעשאָמע, נאָר אויך פרוּוון העלפן דער אויפקלערונג פונעם פאָלק. אָבער מענדעלע, דער מעכאַבער, האָט טיף באַ זיך אין האַרצן געפילט, אַז די מאַסקילישע מיטלען צו אויספאַריכטן די געזעלשאַפטלעכע זיטן, וועלכע ס׳האָט פאָרגעלייגט זײַן העלד, זײַנען איליוזאָרישע. מענדעלע האָט געפונען אין זיך מוט צו אויפהייבן זײַן קאָל קעגן דער אַלגעמיינער שווינדלערײַ, אויף וועלכער עס האַלט זיך דער יעסאָד פון די טאַקיפים. די גרונט־טאָנאַלקײַט פון דער דערציילונג איז אַ סאַטירישע, וואָס עס איז באַזונדערס באַמערקבאַר אינעם לעצטן וואַריִאַנט.

דאָס געשטאַלט פון ייִצכאָק־אַווראָמען האָט אונטער מענדעלעס פען באַקומען אַ פילאָסאָפישן זין פון אַן אַנטי־מענטש, באַנאַנד מיט דעם איז צו זען, אַז מענדעלע האָט ערשט געפרוּווט זײַן פען. אין דער דערציילונג זײַנען נאָך פאַראַן איבעריקע רייד, וואָס עס פאַרהאַלט די האַנדלונג. די פאָרם פון אַ ווידע איז אויסגעקליבן בעקיוון, זי אַנטשפרעכט דער מאַסקילישער אָנשויוּנג פונעם יונגן שרײַבער, וועלכער האָט געטרוימט אויף אַזאַ אופן אויסצוּוואָרצלען די געזעלשאַפטלעכע כאַלאַסן.

אין מענדעלעס ערשטער ייִדישער דערציילונג געפינען זיך שוין די אורקוואַלן פון דער פראָבלעמאַטיק און פונעם נוסעך פון אַ ריי זײַנע שפעטערדיקע ווערק; שוין דאָ זעען מיר די בײַסיקע איראָניע און סאַטירע, ווי אויך אַנדערע סטיליסטישע עלעמענטן, וועלכע מענדעלע וועט דערנאָך פאַרפולקומען. מיט איין וואָרט, „דאָס קליינע מענטשעלע״ עפנט אויף מענדעלעס קינסטלערישע שאַפונג.

אין זעלבן 1865 יאָר, ווען אין דער צײַטונג „קאָל מעוואַסער״ האָט זיך פאַרענדיקט דרוקן „דאָס קליינע מענטשעלע״, איז אין וואַרשע אַרויס אַ נײַ ביכעלע פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, וועלכער האָט זיך נאָכאַמאָל אַרויסגעשטעלט בלויז אַלס אַן אַרויסגעבער. ס׳האָט געהייסן „דאָס ווינטשפינ־

גערל״... לויט דער סטרוקטור און טיילוויַיז לויטן אידייִשן אינהאַלט איז די נייַע דערציילונג ענלעך אַף דער פריִערדיקער, מע קאָן זי באַטראַכטן אַלס א צוגאָב צו יענער. אויב אין „קליינעם מענטשעלע״ איז באַוויזן, ווי מע טאָר זיך ניט פירן אין לעבן, רעדט זיך דאָ וועגן דעם, וויִאַזוי אויסבעסערן דעם מאַצעוו פון די ייִדן. ביידע ווערק באַזירן זיך אַף פאָלקלאָרישע מייַסעס וועגן דער מעטאַמאָרפאָזע פון דער מענטשלעכער נעשאָמע.

די צווייטע דערציילונג האָט מענדעלע שפּעטער אויך שטאַרק איבערגעאַרבעט. פריִער האָט זי אַנטהאַלטן 42 זייַטלעך, פון וועלכע א פערטל האָט פאַרנומען די האַקדאָמע, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „א מייַסע איבער א מייַסע״. אַזוי האָט מענדעלע פאָרמולירט זייַן קאָמפּאָזיציאָנעלן פּרינציפּ, וועלכן ער האָט שוין ניט געביטן, — צוערשט דערציילט ער, וויִאַזוי ער האָט באַקומען דעם קסאַוויאַד, דערנאָך גייט די עצעם מייַסע וועגן דעם טרוים פון א ייִנגעלע — הערשעלע — אייַנצושאַפן זיך א וואונדערלעך ווינטשפינגערל, מיט דער הילף פון וועלכן מע קאָן אַלץ באַקומען, ביז ער האָט באַגעגנט א מאַסקיל, וועלכער האָט אים דערקלערט, אַז אַזעלכע טרוימען זייַנען פּוסטע, אויספילן די פאַרבאָרגענע ווונטשן קאָן מען בלויז מיט דער הילף פון בילדונג. דער זעלבער מאַסקיל האָט אים געהאָלפן אָנקומען אין לייַפּציגער אוניווערסיטעט. ווי ס'איז צו זען, האָט דער יונגער מענדעלע זיך געהאַלטן פאַר די טיפּישע מאַסקילישע אָנשויונגען, פון וועלכע ער האָט זיך, אַגעוו, קיינמאָל ביזן סאָף ניט באַפרייַט, בלויז אַרייַנגעבראַכט אין זיי מאַמאָשעסדיקע קאָרעקטיוון. דעריבער טאַקע האָט ער אַזוי גרינטלעך איבערגעאַרבעט זייַנע ערשטע ווערק.

פון א קליינער דערציילונג איז „דאָס ווינטשפינגערל״ פאַרוואַנדלט געוואָרן סאָפקאָלסאָף אין א גרויסן צווייבענדיקן ראָמאַן, וואָס איז אַרויס אין 1911 יאָר. צווישן די צוויי רעדאַקציעס — נאָך אייַנע, פון די אַכציקער יאָרן. אָפּשיקנדיק זי שאָלעם-אַליינכעמען פאַר דער „ייִדישער פאָלקס-ביבליאָטעק״, האָט מענדעלע געשריבן: „אונטער דעם נאָמען פון מייַנס א גאַנץ אַלט קליין סייפערל פון עטלעכע בלעטלעך האָב איך אָנגעהויבן צו שרייַבן פאַר אייַך א שפּאָגל-נייַעם סייפער. ער וועט אָנמאַכן אין דער ליטעראַטור א ראַש, א גרויסן ראַש... „דאָס ווינטשפינגערל״ איז ניט גלאַט אַזוי א מייַסע, ווי אַנדערע שרייַבן זיי הייַנט. דאָס איז א געשיכטע פונעם ייִדישן לעבן, דאָס איז ניט קיין ליאַלקע צום שפּילן זיך, נאָר א לעבעדיק באַשעפעניש מיט בלוט, מיט א נעשאָמע, מיט מענטשלעכע געפילן און מיט א מענטשלעך פּאָנעם״.

מענדעלע האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט, וואָס ער האָט אופגעטאָן. פון א קליינער דידאַקטישער דערציילונג האָט זיך באַקומען א גרויסע קינסטלערישע עפּאָפּייע, אין וועלכער עס הערט זיך נאָך די זעלבע מאַסקילישע קאַוואָנע: פּאָטער ווערן פון די קייטן פונעם מיטלאַלטער קאָן מען מיט דער הילף פון בילדונג, פון האַסקאָלע, אָבער ניט די דאָזיקע דורכויסיקע אידיי איז אַפּן פאָדערשטן פּלאַן פונעם ראָמאַן. אין אים איז אָנגעמאָלט א רייַך בילד פון די פּלאָגן און צאָרעס, מיט וועלכע ס'איז געווען איבערגעפּולט דאָס לעבן פון די ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד. די דעמאָלטיקע קריטיק האָט גלייַך פאַרגלייַכט מענדעלעס ראָמאַן מיט גאָגאָלס. דער זשורנאַל „וואָסכאָד״ האָט באַמערקט, אַז „דאָס ווינטשפינגערל״ איז „א גרויסע עפּאָפּייע פונעם ייִדישן לעבן... די באַהעפטונג פון אָביעקטיוון עפּאָס מיט ליריזם איז א כאַראַקטערישער סימען פונעם ווערק, א סימען, וועלכער דערמאָנט אונדז גאָגאָלס „טויטע נעפּאַשעס״.

אין דער ענדגילטיקער רעדאַקציע איז אָפּגעוואָרפן די מיסטיפיקאַציע, אַז דאָס ווערק איז קלימערשט אַן איבערזעצונג פון א דייַטשישן מאַנוסקריפּט. דער ראָמאַן איז געבויט אַלס אַן אָביעקטיווע שילדערונג. אינעם עפּילאָג, וואָס איז פילבאַדייַטנדיק באַצייכנט — „דער סאָף פון דער מייַסע״, זאָגט דער הויפּט-העלד הירש ראָטמאַן, שוין א געבילדעטער מענטש, אַז „די ייִדן באַדאַרפן ברויט. ברויט באַדאַרפן זיי, ניט קיין ספּאָרים״. זעענדיק, אַז דער מויכערספּאָרימניק איז דערשטוינט, כאַזערט ער איבער: „ברויט, פּאַרנאָסע באַדאַרפן זיי. דראָשעס, ריידערייַ איז קיין סילעק פאַר א ליידיקן מאָגן״. צו אַזאַ אויספיר איז מענדעלע געקומען אינעם אָנהייב פונעם 20־טן יה. אָבער פריִער, אין די זעכציקער יאָרן, איז ער ניט געווען אַזוי אַנטשיידנדיק און קאָנסעקווענט. ער האָט זיך נאָך געהאַלטן בא דער מאַסקילישער וועלט-אָנשויונג. דאָך האָט ער אויך דעמלט, אַלס קינסטלער-רעאַליסט וואָרהאַפטיק געשילדערט די קלאָגעדיקע לאַגע פונעם פאָלק.

די האַנדלונג קומט פאָר אין די צייַטן פון ניקאָלייַ דעם ערשטן אין צוויי ערטער — אין קאַפּצאַנסק און אין גלופּסק. קאַפּצאַנסק — א קליין שטעטל, גלופּסק — א גרויסע שטאָט. ביידע נעמען, ווי אויך טונעיאַדעווקע, זייַנען, אַדאַנק מענדעלעס קונסט, געוואָרן א פאַראַלגעמיינערונג.

גלופּסק איז באַוויזן אין „קליינעם מענטשעלע״. מע האָט שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז דער נאָמען איז אַנטשטאַנען בא מענדעלען אַנאַלאָגיש צו שטשעדרינס גלופּאָווע, אָבער קיין דאָקומענטאַלע דערווייַזונגען פון דעם זייַנען ביז איצט ניט געפונען געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט די השאָרע א געוויסן גרונט. גלופּאָווע איז צום ערשטן מאָל בא סאַלטיקאָוו-שטשעדרינען דערמאָנט אין זייַן „סאַטירע און פּראָזע״ (1861), אָבער א סימבאָל פון זעלבסטהערשעריש-פּריצישער אָרדענונג איז גלופּאָווע

געוואָרן בלויז אין „דער געשיכטע פון איין שטאָט", וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט אין „אָטעטשעסטווענ:ע זאפיסקי" אין 1869—1870. ס'קאָן זײַן, אַז מענדעלע האָט אינעם צווייטן וואַריאַנט פון דעם „ווינטשפינגערל" (1888—1889) פארברייטערט די שילדערונג פון גלופּסק, ווײַל ער האָט זיך באַקאַנט מיט שטשעדרינס ראָמאַן, און דאָס, וואָס ער איז געווען פאַרכאַפּט מיט דער שאַפונג פונעם גרויסן רוסישן סאַטיריקער, איז ברייט באַוווּסט. אַגעוו, אינעם „ווינטשפינגערל" (סאָף פון אַכטן בוך) איז פאַראַן אַ פּראָזע וועגן פאַרשיידענע כראָניקעס, וועלכע מע שרײַבט, און ס'איז צו זען, אַז מענדעלע האָט געלייענט שטשעדרינס ראָמאַן, וועלכער איז דאָרט פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ כראָניק.

אָבער מענדעלעס גלופּסק איז גאָר ניט ענלעך אויף שטשעדרינס גלופּאָוואָ, דאָס געשטאַלט פון דער שטאָט איז געשאַפן מיט אַנדערע סאַטירישע מיטלען, אָן גראָטעסק און שאַרזש, אָן מײַסעדיקער פאַנטאַסטיק. מענדעלע שילדערט רעאַליסטיש, האַגאַם אויך שאַרף, דעם שטייגער און די זײַטן פון גלופּסק, און די שילדערונג באַקומט אַ פאַראַלגעמיינערטע קראַפט. קאַפּצאַנסק — אַ שטעטל, וואָס זיצט נאָך אין טיפן מיטלאַלטער, גלופּסק — אַ גרויסע קאַפּיטאַליסטישע שטאָט, וווּהין עס לויפן די קאַפּצאַנסקער אָרעמעלײַט, אַ שטאָט פון גווירים, פאַרברעכער, שווינדלער, בײַ וועלכע ס'איז פאַראַן איין גאָט — „די גאָלדענע קאַלב", און איינצײַטיק — אַ שטאָט פון האָרעפּאַשנע מאַסן, וועלכע זײַנען אונטערדריקט און אומבאַהאָלפן.

לויט דער סטרוקטור איז „דאָס ווינטשפינגערל" אַ ראָמאַן פון ניסיוינעס. אַרום הערשעלעס פאַרסירונגען וויקלען זיך פאַנאַנדער די ניסיוינעס פון אַ סאַך אַנדערע העלדן — פון זײַן געליבט מיידל בײַלע, פון זײַן פרײַנט מוישעלע און פון די דערוואַקסענע, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין זײַן גורל. ניט אַלעמאָל זײַנען די ניסיוינעס אינערלעך און געזעצמעסיק צונויפגעקייטלט, פונדעסטוועגן מאַכט דער ראָמאַן אַן איינהײַטלעכן אײַנדרוק. פון קאַפּצאַנסק האָט זיך הערשעלע אַוועקגעלאָזט קיין גלופּסק, און דאָרט האָט זיך פאַר אים געעפנט גאָר אַ נײַע וועלט, גרוילעכע בילדער פון פאַרדאָרבלעכן לעבן, און אויף וויפל דער מעכאַבער ווייסט ניט, וויאַזוי מאַכן בעסער דאָס לעבן, קומט ער אָן צו אַ שיין מײַסעלע. די מײַסעדיקע מאָטיוון רײַסן זיך ביסלעכווײַז אַרײַן אין דער רעאַליסטישער דערציילונג און בײַטן איבער די גאַנצע סטרוקטור פונעם ראָמאַן. מענדעלע פירט אַרײַן אַ רײ פּערסאָנאַזשן, וועלכע זײַנען קעגנגעשטעלט דער שווערער ווירקלעכקײַט. דאָס זײַנען מערסטנס מאַסקילים. אינעם ראָמאַן איז רעאַליסטיש געשילדערט די האַסקאָלע־באַוועגונג. מענדעלע איראָניזירט איבער די מאַסקילים פונעם דײַטשישן שניט און רימט יענע, וואָס האָבן צוגעפּאַסט די האַסקאָלע־אידייען צו די רוסלענדישע באַדינגונגען.

אין די זעכציקער יאָרן האָט מענדעלע געגלייבט, אַז אויפקלערונג, בילדונג איז דאָס איינציקע מיטל פּאָטער צו ווערן פון די מיטלאַלטערלעכע קייטן, אין וועלכע ס'איז פאַרפּענטעט דאָס יידישע פאָלק. שפּעטער האָט ער אַרײַנגעבראַכט אַ רײ קאָרעקטיוון אין דער שטעלונג און געהאַלטן, אַז די עכטע האַסקאָלע דאַרף זײַן אַ טעטיקע, „וויפל געפּענטעטע, — באַמערקט ער, — בינדן זיך אויף און ווערן פרײַ". וויאַזוי? אויף דער פראַגע איז אינעם ראָמאַן ניטאָ קיין קלאָרער ענטפער. אין עפּילאָג, וואָס איז אָנגעשריבן אויף דער עלטער, קלינגען מאָטיוון פון אַנטוישונג. „צדאָקע אַליין, — וואָס פאַר אַ מאַכט, וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָט זי אַקעגן אַזאַ טהאָם אָרעמקײַט, אַקעגן אַזעלכע מאַכנעס אָרעמעלײַט, וואָס קומען צו דער נויט פרישצאַפּלדיקע אַלע טאָג?" אויף דער פראַגע, וואָס זשע זאָל מען טאָן, ענטפערט הירש ראָטמאַן: „אוי, ריבוינעשעלוילעם, העלף דעם גאַנצן פאָלק, דײַן אָרעם פאָלק יִסראָעל!" און ווײַטער קלינגט אַ בעפייִרעשער רוף: „שטיי אויף, קאַפּצאַנסק! ריר זיך, כאַפּ זיך אויף, טונעיאַדעווקע!" עס הערן זיך אויך אַנדערע „ווענדונגען": „גוואַלד, קאַפּצאָנים! גוואַלד, באַטלאָנים! גוואַלד! דערשלאָגענע, דערנידעריקטע, אויסגעפּאַטשטע, קראַנקע, צעבראָכענע, שטאַרקט זיך און שטייט אויף!..." און צום סאָף — „אַלע אין איין קאָל: אַרויס, בעהיימע, פון דער בלאָטע! טו זיך אָן אַ קויעך, בעהיימע, שטרעק אויס דעם עק, מאַך מיט די פיס, הייב זיך, צי זיך. אַ צי אַהין, אַ צי אַהער, און ראַטשקעווע זיך אַרויס!".

די דאָזיקע ווערטער זײַנען אַרויסגעזאָגט מיט אַ געוויסער איראָניע, אָבער אין זיי הערט זיך אַן אומצופרידנקײַט מיט די פאָרגעלייגטע האַסקאָלע־מיטלען: ניט אַזוי פיל אין ספאָרים נייטיקט מען זיך, נאָר אין ברויט.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז די אויפרופן דרינגען לאָגיש אַרויס פון דעם ראָמאַן, ס'זײַנען גיכער פון אַלץ געדאַנקען, צו וועלכע מענדעלע איז געקומען שפּעטער, און ניט צופעליק איז דער עפּילאָג מער ענלעך אויף אַ בײַלאַגע, ווײַל דער גאַנצער ראָמאַן דערציילט, וויאַזוי מע האָט געזוכט מיטלען פּאָטער צו ווערן פון די קאַפּצאַנסקער און גלופּסקער לעבנס־באַדינגונגען.

„דאָס ווינטשפינגערל" איז געווען פאַרטראַכט אַלס אַ ווידע פונעם העלד, בלויז אין די שפּעטערדיקע וואַריאַנטן איז דער לירישער מיסוואַדע־יעסאָד אַראָפּ אויפן צווייטן פּלאַן, אָפּטרעטנדיק זײַן אָרט דער אָביעקטיוו־אויטאָרישער דערציילונג, וועלכע טראָגט אויך אַ לײַדנשאַפטלעכן כאַראַקטער.

דער מעכאַבער גיסט זיך צונויף מיט זײַן העלד און טרעט אַרויס ניט אין דער ראָליע פון אַן איבערזעצער, נאָר פון אַ דערציילער, וועלכער פילט מיט זײַן העלד, דעם עמעסן אַמכאַ. מיטן ראָמאַן, וועלכער איז אָנגעשריבן אין גײַסט פון אַ פאָלקס־מײַסעדיקער לעגענדע, האָט מענדעלע אויסגעדריקט די האָפענונגען און די דערוואַרטונגען פונעם פאָלק. אויף רוסיש איז דאָס ווערק ניט צופעליק געווען איבערגעזעצט מיט אַן אויסדרוק, גענומען באַם מעכאַבער — „אין טאָל פון געוויין" («В долине плача»)

נאָך די ערשטע צוויי דערציילונגען קומט אין מענדעלעס שאַפונג אַן איבעררײַס אויף עטלעכע יאָר. „פישקע דער קרומער" און „די טאַקסע" האָבן זיך באַוויזן ערשט אין 1869. דער איבעררײַס דערקלערט זיך מיט אַ ריי סיבעס — מאַטעריעלע און שעפערישע. מענדעלע איז נאָך געזעסן באַם שווער אויף קעסט, עס האָט אים דערעסן די אָפּהענגיקײַט, און קעדיי זעלבשטענדיק באַזאָרגן זײַן מישפּאָכע, פאָרט ער אַרום איבער די אוקראַיִנישע שטעטלעך, פאַרקויפט זײַנע העברעיִשע ביכער. דער האַנדל גייט ניט פויגלדיק. דעם 10 מײַ 1868 שרײַבט ער ל. בינשטאָקן: „איין גאָט ווייסט, ווי ביטער עס איז מיר איצט, ווען איך בין געצוווּנגען צו וואַנדערן ווײַט פון דער היים... איך שטיי פיל אויס, טאָג און נאַכט בין איך צעווייטיקט, מײַן גאַנצע האָפענונג איז איצט, עפשער וועל איך באַווײַזן צונויפקלײַבן עטוואָס געלט, קעדיי צו קענען זיך אומקערן אַהיים..." דאָס וואַנדערן האָט געהאַט נאָך אַ ציל — טיפער און ברייטער באַקענען זיך מיטן לעבן פונעם פאָלק, און דאָס, וואָס ער האָט געזען, האָט אים נאָך מער דערצאָרנט. גרויס זײַנען געווען די לײַדן, גרוילעך דער דאַלעס פונעם פאָלק, אומעטום — מאַכנעס אָרעמעלײַט.

מענדעלע האָט שפּעטער ניט איין מאָל זיך דערמאָנט, וויאַזוי ער האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן אָנגעשלאָסן אין די דאָזיקע מאַכנעס, ווען ער האָט זיך אָנגעקלאָגט מיט אַוורעמל דעם הינקענדיקן פון קאַפּוליע און פאַרטראַכט אָנשרײַבן אַ ווערק וועגן דעם גורל פון יענע, וואָס געפינען זיך אויפן ראַנד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין בערדיטשעוו באַזוכט ער די העקדעשן, שמועסט מיט זייערע אײַנוווינער, הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו זייער זשאַרגאָן, קוקט זיך צו צו זייערע טעוועס, און אין 1869 לאָזט ער אַרויס אַ קליין ביכעלע אונטערן נאָמען „פישקע דער קרומער". ווי די ערשטע צוויי דערציילונגען, האָט ער אויך די שפּעטערדיקע איבערגעאַרבעט, פאַרברייטערט זיי און פאַרגרעסערט, אָבער ווי עס זאָלן ניט זײַן וויכטיק די ענדערונגען, וועלכע מענדעלע האָט אַרײַנגעטראָגן, איז דאָס וויכטיקסטע געווען שוין אויסגעדריקט אין דער ערשטער אויסגאַבע. שאָלעם־אַלייכעם האָט זי באַזונדערס אויסגעטיילט אין זײַן אַרטיקל „דער יידישער דאַלעס אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע פאָלקס־שרײַפטשטעלער", ווו ער האָט געשריבן: „ס'דאַכט זיך, אַז דאָס דאָזיקע קליינע ביכעלע איז גלאַט אַזוי אַ מײַסעלע פון יידישע אָרעמעלײַט, אָבער אין אים געפינט זיך אַ סאַך מער ליבע און פּאָעזיע אַלס אין אַלע טויזנט ראָמאַנען פון דער גאַנצער באַנדע ראָמאַן־מאַכערס, אין איר איז יעדעס בלעטל... אַ באַזונדער באַשרײַבונג, יעדע פּערזאָן — אַ באַזונדער טיפּ און יעדעס וואָרט איז געווויגן און געמאָסטן".

באַזונדערס וויכטיק איז דער וואַריאַנט פון 1888 יאָר, ווו די דערציילונג האָט באַקומען אַ טיפן סאָציאַל־פילאָסאָפישן אינהאַלט.

אין „פישקען..." האָט מענדעלע באַוויזן די טראַגישע לאַגע פון די ברייטע פאָלקסמאַסן, די סאַמע לעבנס־צאַפּלדיקע טעמע פון יענער צײַט — דעם דאַלעס. זי איז געווען אָנגעמערקט אין „האַאָוועס וועהאַבאָנים". רעצענזירנדיק די דאָזיקע דערציילונג, האָט א. קאָוונער, דער יידישער פּיסאַרעוו, אונטערגעשטראָכן: „דער דאַלעס און די ווירקונג פון דער אַרומיקער ספערע — דאָס זײַנען די איינציקע סיבעס פון דער אומוויסנקײַט און דער נעבעכדיקער לאַגע פון דער מאַסע באַ אַלע פעלקער אין אַלע לענדער און באַ די יידן אין רוסלאַנד ביפּראַט. דער דאַלעס שטייט שטענדיק, ווי אַ כינעזישע וואַנט צווישן דער מאַסע און דער אויפקלערונג"[1]. מענדעלע איז געווען ווײַט פון קאָוונערס ראַדיקאַלע אָנשויונגען, אָבער ער האָט אויך געוווּסט, אַז די יידישע פאָלקסמאַסן געפינען זיך אויפן לעצטן שטאַפּל פונעם סאָציאַלן לייטער, און ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי: „פאַרוואָס קומט עס, די נעגידים זאָלן זיך זיצן ווי פּריצים, רויִק, און אַנדערע זאָלן אויף זיי האָרעווען? זייער גוטס איז דען ניט יענעמס פּראַצע, יענעמס שווייס?"

זעענדיק דעם וואָרצל פונעם דאַלעס, האָט מענדעלע געשטעלט פאַר זיך אַ ציל, ווי ער שרײַבט אין אַ בריוו, ניט אַזוי אויסקלאָרן די סיבע, ווי באַווײַזן „די פּאַקטישע לאַגע", דעריבער באַציט ער זיך אַ ביסל איראָניש צו די אויבנגעבראַכטע ווערטער, וועלכע ער לייגט אַרײַן אין מויל פונעם ראָש פון דער כאַליאַסטרע, פון דעם רויטן מאַמזער. דעם עמעסן פּאַרצוף פון די נעגידים וועט ער אויפ־

---

[1] «День», 1869, № 2, стр. 30.

דעקן אין דער „טאַקסע". דאָ אָבער, אין „פּישקען...", איז פאַר אים דער הויפּט־ציל — אומיטלבאַר באַווייַזן דעם דאַלעס פונעם פאָלק.

צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך מענדעלע געגומען שילדערן דעם גורל פון דער מאַסע קליינע מענטשעלעך. „פּישקע..." איז פאַרטראַכט, קאָן מען זיך מעשאַער זייַן, ווי דער הייפעך צו יענעם קליינעם מענטשעלע, צו ייִצכאָק־אַווראָם טאַקיפן, וועמענס נעשאָמע איז אָרעם און קליינלעך. פישקען האַלט מען אויך פאַר א גאָרנישט, אָבער ווי רייַך איז זייַן האַרץ! מענדעלע גיט אים לאָשן. פישקע הייבט אָן ריידן קוים־קוים, ער איז ניט צוגעווינט עפּעס צו דערציילן, אָבער מיט מענדעלעס הילף רעדט ער זיך פאַנאַנדער, און מיר פאַרגעסן זייַן שעפּעליאַווע לאָשן און הערן רייד דערהויבענע און פּאָעטישע.

„פישקע דער קרומער" איז אין טאָך געבויט אַזוי, ווי „דאָס קליינע מענטשעלע", ס'איז אויך א ווידע, אָבער זי טראָגט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. ייִצכאָק־אַווראָם דעמאַסקירט זיך אַליין, פישקען איז שווערלעך זיך אַרויסצוזאָגן, ער שעמט זיך, אָבער בעהאַדראָגעדיק גייט ער זיך פאַנאַנדער, „צעפלאַקערט זיך, צערעדט זיך, ווי איינער פון דער היץ". „ער האָט גערעדט, — קאָמענטירט מענדעלע, — מיט פייַער און אויסגעגאָסן זייַן האַרץ אין אַזעלכע ווערטער, וואָס זייַנען גאָרנישט געווען אין פישקעס מויעך". ס'איז א זייער טשיקאַווע באַמערקונג. פונוואַנען נעמען זיך בא פישקען אַזעלכע דיבורים? — פון מענדעלען. אומבאַמערקבאַר פאַרן לייענער שטעלט זיך איבער דער אויטאָר אין זייַן העלד, נעמט אָן זייַנע מאַנירן, און אַדאַנק דעם איז אָפּטמאָל שווער פעסטצושטעלן, ווו עס רעדט פישקע און ווו מענדעלע. דער דאָזיקער אויסטויש שאַפט א באַזונדערס צוטרוילעכע אַטמאָספער, און מענדעלע אַליין גיט אונדז דעם שליסל פון זייַן אויפן צו דערציילן, באַמערקנדיק: „אַז עס רירט זיך בא דער נעשאָמע, דענסטמאָל שרייַט דאָס האַרץ, רעדט איינע ווערטער בא אַלע מענטשן גלייַך. דאָס לאָשן פונעם האַרץ איז איין לאָשן פאַר גרויס און קליין... וואָס זשע איז פאַר א וווּנדער, אַז פישקעס האַרץ האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַזעלכע הייסע געפילן, רייַנע מענטשלעכע ווערטער? — דעריבער טאַקע האָבן זייַנע ווערטער גערירט... אַלע באַלדאַרשנס און מוסער־ספאָרים אינייַנעם האָבן מיך אַזוי ניט גערירט, געמאַכט ווייך, גוט און פרום, ווי א קרעכץ פון א צעבראָכן האַרץ, ווי דעם קלעזמערס שפּיל אַפן פידעלע".

ווען מיר לייענען די דאָזיקע אויסגעליטענע ווערטער, וועלכע מע קאָן אָפנעמען ווי אַן עסטעטישע פּראָגראַם, שווימען אויף אין זיקאָרן א ריי ווערק פון די אייראָפּעיִשע און רוסישע שרייפטשטעלער — אָנהייבנדיק פון די סענטימענטאַליסטן פונעם 18־טן יה. ביז די שפּעטע ראָמאַנטיקער און די פאָרשטייער פון דער רוסישער נאַטוראַלער שול. מייער ווינער האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין מענדעלעס סטיל הערן זיך „באַשטימטע אָנרעגונגען און ווירקונגען פון דער ענגלישער ליטעראַטור, פון דער טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון כוויפטן, פילדינגן, סטערנען, טעקערייען, דיקענסן... אַז „פּישקע..." האָט א באַשטימטן שייַכעס צום בילדער־קרייַז פון די פראַנצויזישע שפּעטע ראָמאַנטיקער (הוגאָ, עזשען סיו), צו זייער „פּאָעזיע פונעם העסלעכן און שרעקלעכן". מע דאַרף דאָ צוגעבן די ווירקונג פון דער רוסישער נאַטוראַלער שול, וועלכע האָט געשילדערט די דערנידעריקטע און באַליידיקטע, אַקאַקי אַקאַקיִעוויטשן, אַנטאָן גאָרעמיקאָן. מענדעלע האָט די אַלע טראַדיציעס פון דער וועלט־ליטעראַטור איינגעזאַפּט און געשאַפן אַן אָריגינעל ייִדיש קינסטלעריש ווערק, א ווערק, וואָס זעצט פאָר די טראַדיציעס פון דער נאַציִאָנאַל־ייִדישער ליטעראַטור, פון דער שרייפטלעכער און פאָלקלאָר־מינדלעכער. „פּישקע דער קרומער" געהערט צו מענדעלעס שעדעווערס, פונקט אַזוי, ווי „מאַסאָעס בינייאָמין האַשלישי".

עמעס, אייניקע קריטיקער (מ. ווינרייַך, צום בייַשפּיל) האָבן געהאַט טייַנעס צו דער דערציילונג, געשריבן, אַז זי איז אומהאַרמאָניש געבויט, אויסגעמישט מיט פובליציסטיק אאַז. אָבער שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אַנציקט פון איר, ער האָט געהאַלטן, אַז אין איר איז „אַלץ פּעטס געשלאָסן, האַרמאָניש און איבערהויפט ייִדיש".

אויסערלעך קאָן זיך דוכטן, אַז קאָמפּאָזיציאָנעל איז די דערציילונג טאַקע ניט שטאַרק „צוזאַמענבאַהעפט", אַז מענדעלעס טעווע — ברענגען א מייַסע — רופט אַרויס א געוויסע לויזקייַט. קימאַט א העלפט פונעם ראָמאַן — די ערשטע צוועלף קאַפּיטלען — זייַנען געווידמעט דער באַגעגעניש פון מענדעלען מיט דעם אַנדערן מויכערספאָרימניק, אַלטער יאַקנעהאָז. פישקע ווערט בלויז דערמאָנט, און זייַן גורל איז פאַנאַנדערגעוויקלט אין די פאָלגנדיקע דרייַצן קאַפּיטלען. אָבער מענדעלע האָט דאָ אויסגענוצט אויך אַן אייגענעם קאָמפּאָזיציאָנעלן פרינציפּ — די גאַנצע סיפער־האַמייַסע שטעלט ער פאָר אין וועג. דער וועג, דאָס פאָרן, צעמענטירט דעם סוזשעט. מענדעלע און יאַקנעהאָז פאָרן דערציילן וועגן זייערע ניסיוינעס, דערנאָך באַקומט א וואָרט פישקע, און דער סוזשעט צעוואַקסט זיך, פאַרברייטערט זיך. ס'באַקומט זיך א ברייט בילד פון דער רעאַלער ווירקלעכקייַט, אין צענטער פון וועלכן עס איז אַוועקגעשטעלט דער דאַלעס פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן.

דער דאַלעס ווערט א קאַטעגאָריע א סאָציאַל־עקאָנאָמישע און א פילאָסאָפישע. ס'איז ניט נאָר אָרעמקייט, אָנפאַרנאָסעדיקייט. ווו מע זאָל ניט זײַן, איז אומעטום איינס און דאָס זעלבע — מאַכנעס קאַפּצאָנים, עוויונים, דאַלפאָנים, שלעפּערס, בעטלערס און נאָך אנדערע און אנדערע אָרעמעלײַט. „קאַל יִסראָעל — איין קאַפּצן", — קומט צום אויספיר דער שרײַבער. ווי מאַקסים גאָרקי אין דער רוסישער ליטעראַטור, האָט מענדעלע זיך אָראָפּגעלאָזט אפּן סאַמע דנאָ פונעם לעבן און אופגעדעקט אזא בילד, וואָס איז געווען באַוווּסט די פאָריקע יידישע שרײַבער, אָבער זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַן אומפאַרענדערלעכס. די מאַסקילים האָבן געמיינט, אז דאָס איינציקע מיטל אַרויסצוגיין פונעם דאַלעס איז וועלטלעכע בילדונג. מענדעלע האָט געקוקט א סאַך ווײַטער. זײַענדיק ענג פאַרבונדן מיט די האָרעפּאַשנע מאַסן, האָט ער דערזען אין זיי מענטשן, וועלכע זײַנען ווערט צו האָבן גאָר אַן אנדער גוירל. פישקע, דער פאַרוואָרלאָזטער און עלנטער, באַקומט בא אים אַן אנדער אויסזען, דאָס איז א מענטש מיט גרויסער ווירדע, עמעס — דערווײַל א סענטימענטאַל געשטאַלט, לאָזט גאַנץ אָפּט א טרער, רופט אַרויס ראַכמאָנעס, און דער מעכאַבער שילדערט עס בעקיוונדיק, ער וויל אויך, מע זאָל ווענדן די אופמערקזאַמקײַט אָף די אָפּגעריסענע, דערשלאָגענע, הינקענדיקע און האָרבאַטע אָרעמעלײַט, אָבער באַגלײַך מיט דעם הערן מיר אין דער דערציילונג אויך אנדערע רייד און זען אנדערע סצענעס, פישקע פאַרהיט זײַן מענטשלעכקײַט און וויל נעמען נעקאָמע איבער יענע, וועלכע איזדיעקעווען זיך איבער אים.

פאַרשטייט זיך, ער איז הילפלאָז רעאַל צו טאָן עפּעס, די לעצטע ווערטער זײַנע אין דער דערציילונג קלינגען אזוי: „די לאַגע מײַנע ווערט וואָס ווײַטער ערגער, נישטאָ שוין קיין קויעך צו שרײַען. די נעשאָמע הענגט מיר אָף דער שפּיץ נאָז, דער מאַלכאַמאָוועס, פיל איך, איז נאָך מיר גע־קומען, טו איך אַן א קויעך, נעם זיך צונויף מיט אַלע קרעפטן און טראַכט, לאָמיר כאָטש טאָן דאָס לעצטע געשריי — לאָז הילכן די טיקיע־גדוילע פון מײַן אומגליקלעך לעבן". מענדעלע האָט אין פישקעס געשטאַלט געשילדערט די טראַגעדיע פונעם אונטערדריקטן מענטשן, פונעם פּאָשעטן מענטשן, וואָס איז ווערט א בעסער מענטשלעך לעבן און איז אָבער פאַרשטויסן און פאַרוואָגלט.

און דאָס איז לאַכלוטן ניט קיין אינדיווידועלער גוירל, ס'איז דער גוירל פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק. שאָלעם־אַליכעם האָט באַמערקט, אז „די געדאַנקען זײַנען בא אים (בא מענדעלען. — ז. ל.) הויך־פילאָסאָפיש, טאָמיד מיט א מיין און מיט א ווונק...". דער אַלגעמיינער פילאָסאָפישער געדאַנק וועגן דער סאָציאַלער אונטערדריקונג פונעם פאָלק האָט מענדעלע אויסגעדריקט אין איין וואָרט, וואָס ווערט בא אים פאַרוואַנדלט אין א סימבאָל. דאָס וואָרט איז די טאָרבע, די יידישע טאָרבע. דער דאָ־זיקער סימבאָלישער באַגריף איז פילסעמאַנטיש. ס'איז דאָס שמוציקע זעקעלע, מיט וועלכן מע גייט איבער די הײַזער, ס'איז אויך, ווי פישקע זאָגט, א גאַנצע טוירע. און נאָך איין סימבאָלישער באַגריף בא מענדעלען — די כאַליאַסטרע, מאַכנעס קאָלערליי אָרעמעלײַט, א גאַנצע וועלט מיט אָרעמעלײַט. אין דער דאָזיקער וועלט הערשט אויך א געוויסע צעגלידערונג, דאָ זײַנען פאַראַן בעקן און פּריצים, אומאָפּהענגיקע און אונטערדריקטע. „אָט אזוי מוז מען מיט די נאַרישע יידישע קינדער האַנדלען, — זאָגט דער רויטער מאַמזער, — ווילן זיי ניט מיט גוטן, מוז מען בא זיי נעמען מיט קונצן, אַן דעם גייט עס ניט", און ער באַרעכטיקט זײַן אופירונג מיט דעם, וואָס אזוי טוען די ראַבאָנים, דאַיאָנים „דאָס גאַנצע פעקל קלי־קוידעש — אַלע פאַרשטעלן זיך, מאַכן קונצן".

די דאָזיקע שאַרפע פובליציסטישע שטעלן זײַנען אָרגאַניש פאַר מענדעלעס נוסעך. און באַאַנאַנד מיט דעם, ווײַזט זיך דאָ אַרויס מענדעלע אַלס א גרויסער קינסטלער. מיט פולער רעכט האָט מ. ווינער פאַרגליכן מענדעלעס פּאָרטרעטן־קונסט מיט דער מאַניר פון די האָלענדישע קינסטלער פּיטער ברייגעל (דער פּורים־מאָלער) און רעמבראַנדט. אין דעם דאָזיקן פאַרגלײַך איז ניטאָ קיין גוזמע. אָט איז אַל־טערס פּאָרטרעט: „אַלטער יאַקנעהאָז איז אַן אָדערדיק יידל, א געשפּיקעוועטער, מיט א דיק בײַכל, זײַן פּאָנעם איז געדיכט באַוואַקסן מיט שמוציקע געלע האָר, פון וועלכע ס'איז דאָ געגוג אָף פּייעס, אָף א באָרד און אָף וואָנצעס אי פאַר זיך, אי פאַר נאָך עטלעכע יידן צו באַטיילן. אין דעם יאַם האָר ליגט א ווייספּע — א ברייטע פליישיקע נאָז, וואָס איז דאָסראָוו יאָר פאַרלייגט..."

„עס טרעפן בא מיר צײַטן, — לייענען מיר אין מענדעלעס א בריוו, — ווען איך בין מוירעדיק אופגעבראַכט קעגן די געלט־זעק, און דעמלט קאָן מען פאַר מיר ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון א גוויר — איך ווער צעפלאַקערט, ווי א ווולקאַן, און שפּײַ מיט פאַראַכטונג און זודיקן צאָרן און מײַנע ווערטער פאַרוואַנדלען זיך אין געשרייען פון פּראָטעסט". און מענדעלע האָט פאַרטראַכט א גרויס סאַטיריש ווערק, אין וועלכן ער האָט געהאַט בעדייע אַרויסצוזאָגן זײַנע פאַרבאָרגענע געדאַנקען, זוכנדיק פאַר זיי אַן אַנטשפּרעכיקע קינסטלערישע פאָרם. די פאָרם פון א ראָמאַן האָט אים, זעט אויס, ניט אינגאַנצן באַפרידיקט, האָט ער זיך גענומען פאַר א דראַמע.

מיט א גרויסער מאָס זיכערקײַט קאָן מען באַהויפּטן, אז אין דעם אויסוואַל האָבן א געוויסע ראָליע געשפּילט די דערגרייכונגען פון דער רוסישער דראַמאַטורגיע — פון גריבאָיעדאָווס „צאַר

פונעם סייכל״ און גאָגאָלס „רעוויזאָר״. אַפאָריסטישע אויסדרוקן, וועלכע וועלן איבערגיין פון מויל צו מויל, הערן זיך אין „דער טאַקסע״ — אַזוי האָט מענדעלע אָנגערופן זײַן נײַ ווערק, וואָס איז אַן אָפּהילך פון די דאָזיקע סאַטירישע קאָמעדיעס. מענדעלע האָט געוואָלט, אַז פון זײַן ווערק „זאָלן מענטשן האָבן פאַרגעניגן, און פיל מענטשן זאָלן פאַרציטערט ווערן״, ווי ער האָט געשריבן צו בינשטאָקן.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז מענדעלע איז אַ „געבוירענער דראַמאַטורג״. לויט טאָך זײַנען זײַנע דראַמעס מער עפּישע, איידער סצענישע ווערק, דיאַלאָגיש־דראַמאַטיזירטע סצענעס אָן דער נייטיקער אַרכיטעקטאָניק, אָבער ווערק זײַנען עס ביז גאָר באַדײַטנדיקע. „די טאַקסע״ שטעלט מיט זיך פאָר אַ נײַע און אַ העכערע שטופע אין מענדעלעס שאַפונג און איז געוואָרן מאַמעש אַ געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונג. צום ערשטן מאָל איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור געגעבן אַ ברייט סאַטיריש בילד פון די קאָהאָל־פירער און ביכלאַל גווירים, וועלכע מענדעלע האָט ביטלדיק פאַרדאַמט אַלס „אַ באַנדע שטאָט־באַלטויוועס״. צום ערשטן מאָל האָט ער באַוויזן אַן אָפענע אַרויסטרעטונג פון די אונטערדריקטע.

דער הויפּט־אָביעקט פון מענדעלעס אָנגריף איז די טאַקסע, דער אַזוי־גערופענער קאָראָבקע־שטײַער, וועלכער איז אײַנגעפירט געוואָרן בלויז פאַר ייִדן און איז געווען אַ קוואַל פון ספּעקולאַציע און ניט־ערלעכער באַרײַכערונג. די עצם טעמע פון דער שאַכער־מאַכערײַ מיט דער טאַקסע איז שוין געווען באַריִרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, מע רופט דאָ אָן לעווינזאָנס „העפקער־וועלט״, ערטערס „גאַלגאַל נעפעש״. אָבער בלויז בײַ מענדעלען איז די טאַקסע געוואָרן אַ פאַרקערפּערונג פון דעם מיטלאַלטערלעכן ייִדישן לעבנשטייגער, פון דער הערשאַפט פון דער גוויריש־קלײַקוידעשדיקער אָליגאַרכיע. אויב אין „קליינעם מענטשעלע״ האָט מענדעלע אַרויסגעפירט איין פיגור פון אַ טאַקיף (די אַנדערע נעגידים דינען דאָרט בלויז אַלס אַ פאָן), מאָלט ער אָן אין דער „טאַקסע״ אַ קאָלעקטיוון פאָרטרעט פון דער גאַנצער באַנדע. דער פאָרטרעט באַשטייט פון איינצלנע פיגורן, וועלכע שיידן זיך אונטער מיט געוויסע שטריכן, אָבער ניט אַף אַזויפיל, אַז יעדערער זאָל ווערן אַן אינדיווידועלער טיפּ. פאַר מענדעלען איז דאָ, ווי אויך אין אַנדערע ווערק, וויכטיק דער קלאַל, די קנופּיע אינגאַנצן גענומען. ניט צופעליק גיט ער אָפּ אַ וואָרט דער גאַנצער קנופּיע, וועלכע רעדט אין איין קאָל, ווי אַ כאָר.

אין דער רעמאַרקע צום צווייטן אַקט באַמערקט מענדעלע: „דאָ ווערט פאָרגעשטעלט, ווי די פּאָפּעטשיטעלעס פון דער טאַקסע אַרבעטן און פירן אַ וועלט״. די דאָזיקע באַמערקונג קאָן מען אָנווענדן צו דער גאַנצער פּיעסע, אין וועלכער עס איז דעמאַסקירט די טעטיקײַט פון די קלוימערשטע שטאָט־באַלטויוועס. מענדעלע רײַסט טאַקע פון זיי אַראָפּ אָט די מאַסקע פון באַלטויוועס. איציק־וואָלף ספּאָדעק, שמײַע טאַם, מוישע באַלטאַכלעס, יויסעף מאַכעטייסע, יודעלע שטאַנדהאַפט זײַנען בלויז לעפּאָנעם באַלצדאָקעס, אין טאָך אָבער מענטשן דורכויס פאַלשע. אַרום זיי זעט מען אַנדערע קאַכלעפל, אונטערלעקערס, וועלכע שטרעבן אויך פאַרכאַפּן עפּעס אַ כיילעק פון די אַשירעס, וואָס מע צאַפּט פון די האָרעפּאַשניקעס. אין דעם זײַנען זיי אַלע אייניק, אָבער צווישן זיך רײַסן זיי זיך, גרייטע איבערבײַסן איינער דעם אַנדערן דעם גאָרגל. אין דעם דאָזיקן קאַמף ווײַזן זיי אַרויס שאַרפע ציינער, און אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי מוירע, מע זאָל ניט אַנטדעקן זייערע מאַכינאַציעס. עס האָט זיי אָנגעכאַפּט דער זעלבער פּאַכעד, ווי בײַ גאָגאָלן, ווען די שטאָט־באַלעבאַטים דערהערן, אַז צו זיי קומט אַ רעוויזאָר.

די טאַקסע וואַקסט אויס אין אַ סימבאָל פון סאָציאַלער אונטערדריקונג און אומגערעכטיקײַט. און מענדעלע שטעלט זיך אַף דעם ניט אָפּ. דעמאַסקירנדיק די באַנדע שטאָט־באַלטויוועס, שטעלט ער קעגן איר אַרויס אַ שטאַרקן קויעך, דעם האַמוין, די באַלמעלאָכעס און סטאַם קאַפּצאָנים. די מאַסע איז נאָך ווייניק דיפערענצירט, מענדעלע באַציט זיך צו איר מיט געוויסער איראָניע („אַ שוסטערל״, „אַ שנײַדערל״, „אַ קירזשנערל״), אָבער די כאַליאַסטרע האָט שוין אַן אייגענעם קוק און געפינט אין זיך מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דער קנופּיע. די אָרעמעלײַט פאַרלאָזן מיט אַ קרעכץ די סצענע, אָבער מענדעלע האָט געלאָזט הויך קלינגען זייער קאָל, דאָס קאָל פון אומצופרידנקײַט. בלויז בײַ זיי האָט מענדעלע געפונען ערלעכע און לײַטישע מענטשן, מענטשן מוטיקע. איינער פון זיי איז אײַזיק זאַיִקע, אַ שטאַמלער, אָבער ער גייט ניט אַף קיין שום האַנאָכעס און שלאָגט זיך פאַרן עמעס. ער וועט בעסער, ווי ער זאָגט, „געשוואָלן ווערן ווי אַ באַרג און פאַרפוילט ווערן אין אָסטראָג״, איידער „פאַרקויפן די נעשאָמע, דעם געוויסן...״

נאָך אַ מער בולטע פיגור איז שלוימע וועקער, „איינער פון דער הײַנטיקער וועלט״, ווי מענדעלע רעקאָמענדירט אים. אַף דעם געשטאַלט איז צו זען, וואָס פאַר אַ גרויסן שריט פאָרויס עס האָט געמאַכט מענדעלע. ס׳איז שוין ניט קיין פּאַסיווע פיגור פון אַ מאַסקיל, ווי גוטמאַן אָדער ראָטמאַן, נאָר אַ פיגור אַן אַקטיווע, אַ טעטיקע, אַן עמעסער וועקער. פּאַראַלעל מיט אים איז אויפגעפירט אַן אַנדער מאַסקיל — גדאַליע פּיקהאָלץ, וועלכער האָט זיך אַנטוישט אין דער מעגלעכקײַט צו ווירקן

אַף דער מאסע, „פאר די, וואָס דו ווערסט זיך אָנעמען, — זאָגט ער, — טאקע די אליין וועלן דיר זײַן כּאָנים”. אגעוו, מענדעלע, פון זײַן אייגענעם נאָמען, באמערקט אין א פוסנאָטע, אז „אונדזערע ייִדן זײַנען שטארק דערשלאָגן”, זיי קאָנען ווען־עס־איז ליארעמען, זײַן אופגעבראכט, אָבער „אז עס קומט צו עפּעס טאָן, איז ניטאָ קיינער אינדערהיים, מע באהאלט זיך אין א מויזן־לאָך פאר א רויטן קאַלנער, מע ווערט א קעצעלע, א טאם”. וועקער איז פון אָנהייב אויך א מין מאסקיל, אָבער דערנאָך האָט ער זיך אנטוישט, האגאם ס'האָבן אים באווירקט אילױזיעס, אז די רעגירונג, וועלכע האָט נאָר־וואָס „באפרײַט” די פּויערים, וועט קומען אויך צו הילף די דערשלאָגענע ייִדן. אָבער ס'איז ביז גאָר ווייטיק, וואָס ער שטעלט די פראגע, ווער עס איז שולדיק אין דער שווערער לאגע פונעם ייִדישן פאָלק און רופט צום פאָלקס זעלבסט־באוווסטזײַן. מע דארף, — פרײדיקט ער, — געפינען אין זיך מוט צו קעגנשטעלן זיך די פאלשע שטאָט־באלטויוועס און באפרײַען זיך פון זיי. „שטייט זשע אוף, ייִדן, — רופט ער, — שטייט אוף פון דעם לאנגן שלאָף! גענוג צו זײַן פארפירט, פארבלענדט, גענוג זײַן נאראָנים!.. זײַט מענטשן מיט כּייכל, מיט מוט...”. אין דער ייִדישער ליטעראטור האָבן זיך ביז דאַן ניט געהערט אזעלכע לײַדנשאפטלעכע אופרופן. וועקער ווענדט זיך ווײַטער צום האמוין: „דאָלוי דאָס קעסטעלע, דאָלוי די אָנגעוואָרפענע באלטויוועס, דאָלוי זייערע ביטערע, פינצטערע פּאָריאדקעס! גענוג צו שלאָפן... פאָלגט די רעגירונג און שטייט אוף, ייִדן, שטייט אוף!”.

וועקער האָט ניט געפונען דעם אָנטשפּרעכיקן אָפּרוף. די מעשאָרסים פון די באלטויוועס מעלדן אים פאר אן אזעספּאָנעמניק, פאר אן אפּיקוירעס, און די באלמעלאָכעס ווײַזן ארויס זייער מוירע, גייען אוועק פון אים. מענדעלע האָט וואָרהאפטיק באוויזן די דערשלאָגנקײַט פונעם פאָלק, די טראגישע לאגע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען די בעסטע זין זײַנע. זיי — די וועקערס — זײַנען נאָך געווען איינזאם און עלנט. „דער אוילעם צעגייט זיך, וועקער בלײַבט שטיין איינער אליין מיט צונויפגעלייגטע הענט”, — קאָמענטירט דער מעכאבער.

וועקערס געשטאלט דערמאָנט בעפּירעש דאָס געשטאלט פון טשאצקין אין גריבאָיעדאָווס „צאר פון סייכל”. וועקער איז ניט אזוי שארפזיניק, ווי טשאצקי, ער פארלאָזט זיך אַף דעם גנאָד פון דער „בארעמהארציקער רעגירונג”, אָבער זײַן גוירל איז דער זעלבער, ווי טשאצקיס, ער מוז אויך פארלאָזן די שטאָט. צום סאָף זעען מיר, ווי צוזאמען מיט זײַן מישפּאָכע, דער פרוי און די קליינע קינדערלעך, זיצט ער שוין אַף א וועגעלע, אַף וועלכן זיי קלײַבן זיך אוועקפאָרן פון גלופּסק.

די דראמע פארענדיקט זיך מיט א סימבאָליש בילד. פארלאָזנדיק גלופּסק, זעט וועקער א פלאם פײַער, וואָס האָט ארומגעכאפּט די שטאָט, „פונקען און גאנצע האָלעוועשקעס פליִען, דער הימל איז רויט, די גלעקער קלינגען”. אזוי פאלט די שטראָף אַף דער שטאָט, וואָס איז פארפירט געוואָרן פון די קאָהאָלשע רעדלפירער.

מענדעלע האָט אין „דער טאקסע” רעאליסטיש באוויזן די קלאסן־דיפערענציאציע אין דער ייִדי־שער סוויווע. ס'איז א ווערק וועגן דעם האמוין, אַף וועלכן די קאָהאָל־פירער קוקן פון אויבן אראָפּ, מיט ביטל („באלמעלאָכעס, אויך מיר מענטשן!”), און די דאָזיקע „אמעראצים, הולטײַעס, לײַדיקגייער” באקומען פלוצעם א טריבונע: צוליב זיי האָט מענדעלע אָנגעשריבן זײַן דראמע. ער מעלדעט וועגן דעם אינעם עפּיגראַף, וואָס ער האָט גענומען פונעם סייפער טילים: „פאר דעם רויבן די אָרעמעלײַט, פאר דעם געשריי פון די אָרעמע וועל איך איצט נעמען בעקאָמע”, און ער האָט טאקע גענומען נע־קאָמע.

„די טאקסע” האָט געהאט א שטארקע ווירקונג אַף דער ייִדישער געזעלשאפטלעכקײַט. „דאָס ביכעלע האָט, ווי א שטיקל זויערטייג אין א באקדייזשע, שטארק צערודערט בערדיטשעוו”, — האָט געשריבן א קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „קאָל מעוואסער”[1] — און ניט נאָר אין בערדיטשעוו, ווו די באלטאקסעס האָבן זיך גלײַך דערקענט אין מענדעלעס פערסאָנאזשן, אויך אין אנדערע שטעט האָט מען דערזען זייערע ספּאָדעקס, שינדערס און פּיאווקעס.

אין בערדיטשעוו האָט מען דעם מעכאבער פון „דער טאקסע” אָנגעהויבן פארפאָלגן, געדראָט אפילע מיט מאָרד, געשיקט אַף אים מעסירעס. ווי זײַן העלד שלוימע וועקער, איז מענדעלע געווען געצווונגען פארלאָזן בערדיטשעוו און אריבערפאָרן קיין זשיטאָמיר, ווו ער האָט פאָרגעזעצט זײַן קאמף.

[1] זע נ. אויסלענדערס ארטיקל „מאָטיוון און אָפּקלאנגען פון מענדעלעס „טאקסע”. אין „מענדעלע מויכער־ספאָרים, דראמאטישע ווערק”, מאָסקווע, 1941.

דער קישעף פֿונעם וואָרט

מיר זײַנען בײדע געבוירן געוואָרן אין 1911. מוני שולמאַן איז אָבער ייִנגער פֿון מיר אױף דרײַ כאַדאָשים. נאָר דעמלט, ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, זײַנען מיר בײדע געווען ייִנגער איידער איצט אױף אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר. עפּשער דערפֿאַר, שטייענדיק אין דעם אָפּענעם טאַמבור פֿונעם וואַגאָן און פּאָכנדיק צו מיר מיט דער האַנט, האָט שולמאַן אויסגעזען אין מײַנע אויגן נאָך יונג און מונטער. איך האָב דאָס פֿאַרגעדענקט אַזוי בוילעט, ווײַל טאַקע דעמלט, אין אָט דעם וויכטיקן פֿאַר מיר מאָמענט, האָב איך אין זיך דערפֿילט די פּאָטענץ צו ווערן אַ ייִדישער שרײַבער.

ביז דאַן האָב איך געשריבן אױף רוסיש און אוקראַיִניש. אַז אין מאָסקווע דערשײַנט אַ ייִדישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", האָב איך נאָך ניט געוווּסט. אָבער די ווערק, וואָס איך האָב געשריבן אױף אוקראַיִניש און רוסיש, זײַנען אַמערסטן געווען געווידמעט דער ייִדישער טעמאַטיק.

איז איינמאָל שיק איך אַוועק אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אַ ראָמאַן „דער זיסער לאָטאָס" האָט ער געהייסן, פֿון אים האָט זיך נאָכדעם אויסגעפּיקט „נאָכעמקע עסרעג". אין אַ צײַט אַרום באַקום איך אַ רעצענזיע, אין אַלגעמיין אַ פּאָזיטיווע. וואַקסן בײַ מיר אויס פֿליגל, אָבער וואָס טאָן ווײַטער, ווייס איך ניט. ס'קומט צו פֿאָרן קיין לוואָוו אַלס פֿאָרשטייער פֿון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" מוני שולמאַן און דערציילט מיר: דער אַווטאָר פֿון דער דאָזיקער רעצענזיע, אַ באַוווּסטער ליטעראַטאָר און קריטיקער, פּיאָטער טשאַגין האָט אָנגעקלונגען אין רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועגן מײַן קסאַוויאַד.

— איז וואָס פֿאַר אַ ראָמאַן איז דאָס? — פֿרעגט מיך שולמאַן.

דערצייל איך אים. זאָגט ער מיר:

— כ' וועל אַ לייען טאָן. עפּשער וועלן מיר עפּעס אָפּדרוקן. הגאַם פֿאַר אונדז זײַנען בילכער אָריגינעלע ייִדישע ווערק איידער איבערזעצונגען.

פֿאַרקלער איך זיך און שווײַג. שולמאַן פֿאַרגיט מיר אַ פֿראַגע:

— מיט אײַער מאַמען האָט איר גערעדט אױף ייִדיש?

„מיט אײַער מאַמען..." — טויכט אויף ספּאָנטאַן אין מײַן באַוווּסטזײַן, — „מאַמע־לאָשן!"

עס וואָלט אַוודאי געווען איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די באַגעגעניש מיט מוני שולמאַנען האָט גוירעם געווען מײַן איבערגאַנג צו ייִדיש. נאָר אַ שטויס, אַ סטימול איז עס בעפֿייִרעש געווען. ווען עמעצער טוט מיך איצט אַ פֿרעג, וויאַזוי ס'איז געשען, אַז איך האָב זיך פּלוצעם איבערגעשלאָסן פֿון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור אױף דער ייִדישער, זאָג איך:

— ניין, ניט פּלוצעם. און ס'איז ניט אַזוי לײַכט צו ענטפֿערן אױף אַזאַ פֿראַגע. ווײַזט אויס, עס איז געווען אַ טיפֿע אָרגאַנישע שפּעריִשע באַדערפֿעניש, וועלכע איז אַנטשטאַנען און זיך אַלץ מער פֿאַרשטאַרקט, און דאַפֿקע אין פּראָצעס פֿון שפּעריִשקײַט. די וואָרצלען פֿון דעם, ווי אויך די וואָרצלען פֿון „מײַסעדיקײַט", דאַרף מען זוכן אין דעם „קינדערלאַנד", ווען מײַן מאַמע האָט טאַקע גערעדט מיט מיר אױף ייִדיש און אַלערליי אויסטערלישע מענטשעלעך האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט זייערע קלינגעוודיקע און זאַפּטיקע ייִדישע ריידענישן. דעריבער טאַקע איז דאָס אופֿגעריכטע ייִדישע וואָרט געוואָרן פֿאַר מיר ניט נאָר אַ פּאָשעט מיטל צו אויסדריקן געוויסע עמאָציעס און קלערענישן. ס'איז אַליין געוואָרן די עמאָציע, אַליין די קלערעניש, און אַפֿילע אַליין דאָס געשטאַלט...

נעמט, אַשטייגער, אַזאַ מעשונעדיק וואָרט — „כאַנאַך". אַזאַ וואָרט וועט איר ניט געפֿינען אין קיין שום ווערטערבוך. און פֿאַר מיר איז דאָס געוואָרן „אַ וועלט מיט וועלטעלעך", אַ רינג אין אַ לאַנגער קייט פֿון אויסטערלישע אַסאָציִאַציעס. ס'האָט געלעבט בײַ אונדז אַ ייִד. זײַן נאָמען איז געווען דאַפֿקע מוישע און ניט כאַנאָך. נאָר ווײַל ער האָט געהאַט אַ טעווע אײַנצורײדן: „נעמט־נעמט. שעמט אײַך ניט. כאַנאָך... כאַנאָך...", און „כאַנאָך האָט געזאָלט באַדײַטן — „כ'האָב נאָך", און באַקומען האָט זיך אַזוי, ווײַל ער פֿלעגט דאָס אויסריידן גיך־גיך, ער זאָל פֿון דעם פּאָטער ווערן און זאָל, כאָלילע, קיינעם ניט מעוואַיעש זײַן... האָט מען אים גערופֿן „מוישע כאַנאָך".

הערט אַ מײַסע! אַן אָרעמער ייִד זאָל זיך אַזוינס פֿאַרגינען: „נעמט־נעמט, שעמט אײַך ניט, כאַנאָך". און וויפֿל רײַכע ייִדן איז מיר אויסגעקומען צו זען, נימעסע קאַרגוטשן, וואָס די הענט האָבן געציטערט בײַ זיי, ווען זיי האָבן געגעבן עמעצן אַ פּאָר קאָפּיקעס! אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. בײַ מוישע כאָנאָכן איז געווען אַ שיינע טאָכטער. און די דאָזיקע טאָכטער האָט זיך פֿאַרליבט אין... האָט איר שוין אַ גאַנצן ראָמאַן. פֿון איין וואָרט. פֿון „כאַנאָך"...

איך האָב שוין גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס מוני שולמאַן מיינט מיט זײַן קלוימערשט טמימעסדיקער פֿראַגע:

— מיט אײַער מאַמען האָט איר גערעדט אױף ייִדיש?

און הגאַם שולמאַן איז ייִנגער פֿון מיר אױף גאַנצע דרײַ כאַדאָשים, איז ער געוואָרן פֿאַר מיר — לאָמיר אָן אַ באַזונדערן מיין נעמען אַ פּאָר ווער־

די רעדאקציע און רעדקאלעגיע פון „סאוועטיש היימלאנד" באגריסן הארציק אונדזער לאנגיאריקן מיטארבעטער מויני שולמאן מיט זײַן 75־טן געבורטסטאג און ווינטשן אים געזונט, אריכות־יאמים און נײַע שעפערישע דערפאלגן.

טער פון דער שטעטלדיקער ייִדישער שפראך — א רעבע, א מאדריך.

און איך מיין, אז ניט נאָר פאר מיר. אדע־ראבע, לאָמיר פארבעטן א פאָר איידעס־זאָגער. און ניט אבי־ווועמען, — נאָר טאקע שרײַבער.

יויסעף בורג:

„איך דריק אויס מײַן טיפסטן דאנק מויני שולמאנען פאר אלץ, וואָס ער האָט געטאָן, קעדיי דער בוך מײַנער זאָל זײַן מיט ביכער גלײַך, און איך וויל זויכע זײַן, אז זײַן נאָמען זאָל נאָך ניט איין מאָל באשיינען מײַן נאָמען".

אָט דער אופשריפט אפן בוך איז געווידמעט דעם מענטשן, וואָס איז ניט „פּאָשעט" דער רע־דאקטאָר, נאָר „א גלײַכער שוטעף צו יעדן וואָרט, צו יעדער שורע"...

אווראָם גאָנטאר:

„מײַנע ביכער, סײַ די ייִדישע, סײַ די רוסי־שע, זײַנען אין א גרויסער מאָס אויך דײַנע. דײַן אייצע, דײַן וואָרט, דײַן געניט אויג איז געווען פאר מיר קימאט ווי א געזעץ. איך בין זיכער, אז דו וועסט נאָך א סאך טאָן ארום דעם, וואָס גע־פינט זיך אין מײַנע פּאפּקעס. האלעווײַ זאָלן מיר דאָס קאָנען טאָן צוזאמען".

ניט באשערט געווען צו „טאָן צוזאמען". באָר שולמאן איז ניט קיין פאָרמעלער קאלטער רעדאק־טאָר. ער איז אן איבערגעגעבענער געטרײַער פרײַנט. און די פּטירע פונעם דיכטער רײַסט ניט איבער די פרײַנטשאפט און די איבערגעגעבנקײַט. שולמאן שרײַבט אין זײַן פאָרוואָרט צו דעם דיכ־טערס זאמלונג „דער פרילינג בא די טויערן", וואָס איז דערשינען שוין נאָך גאָנטארס טויט אין 1983: „פארטרויט זיך דעם דיכטער, און ער וועט אײַך אייך אויסלערנען צו זען „דעם צויבער פון די אלע פארבן, דעם פארבאָרגענעם וווּקס פון אלע גראָזן..."

גאָנטארס מיינונג וועגן שולמאנען אלס א רעדאקטאָר פאלט קימאט צונויף מיט בורגס: מײַ־נע ביכער... זײַנען אין א גרויסער מאָס אויך דײַנע..."

צוליב קורצקײַט וועלן מיר מער ניט ציטירן, אָבער שמועל גאָרדאָנס ווערטער איז ווינטשנס־ווערט צו ברענגען. מיר וועלן באלד זען פארוואָס.

„מײַן רעדאקטאָר פון דעם דאָזיקן בוך („פרילינג") און פון אלץ, וואָס איז געווען געדרוקט פארן לעצטן פרילינגדיקן יאָרצענדליק פון מײַן שאפונג, — מויני שולמאנען, מיט וועמען מיר האָבן זיך אזויפיל געקריגט און מיט וועמען איך וויל אויך ווײַטער זיך קריגן ווי מיט א רעדאק־טאָר..."

איך וועל באמערקן אין קלאמערן: שמועל גאָרדאָן קאָן זיך פארגינען צו קריגן זיך, ווײַל ער אליין איז א באוווּסטער און א געניטער רעדאק־טאָר. אָבער איך, א פּאָשעטער באַסערוועדאָם... כ'וועל ניט פארלייקענען, האגאם דאָס וועט עפּ־שער קומען אין סטירע מיט איינעם פון שולמאנס באליבטע אפאָריזמען: „א רעדאקטאָר איז געגליכן צו א דאָקטער": אויך מיר אלס מעכאבער קומט אויס ניט לײַכט האָבן צו טאָן מיט מויני שולמאנען ווי מיט מײַן רעדאקטאָר. מײַן רעבע איז א קאפּדן, א פּעדאנט. עמעס, ער שמײַסט מיך ניט, ווי יענער רעבע פון מײַן קינדערלאנד. אָבער ווען ער טוט א קוק אף מיר מיט רוגזע פון אונטער די געדיכ־טע, נאָך אלץ שווארצע ברעמען, ווערט מיר אומ־רויִק אף דער נעשאָמע. זײַן טאָן איז א זעלבסט־זיכערער, זײַנע באמערקונגען קאטעגאָרישע.

אויב אזוי, פרעגט זיך: פארוואָס ציט מען זיך אזוי צו אים, צו שולמאנען?

שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען: אַ סוואָרע, אַז ער אַליין האָט ליב, ווען מע קריגט זיך מיט אים. ער האָט ליב, ווען דער מעכאַבער איז ניט קיין לעמעשקע און ער פֿאַרטיידיקט מיט ווירדע זײַן מאַנוסקריפּט.

פֿאַראַן בא שולמאַנען אויך אַ צווייטער אַפֿאָריזם: „אַ רעדאַקטאָר איז געגליכן צו אַן אַקטיאָר". ס'הייסט, ער ווערט פֿאַרוואַנדלט אין דעם מעכאַבער, וועמענס ווערק ער רעדאַגירט. און אויב שולמאַן קריגט זיך מיט אײַך, ווי מיט אַן אַווטאָר, טוט ער דאָס פֿון אײַערע פּאָזיציעס. ער פֿאַרטיידיקט אײַער ווערק פֿון אײַך אַליין. איז קאָן מען זיך אָפּ אים באַלייִדיקן? ניין, ס'וואָלט געווען אַ זינד און אַן אומרעכט.

שולמאַן איז פֿון די רעדאַקטאָרן, וואָס קאָנען ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל זײַן „ניט פֿויגלדיק", ער וועט זיך ניט באַרויקן, ביז וואַנען ס'וועט ניט אָנהייבן „אַרבעטן" אין דעם וואָרט, אין דער שורע, אין דעם גאַנצן ווערק אַלץ, וואָס איז מעגלעך, וואָס איז טאַכיק, וואָס איז קערנדיק, און ערשט נאָכדעם מוז נאָך עפּעס פֿאַרבלײַבן פֿאַרן אונטערטעקסט. אַט אַזוי! געפֿעלט אײַך ניט, דאַרף מען ניט. זוכט זיך אָפּ אַ רעדאַקטאָר צווישן די ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים. און איך בין אַן אַכזער...

קעדיי צו האָבן אַ פֿאַרשטעלונג, וואָס פֿאַר אַן אָפּעראַציע עס מאַכט דורך שולמאַן, רעדאַגירנדיק אַ ווערק, איז דאָס בעסטע — פֿאַרגלײַכן די רייִנע בויגנס פֿון דעם דאָזיקן ווערק ביז דער רעדאַגירונג און די „בונטע", מיט פֿיל אויסבעסערונגען, אויספֿאַריכטונגען, אויסמעקונגען נאָך איר...

שריפֿטשטעלער שרײַבן ראָמאַנען, דערציילונגען, לאָזן אַרויס ביכער. קיין רעדאַקטאָרן קאָנען זיי, אַלס קלאַל, ניט זײַן. מע שאַרט זיך אָוועק פֿון דער דאָזיקער „שוואַרצער" אַרבעט, — בעסער, זוכן שרײַבערישן קאָוועד. און מויני שולמאַן?

לאָמיר אַ בליק טאָן אויך זײַן שרײַבעריש און זשורנאַליסטיש האָב און גוטס.

אין צוואַנציקיאָריקן עלטער איז ער געווען פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פֿון דער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע". איז אַכט יאָר אַרום (1939) — ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „דער שטערן". ערעוו דער מילכאָמע אַרבעט ער אין דער לוואָווער צײַטונג „דער רויטער שטערן". אין 1947—1948 איז ער פֿאַרוואַלטער פֿון אַן אָפּטייל אין דער רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג „אייניקייט". אין מעשעך פֿון צען יאָר (1961—1971) האָט ער געאַרבעט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". פֿאַקטיש איז ער דאָרט ביז הײַנטיקן טאָג אַ מיטאַרבעטער — רעדאַגירט פֿיל מאַטעריאַלן פֿאַרן זשורנאַל. אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז ער רעדאַקטאָר פֿון ייִדישע ביכער. ער לייענט אויך לעקציעס פֿאַר די סטודענטן פֿון דער ייִדישער גרופּע אָפּ די העכסטע ליטעראַרישע קורסן לויט דער פּראָגראַם „די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור", און אויך לויט אַ ספּעציעלער פּראָגראַם וועגן מענדעלע מויכער־ספֿאָרימען.

וואָס איז שײַעך דער ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער טעטיקייט שולמאַנס, אָנהייבנדיק פֿון דער „יונגער גוואַרדיע" און ביז „סאָוועטיש היימלאַנד", איז איר טעמאַטיק זייער אַ ברייטע: פּראָגן פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, שול־וועזן, מילכאָמע־שטייגער, ליטעראַטור, קונסט... לאָמיר ברענגען אַ ציטאַטע פֿון זײַן עסיי (אין דער וואַרשעווער „פֿאָלקס־שטימע" פֿאַרן 8 אַפּרעל 1978), וואָס איז געווידמעט דער אויסשטעלונג פֿון מייער אַקסעלראָדס קינסטלערישע ווערק:

„מײַער אַקסעלראָד. ער שטייט מיר פֿאַר די אויגן. אַ דאַרלעכער, אַ שלאַנקער, עלעגאַנט געקליידט. דער קאָפּ דערהויבן. אַ פֿאַרטײַעטער שמייכל אָפּ די לענגלעך געצייכנטע ליפּן. דער בליק שטרענג, די באַוועגונגען געצוימט. אין וואָרט קאַרג..."

דער אויסצוג קאָן דינען אַלס מוסטער פֿון שולמאַנס קינסטלערישער מאַניר. ניט לאַנג צוריק האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקײַט צו קוויקן זיך מיט זײַן „איראָניש־לירישן מאָנאָלאָג" אונטערן קעפּל „אין פֿופֿצן יאָר אַרום, אָדער איר מעגט מיר ניט מעקאַנע זײַן" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10, 1981).

מויני שולמאַנס פּאָרטרעט וועט ניט זײַן פֿאַרגאַנצט, אויב מיר וועלן ניט אָפּמערקן זײַן היפּשן בײַטראַג אין אַרויסגעבן דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, אָפּ וועלכן מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. אין דעם פֿאָרוואָרט צום ווערטערבוך ווערט געזאָגט: „די אַרבעט פֿון די אַווטאָרן האָט פֿאַרענדיקט מ. י. שולמאַן, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַרבעט איבער דער אוניפֿיצירונג פֿון דעם ייִדישן טייל און דער שלוס־רעדאַגירונג שוין דירעקט פֿאַר דעם, ווי דער ווערטערבוך איז דערשינען".

— „אַ געדולדיקער", צי אַ „דולדזאַמער"?

— „דולדזאַמער" איז דאָך אַ בעפּיירעשער דײַטשמעריזם!

עמעס. „געדולדיקער" איז אַ באַרעכטיקט ייִדיש וואָרט לויט אַלע ווערטערביכער. און פֿונדעסטוועגן... עפּעס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דאָס קלינגט אויך קעמוי דײַטשמעריש...

ווי געזאָגט, האָט שולמאַן ליב, ווען מע שפּאַרט זיך מיט אים. פֿיר איך ווײַטער:

— איר האָט דאָך צו מיר געטײַנעט ניט איין מאָל: שרײַבט אַזוי ווי די מאַמע פֿלעגט מיט אײַך ריידן...

שלאָגט ער מיך איבער שוין אַ ביסל ברויגעזלעך:

— וואָס זשע, אײַער מוטער פֿלעגט זאָגן „דולדזאמער"?

— ניין. אָבער זי האָט אויך קיינמאָל ניט געזאָגט „געדולדיקער".

— איז וויִאזוי פֿלעגט זי זאָגן?

— „האָב צײַט!"

שולמאַנען געפֿעלט דאָס דאפּקע. נוץ איך אויס די געלעגנהײַט און פֿיר ווײַטער:

— עפּשער וואָלט בעסער געווען „סאַוולאַ־נעסדיקער"?

צעשמייכלט ער זיך, די אויגן צעבליטשטען זיך בא אים.

— נו, און „סאַוולאָנעסדיקער" פֿלעגט דען אײַער מאמע זאָגן!

— די מאמע ניט. דער טאטע אָבער פֿלעגט עס אמאָל ניצן...

אָט אזוי קאָנען מיר זיך שפּארן איבער איין וואָרט א גאנצע שאָ. מײַנע קענטעגישן אין ייִדיש זײַנען, פֿארשטייט זיך, ניט צו פֿארגלײַכן מיט שולמאנס. בא מיר איז דעריקער די שרײַבערישע אינטויִציע. בא שולמאַנען — פֿונדאמענטאלקײַט און לאָגיק.

אשטייגער, וויִאזוי וועט זײַן אַף ייִדיש „נאָ־ראַוויכטי"? האָט שולמאַן געזוכט און געפֿונען דאָס וואָרט דאפּקע בא דעם שוין קימאט לעגענדארן ליפֿשיצן, וועלכער האָט געמאכט דעם ערשטן פּרווו צו שאפֿן א ייִדישן ווערטערבוך, אין דעם פֿארוואָר־פענעם זשיטאָמיר, נאָך אין 1969. „נאטעדוואַ־טע" — דאָס דאָזיקע פֿארגעסן געוואָרענע וואָרט, וואָס קלינגט אָבער עכט ייִדיש, האָט שולמאַן אײַ־בערגעטראָגן אין דעם נײַעם ווערטערבוך. אויב איר ווילט, קאָן דאָס זײַן א סוזשעט פֿאַר א נאָ־וועלע — „דער גײַעג נאָך א וואָרט". „א נודנע מײַסע" — זאָגט איר? נישקאָשע, אין דער צײַט פֿון א מעסוקענער ווערטער־אינפֿליאציע איז די מײַסע אקטועל.

איצטער נעמען מיר זיך זוכן א פּאסיקן עפּי־טעט צו „פּינצטערניש".

— געדיכטע?

— דומפּע?

— טויבשטילע?

— שטאָק־פּינצטערניש?

שולמאַן טוט א קנייטש דעם שטערן:

— אײַנגעשטאנענע!

„אײַנגעשטאנענע פּינצטערניש"! כ'לעבן, ווי אָנגעמאָסטן. גראדע דאָס דאָזיקע טרעפֿלעכע וואָרט איז קוילעל אין זיך סײַ דעם דריקנדיקן כוישעך, סײַ די שטארע אומבאוועגלעכקײַט, סײַ די טריבע באשערטקײַט, וואָס דער דאָזיקער עפּיטעט דאַרף אָפּשפּיגלען אין געגעבענעם פֿאַל.

יאָ, מיט גרויס ייִראס־האקאָווער באציט זיך מויני שולמאַן צום וואָרט.

אלעקסאנדער ליזען

ארום דעם טאָגבוך פון אנא פראנק

אף דעם דאָזיקן בילד, וואָס איז אראָפּגענומען געוואָרן מיט העכער 50 יאָר צוריק, איז אנא פראנק, א זעקסיאָריק מיידעלע, באוויזן בײַס זי שפּילט זיך אין גאס.

לאָמיר דערמאָנען די פאָרגעשיכטע.

דעם 4־טן אויגוסט 1944 האָט דער עסעסאָוועץ קאַרל זילבערבראוער, צוזאמען מיט זײַנע באהעלפער, זיך אַרײַנגעריסן אין הויז, וואָס האָט זיך געפונען אפן אמסטערדאמער קאנאל. דאָרט האָט 25 כאדאָשים זיך אויסבאהאלטן די מישפּאָכע פראנק און אירע פרײַנט. א כאַפּ געטאָן א קעסטל מיט פּאפּירן, האָט דער עסעסאָוועץ אָנגעהויבן נישטערן, האָפנדיק געפינען דאָרט ווערטפולע כפייצים. אפן דיל האָבן זיך א שאָט געטאָן בלעטלעך, אָנגעשריבענע מיט א קינדערשן קסאוו, — דאָס, וואָס די גאנצע וועלט האָט שפּעטער אָנגערופן „טאָגבוך פון אנא פראנק”.

ווען אנאס טאטע אָטאָ פראנק, דער איינציקער פון דער מישפּאָכע, וועלכער האָט זיך געראטעוועט פון די פאשיסטישע לאגערן, האָט זיך אומגעקערט קיין אמסטערדאם, האָט ער זיך דערוווּסט, אז זײַן פרוי און די קינדער זײַנען אומגעקומען און נאָך זיי איז אלס אָנדענק פארבליבן דער טאָגבוך פון זײַן טאָכטער, וועלכן דער הויז־אייגנטימער האָט אונטערגעקליבן נאָך דער פאשיסטישער אונטערזוכונג. אין א צײַט ארום האָט אָטאָ פראנק באוויזן די פּאפּירן א פּראָפעסאָר פון געשיכטע, וועלכער האָט, באקענענדיק זיך מיט זיי, אָנגעשריבן אן ארטיקל אין דער צײַטונג „העט פאראָאָל” אונטערן נאָמען „די שטים פון א קינד”.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פונעם בוך, וועלכער איז דערשינען אין 1947 אין האָלאנד און דערנאָך איבערגעזעצט געוואָרן אף 60 שפּראכן פון דער וועלט.

נאָכן פארעפנטלעכן די דאָזיקע גוויִעס־איידעס פון א קינד וועגן די נאציסטישע אכזאָריעסן זײַנען ניט איין מאָל געמאכט געוואָרן פּרוּוון צו שטעלן אונטער א סאָפעק די אאויטענטישקײַט פונעם טאָגבוך.

אין 1959 האָט דער פּראָפעסאָר פונעם ליצײ אין ליובעק (מײַרעוו־דײַטשלאנד) פּאָטאר סטיִעלאו געמאָלדן, אז דער טאָגבוך איז א פאלשער. אָבער דרײַ עקספּערטן, צווישן וועלכע עס איז געווען דער שרײַבער פרידריך סיִעבורג, באשטעטיקט אז דער דאָקומענט איז אן עמעסדיקער.

אין 1976 האָט דער ענגלישער היסטאָריקער דעוויד אירווינג באשולדיקט אָטאָ פראנקן, אז ער

האָט קלוימערשט אַרײַנגעשטעלט אין טאָגבוך ציטאַטעס פון פילמען. אָבער אויך אירווינג האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זײַן באַשולדיקונג.

1978. דער געוועזענער עסעסאָוועץ ערנסט ריאָמער האָט ווידעראַמאָל אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דער פעלשונג.

א סאך עקספערטן פון פאַרשיידענע לענדער האָבן מיט א וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג דערוויזן די עכטקײַט פונעם טאָגבוך, נאָר די קאַמפּאַניע פון באַשולדיקונגען קעגן אַנאַ פראַנקס פאָטער האָט ניט אויפגעהערט. ענדלעך, האָט א סאָף געמאַכט צו די ספּייקעס דער האָלענדישער „אינסטיטוט פון דאָקומענטאַציע וועגן פראַגן פון דער מילכאָמע". אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו געפינען אַנאַ פראַנקס בריוו צו איר באָבען, וואָס דאָס מיידעלע האָט אָנגעשריבן ביז דער מילכאָמע. פאַרגלײַכנדיק די קסאַוון, האָבן די וויסנשאַפטלעכע טוער באַשטעטיקט, אַז דער טאָגבוך איז פולשטענדיק אָנגעשריבן מיט דער האַנט פון אַנאַ פראַנק.

אין 1982 האָט מיט דעם אײַניען זיך פאַרנומען דער געריכט אין פראַנקפורט, פונוואַנען אַנאַס מישפּאָכע איז אַנטלאָפן קיין אַמסטערדאַם אין 1933. א ריי געוועזענע נאַציסטן האָבן געטײַנעט, אַז דער טאָגבוך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן שוין נאָך דער מילכאָמע. אַלס „באַווײַז" האָבן זיי געבראַכט דעם אַרגומענט, אַז דער אָריגינאַל איז פאַריכט געוואָרן מיט שוואַרצן, גרינעם און בלויען טינט. זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט באַווײַזן, צי דער טאָגבוך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פאַר אָדער נאָכן יאָר 1944, ווען מע האָט אַנאַ פראַנק דעפּאָרטירט קיין בערגען־בעלזען. די ערשטע אױספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז אַנאַ האָט געשריבן איר טאָגבוך, געפינענדיק זיך אין באַהעלטעניש אין אַמסטערדאַם, און א נאָענטער מישפּאָכע־פרײַנט האָט געמאַכט געוויסע אויסבעסערונגען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.

אין אויגוסט 1981 איז אָטאָ פראַנק געשטאָרבן, און ווען די מיטאַרבעטער פונעם אַמסטערדאַמער „נאַציאָנאַלן אינסטיטוט פון דאָקומענטאַציע וועגן פראַגן פון דער מילכאָמע" האָבן גענומען זיך פאַרנאַנדערקלײַבן אין זײַנע פּאַפּירן, האָבן זיי אַנטפּלעקט, אַז אַנאַ פראַנקס פאָטער האָט אויך געמאַכט אייניקע אויסבעסערונגען אין איר טאָגבוך, ריכטיקער געזאָגט — אייניקע קירצונגען. ער האָט געהאַלטן, אַז א טייל פונעם טעקסט טראָגט א קאָנפידענציעל־פּערזענלעכן כאַראַקטער, דעריבער איז ער ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן געווען קעגן פּובליקירן דעם פולן טעקסט פונעם קסאַוויאַד. טאָקע דאָס האָט אַרויסגערופן די טײַנעס מיקויעך אויסבעסערונגען, ספּייקעס אַרום דער אויטענטישקײַט פונעם גאַנצן בוך.

די האָלענדישע געלערנטע האָבן דורכגעפירט א גראַפאָלאָגישע עקספּערטיזע. מיט דער הילף פון סטערעאָמיקראָסקאָפּן און אולטראַפיאָלעט־שטראַלן האָבן זיי דערלערנט דעם טינט, דעם קסאַוו און אַנדערע אייגנשאַפטן פונעם קסאַוויאַד, און אין רעזולטאַט פונעם אַנאַליז איז באַשטימט געוואָרן, אַז דעם טאָגבוך האָט געשריבן דאָס מיידעלע און מער קיינער ניט.

אַזוי האָט זיך באַוויזן דער פולער וואַריאַנט פונעם וועלט־באַרימטן באַשולדיקונג־אַקט קעגן דעם פאַשיזם. אין די קאָמענטאַרן צו דער דאָזיקער אויסגאַבע האָבן די פאַרלעגער געבראַכט אייניקע פראַגמענטן, וועלכע זײַנען פריִער ניט געווען באַוווּסט. פאַרן טויט האָט אָטאָ פראַנק דערציילט, אַז ער גופע האָט געקויפט פאַר זײַן טאָכטער די העפטן, אין וועלכע זי האָט געשריבן איר טאָגבוך, ווען זי איז אַלט געוואָרן 13 יאָר. „זי האָט מיר קיינמאָל ניט געוויזן, וואָס זי האָט געשריבן אין די העפטן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער זי פלעגט אונדז פאָרלייענען קאָמישע פראַגמענטן פון אירע פאַרנאָטירונגען". אָטאָ האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט ניט געוואָלט פאַרעפנטלעכן דעם טאָגבוך — ער האָט געזען אין אים א צוואָע פון זײַן טאָכטער. אָבער אונטערן דרוק פון איינעם פון זײַנע פרײַנט האָט ער זיך געלאָזט אײַנריידן, האַלטנדיק, אַז „נאָר א פולע אינפאָרמאַציע וועגן דער היטלער־טקופע וועט פאַרזיכערן, אַז די שרעקלעכע טעג פון ליידן וועלן זיך ניט איבערכאַזערן".

פון אַנאַ פראַנקס פּאַפּירן ווײַזט זיך אַרויס, אַז פאַר איר טויט האָט זי געטרוימט צו ווערן אַן אַקטריסע. אויף איינער פון אירע פאָטאָגראַפיעס האָט זי אָנגעשריבן: „האַלעווײַ וואָלט איך געקאָנט בלײַבן אַזאַ אויף דער דאָזיקער פאָטאָגראַפיע. דעמאָלט וואָלט איך עפּשער געהאַט א האָפענונג אָנצוקומען קיין האָליוווּד, אָבער ליידער זע איך הײַנט אויס אינגאַנצן אַנדערש".

אָטאָ פראַנק האָט פאַרן טויט איבערגעגעבן דעם האָלענדישן אינסטיטוט אַלע שריפטן, וואָס ער האָט געפונען, אײַנגעשלאָסן צעטעלעך, וועלכע אַנאַ האָט געשריבן, ווי אויך אירע צייכענונגען.

א קינאָ־פילם וועגן דער „מאַסעווער קולטור"

די לייענער מ. ליכטער (אַשכאַבאַד), ב. אַרנשטאַם (קיִעוו), ז. פּיאַדאָראָוו (וויטעבסק), א. לאַנאָווני (מאָסקווע), פ. ליכטענטול (טאַשקענט) האָבן צוגעשיקט אין רעדאַקציע אָפּרופן אויפן אַרטיקל פון ע. ראָזענטאַל „די קונסט פון האַס" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 6, 1986) און בעטן פאָרזעצן דעם שמועס וועגן דער „מאַסעווער קולטור".

„וועגן דעם קינעמאַטאָגראַף איז הײַנט אײַנגעפירט צו ריידן אַזוי, ווי אויף א לעווײַע, ווען די פּאַסנדיקע פאַר אַזאַ פאַל ווערטער און אויסדרוקן פון מיטלײַד פאַרלירן שוין די טראַגישע שאַטירונגען..." — האָט ניט לאַנג צוריק געשריבן אין זײַנעם אַן אַרטיקל דער איטאַליענישער רעזשיסער פעדעריקאָ פעליני. „אויף אונדז, — דערקלערט פעליני, — גרײַפט אָן די טעלעוויזיע — מיט איר אײַלעניש, מיט איר

זשעדנעקייט און אלצפרעסערישקייט...״ די טעלעוויזיע פאסט צו זיך צו אויך דעם צושויער — „אן אומגעדולדיקן, א צעשטרייטן, א קאפריזנעם, א מערטורעפדיקן״, — קומט צום אויספיר פעליני.

פ. פעליני איז ניט דער אייגציקער רעזשיסער, וועלכער איז באומרויקט מיט דער פראָבלעם, וואָס ווערט אפן מײַרעוו אָנגערופן „קריזיס פון דער קולטור״. באומרויקט זײַנען ניט בלויז רעזשיסערן, נאָר אויך שרײַבער, קינסטלער, קאָמפּאָזיטאָרן. ס׳גייט א רייד וועגן אן אומגעהערטן אָנגריף פון דער אויפגערופענער „מאסעווער קולטור״ אף דער עכטער קולטור. דער סאָוועטישער דאָקומענטאלער פילם „דער גלאָבאלער פּרעסינג״, וועלכן ס׳האָבן געשאפן די מיטארבעטער פון דער לענינגראדער סטודיע פון דאָקומענטאלע פילמען (אווטאָרן פונעם סצענארי — ב. באַרדין, נ. באַראַנין, רעזשי — נ. באַראַנין), באטראכט די דאָזיקע פּראָבלעם.

זאָגן, אז די „מאסעווע קולטור״ האָט באקומען איר אנטוויקלונג בלויז אין איין מײַרעוודיק לאנד וואָלט באטײַט קינסטלעך צו פארמינערן די פּראָבלעם. פונדעסטוועגן אנטוויקלט זיך באזונדערס שטורמיש אזא „קולטור״ אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, האגאם דאָס הייסט ניט, אז דאָרט איז ניטאָ קיין אנדערע, קיין עכטע קולטור.

דער שטראָם פון דער אמעריקאנער „מאסעווער קולטור״ פּליעסקעט זיך אריבער די גרענעצן פון פשא און דערלאנגט צו אייראָפּע און צו אנדערע קאָנטינענטן. די אווטאָרן פונעם פילם באטראכטן לעכאטכילע אפן בײַשפּיל פון איטאליע, און נאָכדעם — פון פראנקרײַך, וואָס פאר א ווירקונג עס פארשאפט דער דאָזיקער שטראָם. א סאך קונסטטוער, מיט וועלכע דער צושויער באגעגנט זיך אינעם גאנג פונעם פילם (מ. מאסטראָיאני, דזש. דע סאנטיס, גאָר ווידאל, איזאבעל אָברע), שאצן אָפּ איינשטימיק אָט די ווירקונג, ווי א „רויִנירנדיקע״ פאר די אייראָפּעישע נאציאָנאלע קולטורן.

„דער צושויער ווערט אַפּגעוווינט צו קוקן ערנסטע פילמען, מע איז אים מעכאבעד מיט עפּעס שפּילעכלעך פאר נאראָנים״, — זאָגט מ. מאסטראָיאני. מיקויעך די מאסשטאבן פון דער ארײַנדרינגונג פון דער אמעריקאנער „קולטור״־פּראָדוקציע אין מײַרעוו־אייראָפּע זאָגט אײדעס כאָטשבי די פאָלגנדע ציפער: 60 פּראָצענט פונעם מוזיק־מארק אין פראנקרײַך פארנעמען אמעריקאנער שליאגערס.

די אווטאָרן פונעם פילם שטעלן די פראגע, „וויאזוי אָפּצוהיטן דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט פון דער רויִנירנדיקער, ניהיליסטישער כוואַליע פון די קונצנמאכערײַען פון דער „מאסעווער קולטור״, וויאזוי אויסמײַדן „דעם אונטערגאנג אין קולטור־פראַט פון אייראָפּע״? ס׳איז פאראן בלויז איין אויסוועג: אקטיוו אנטוויקלען די אייגענע קאָנסטרוקטיווע שעפערישע קויכעס, זוכן נײַע מעגלעכקײַטן אופצווווירקן אף די צושויער און לייענער, צווישן וועלכע די „מאסעווע קולטור״ געפינט נאָך א ברייטע אאודיטאָריע.

פ. לוקיאנאָוו

פּובליקאציעס פון יונגע געלערנטע

דער מאָסקווער אָפּטייל פונעם אינסטיטוט פאר עטנאָגראפיע אף נ. נ. מיקלוכאָ־מאקלײַס נאָמען בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר האָט ארויסגעגעבן א זאמלונג ארטיקלען פון יונגע געלערנטע אונטערן אלגעמיינעם נאָמען „צווישן־עטנישע קאָנטאקטן און די אנטוויקלונג פון נאציאָנאלע קולטורן״. דער בוך איז צונויפגעשטעלט אפן סמאך פון מאטעריאלן פון דער 14־טער וויסנשאפטלעכער קאָנפערענץ פון יונגע מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פאר עטנאָגראפיע. פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר פון דער נײַער אויסגאבע איז אן אווטאָר פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״, דער קאנדידאט פון היסטאָרישע וויסנשאפטן איגאַר קרופּניק. אליין א פארהעלטניסמעסיק יונגער געלערנטער (געב. אין 1951), איז ער שוין א פאכמאן פון א הויכן ניוואָ.

אין דעם בוך זײַנען פאַרגעשטעלט אויך צוויי אנדערע יונגע מעכאברים פון „סאָוועטיש היימלאנד״. זייערע ווערק זײַנען דירעקט פארבונדן מיט יודאיִק. איגאָר קאָטלער (לענינגראד) האָט פארעפנטלעכט אן ארטיקל „די אַפּשפּיגלונג פון קולטורעלע און עטנאָ־שפּראכלעכע קאָנטאקטן אינעם פאָנד פון די פאמיליע־נעמען בא די קרימטשאקעס״. די לייענער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״ האָבן זיך צום ערשטן מאָל באקאנט מיט דער געשיכטע פון אָט דער אידעע לויט אן ארטיקל פון יעווסיי פייסאך (1974, נומ. 7). אי. קאָטלער פארופט זיך אף די ארבעטן פונעם באוווסטן ייִדישן אָנאָמאסט אווראָם פריבלודע, די מערהײַט פון וועלכע ס׳האָט פארעפנטלעכט אונדזער זשורנאל.

וו. טשערנין (מאָסקווע) טרעט ארויס מיט אן ארטיקל „די מאראנען אין דער עטנאָקולטורעלער געשיכטע פון די ספארדים (XIV—XVIII יה.)״. ווו עס איז געמאכט א פרווו צו אויסקלאָרן די ווירקונג פון די מאראנען (אנוסים) אף פארשיידענע גרופּעס ספארדישע ייִשווים, ווי אויך פעסטצושטעלן די פארשיידענע באדײַטונגען פונעם באגריף „ספארדים״.

וואָס איז שײַעך דעם באזעצן זיך פון באזונדערע גרופּעס ספארדים אפן הײַנטצײַטיקן שעטעך פון פססר, האָבן די לייענער פון אונדזער זשורנאל געקאָנט זיך דערוויסן וועגן דעם פונעם ארטיקל פון ראשיד קאפּלאנאָוו „שפּאניש־פּאָרטוגאלישע ייִדן אין רוסלאנד און אין אוקראיִנע (XVI—XVIII יה.)״ („סאָוועטיש היימלאנד״ נומ. 3, 1985).

אזויארום, דארף אָפּגעמערקט ווערן אן אקטיוויזאציע פון דער טעטיקײַט פון די יונגע געלערנטע אין געביט פון יודאיִק.

וו. קאפּלאן

אונדזערע מיטטיילונגען

לייב ווילסקער

„דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען" פֿון יעהודע האַלייווי

(לויט די אומבאַוווסטע קסאַוויאַדן פֿון לענינגראַד און מאָסקווע)

„און איצט, מײַן טײַערער פֿרײַנט, האָב איך דיר געבראַכט אַ מאַטאַנע פֿונעם געזאַנג פֿון געזאַנגען (מזמרת זמירות) פֿון יעהודע האַלייווי... און איך לייג דיר פֿאָר 22 כאַסענע־לידער און פּיוטים" — אַזוי האָט געשריבן אין 1839 ש. ד. לוצאַטאָ (1800—1865), דער אַנטדעקער פֿון דעם דיכטערס ליטעראַרישער ירושע, צו יעהושוע העשל שאָר (1818—1895) וועלכער איז אין יאָרן אַרום געקרוינט געוואָרן מיטן צונאָמען „דער גאַליציאַנער וואָלטער" איבער זײַן פֿרײַדענקערישקײַט. די 22 כאַסענע־לידער פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן אין לוצאַטאָס בוך „בתולת בת יהודה" („די יונגע פֿרוי, טאָכטער פֿון יעהודע") פּראָג, 1840. דער פֿאָדיער געלערנטער און פֿאָרשער האָט די לידער אויסגעוויילט פֿונעם דערוואָרבענעם דורך אים קסאַוויאַד, וועלכער האָט אַנטהאַלטן 613 פֿולע לידער און אָנגעצייכלט 15.700 פֿערזן.

די כאַסענע־לידער זײַנען דעריבער פֿון די ערשטע, מיט וועלכע די וויסנשאַפֿט האָט זיך באַקאַנט, און אַזויאַרום אויך די אַמדויערסטן געפֿאָרשטע לידער פֿון יעהודע האַלייווי. די גרעסטע פֿאַרדינסטן אינעם פֿראַט פֿון פֿאָרשן די דאָזיקע ווערק און אינעם אָפּזוכן די כאַסענע־לידער פֿון דעם דיכטער האָבן געהאַט, אויסער ש. ד. לוצאַטאָ, אויך א. האַרקאַווי, וועלכער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין צוויי בענדער אַ זאַמלונג פֿון יעהודע האַלייוויס ווערק (וואַרשע, 1893—1895), כ. בראָדי, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן יעהודע האַלייוויס דיוואַן אין 4 בענדער (בערלין, 1894—1930), כ. שירמאַן מיט זײַנע פֿילצאָליקע אַרבעטן און אַנדערע פֿאָרשער.

יעהודע האַלייוויס כאַסענע־לידער האָבן מיר אָפּגעפֿונען אין 20 קסאַוויאַדן פֿון פֿיר קסאַוויאַדן־זאַמלונגען, וועלכע ווערן פֿאַרהיט אין דער אַלפֿאַרבאַנדישער ביבליאָטעק אָף וו. אי. לענינס נאָמען אין מאָסקווע: אין דער גינצבורג־זאַמלונג[1] (2 קסאַוויאַדן אונטער די נומערן 1331 און 1332, דער לעצטער איז באַוווּסט אין דער וויסנשאַפֿט); אין דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אָף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען אין לענינגראַד, אין דער ערשטער זאַמלונג פֿון פֿירקאָוויטשן[2] (אַן אינטערעסאַנטער אין פֿיל הינזיכטן קסאַוויאַד אונטערן נומער 164); אין דער צווייטער זאַמלונג פֿון פֿירקאָוויטשן[3], וועלכע געפֿינט זיך אין דער זעלבער ביבליאָטעק (17 קסאַוויאַדן אונטער די נומערן 39, 43, 1—44, 1—45, 1—106, 1—110, 178, 12—194, 206, 1—207, 5—207, 1—208, 1—209, 3—578, 1—600, 614 און 895); אין דער ביבליאָטעק פֿונעם לענינגראַדער פֿיליאַל פֿון דעם אינסטיטוט פֿאַר מיזרעך־קענטעניש, אין דער זאַמלונג פֿון מ.א.ל. פֿרידלאַנד[4] (אונטערן שיפֿר 180 B).

אייניקע פֿון די דאָזיקע קסאַוויאַדן זײַנען שוין דערמאָנט געוואָרן אין אונדזערע פֿאַריקע אַרבעטן, אַנדערע פֿאָדערן אַ גרינטלעכע פֿאָרשונג. אין געגעבענעם פֿאַל האַלט איך פֿאַר נייטיק זיך צו

[1] באַדינגלעך ווײַטער באַצייכנט — ג.

[2] באַדינגלעך ווײַטער באַצייכנט — פּ1.

[3] באַדינגלעך ווײַטער באַצייכנט — פּ2.

[4] באַדינגלעך ווײַטער באַצייכנט — אַפּ.

באגרענעצן מיט דער באמערקונג, אַז אויסער דעם קסאוויאַד נומער 5—207, שטאַמען די איבעריקע דערמאָנטע קסאוויאַדן פון דער צווייטער פּירקאָוויטשער זאַמלונג, לויט מײַן מיינונג, פון דער קאַיִרער גניזה.

אין רעזולטאַט פון פאָרשן די קסאוויאַדן, האָב איך צונויפגעשטעלט די פאָלגנדע רעשימה פון יעהודע האַלייווים כאַסענע־לידער, וועלכע באַשטייט פון 48 רעגיסטראַציעס. מע דאַרף גלײַך באַמערקן, אַז דאָ זײַנען אויסגעמיטן געוואָרן באַוווּסטע כאַסענע־לידער פון יעהודע האַלייווי, וועלכע מיר האָבן ביז הײַנט־צו־טאָג ניט געפונען אין די דערמאָנטע קסאוויאַדן־זאַמלונגען.

די רעגיסטראַציעס באַשטייען (אויסער דעם לויפיקן נומער) פון פינף עלעמענטן: אָנהייב פון דער ליד; וועלכע קסאוויאַדן, אויסגאַבעס, און אַנאָטאַציע; איבערזעצונגען.

דער אָנהייב פון דער ליד איז געבראַכט אינעם העברעיִשן אָריגינאַל און אין קײַלעכדיקע קלאַמערן — איבערזעצונג אין ייִדיש, ווו עס זײַנען אויסגענוצט אויך קאָמענטאַרן פון פאָרשער. אינעם פאַל, אויב אונדזערע מעקוירים פאַרפולקומען אַ בלויז אינעם אָנהייב פון דער ליד אין פאַרגלײַך מיט דער פאָריקער אויסגאַבע, איז דער פאַרפולקומטער טעקסט אָנגעוויזן אין שרעגע קלאַמערן.

די קסאוויאַדן (אין דער באַשרײַבונג געקירצט: קס.) ווערן געבראַכט אין אַלעפבייס־סיידער פון די באַדינגלעכע פאַרקירצונגען — אַפּ, ג, 1פּ און 2פּ. זייערע שיפרען אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק זײַנען אַנטשפּרעכיק: Евр. I A און Евр. II A. עס זײַנען אויך גענוי דאָקומענטירט די בלעטער און די זײַטלעך פונעם קסאוויאַד, ווו עס געפינט זיך די ליד. דאָס לינקע זײַטל פונעם בלאַט ווערט באַצייכנט מיט אַ פאָרגייענדיקן צווייפּונקט (:), קעדיי עס אונטערשיידן פונעם רעכטן. עס ווערט אויך אָנגעוויזן די פראַגמענטאַרישקײַט פון דער ליד אינעם קסאוויאַד (לעמאַשל, „דער אָנהייב פעלט", „דער סאָף פעלט"). אין נייטיקע פאַלן ווערט געבראַכט דער טעקסט פונעם קעפל אויף אַראַביש מיט העברעיִשע אויסיִעס, דה. גענוי אַזוי, ווי עס איז געבראַכט אין די קסאוויאַדן, און אין קײַלעכדיקע קלאַמערן — די איבערזעצונג אין ייִדיש. אינעם פאַל, ווען אין אַראַבישן טעקסט איז דער אוטאָר ניט באַצייכנט אויף אַ באַשטימטן אופן, איז זײַן אידענטיפיצירונג געבראַכט אין דער איבערזעצונג אין שרעגע קלאַמערן.

פון די אויסגאַבעס (אין דער באַשרײַבונג געקירצט: אויסג.) זײַנען אָנגעוויזן די לעצטע, די בעסטע. מערסטנטייל שטיצן מיר זיך אויפן 2־טן באַנד פון כ. בראָדיס אויסגאַבע פון יעהודע האַלייווים דיוואַן (בערלין, 1903). די איבעריקע מעקוירים זײַנען אויך גענוי דאָקומענטירט.

אין דער אַנאָטאַציע ווערט באַמערקט פאַרשיידנס: אַקראָסטיכן, מוּוואַשעכן, ווידמונגען, דאַטירונגען, אאַז.

די אַקראָסטיכן. צען פון די דאָ געבראַכטע כאַסענע־לידער שטעלן מיט זיך פאָר אַקראָסטיכן, וועלכע אַנטהאַלטן כסימעס פונעם אוטאָר. זעקס פון זיי באַגרענעצן זיך מיטן אייגן־נאָמען „יהודה"; דאָס זײַנען די לידער אונטער די נומערן 19, 23, 24, 26, 27 און 45. דער אַקראָסטיך נומער 11 לייענט זיך „הלוי חזק" („האַלייווי, שטאַרק זיך!"). אין נומער 12 בילדן די אָנהייבן פון די ערשטע סטראָפעס, אויסער די רעפרענען, אַ פולן אַלעפבייס (א—ת). דער אייגן־נאָמען „יהודה" לייענט זיך אין דער קאָמבינאַציע פונעם ערשטן אָס אין דער פאַרלעצטער סטראָפע (ידידי, שורע 81) צוזאַמען מיטן ערשטן וואָרט אין דער שורע 84 (הודה). ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין באַשטאַנד פונעם אַקראָסטיך פאָדערט זיך אײַנשליסן אויך דאָס וואָרט „אני" („איך"), מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן די שורע 85. מיר זײַנען אָבער געוווינט צו געפינען אין די אַקראָסטיכן דעם „אני" פאַרן אייגן־נאָמען פונעם פאַרפאַסער, און ניט פאַרקערט. דער אַקראָסטיך נומער 20 לייענט זיך „יהודה הלוי בן („זון פון") שמואל" און אין נומער 22 „יהודה הלוי חזק").

די מוּוואַשעכן. איך האַלט דאָ קודעמקאָל פאַר נייטיק צו דערמאָנען אונדזערע לייענער, וויאַזוי דער אויסדרוק „מוּוואַשעך" איז פאָרמולירט געוואָרן אינעם אַרטיקל „יעהודע האַלייווים מאַטאָנע" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1985, נומער 1): „מוּוואַשעך איז אַן אַראַבישער טערמין, וועלכער באַטײַט בוכשטעבלעך: „אַרומגעגאַרטלטער מיט אַ גאַרטל, אַ באַצירטן מיט שיינע שטיינדלעך". אין דער פּאָעטיק באַטײַט ער סטראָפישע לידער, אין וועלכע יעדע פון זיי ענדיקט זיך מיט אַ „גאַרטל". דער „גאַרטל" באַשטייט געווייינלעך פון צוויי שורעס, וועלכע אונטערשיידן זיך מיט זייער געבוי, גראַם און גרייס פון די פאָריקע אין דער סטראָפע. דער געבוי, גראַם און גרייס אין אַלע „גאַרטלען" פון איין ליד מוזן זײַן איינע און די זעלבע. און, פאַרקערט, מוזן זיך אונטערשיידן פון די איבעריקע שורעס פון דער סטראָפע. דער גראַם פון יעדער סטראָפע מוז זײַן אַ זעלבשטענדיקער און טאָר זיך ניט איבערכאַזערן אין אַ צווייטער סטראָפע".

מיר האָבן דאָ אַ מעגלעכקײַט צו פאַרגלײַכן די צוויי נײַע, צום ערשטן מאָל פּובליקירטע מוּוואַשעכן נומער 5 „אסרו ורתמו כוכבי ששונים" („בינדט צוזאַמען און שפּאַנט אײַן די שטערן פון פרייד"), וואָס זייער טעקסט איז ערטערווײַז צעשעדיקט, אין נומער 24 „ימות עולם חודשו זמירות ורננים" („זינט די וועלט שטייט, באַנײַען זיך זמירעס און געזאַנגען"). קעדיי אויף אַ מאַקסימאַלן אופן

פאַרלײַכטערן זײער פאַרשונג, װעלן מיר זיך באַנוגענען מיט דעם, װאָס עס ליגט פֿולקום אָפֿן אױ־בערפֿלאַך — מיטן אַנאַליז פֿון די גראַמען.

דער מװאַשעך נומער 5 הײבט זיך אָן מיט א „גאַרטל". אין אזא פֿאַל װערט דער „גאַרטל" אָנגערופֿן „דער װעגװײזער" (מיר האָבן װעגן דעם געשריבן אינעם דערמאָנטן אַרטיקל). אין דער ליד איז פֿאַראַן, אַזױראָרום, 4 „גאַרטלען" (די פֿערזן 1—2, 6—7, 10—11, 15—16); זײער גראַם איז דורכױס —לו. אין דער ליד זײַנען אױך פֿאַראַן 3 סטראָפֿעס, װו יעדע האָט א זעלבשטענדיקן גראַם. די ערשטע סטראָפֿע באַשטײט פֿון די פֿערזן 3—5, דער גראַם — מן (לײען: מאַן); די צװײ־טע — פֿון די פֿערזן 8 און 9 (אַז אינעם טעקסט פֿעלט נאָך א גאַנצער פֿערז, איז ניטאָ קײן שום ספֿק). דער גראַם — שש (שײש); די דריטע סטראָפֿע — פֿון די פֿערזן 12—14 (דערגאַנגען דע־פֿעקטיװ), דער גראַם — בד („װאָד").

דער מװאַשעך נומער 24 הײבט זיך אָן פֿון א סטראָפֿע. די צאָל „גאַרטלען" און סטראָפֿעס איז דאָ אײנע און די זעלבע — 5. דער 6־טער פֿערז אין דער ליד דינט אײנצײַטיק אַלס א רעפֿרען און אַלס דער צװײטער פֿערז אין אַלע גאַרטלען. דער גראַם אין אַלע גאַרטלען איז — „יח" — „איאַך". יעדע סטראָפֿע באַשטײט פֿון פֿיר פֿערזן, יעדער פֿערז — פֿון צװײ האַלבפֿערזן. די ערשטע האַלבפֿערזן גראַמען זיך צװישן זיך; אַזױ אױך די צװײטע, אױב איבערגעבן די גראַמען לױט אָן אָנגענומענעם מוסטער אין דער פּאָעטיק, באַקומט זיך דאָס פֿאָלגנדיקע בילד: א—ב, א—ב, א—ב; ג—ד, ג—ד, ג—ד; ה—ו, ה—ו, ה—ו; ז—ת, ז—ת, ז—ת, ט—י, ט—י, ט—י, ט—י.

מיר האָבן אינעם דערמאָנטן אַרטיקל אָנגעװיזן, אַז די צאָל פֿון װאַריאַנטן צװישן פֿאַרשײדענע מװאַשעכן זײַנען אַזױ פֿיל, אַז אײנער א געלערנטער האָט צונױפֿגעשטעלט א רעשימע, װעלכע איז אונדז ניט צוגענגלעך, פֿון העכער 250 מוסטערן פֿון מװאַשעכן. װער װײסט, צי אין דער דאָזיקער צאָל זײַנען אָפּגעשפּיגלט אױך די בײדע מוסטערן פֿון אונדזערע מװאַשעכן?

די װידמונגען. שרײַבן, װי עס װײַזט אױס, נאָכאַנאַנד עטלעכע לידער אָט אײנעם און דעם זעלבן טרױעריקן אָדער פֿרײלעכן צופֿאַל איז ניט קײן זעלטענע דערשײַנונג אין יעהודע האַלײװיס ליטעראַרישער ירושה. מיט אָט דעם פֿאַקט שטױסן מיר זיך אױך אָן אין זײַנע כאַסענע־לידער. אַלנפֿאַלס, די קעפּלעך אױף אַראַביש פֿון די לידער נומערן 8, 28 און 42 פֿון אונדזער רעשימע גיבן צו װיסן, אַז דער דיכטער האָט אַלע דרײַ לידער געװידמעט זײַן גוטן־פֿרײַנט, װעלכער איז באַװוסט אױך אַלס דיכטער, אבו־איסכאַק אַװראַהאַם איבן אַלראַביב אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן כאַסענע אױף ייִצכאַק איבן מוהאַדזשערס טאָכטער. איר פֿאָטער איז געװען אײנער פֿון די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכ־קײַטן פֿון זײַן צײַט. אים האָבן געװידמעט זײערע לױב־לידער, אױסער יעהודע האַלײװי, אױך די באַגאַבטע פּאָעטן יױסעף איבן באַרזעל און יױסעף איבן צאַדיק.

אַגעװ, אױף נעמען זײַנען ביז גאָר פֿאַרדראָסיק קאַרג יעהודע האַלײװיס כאַסענע־לידער. די נעמען פֿון די באַגריסטע כאַסאַנים, שױן אָפּגערעדט פֿון אַנדערע קרױװים, װערן אין זײ זעלטן אָנגעװיזן, און דאָס מערסטנטײל בלױז סימבאָליש מיט אַזעלכע רעמאַזים, װאָס זײער אײגנטלעכע באַדײַטונג רופֿט אַרױס כלוקעדײעס. דער דאָזיקער פֿאַקט פֿאַרשװעריקט שטאַרק די פֿאָרשונג פֿון די לידער, װײַל זײערע אַדרעסאַטן און דאַטירונגען בלײַבן ביז הײַנט־צו־טאָג פֿאַרהוילן. װײניק־װאָס אין דעם פּראַט קאָן, לעמאַשל, מיטהעלפֿן די ליד נומער 47, װו דעם כאָסנס נאָמען דרינגט אַרױס אומ־שטרײַטבאַר — יוסף (יױסעף). דיכטער און פֿרײַנט מיט אַזא נאָמען, װעלכע האָבן זיך קאָנטאַקטירט מיט יעהודע האַלײװי, זײַנען געװען גאַנץ פֿיל, אױסער די צװײ אָקאָרשט דערמאָנטע. אַגעװ, א דריטער יױסעף — יױסעף האַלײװי איבן מיגאַש — דעם אױסגעצײכנטן קענער פֿון דער פֿילשפּראַכיקער ליטעראַטור באַ ייִדן, האָט יעהודע האַלײװי געװידמעט אײנע פֿון זײַנע שענסטע כאַסענע־לידער „נבעלה שמש לסהר" („ס'איז באַמאַנט געװאָרן די זון פֿאַר דער לעװאָנע") — א געטאָפּלטער מװאַשעך — אױף װעמעס שפּורן, צום באַדױערן, איז מיר ביז איצט ניט אױסגעקומען זיך צו אָנשטױסן אין אונדזערע קסאַװיאַדן־זאַמלונגען.

אין בײדע לידער־נומערן 37 און 40 איז דער כאָסן אָנגערופֿן יעהודע. נאָר װעמען קאָנקרעט האָט דאָ דער דיכטער געהאַט אין זינען, איז ניט באַװוּסט. עס לײגט זיך אָפֿן רײַען, אַז ס'איז ניט אױסגעשלאָסן, אַז די ליד נומער 40 האָט דער דיכטער געװידמעט זײַן אײגענער כאַלע און זיך זעלבסט. די ליד איז אָן אױסטערלישע. געשריבן איז זי, לױט י. צינבערגס געלונגענער כאַראַקטע־ריסטיק, „אין אַריענטאַלישן סטיל פֿון װיציקע רעטעניש". דאָ װערט דערצײלט, אַז די מיטצײַטלערן פֿון שלױמע האַמעלעך, די באַרימטע כאַכאָמע און מאַלקע פֿונעם קיניגרײַך שװאָ (שבה) האָט גע־בראַכט אַלס א מאַטאָנע פֿאַר די כאָסן־כאַלע א כופּע און אָן אױסגעבעט געלעגער. זי האָט זיך אױך געגרײט פֿאַרגעבן א רעטעניש בעזע האַלאָשן: „װאָס איז דאָס פֿאַר א גאַזעל, װאָס װױנט צוזאַמען אָן מוירע און אָן שרעק מיט א לײב"? דער דיכטער זאָגט דערבײַ אונטער, װי אַזױ טרעפֿן די רעטע־ניש פֿון דער מאַלקע: „ענטפֿערט איר, — װענדנדיק זיך צו דער כאַלע: דאָס ביסטו — דאָך, הינד, װעלכע מע האָט געבראַכט צו װױנען אינעם הױז פֿונעם יונגן לײב (גור אריה יהודה)".

וואָס שײַעך די נעמען פון די קאַלעס, איז די פראַגע נאָך מער שטרײַטבאַר. אין אײניקע לידער (נומערן 4, 16, 29 און 31) זעען אײַן א. האַרקאַווי און ש. ד. לוצאַטאָ דעם אײגן־נאָמען פון דער קאַלע „אסתר" (עסטער) מאָטיווירנדיק, אַז דאָס זאָגן אונטער אין די לידער די נעמען „הדסה" (האַדאַסע) אָדער „בת אביחיל" (באַס אוויכאַיִל), נעמענדיק אין אכט, אַז די מאַלקע „אסתר" האָט מען אויך גערופן „הדסה" און זי איז געווען אוויכאַיִלס אַ טאָכטער. באַ אַ קעגנזעצלעכער מײנונג האַלט זיך כ. בראָדי, וועלכער געפינט אײַן, אַז „הדסה" באַטײַט באַ יעהודע האַלעיווי סטאַם אַן עפּיטעט פאַר „אַ שײנער פרוי", ווי עסטער האַמאַלקע" און „בת אביחיל" דאַרף ווערן פאַרשטאַנען ניט אַנדערש, ווי „אַ טאָכטער פון אַ דערפאַלגרײַכן מאַן". אונדז דוכט זיך, אַז האַרקאַוויס און לוצאַטאָס באַווײַזן זײַנען מער איבערצײַגנדיקע. צוליב איבערגעבן אַף אַ מעטאַפאָרישן אויפן בלויז „אַ שײנע פרוי", אַ יעפאַסטויער" האָט יעהודע האַלעיווי געקענט געפינען אפן 14־טן בלאַט פון דער מאַסעכטע מעגילע אויך נעמען פון אַנדערע פערסאָנאַזשן פונעם טאַנאַך, און ניט נאָר עסטער.

מיר זײַנען גענײגט צו האַלטן, אַז די ליד נומער 12 „הנך יפה רעיתי" (דו ביסט שײן, מײַן פרײַנדין!"), וועלכע האָט זיך גערעכנט ביז איצט אַלס אַ פאַרלוירענע (זע איר באַשרײַבונג) און מיר פובליקירן זי דאָ צום ערשטן מאָל, טראָגט אַן אווטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער; דער דיכטער האָט זי געווידמעט זײַן אײגענער געליבטער (קאַלע?). קײן ערנסטע סטירע קעגן אַזאַ האַשאָרע האָבן מיר אינעם טעקסט פון דער ליד אין ערגעץ ניט באַמערקט.

דער געבוי פון דער ליד איז אַן אָריגינעלער און שטעלט מיט זיך פאָר אַ דיִאַלאָג פון צוויי פאַרליבטע הערצער. כ'גלייב, אַז מיר וועלן קײן גרויסן טאָעס ניט האָבן, אויב מיר וועלן די ליד אָנרופן אַ כאָסן־קאַלע־דיִאַלאָג. דער דיִאַלאָג באַשטײט פון אכט רעפּליקעס, וועלכע בײַטן זיך לויט דער רײ. פיר פון זײ געהערן דעם כאָסן און הייבן זיך אָן מיט דער ווענדונג „הנך יפה רעיתי", און פיר — דער קאַלע, וועלכע הייבן זיך אָן מיט דער ווענדונג „הנך יפה דודי" („דו ביסט שײן, מײַן פרײַנט!"). יעדע רעפּליק אַנטהאַלט פיר סטראָפעס, די לעצטע פון וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר דער רעפרען. די רעפרענען פונעם כאָסן און פון דער קאַלע זײַנען זעלבשטענדיקע, און יעדער פון זײ איז געבראַכט אינעם טעקסט בלויז צו אײן מאָל. דעם רעפרען צו די רעפּליקעס פונעם כאָסן שטעלן מיט זיך פאָר די פערזן 11—13, און ער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „יונה כבודה כבת מלך" („טויב געערטע, ווי אַ באַסמאַלקע!"). דעם רעפרען צו די רעפּליקעס פון דער קאַלע — די פערזן 24—26; דער אָנהייב: „כוד אהבה אחביא בחובי" („דעם סאָד פון ליבע באַהאַלט איך אויס טיף אין זיך").

די כאַראַקטעריסטיק פונעם פאַרליבטן פאָר אונטערשיידט זיך ניט פונעם אַלגעמײן אָנגענומענעם אין דער העברעיִשער און אַראַבישער דיכטונג פון יענער צײַט. דער פאַרליבטער טײַנעט: „קויסעס דופטיקע געטראַנקען אירע הענט צו מיר דערלאַנגען, און די אויגן — גיפט פון שלאַנגען" (פערזן 8—10). די פאַרליבטע האָט קעגן אים טאַרומעס, פאַרוואָס ער איז צו לאַנג אָפּגעשײדט געווען פון איר, און רופט אים אָן „האַרצפאַנגער! דו ביסט ניט געפאַנגען. דיר פעלשט ניט קײנער, נאָר פאַלש ז'דײַן גאַנג" (פערזן 18—23).

דאַטירונגען. אין אַלע געבראַכטע אין די רעגיסטראַציעס לידער לאָזן זיך בלויז צוויי דאַטירן. נאָר די דאָזיקע דאַטירונגען זײַנען ווייניק באַפרידנדיקע. דאָס זײַנען די לידער נומערן 21 און 32. אין דער ערשטער רעדט זיך וועגן אַ כאַסענע, וואָס איז פאָרגעקומען אין די ווינטערדיקע כאַנעקע־טעג, אין דער צווייטער — וועגן אַ כאַסענע, וואָס איז פאָרגעקומען „במזל תאומים", ווען דער זאָדיאַק־צײכן איז אַ צווילינג, דה. אין אײנעם פון די טעג פונעם כוידעש סיוון[1]. אין בײדע לידער קאָן מען ניט געפינען דעם מינדסטן רעמעז אַף די מינהאָגים, וועלכע זײַנען באַקאַנט וועגן כאַסענעס אין כאַנעקע־טעג, ווען דאָס יונגע פאָר איז באַפרײַט פונעם טראַדיציאָנעלן פאַסטן פאַר דער כופע, און וועגן כאַסענע־טעג אין כוידעש סיוון, ווען עס גײען פאָר קימאַט אַ האַלבער הונדערט טעג, ווען די כאַסענעס זײַנען פאַרבאָטן. פאַרשטײט זיך, אַז אַזעלכע דאַטירונגען זאָגן ווייניק אונטער דעם פאָרשער פון יעהודע האַלעיווויס לעבן און שאַפן.

איבערזעצונגען. מיט איבערזעצונגען זײַנען באַזאָרגט בלויז פיר לידער: דרײַ נײַע, צום ערשטן מאָל פובליקירטע דאָ, וועלכע רעכענען זיך אין דער רעשימע אונטער די נומערן 5, 12 און 24, ווי אויך די ליד נומער 3, וואָס כאָטש איר אָריגינאַל איז פון לאַנג באַוווּסט אין דער ליטעראַטור, נאָר איר אינטערפּרעטאַציע, וואָס אַנטשפּרעכט פולקום דעם אינהאַלט פון די דערמאָנטע קסאַוויאַדן אין דער באַשרײַבונג, שפּיגלט זיך אָפּ צום ערשטן מאָל אין דער איבערזעצונג. אַלע איבערזעצונגען געהערן דעם לענינגראַדער פאָרשער א. מאַרגאָלין. אָן אַן איבערזעצונג איז פון די נײַע געבראַכטע דאָ לידער געבליבן בלויז די ליד נומער 19, וועמעס פאָרשונג פאָדערט נאָך אַ צוגאָב־אַרבעט.

---

[1] סיוון — דער נײַנטער (לויט אַן אַנדער כעזשבן — דער דריטער) כוידעש פונעם אָנגענומענעם לועך. ער באַשטײט פון 30 טעג, וועלכע וואַרײַרן אין פאַרשײדענע יאָרן צווישן דעם 10־טן מײַ און 8־טן יול.

1. [אהובי] נוער הנה מה נעים (פאַרליבטע פון דער יוגנט אַז, אך ווי אַנגענעם...). קס. פ2 1—207, ב. 7 (וועגן דעם דאָזיקן קסאַוויאַד זע: „יעהודע האַלייווים 198 לידער פון אַן אומבאַוווּסטער רעדאַקציע", „סאָוועטיש היימלאַנד", 1983, נומער 6). אונטערן נומער 232. אַנטהאַלט בלויז דעם געבראַכטן אָנהייב. אויסג. בראָדי. ב. 2, ז. 59: אהבי נער (די, וואָס ליבן יוגנט).

2. אל ההדס לשקות צמחיה יצאה כעין שמש בזרחיה עלמה מתופפת [בחין]... צו דער מירטע, קעדיי אָנצוטריקען אירע געוויקסן, איז אַרויסגעגאַנגען אַ מיידל, [שיין] ווי די שײַנענדיקע זון, און האָט געפּויקט גראַציעז). קס. פ1 164, ב. 25—:25; פ2 1—106. ב. 33—:34; פ2 5—207, ב. 7—:9. אויסג. פון ק. ב. סטאַרקאָווא אָפּן סמאָך בלויז פונעם קס. פ2 1—106 אינעם אַרטיקל:

Из материалов II собрания Фирковича Государственной публичной библиотеки им. М. Е. Салтыкова-Щедрина (из фрагментов «дивана» Иехуды Халеви).

(פון די מאַטעריאַלן פון דער צווייטער פירקאָוויטשער זאַמלונג פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען (פון פראַגמענטן פון יעהודע האַלייווים „די־וואַן") — אינעם בוך:

Исследования по истории культуры народов Востока. Сборник в честь академика И. А. Орбели.

(פאָרשונגען צו דער געשיכטע פון דער קולטור פון די מיזרעך־פעלקער. זאַמלבוך לעקאָוועד דעם אַקאַדעמיקער. י. א. אָרבעלי), ז. 448.

3. אמור אל מי יאו לראות תמונה (זאָג דעם, וואָס וויל זען אַ בילד). קס. ג 1331, אַף די ראַנדן פונעם בלאַט :40; ג. 1332, ב. :52; פ2 39, ב. 34; פ2 1—44, ב. :23. נומער פון דער ליד — 198. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: וקאל פי מתל דלך (און ער [יעהודע האַלייווי] האָט עטוואָס ענלעכס אויך געזאָגט). פ2 1—110, ב. :5. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 61; שלמה אבן גבירול. שירי החול (שלוימע איבן גאַביראָל, וועלטלעכע לידער. אויסג. פון כ. בראָדי און כ. שירמאַן), 1974, אין דער אָפּטיילונג פון לידער, וועמענס אוטאָר אַלס שלוימע איבן גאַביראָל איז צווייפלהאַפט, ז. 179. צווישן די מעקוירים אַף דער אויסגאַבע זײַנען צווישן אַנדערע אויך אָנגעוויזן די אויבנדערמאָנטע: ג 1332 און פ2 39.

מיר לייגן דאָ פאָר די איבערזעצונג פון דער ליד אין העסקעם מיטן נוסעך פון אונדזערע קסאַוויאַדן, וועלכע דרוקט זיך צום ערשטן מאָל.

זאָג אַלע יענע, וואָס זיי קוקן געפעלט,
ווי לעוואָנע און זון באַשײַנען די וועלט,
זאָלן זיי אײַלן זען ליבנדע אינדן,
פאַרייניקן זיך אין אַ פרישן געצעלט.
קעגן אַזאַ שײַן ווערט טונקל די זון,
און ס'ווערט די לעוואָנע מיט בושע פאַרשטעלט.
פון זייער פרײַנטשאַפט ווערט פריילעך די ערד,
און דער יאַם אַף זײַן שפּראַך טוט נאָר און קווועלט.

4. אמרו בני ימים לבן־נדיב (זאָלן די אַנאַלן פון דער געשיכטע זאָגן דעם זון פונעם איידעלן מאַן). קס. ג 1331, ב. 11. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: וקאל פי אלחתן (און ער [יעהודע האַלייווי] האָט געזאָגט וועגן דעם כאָסן); פ2 1—209, ב. 27—:27, נומער 178. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 50.

5. אסרו ורתמו כוכבי ששונים (בינדט צוזאַמען און שפּאַנט אײַן די שטערן פון פרייד). קס. פ2 178, ב. :18. די ליד איז באַצייכנט געוואָרן דורך פירקאָוויטשן מיטן נומער 52. דער טעקסט צוזאַמען מיט דער איבערזעצונג פּובליקירן זיך דאָ צום ערשטן מאָל (אויספירלעכער וועגן דער ליד, וואָס איז געשריבן אין פאָרם פון אַ מוּוואַשעך, זע אינעם פאָרוואָרט).

אסרו ורתמו כוכבי ששונים הקהלו
לקראת ידידי ו... בו צהלו. פזמ׳
רוצו ונבוא אלי חדריו אנשים זמן
התעלסו בו אכן אמריו פנג ומן
איש תם וישר ומענוריו הוא נאמן
נדיב וידיו כטל ענניים כן יזלו
מכל נגוני הקהלו ששוני מהרו עלו. פזמ׳

ומעיל לבושו וכל כסותו משי ושש'
חדרו וביתו וריצפתו בהט ושש
על שם נביאי הוא שם חתנים מה תשאלו
אם לא ידעתם לתחכמוני נא שאלו. פזמ'
כלת נעורים הבא לחופה...
מכל עלמות ברה ויפה דמתה לבד
משי ורקמה ועתה היא לך לבד
תגל ותשמה בבנים דת ינחלו
יתברכו... המוני יתהללו.

(הימל־שטערן, נעמט צונויף זיך, קלײַבט זיך פרײלעך דאָ צוזאמען.
צו באגעגענען מײַן ליבסטן זאָל זיך קײנער ניט פארזאמען. רעפרען.
אײַלט זיך, מענטשן. אין זײַן צימער אלע אײַנגעלאדן ווערט איר,
אײַך פארשאפן פארגעניגן וועלן זײַנע קלוגע ווערטער.
אָרנטלעך פון יונגע יאָרן איז דער ליבער, דער באשערטער.
בארעמהארציק איז ער שטענדיק, אין זײַן האנט איז טוי פאראנען.
אײַלט זשע, קומט אהער מיט לידער, לוסטיק מאכן זיך צוזאמען. רעפרען.
ס'טראָגט דער ליבער זײַד און סאמעט. זײַנע בגאָדים זײַנען שײנע,
און זײַן הויז די ווענט און דילן — מארמאָר אלץ און אײדלשטײנער.
און מע רופט אים ווי א נאָווי, זיכער האָט איר מיך פארשטאנען.
קומט דעם כאָסן צו דערקענען, טאָן דאָס זאָלט איר ניט פארזאמען. רעפרען.
זעט אונטער דער כופּע, אין זײַדענע קלײדער,
די קאַלע איז שענער פון יעדערן מײדל,
און זי איז שוין דײַנע, אויף קײנמאָל ניט שײדן.
קינדער זאָלן וואקסן גערעטענע סאמע,
און פרײען די מענטשן, דעם טאטן די מאמען).

6. בחדר ענג צץ מטה עז אל צד גפן חן פוריה (אין טײַנעגפולן צימער האָט זיך צעבליט א שטארקער שטאנג [דער כאָסן] צו דער זײַט פונעם פרוכט־כײנעוודיקן ווײַנשטאָק [די קאַלע]. קס. ג 1331, ב. 27. דער נוסעך פונעם פערז אונטערשײדט זיך וועזנטלעך: 2פּ 206, ב. 69—:69. אויסג. בראָדי, ב. 2. ז. 32.

7. בכל אף יעלה ריח לבונה ביום הילל מחבר אל לבנה (דער רײעך פון ווײַנרויך דערגײט צו יעדער נאָז אינעם טאָג, ווען דער מאָרגנשטערן [כאָסן] פארײניקט זיך מיט דער לעוואָנע [קאַלע]). קס. ג 1331, ב. 40. אויסג. בראָדי ב. 2, ז. 56.

8. בכנפי החלום אעוף כיונה (אויף פליגל פונעם כאָלעם וועל איך פליִען ווי א טויב). קס. 2פּ 43, ב. 33—:33. דאָס קעפּל אויף אראביש: וכתב אלי אלמדכור מהניא לה באלערס (און ער האָט גע־שריבן צום אויבנדערמאָנטן [אבו איסכאק אווראהאם איבן אלראביב], באגריסנדיק אים אין צוזאמענ־האנג מיט זײַן כאַסענע). אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 276. אין שײַכעס מיט דער זעלבער פּאסירונג האָט יעהודע האלײווי פארפאסט נאָך צווײ לידער. זע נומערן 28 און 42.

9. בן פורת יפה עין (שײנויגיקער, פרוכטבארער זון). קס. 1—45, ב. 53:—54; 2פּ 895, ב. 1—:1. דער אָנהײב פעלט. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 39. א מוּוואשעך.

10. בתולות על שירתן וכנור על נגינתו לעלוז היום בחתן יצא מחופתו (זאָלן מײדלעך מיט געזאנגען און די הארפע מיט איר שפּיל מעסאמײעך מאכן דעם כאָסן, ווען ער גײט ארויס פון דער כופּע). קס. 2פּ. 1—44, ב. 51:; 2פּ 895, ב. 3— :3. אויסג, בראָדי, ב. 2, ז. 47. א מוּוואשעך.

11. הוד והדר שים חבלו (מאך אזוי, אז זײַן [דעם כאָסנס] גוירל זאָל פּרעכטיק זײַן). קס. 2פּ 43, ב. 42—:42. דאָס קעפּל אויף אראביש: ולה עלי חתן (און אים [יעהודע האלײווי] געהערט די פאָלגנדע ליד וועגן א כאָסן); 2פּ 1—207, ב. 7, נומער 233: הוד והדר שים פעלו (מאך אזוי, אז זײַן טוּונג זאָל פּרעכטיק זײַן). אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 63. אן אקראָסטיך „הלוי חזק" (האלײווי, שטארק זיך!), געשריבן אין פאָרם פון א מוּוואשעך.

12. הנך יפה רעיתי (דו ביסט שײן, מײַן פרײַנדין!). קס. 2פּ 206, ב. 43:—44; 2פּ 1—208, ב. 16—:16, :17. געבראַכט אין ש.ד. לוצאטאָס אינדעקס, נומער 2, אָפּטײלונג 3, אונטערן נומער 42, מיט דער באמערקונג אין קײַלעכדיקע קלאמערן „חסר", וואָס באטײַט, אז דער טעקסט פון דער ליד גופע פעלט אינעם קסאוויאד. מיר פּובליקירן דאָ צום ערשטן מאָל דעם אָריגינאַל פון דער ליד, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אן אקראָסטיך: „א—ת, יהודה (אני?)", צוזאמען מיט דער איבערזעצונג אין ייִדיש (אויספירלעכער וועגן דער ליד זע אינעם פאָרוואָרט).

הנך יפה רעיתי
אחת מבין צבאות צבאות
אוספו בהוד תארה נפלאות
עין לא תשבע לראות.
בלאט עיניה יעוררו נקמה
אני לשלום עם יונה תמה
והמה למלחמה.
גם מידיה תשקני כוס עדנים
ומעיניה תשכירני ברוש פתנים
וכלים מכלים שונים.
יונה כבודה כבת מלך
השמיעיני תשורת מהלך
חברים מקשיבים לקולך.
הנך יפה דודי
דרכתי כהיום קשתותיך
ותמשוך לבבי ביין דברותיך
הוצק חן בשפתותיך.
הארכת פירוד ותשלוף חרבך
שודד לבות ולא שודד לבך
ובוגד ולא בגדו בך.
ואני מיחלת מתי אראהו
אולי הזמן מנתי ישיבהו
והראני אתו ואת נוהו.
סוד אהבה אחביא בחובי
לקול דודי אתנה לבי
לראות מה ידבר בי.
הנך יפה רעיתי
זכרך בזכרך כמור אמצאהו
ובשמך בשמך אל אף מריחהו
לא בא כבושם ההוא.
חמדותיך מעצמך נתכנו
עמך נבראו ועל כן לא שנו
ביום הבראך כוננו.
טעמך ברוך ואת ברוכה
ומכל אבן יקרה את משוכה
ותבלחי למלוכה. פז׳ יונה
הנך יפה דודי
יפיפית וחכמה וטוב הוספת
עד כי לבנה תחמדך עתה
כי חמודות אתה.
כי מה נעמו לי ארמנותיך
ומה טובו אהלי מתנותיך
מה ידידות משכנותיך.
לך נא ורד אל גן כי הסתו הלך
ופרי מגדים אשר יצאו בגורלך
דודי אתנהו לך. פז׳ סוד
הנך יפה רעיתי
מתנופפת לרוח [אשר] יפוח
ונמשכת אחריו בסעיף תפוח
אל אשר יהיה [שם] הרוח
נצבת כשר וכקנה מנורה
מקשה אחת כתימורת מיושרה
ופני כרוב אל התימורה.
סמיה ובשמיה תמיד ישליו

תמרוקיה ומרקחיה בל יכליו
ופרחיה ממנה יהין.   פז׳ [יו]נה
הנך יפה דודי
עין לא ראתה כהוד צביו
וכל עץ בגן אלהים בגאון עדיו
לא דמה אליו ביפיו.
פנה היום ושמש בא מבואו
והוא בהתקדר שחק וצבאו
כשחר נכון מוצאו.
צמאתי ליין דודייו והוד מראהו
לו יש מליץ אהבתי יזכירהו,
אולי משגה הוא.   פז׳ כוד
הנך יפה רעיתי
קרב עתך שבעת נדודים
כי הריחותי משירך ורדים
והנה עתך עת דודים.
ריח נתנו לאפי הגפנים
הבה נרדה לרעות בגנים
וללקוט שושנים.
שם בין ערוגות אהבה נתהלך
וביין חכך תחיי נפש חללך
יחיתה נפשי בגללך.   פז׳ יונה
הנך יפה דודי
תחת מה נדוד כעקרב נושך
משכני בדודי אחריו אמשך
לאורו אלך חשך.
ידידי כלו עיני לחברתיך
ונפשי הגלתה בטוב אמרתיך
על כן יצאתי לקראתך.
הודה תראה במשכנות אהלי
אני לך דודי ותשוקתך עלי
סורה אדוני סורה אלי.   פז׳ [סוד]
דודי יין דודיו ישקני
שמאלו תחת לראשי וימינו תחבקני.

(דו ביסט שיין, מײַן פרײַנדן!
פון אלע אינדנס ביכטו איינע,
א וווּנדערלעכע און א שיינע,
ניט זעטיקן דאָס אויג באַ קיינעם!
נעקאָמע בליצט פון אירע אויגן,
מיט שאָלעם־גרוס טו איך זיך בייגן,
נאָר צו מילכאָמע זיי זיך נייגן.
קויסעס דופטיקע געטראַנקען
אירע הענט צו מיר דערלאַנגען,
און אירע אויגן — גיפט פון שלאַנגען.
ביסט א באַסמאַלקע, טויב געערטע!
ווי מע ליבט דיך, לאָז מיך הערן,
מײַנע פרײַנט דאָס אויך באַגערן.
דו ביסט שיין, מײַן פרײַנט!
שטאַרק איז אָנגעשפּאַנט דײַן בויגן,
מיט ווערטער האָסט מײַן הארץ געצויגן,
פון דײַנע ליפּן — כיין צו זויגן.
ציסט אויס דײַן שווערד און זאַמסט זיך לאַנג,
הארצפאַנגער, דו ביסט ניט געפאַנגען!
דיך פעלשט ניט קיינער, נאָר פאַלש ז׳דײַן גאַנג.

איך לעב מיט דער האָפענונג צו זען אים און הערן.
ווען וועט שוין די צײַט אים צו מיר צוריקערן?
צי וועט זי זײַן ווינאָרט צו זען מיר באשערן?
מײַן ליבע באָרג איך טיף אין זיך,
דאָס קאָל פון פרײַנט וויל הערן איך,
און זען, ווי אופנעמען ער'ט מיך.

דו ביסט שיין, מײַן פרײַנדן!
דיך צו געדענקען — ווי בלומען־דופט,
קיין נאָז האָט א רייעך אזא ניט געפרווט,
ס'קאָן זיך ניט גלײַכן מיט אים קיינע לופט.
ס'קומט דײַן פרעכטיקײַט פון דיר אליין,
געבוירן מיט דיר און וועט קיינמאָל פארגיין,
וועט זיך ניט ענדערן און אף אייביק בלייבן שטיין.
דו ביסט געבענטשט, און דײַן טאם איז גאָר זיס,
מער פון בריליאַנטן צו זיך דו מיך ציסט,
א מאלקע צו ווערן פאסטו געוויס.

דו ביסט שיין, מײַן פרײַנט!
דו ביסט קלוג און גוט גאָר גאָר פיל!
אויך די לעוואָנע אין דער שטיל
זיך צו דײַן פראכט באהעפטן וויל.
ווי אָנגענעם איז מיר, מײַן שאַץ,
דײַן ווינונגס־אָרט און דײַן פאלאַץ,
ווי ליב איז מיר דײַן אַפרו־פלאַץ.
טאָ קום, דער הארבסט איז שוין פארבײַ,
און פרוכטן אָן א שיר און רײַך
פון מיר, מײַן פרײַנט, באקומ:טו גלײַך.

דו ביסט שיין, מײַן פרײַנדן!
דו שוועבסט מיט בלאָזנדיקן ווינט,
און ווי אן עפל־צווײַג געשווינד
טראָגט דיך אהער, טראָגט דיך אהין.
באצירט א מעגוירע־רער צוגלײַך,
און ווי א פאלמע שלאנק און גלײַך,
דײַן פאָנעם ווי א מאלעך לײַכט.
פארפומען האָסטו אָן א צאָל
קיין סאָף צו זיי ניט קומען זאָל,
ווי בלומען אין א גרינעם טאָל.

דו ביסט שיין, מײַן פרײַנט!
א הירש אזא ט'קיין אויג געזען,
בא גאָט אין סאָד איז ניט געווען
א בוים, וואָס זײַן אזוי זאָל שיין,
דער טאָג גייט אויס, די זון פארגייט,
און כוישעך איז ארום פארשפרייט,
באַר ער — ווי דער קאַיאָר איז גרייט.
איך דאַרשט זײַן ליבע־ווײַן ביז גאָר,
זאָל ווער דערמאָנען אים אף קלאָר,
מײַן ליבע איז ניט פאלש, נאָר וואָר.

דו ביסט שיין, מײַן פרײַנדן!
די צײַט פון וואנדערן איז אויס,
דײַן ליד איז דופטיק, ווי א רויז,

איצט ווארט אף אונדז דער ליבע־שויס.
דער וויַנגאָרטן זייַן דופט פאַרשפּרייט,
אין סאַד אין מייַנעם גייען זיַ גרייט,
און רויזן קלייַב פון יעדן בייט.
און בייטן וועלן אַן א שיר
דערקוויקן די נעשאָמע מיר,
און איך וועל לעבן צוליב דיר.

דו ביסט שיין, מייַן פרייַנט!
ניט וואנדער, ביסט דאָך ניט קיין שלאַנג,
צי מיך צו זיך, איך גאר דאָס לאַנג,
און צו דייַן שיין איז מייַן פאַרלאַנג.
איך בענק אזוי נאָך דיר, מייַן פרייַנט!
אָן דיר פאַרוואָגלט וועל איך זייַן,
צו דיר אנטקעגן גיי איך הייַנט.
ווי פרעכטיק איז איצט מייַן געצעלט!
בלויז איינער דו אין אים מיר פעלט,
מיט דיר וועט ליכטיק זיַן מייַן וועלט!
איז קום, פאַרשיקער מיך, ווי ווייַן,
אין דייַנע אָרעמס נעם אריַין!

13. זמן מעדנך מלא עדנים (די פאַרגעניגנספולע צייַט צערטלט דיך אויס). קס. 2פ 1—106, ב. 13—14. ליד נומער 51. דאָס קעפל אף אראביש; ולה איצא אעזה אללה תעאלי (און אים [יעהודע האַלייווי] זאָל דער אייבערשטער אים שטארקער מאכן, געהערט אויך די פאָלגנדע ליד) אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 41.

14. זרח חתן פרוש כנפי רננה כאור בקר אשר אין בו עננה (שייַן, כאָסן, צעשפּרייט די פליגל פון פרייד־געזאַנגען, ווי א לויטערער פרימארגן, אָן קיין שום וואָלקנס). קס. ג 1331, ב. 40. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 291.

15. חיי יפה וברה כלבנה ואל תשכן עלי אורך עננה (זיַ א שיינע און א לויטערע, ווי די לעוואָנע, און זאָל אף דייַן ליכטיקייַט קיינמאָל קיין וואָלקן ניט רוען). קס. 2פ 1—44, ב. 22. נומער פון דער ליד — 188. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 290. געווידמעט א קאַלע, אינעם טאָג, ווען זי גייט צו דער כופּע.

16. חפה עלי נטעי יקר חפפת (א כופּע דעקט צו טייַערע פלאַנצונגען [כאָסן און קאַלע]). קס. ג 1331, ב. :47—48. דאָס קעפל אף אראביש: ולה פי אלחפה (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך די פאָלגנדע ליד וועגן א כופּע); 2פ 1—44, ב. 22. נומער פון דער ליד — 189; 2פ 1—110, ב. 5. דער אָנהייב פעלט. אויסג. בראָדי, ב. 2. ז. 318.

17. חתן בחי שמך וחי מלכי (כאָסן, איך שווער בא דייַן און באם מייַלעכס נאָמען). קס. ג 1331, ב. 58; 2פ 1—44, ב. :21. נומער פון דער ליד — 171; 2פ 1—209, ב. ;28. נומער פון דער ליד — 185. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 236.

18. חתן תנה הודך עלי כלה, כלו לך לבה ועיניה (כאָסן, לייג ארויף דייַן פראכט אף דער קאַלע. עס גייען אויס נאָך דיר אירע הארץ און איגן). קס. ג 1331, אף די ראנדן פון ב. :40; 2פ 1—110, ב. 6; 2פ 1—209, ב. 27. נומער פון דער ליד—177. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 65.

19. חתני הלוא זה בשר מזבולך היום הזה אחל לגדלך (כאָסן מייַנער, גיב איבער די פאָלגנדע בסורע פון דייַן הויז: „שוין פון הייַנט אָן וועל איך דיך מאכן גרויס"). קס. 2פ 1—45, ב. :48—49. דאָס קעפל אף אראביש: ולה איצא פי חתן (און אים געהערט אויך די פאָלגנדע ליד פאר א כאָסן וועגן). אנטהאלט בלויז די ערשטע סטראָפע; קס. 2פ 1—208, ב. 17. דער אָנהייב לויט אן אנדערן נוסעך, נאָר מיט דעם זעלבן אינהאלט: חתני הלזה תבשר מזבולך... אן אומבאוווּסטער אקראָסטיך „יהודה", געשריבן אין פאָרם פון א מוואשעך.

20. יבוא דודי לגנו (זאָל זיך אומקערן מייַן פרייַנט צום אייגענעם סאָד). קס. 2פ 1—45, ב. 50. דער אָנהייב פעלט; 2פ 206, ב. :46. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 51. אקראָסטיך: „יהודה הלוי בן שמואל". אייגנטלעך, א פּיוט לעקאָוועד דעם שאַבעס, ווען עס איז פאַרגעקומען די כאַסענע.

21. יגדל כבוד השוכני רום ערץ (זאָל וואקסן דער קאָוועד פון דעם, וואָס וווינט אף דער הימלשער הויכקייַט). קס. 1—208, ב. :17. דאָס קעפל אף אראביש: לחתן וקע ערסה פי חנכה (פאר א כאָסן וועגן, וועמענס כאַסענע איז אויסגעפאַלן אין כאַנעקע). אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 33.

22. יונה על אפיקי מים תאוה היא לעינים (אַ טויב לעבן וואַסער־קוואַלן איז אַ פאַרגעניגן פאַר די אויגן). קס. אַפּ. נומער 180 B, ב. :17; 2פּ 1—44, ב. 51; 2פּ 1—45, ב. 53 — :53; 2פּ 206, ב. 32—:32: 2פּ 895, ב. 1. דער אָנהייב פעלט. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 53. אַן אַקראָסטיך: „יהודה הלוי חזק" (יעהודע האַלייווי, שטאַרק זיך!). געשריבן אין פאָרם פון אַ מוּוואַשעך.

23. יכונן חתני מנוחיו בגן (זאָל מײַן כאָסן אָפּרוען אינעם סאָד). קס. 2פּ 1—207, ב. 7, נומער 234. אין קסאַוויאַד איז פאַראַן בלויז דער אָנגעוויזענער אָנהייב. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 62. אַן אַקראָסטיך „יהודה", געשריבן אין פאָרם פון אַ מוּוואַשעך.

24. ימות עולם חודשו זמירות ורננים (זינט די וועלט שטייט באַנײַען זיך זמירעס און געזאַנגען). קס. 2פּ 178, ב. 8—:8. דאָס קעפּל אויף אַראַביש: גזל ללחתן (אַ ליבע־ליד פאַר אַ כאָסן וועגן). אַן אַקראָסטיך „יהודה", געשריבן אין פאָרם פון אַ מוּוואַשעך. דער אָריגינאַל פון דער אומבאַוווּסטער ליד, ווי אויך איר איבערזעצונג אין ייִדיש, פאַרעפנטלעכן זיך דאָ צום ערשטן מאָל (אויספירלעכער וועגן דער ליד זע אינעם פאָרוואָרט).

ימות עולם חודשו / זמירות ורננים
והשעות לבשו / לבוש הוד ועדנים
וכל פיות חדשו / לשורר מוכנים
עלי חתן רחשו / שבחיו כל לשונים
וזכרו בין בנים / כבושם יפיח
וכל אשר הוא עושה / יוי מצליח. פז'
המולות מרעים / כהיום נועדו
ומחברת שועים / לחתן נצמדו
לזכרו כי נעים / ודודיו נחמדו
לגיל כן[1] שעשועים / לביתו נצמדו
ולו מסוד מרעים / אלהים יניח. פז'
ומה יתרון חלקך / תדע כי רצויים
גזעך וזרעך / יהיה מלא הגויים
וממעין ישעך / שתה מים חיים
ואת לבך נסכה / בטוב וראה חיים
עם האשה אשר / יוי הוכיח. פז'
דשנים ונעימים / יבלו את ימיהם
ומחשכת ימים / תהי על חפצהם
וגם גרוב ידגה / יחד צאצהם
וממוקשי ימים / ימלט רגליהם
וגס יפנה אליהם / בעין חן ישגיח. פז'
החתן ישגה / וטובתו תרב
וגם לרוב ידגה / וטובו יערב
ומשנאיו ישגה / אהליהם יחרב
במו דתו יהגה / בקר וערב
וייטב ובקרב / חצריו יפריח. פז'

(ס'זײַנען נײַע טעג אַנטשטאַנען, / פול מיט לידער און מיט פרייד.
יעדע שאַ, וואָס איז פאַראַנען, / איז מיט צירונגען באַקליידט.
ווער פון דאָרטן, ווער פון דאַנען / זינגען לידער, זײַנען גרייט,
און דעם כאָסן — הויך, צוזאַמען, / זינגען שוואַכים קינד און קייט.
צווישן זײַנע פרײַנט די יונגע / איז ער גלײַך אַ דופטיק בלום,
אַלץ, וואָס טוט ער, איז געלונגען, / גליק באַגלייט אים אומעטום. רעפרען.
ס'רוישן די כאַוויירים זײַנע, / וואָס געקומען זײַנען הײַנט,
אַלע — באַכערים גאָר פײַנע, — / אַלע זײַנען זײַנע פרײַנט.
שוין אַליין דער נאָמען זײַנער / און זײַן ליבשאַפט לאָקן הײַנט,
ס'האָט דער יונגערמאַן דער פײַנער / אַלעמען אין הויז באַפרײַנט.
פון בייזע לײַט איז ער גאָר ווײַט, / און זיי ניט רינגלען אים אַרום. רעפרען.
מיר דיר ווינטשן, אַז געשווינדער / וווילטיק קומען זאָל צו דיר,
און דײַן ייִכעס, דײַנע קינדער / שטענדיק ליבן וועלן מיר.
טרינק קוואַל־וואַסער און ס'וועט לינדער / זײַן דער לעבנסלויף בא דיר,

[1] ס'דאַרף זײַן: בן.

ס'זאָל דאָס גליק ניט ווערן מינדער, / פרייען זיך דאַן וועלן מיר.
מיט זײַן פרוי, מיט זײַן באַשערטער / לעבן זאָל ער לאַנג אין רום. רעפרען.
אָנגענעם, מיט פאַרגעניגן, / זאָלן זיי לעבן טאָג נאָך טאָג.
דאָס געווונטשענע צו קריגן / זאָל ניט שאַפן זיי קיין זאָרג.
רום זאָל זייערע קינדער־וויגן, / און באַוווּסט מאַכן אין פאָלק,
און ווו זייער וועג וועט ליגן, / זאָל ניט דראָען זיי קיין פּלאָג.
זײַנע קינדער זאָל מען ליבן, / און אַף זיי ניט קוקן קרום. רעפרען.
זאָל דער כאָסן זײַן פול ערע, / פול מיט גוטסקײַט זאָל ער זײַן,
זײַן מישפּאָכע זאָל זיך מערן, / לעבן זאָל ער גוט און פײַן,
פײַנט פאַרניכטעט זאָלן ווערן, / קיינער זאָל צו זיי אַרײַן,
זאָל ער דענקען פון זײַן לערע / פון גאַנצפרי ביז אָוונט־שײַן.
אין זײַן הויף זאָל ווילשטאַנד ווינען, / זאָל ער בליִען, ווי א בלום.

25. יפה תיפה שהרוניה (די שיינהײַט באַשײַנט אירע צירונגען). קס. ג 1331, אַף די ראַנדן פון ב. :40; 2פ 1—44, ב. :22. נומער פון דער ליד — 191; 2פ 1—110, ב. 5; 2פ 614, ב. 78. נומער פון דער ליד — 59. אויסג. בראַדי, ב. 2 ז. 65.

26. יפרח חתן כשושן (זאָל בליִען דער כאָסן ווי ליליע), קס. 2פ 895, ב. 2—:2. אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 43. אַן אַקראָסטיך „יהודה" געשריבן אין פאָרם פון א מוואַשעך.

27. יראי אל אני אקרא אליכם שמעוני (גאָטספאָרכטיקע, צו אײַך ווענד איך זיך, הערט מיך אויס). קס. ג 1331, ב. 29—:29. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה עלי חתן (און אים געהערט אויך די פאָלגנדע ליד פאַר א כאָסן וועגן). באַשטייט פון 24 פערזן; 1פ 164, ב. 13—14, ווי אויך אין 2פ 5—207. ב. 5—:5; יראי אל בני מקרא בניכם שמעוני (גאָטספאָרכטיקע קראַזימער, אײַערע זין, הערט מיך אויס); 2פ. 1—208, ב. :30—31. אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 3, אַפּן סמאַך פון די אָקספאָר־דער קסאַוויאַדן, נומערן 1970 און 1971: ידידי אל אני אקרא אליכם (גאָטס פרײַנט, איך ווענד זיך צו אײַך). אנטהאַלט בלויז 23 פערזן. די ערשטע פינף פערזן בילדן אַן אַקראָסטיך: „יהודה" (אויס־פירלעכער וועגן דער ליד זע אינעם פאָרוואָרט).

28. ישא צבי צבאות בני יצהר מאוהבו שלום כמו נהר (זאָל פאַרנעמען דער הירש פונעם כאַיל פון יִיצהאָרס קינדער [געמיינט: פון די לעוויִים. א פערסאָנאַזש פונעם כומעש — לייוויס אַן אייניקל] פון זײַן פאַרערער א גרוס, די גרייס פון א טײַך!). קס. ג 1331 ב. :53; 2פ 43, ב. :32—33. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה פי אבי אסחק בן אלרביב ענד מלאכה בבנת בן מהאגר (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך די פאָלגנדע ליד פאַר אבי איסכאַק איבן אַלראַביב, ווען ער האָט כאַסענע גע־האַט אַף איבן מוהאַדזשערס טאָכטער); 2פ 1—208, ב.: 37. אויסג. בראַדי, ב. 1, ז. 179. זע אויך די נומערן 8 און 42.

29. כוכבי תבל כיום חברו בצבא רום לא נמצא כהם (עס האָבן זיך פאַרייניקט שטערן פון דער וועלט. צווישן דעם כאַיל פון דער הימלשער הייכקײַט זײַנען אַזעלכע ניט פאַראַן!). קס. 2פ 1—44, ב. :22. נומער פון דער ליד — 192; 2פ 1—110, ב. 5. אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 29.

30. מה לצבי חן דרך צפה ליפת תאר לו מתיפה (צוליב וואָס שטייט דער כיינעוודיקער הירש אַפּן וועג און קוקט אַרויס? דאָס קוקט ער אַרויס אַף דער בילדשיינער, וועלכע פוצט זיך פאַר זײַנעט־וועגן). קס. ג 1331, ב. :48. אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 33.

31. מה תעלה שמש ומה תופיע תור בת אביחיל כבר הגיע (צוליב וואָס דאַרף די זון אופגיין און זיך באַווײַזן? די רײ פון אַוויכאַיִלס טאָכטער איז שוין געקומען [אביחיל — דער נאָמען פון עס־טערס פערסאָנאַזשן פונעם טאַנאַך, צווישן זיי אויך דער נאָמען פונעם פאָטער פון דער מאַלקע עסטער]). קס. 2פ 1—44, ב. 23. נומער פון דער ליד—194; 2פ 1—106, ב. :22. נומער פון דער ליד — 84. דער סאָף פעלט. אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 19.

32. מלונת הדסים וערש בשמים לתאמי צביה במזל תאומים (א בײַדל פון מירטן און א גע־לעגער מיט דופטיקע ווילגערוכן פאַרן צווילינג־אינדן וועגן. אינעם זאָדיאַק־צייכן „צווילינג" [געמיינט: אינעם כוידעש סיוון]). קס. ג. 1331, ב. 38. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה מן אקואלה פי אלחפית (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך די פאָלגנדע ליד, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט וועגן כופּעס); 2פ 1—110, ב. 6: מלונות... (בײַדלעך...); 2פ 1—209 ב. :27. נומער פון דער ליד — 180; 2פ 3—578, ב. 1. אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 14.

33. מן ההדס על הדסה נשבה רוח אהבים רפאה חלי אהבה (פונעם מירט [כאָסן] צו דער מירטע [קאַלע] האָט א ווייע געטאָן מיט א ליבע־ווינט, וואָס האָט אויסגעהיילט פון א ליבע־קראַנקײַט). קס. 2פ 1—44, ב. 51. נומער פון דער ליד — 461; 2פ 1—45 ב. :55. דער כאָף פעלט; 2פ 895, ב. :2—3. אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 55. א מוואַשעך.

זשיל פּאַסקין. אַ מיידל מיט אַ היטל.

זשיל פאסקין. צוויי פרויען.

זשיל פאסקין. א שלאָפנדיק מיידל.

מײשקע באהעלפער. אילוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלײכעמס װערק.





מײשקע באהעלפער. ווײַנגערטנער.

34. עזוב לראות אשר יהיה והיה וקח לך מאשר תראה ראיה (הער אוף טראכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט זײַן, און וועגן דעם, וואָס עס איז שוין געשען, און נעם פאר זיך דאָס, וואָס דו זעסט). קס. ג. 1331, ב. 26:; פ2 1—44, ב. 21. נומער פון דער ליד — 166. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה פי ערס בעץ אכואנה (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך די פאָלגנדע ליד אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס ס'האָט כאַסענע געהאַט אײנער פון זײַנע פרײַנט). אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 40.

35. עפרים עמדו בין ההדסים (א יונגער הירש [כאָסן] און אַן אינד [קאַלע] זײַנען געשטאַנען צווישן מירטן). קס. פ2 1—44, ב. 22. נומער פון דער ליד — 193; פ2 1—110, ב. :5. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 18.

36. צאי יפה שכונה בלבבות ושלחי מברק אורך להבות (גיי אַרויס, דו בילדשיינע, וואָס דו וווינסט טיף אין די הערצער, און שיק פלאַמען פונעם בליץ פון דײַן ליכטיקײַט). קס. ג 1331, ב. 7—:7. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה איצא פי אלחפה (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך די פאָלגנדע ליד וועגן א כופּע); פ2 1—44, ב. 22. נומער פון דער ליד — 187. דער אָנהייב פעלט. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 316.

37. צרי גלעד בפי שרף מעופף (א רעפּוּע פון גילעד [א נאָמען פון א געגנט] אין מויל פון א פליִענדיקער שלאַנג). קס. ג 1331, ב. 48; פ2 1—44, ב. :23. נומער פון דער ליד — 199; פ2 1—110, ב. :5; פ2 1—209, ב. 27. נומער פון דער ליד — 175. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 58. געווידמעט א כאָסן, וועמענס נאָמען איז געווען יעהודע.

38. קחה מן ההדס מנחה ענפיו אשר פרש עלי ערשך כנפיו ([כאָסן], פאַרנעם פון דער מירטע די מאַטאָנע פון אירע צווײַגן [פון דער מירטע], וועלכע האָט צעשפּרייט אַף דײַן געלעגער אירע פליגל). קס. ג 1331, ב. 48; פ2 1—110, ב. :6; פ2 12—194, ב. 1. דער אָנהייב פעלט. אויסג. בראָדי, ב. 2. ז. 46.

39. קרא חתן כתב אלדד ומידד (כאָסן, לייען דעם בריוו פון עלדאַד און מיידאַד [נעמען פון צוויי פּערסאָנאַזשן — נעוויִים — פונעם כומעש]). קס. פ2 1—209, ב. :45. נומער פון דער ליד — 367. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה איצא לרגל דעה מע שכץ אכר פי ערסה תם גפל ענהמא פקאל (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך א ליד, געווידמעט א מענטשן, וועלכער האָט צוערשט אײַנגעלאַדן אים [יעהודע האַלייווי] צוזאַמען מיט נאָך א מאַן אַף זײַן כאַסענע און לעסאָף אויסגעמיטן זיי ביידע. און ער [יעהודע האַלייווי] האָט געזאָגט). אויסג. בראָדי, ב. 2. ז. 271.

40. ראו חפה ראו ערש רבודה (זעט נאָר א כופּע! זעט נאָר אַן אויסגעבעט געלעגער!). קס. ג 1331, ב. 11—:11; פ1 164, ב. 25. נומער פון דער ליד 129; פ2 1—110, ב. :6; פ2 5—207, ב. :7, פ2 1—209, ב. :28. נומער פון דער ליד — 187. אויסג. בראָדי, ב. 2 ז. 58. געווידמעט א כאָסן, וועמענס נאָמען איז געווען „יהודה“ (יעהודע).

41. שאו כנפי שחרים וערבים שאו אל בן נדיבים בת נדיבים (טראָגט באַגינען־ און אָוונטפליגלען, טראָגט צום אָפּשטאַם פון כאַשעווע לײַט די טאָכטער פון כאַשעווע עלטערן). קס. ג 1331, ב. :7; פ2 1—110, ב. 6; פ2 1—209, ב. :27—28. נומער פון דער ליד — 181; פ2 3—578, ב. 1 אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 27.

42. שור אם קרעה בת שחר שחרות שריוניה אל קול שירי הנערה ולקול שיר יוניה (גיב א קוק, צי האָט דער קאַיאָר שוין צעריסן די שוואַרצקײַט פון זײַנע פּאַנצערן [פינצטערניש], צוהערנדיק זיך צום יובלדיקן קאָל פונעם מיידל און פון אירע טויבן [כאַוועריטעס]). קס. פ2 43, ב. 39—:39. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: וקאל פי אבי אסחק בן אלרביב חין תזוג בבנת מהאגר נ"ע (און ער [יעהודע האַלייווי] האָט געזאָגט צו אבי איסכאַק איבן אַלראַביב, ווען ער האָט כאַסענע געהאַט מיט דער טאָכטער פון מוהאַדזשער, — זאָל זײַן נעשאָמע רוען אין גאַניידן). פ2 1—44, ב. 45—:45. נומער פון דער ליד — 393; פ2 1—208, ב. 3 אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 29. געשריבן אין פאָרם פון א מוואַשעך. זע אויך די נומערן 8 און 28.

43. שחקים נקרעו להיות מעילים וצבא קצצו להם פתילים (עס זײַנען הימלען צעריסן געוואָרן, קעדיי צו פאַרוואַנדלט ווערן אין מאַנטלען, און א כאַיל [שטערן?] האָט מען אָפּגעהאַקט אַלס פרענדזלעך פאַר די מאַנטלס וועגן). קס. ג 1331, ב. 35. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ומן מקטעאת אקואלה פי אלחפית (און פון די קלײנע לידער, וועלכע געהערן אים [יעהודע האַלייווי], געווידמעט כופּעס). פ2 1—106, ב. :22. נומער פון דער ליד — 83. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה פי וצף אלכלה ואלחפה (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך א באַשרײַבונג פון דער קאַלע און פון דער כופּע); פ2 206, ב. :69. נומער פון דער ליד — 187; פ2. 1—660, ב. :1. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: מאדיח איצא (נאָך א לויב־ליד). אויסג. בראָדי, ב. 2 ז. 271.

44. שלומות נקבצו כיום המונים לבית חתן מפאר בחתנים (א מענגע מיט פריידיקע גרוסן האָבן זיך הײַנט צונויפגעזאַמלט אינעם הויז פונעם כאָסן, וועלכער איז באַצירט מיט כאַסאַנים). קס. ג 1331;

ב. 40. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ומן אקואלה פי אלחפית (און דאָס, וואָס ער [יעהודע האַלייווי] האָט געזאָגט וועגן כופּעס); 2פּ 3—578, ב. :1. אויסג. בראָדי, ב. 2. ז. 42.

45. שמח בחור בילדותך וארה פרי שמחתך אתה ואשת נעוריך הבאה אל ביתך (פריי זיך, באָכער, מיט דײַן קינדהײַט און זאַמל צונויף די פּרוכטן פון דײַן פרייד. אזוי דו, און אזוי דײַן יונג ווײַב, וועלכע קומט אַרײַן אין דײַן הויז). קס. 2פּ 1—208, ב. :40. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 34. אַן אַקראָסטיך „יהודה", געשריבן אין פאָרם פון א מוּוואַשעך.

46. שמע מכל עבריך שלומות (הער זיך צו, פון אַלע זײַטן קלינגען ווינטשערײַען!). קס. ג 1331, ב. :38; 2פּ 12—194, ב. 1. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה פי בעץ אלחתנים (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך די פאָלגנדע ליד, געווידמעט איינעם א כאָסן); 2פּ 1—209, ב. 29. דער אָנהייב פעלט. אויסג. בראָדי, ב. 1, ז. 185.

47. תאב לראות שמש צדק... (דער, וואָס שטרעבט צו זען די זון פון גערעכטיקײַט...). קס. 2פּ 1—209, ב. 28. נומער פון דער ליד — 182. אויסג. בראָדי, ב. 2 ז. 317. געווידמעט א כאָסן, וועמען מע האָט גערופן „יוסף" (יויסעף).

48. תומי צביה נתנו לבות לעזב מקום מולד ובית אבות (א הינדן־צווילינג האָבן מיט זייערע הערצער באַשטימט צו פאַרלאָזן דאָס געבורט־אָרט און דאָס הויז פון די עלטערן). קס. ג 1331, ב. :6. דאָס קעפּל אַף אַראַביש: ולה פי אלחתן (און אים [יעהודע האַלייווי] געהערט אויך די פאָלגנדע ליד פאַר א כאָסן וועגן); 2פּ 1—209, ב. :27. נומער פון דער ליד — 179. אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 61.

נאָכוואָרט

יעהודע האַלייוויס געבראַכטע כאַסענע־לידער אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַן אַנדער וועלט, איידער די, צו וועלכע מיר זײַנען געוווינט פון אַנדערע מעקוירים — א וועלט אָן שידוכים און שאַדכאָנים, אָן נאַדן און אָן קעסט, אַגעווו, אַפילע אָן דעם טראַדיציאָנעלן און פײַערלעכן ווונטש „מאַזלטאָוו!". ס'איז אין ערגעץ קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן כאַסענע־מאָלצײַטן, מיט ווײַן־געטראַנקען, אין דער צײַט, ווען אזא זשאַנער איז געווען ניט פרעמד פאַר אונדזער דיכטער. די כופּע זעט אויס צו זײַן ביז גאָר אַן אַנדערע, איידער די פּירשטעקנדיקע, מיט זײַד פון אויבן באַדעקטע, וועלכע איז אונדז באַוווּסט. יעהודע האַלייוויס באַשריבענע כופּעס זײַנען געפלאָכטן פון מירטן־צווײַגן, אָדער עפּשער גענוי אַזעלכע, ווי זיי האָט זיך פאָרגעשטעלט כ. בראָדי (ב. 2, קאָמענטאַרן־אָפּטיילונג, ז. 18) „באַצירטע מיט צווײַגן פון פאַרשיידענע אַראָמאַטישע ביימער בּיכלאַל און פון מירטן ביפראַט". אַלנפאַלס, די מירטן און זייערע דופּטיקע רייכעס ווערן גאַנץ אָפט דערמאָנט אין די דאָזיקע כאַסענע־לידער. א שאָד, וואָס מיר געפינען אין ערגעץ קיין וואָרט ניט וועגן דעם עלטער פון כאָכן־קאַלע, און ווי איז דאַן אויסגעהאַלטן געוואָרן דער פּרינציפּ פון „בן שמונה עשרה לחופה" (צו אַכצן יאָר דאַרף זיך א ייִנגל שטעלן אונטער דער כופּע). בא דער באַשרײַבונג פון די קאַלעס איז אַפילע קיין רעמעז ניט פאַראַן וועגן די אַזויגערופענע „בתולים" (סימאָנים פון יונגפרוילעכקײַט)... מיט איין וואָרט, יעהודע האַלייוויס כאַסענע־לידער מאָלן באַוווּסטע אונדז יאָמטעוודיקע און ביז גאָר נאָענטע סיטואַציעס, וועלכע זײַנען אַנטשטאַנען אין אַנדערע צײַטן, אין אַנדערע געאָגראַפישע קאַנטן, מיט אַנדערע באַדינגונגען, איידער די, וואָס האָבן זיך פאַרקריצט אין זיקאָרן, לאָמיר זאָגן, פון א. גאָלדפאַדענס, מענדעלעס, שאָלעם־אַלייכעמס, י.־ל. פּערעצעס, ש.־י. אַגנאָנס ווערק. די כאַסענע־לידער שטימען אויך ניט מיט די באַשריבענע מינהאָגים אינעם בוך
S.Ph. Vries, Jüdishe Riten und Symbole. Wiesbaden, 1982, S. 203-229.

אין דעם טאַקע געפינען מיר אײַן דעם באַזונדערן, ספּעציפישן טאַם און כיין פון יעהודע האַלייוויס כאַסענע־לידער.

וואָס שײַעך די נײַע מעקוירים — די געניזע־קסאָוויאַדן, וועלכע זײַנען דאָ דערמאָנט געוואָרן, שטעלן זיי געוויס מיט זיך פאָר אַן אומפאַרבײַטלעכן בײַשטײַער באַם פעסטשטעלן דעם ענדגילטיקן, אויטענטישן טעקסט פון יעהודע האַלייוויס 48 כאַסענע־לידער.

מײַשקע באהעלפער

זשיל פּאסקין, דער גרויסער מאָלער

פון רעדאקציע

די הײַנטיקע קינסטלערישע בײַלאגע איז צונויפגעשטעלט פון די ווערק, וועלכע עס האָט געשאפן דער גרויסער פאריזשער מאָלער זשיל פּאסקין, ווי אויך פון די ווערק פונעם הײַנטצײַטיקן פאריזשער קינסטלער מײַשקע באהעלפער, וועמענס ארטיקל וועגן פּאסקינען מיר דרוקן דאָ.

אין 1985 איז אויסגעפאלן דער הונדערטסטער געבורטסטאָג פון דעם גרויסן מאָלער פּאסקין — דעם קינסטלער מיט אן אומרויִקער נעשאָמע, מיט א טראגישן לעבנסוועג, וואָס עס איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין זײַן שאפונג.

פּאסקין איז געווען א מײַסטער פון דער צייכענונג, וועלכע איז דאָמינירנדיק אויך אין זײַנע בילדער — אלע אײַנגעהילט אין אן אטמאָספער פון לופטיקע שוועבנדיקע טענער און געמאָלט מיט צארטע דורכלויכטנדיקע פארבן, וועלכע דערמאָנען גיכער אין אקווארעלן, איידער אין אייל־בילדער.

אין זײַנע בילדער זעט מען מערסטנס פרויען, אײַנגעהילטע אין טיפן עלנט. ניט פאראן אין זיי קיין אויסדרוק פון ביליקער עראָטיק, ווײַל דער קינסטלער זעט אין זײַנע געשטאלטן דאָס מענטש־לעכע.

פּאסקין איז געבוירן געוואָרן אין 1885 (די גענויע דאטע איז ניט באקאנט) בא א רײַכן בולגא־ריש־ייִדישן סויכער, אינעם שטעטל ווידין. זײַן עמעסער נאָמען איז יוליוס פּינקאס. ער איז געווען דער זיבעטער פון אכט קינדער אין דער מישפּאָכע.

דער יונגער פּאסקין פאָרט שטודירן קיין ווין. אין 1920 פארלאָזט ער ענדגילטיק זײַן היים.

ער פאָרט צוערשט קיין בודאפּעשט, דערנאָך קיין ווין, מינכען און בערלין, ווו ער לערנט אין פארשיידענע אקאדעמיעס.

זײַן טאלאנט אלס צייכענער איבעראשט שוין דעמלט אלעמען, און ער הייבט שנעל אָן פארעפנט־לעכן, אונטערן נאָמען פּאסקין, צייכענונגען און קאריקאטורן אין סאטירישע בלעטער.

קיין פאריזש קומט ער אינעם שטורמישן עלטער פון 20 יאָר. אכוץ דעם מאָנפּארנאס, איז אויך דער מאָנמארטר שוין דעמלט שטארק אין דער מאָדע: די קינסטלער, וועלכע האָבן געזוכט עפּעס נײַס אין דער מאָלערײַ, ווי אויך די פארערער פון מאטיסן און פונעם אופשטײַגנדיקן „פאָוויזם", באזעצן זיך דאָ. פּאסקין טוט דאָס זעלבע און באקענט זיך נעענטער מיט דער סוויווע.

ווען עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מילכאָמע, געפינט זיך פּאסקין אין בעלגיע מיט זײַן צוקינפטיקער פרוי, דער מאָלערן הערמין דאוויד. ער פאָרט דערנאָך קיין ענגלאנד און פון דאָרט קיין אמעריקע, ווו ער רײַזט א סאך ארום, באזוכט קובע, מעקסיקע און אנדערע לענדער, שטענדיק מיטן בלײַפעדער אין האנט. אזוי שאפט ער א גרויסע צאָל צייכענונגען און אקווארעלן, ארויסווײַזנדיק זײַן אייגנטימלעכע עקאָנאָמיע פון שטריך און פארב.

די צייכענונג איז בא פּאסקינען א פרײַע, אָבער מיט א זיכערער ליניע. ער פארפיקסירט אלץ, וואָס ער זעט. אָפט מיט א סאך הומאָר. זײַן הומאָר אָבער פארשווינדט, ווען ער זעט א סוזשעט פון עלנט אין די אָרעמע קווארטאלן פון הארלעם אָדער אין די געטאָס, ווו עס לעבן אָנגעהויפט די עמיגראנטן.

אין 1920 האָט ער כאסענע מיט הערמין דאוויד און נעמט אָן די אמעריקאנער בירגערשאפט, אין זעלבן יאָר קומט ער צוריק קיין פאריזש. די פרײַנט זײַנע פײַערן זײַן צוריקער מיט גרויס פּאָמפּע. קעדיי אנטלויפן פון דעם גרויסן טומל, לאָזט ער זיך אוועק צו פארענדיקן זײַן רײַזע ארום דער וועלט. ער באזוכט דאָרעם־אמעריקע, שפּאניע, פּאָרטוגאל, טוניס, אלזשיר.

שטאַרק פאַרביטערט פון דער שלעכטער קריטיק וועגן זײַנער אַן אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק, ווי אויך פון דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרקויפט פאַר א קאָנטראַקט, דערצו נאָך דערדריקט. איבער זײַן געזונט־צושטאַנד, וואָס האָט זיך קעסיידער פאַרערגערט פון זײַן אַרט לעבן, — פאַרמאַכט ער זיך אין זײַן אַטעליע דעם 2־טן יוני 1930, ערעוו זײַן אויסשטעלונג אין דער „גאַלעריי־פעטי", און עפנט זיך די אָדערן. קעדיי צו זײַן אינגאַנצן זיכער מיטן טויט, האָט ער נאָך געגעבן מוט און קויער זיך אויפֿצוהענגען.

זײַן טראַגישן טויט האָט מען ערשט אַנטדעקט מיט דריי טעג שפּעטער. א גרויסער אוילעם האָט אים דעם 7־טן יוני באַגלייט אַפּן בעסוילעם פון סענט־אוּאַן, ווו שאַלעם אַש זאָל האָבן גערעדט באַם אָפענעם קייווער.

אַף מאָרגן האָט זיך די אויסשטעלונג געעפנט. זי האָט געהאַט א ריזיקן דערפאָלג...

„גאָדישניק־85"

ס׳איז אַרויס פון דרוק דער אָרדנטלעכער, 20־טער באַנד פונעם בולגאַריש־יידישן יאָרבוך „גאָדישניק". ווי אין יעדן פריערדיקן נומער, זײַנען דאָ ברייט פאָרגעשטעלט מאַטעריאַלן וועגן דער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג צווישן די בולגאַרישע יידן און וועגן דער פרײַנטשאַפט פון די בולגאַרן מיט די יידן בייס דעם מאָנאַרכיסטיש־פאַשיסטישן רעזשים.

א ריי אַרטיקלען זײַנען געווידמעט דער געשיכטע פון די בולגאַרישע ספאַרדים, זייער שפּראַך און פאָלקלאָר. עס ווערט אַרומגעכאַפּט א פיר־הונדערט־יאָריקער צײַט־אָפשניט — פון דעם גיירעש ספאַרד (אין אַרטיקל פונעם באַוווּסטן העבראַיִסט סאַלוואַדאָר איזראַעל „דער עדיקט מיקויעך דעם גיירעש פון די יידן פון שפּאַניע און זייער צעזייונג איבער אַנדערע לענדער") ביז צו די געשעענישן פון דער סערביש־בולגאַרישער מילכאָמע אין אָנהייב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט (אין איוואַן שיפּטשאַנאָווס אַרטיקל „די פאַרייניקונג פון בולגאַריע און פון די בולגאַרישע יידן").

א היפּשן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר די פאָרשונג פונעם פּראָפעסאָר ניקאָליי קאַופמאַן „דער פאָלקלאָר פון זינגלידער בא די בולגאַרישע יידן".

אין דער פאַרצייכענונג פון כריסטאָ יאָרדאַנאָוו „יאַנוש קאָרטשאַק אין בולגאַריע" ווערט דערציילט וועגן דער פּאָפּולערקײַט פון דער פּערזענלעכקײַט פון יאַ. קאָרטשאַקן און פון זײַנע ווערק, וועגן די איבערזעצונגען פון זײַנע ביכער אין בולגאַריע.

דער נומער שליסט אין זיך אײַן אויך צוויי ביבליאָגראַפישע צײַגערס: „די צײַטונג „יעווריייסקי וועסטי" אינעם קאַמף פאַר פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם (1944 — 1976)", צונויפגעשטעלט פונעם פּראָפעסאָר אַדאָלף פאַבריקאַנט, ווי אויך א פולן צײַגער פון אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַף די שפּאַלטן פונעם „גאָדישניק" אין מעשעך פון 20 יאָר (1966 — 1985).

וו. אַראָנאָוו

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

דער אנטיסעמיטיזם אין די מײַרעוו־לענדער זעצט פאָר צו בושעווען

(לויט מיטיילונגען פון דער פרעסע)

אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע

ברוקלין, באָראָ־פּארק

באנאכט האָבן אנטיסעמיטישע וואנדאלן אויסגעקלאַפּט די פענצטער אין ייִדישע געשעפטן אף דער דריטער אוועניו אין באָראָ־פּארק, ברוקלין.

פאר זייערע רעציכעס האָבן די בויאנעס אויסגעקליבן דעם 9־טן און 10־טן נאָיאבער — די טעג פון דער טרויעריק־באַוווּסטער „קרישטאָל־נאכט" פון 1936.

אין באָראָ־פּארק וווינט א גרויסע ייִדישע באַפעלקערונג, א סאך פון די דאָרטיקע ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאציסטן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

אן אנטיסעמיטישע ראַדיאָסטאנציע

די אמעריקאנער „פעדעראלע קאָמוניקאַציע־קאָמישאַן" האָט באַנײַט די טראנסלירונגען פון דער ראַדיאָסטאנציע „ק.ט.ט.ל." אין קאנזאס, וועלכע פירט טאַגטעגלעך אן אנטיסעמיטישע העצע־קאמפאַניע.

די סטאנציע רופט אירע צוהערער „צוזאמענשטעלן ליסטעס פון נעמען, אדרעסן, אויטאָ־נומערן פון אויטאָמאָבילן און טעלעפאָנען פון אלע פאַרדאמטע ייִדן אין אמעריקע, פארצייכענען פאסיקע ערטער אף אָנצופאלן פון באהעלטענישן".

די „שטילע ברודערשאַפט"

א נעאָנאציסטישע אנטיסעמיטישע באנדע האָט אַרודעוועט אין סעאטל, וואשינגטאָן. די פּראָגראם פון דער באנדע איז „באַפרײַען דאָס לאַנד פון ייִדישער הערשאַפט" און „אײַנשטעלן די אָרדענונג פון דער ארישער ראסע".

די באנדע הייסט „די שטילע ברודערשאַפט", און איר ציל איז צו שאפן א ווײַסן, סופּרעמאַסטישן שטאַט אין צאָפן־מײַרעוו, באַם פּאַציפישן יאַם. זי האָט דורכגעפירט באַוואָפנטע רויבערײַען, געדרוקט פאלשע געלט־באנקנאָטן, אויסגעפילט מאָרד־אַקטן. איינער פון אירע קאָרבאָנעס איז געווען אלאַן בערג, א ייִד, דער אָנפירער פון א ראַדיאָ־פּראָגראם אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. די באנדיטן האָבן אונטערגעצונדן א כינאַגאָגע אין בויזע, אײַדאַהאָ, און א קינאָ־טעאטער אין כעאטל.

ביי זיי האָבן געהאט גרויסע סקלאַדן פון גראנאטעס, אויטאָמאטיש און אנדערע מינים געווער. אין זייער רעשוס האָט זיך געפונען א פלאַץ, ווו זיי האָבן דורכגעפירט מיליטערישע מושטרירונגען.

10.000 נאציסטן אַף קעסט אין פשא

לויט די אָנגעגעבענע ציפערן פון געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס אין די פאריייניקטע שטאטן, דערגייט ביז 10 טויזנט די צאָל נאציסטישע קריגספארברעכער און ייִדן־מערדער, וועלכע האָבן דאָרט געקראָגן א מאָקעם־מיקלעט.

די אמעריקאנער רעגירער, וועלכע גיבן זיך אויס פאר גוואלדיקע ייִדן־פרײַנט, פארמאכן די אויגן אַף דעם דאָזיקן פאקט.

וואנדאלישע אקטן

די ייִסראָעלדיקע צײַטונג „אל האמישמאר" האָט פארעפנטלעכט א קאָרעספאָנדענץ פון דאליע רעפאַל, וועלכע טיילט מיט וועגן א ריי פאקטן פון אנטיסעמיטיזם אין אמעריקע, דערונטער אין מערילענד, שטאט וואשינגטאָן.

פון די געבראכטע פאקטן דערוויסן מיר זיך, אז אינעם ווינונגס־ראיאָן מאָנטגאָמערי זײַנען אין דער שול „פארמלאנד" אין דער ווײַנאכט באשמירט געוואָרן די ווענט מיט לאָזונגען: „א טויט די ייִדן!", „זאָל לעבן די היטלער־יוגנט!" און אנד.

„די סטאטיסטישע אָנגאבן, — שרײַבט די מעכאַבערטע, — באווײַזן, אז אויב ביז איצט זײַנען די אנטיסעמיטישע דערשײַנונגען אויסגעדריקט געוואָרן בלויז מיט ווערטער, גייען אצינד די אנטיסעמיטן איבער צו פיזישע אָנגריפן און גוואלדטאטן. אויב אין משך פון די לעצטע דרײַ יאָר זײַנען פאָרגעקומען 150 אָנגריף־אקטן קעגן ייִדן, זײַנען אין משך פון 11 כאָדאָשים פונעם 1985 פאָרגעקומען 167 וואנדאלישע אקטן. אין דעם זעלבן ראיאָן ווערן ייִדן באליידיקט מיט די ווערטער „איר אלע פארשאָלטענע ייִדן" און מיט ענלעכע זידלערײַען. דערבײַ ווײַזט דאליע רעפאַל אָן, אז מערילענד איז ניט קיין פארוואָרפענע פראָווינץ — די דאָזיקע שטאָט איז די דריטע לויט דער גרייס נאָך ניו־יאָרק און קאליפאָרניע אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע.

אין מײַרעוו־דײַטשלאנד

אונטער א שטענדיקער געפאר

ווי מע גיט איבער פון אינפאָרמאטיווע קוואלן, געפינען זיך די ייִדן, וועלכע לעבן אין מײַרעוו־בערלין אונטער א שטענדיקער געפאר.

די ייִדישע געמיינדע אין מײַרעוו־דײַטשלאנד, וועלכע ציילט אָן 6.200 מענטשן באקומט אָן אופהער דראָונגען מיצאד די טעראָריסטן. די דאָזיקע דראָונגען צווינגען די ייִדן צו באוואכן טאָג און נאכט די הויפּט־אנשטאלטן און געבײַדעס. איינער פון די אמעריקאנער קאָרעספאָנדענטן טיילט מיט, אז קעדיי דער פרעזידענט פון דער ייִדישער געמיינדע אין מײַרעוו־בערלין היינץ גאלינסקי זאָל קאָנען רויִק ארבעטן, שטייט קעגן זײַן הויז די גאנצע צײַט א וועכטער מיט אן אווטאָמאט. די סינאגאָגע ווערט אויך באוואכט מיצאד באוואָפנטע מענטשן.

„אלע אונדזערע אנשטאלטן דארף מען אָפּהיטן, — זאָגט ה. גאלינסקי, — דאָס איז אן עכטע טראגעדיע אינעם לעבן פון די ייִדן: אין 40 יאָר ארום האָבן צעשמעטערן דעם נאציזם נייטיקן זיי זיך נאָך אלץ אין שוץ".

אינעם רעפּאָרטאזש פון דעם קאָרעספאָנדענט ווערט אָנגעוויזן, אז די אנטיסעמיטישע אקטן דערמאָנען די ייִדן, וועלכע ווינען אין מײַרעוו־בערלין, אז זיי מוזן שטענדיק געדענקען וועגן א געפאר, וואָס דראָעט זייער לעבן. „צומאָל באקום איך בריוו, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אז דאָס האָט היטלער ניט באוויזן צו דערהארגענען די לעבנגעבליבענע ייִדן", — האָט דערציילט דעם קאָרעספאָנדענט בערנארד לערנער, איינער פון די אָנגעשטעלטע פון דער ייִדישער געמיינדע.

געשענדט א בעסוילעם אין דיסעלדאָרף

א דריטל פון די מאציישעס אפן אלטן ייִדישן בעסוילעם אין דיסעלדאָרף (מײַרעוו־דײַטשלאנד) זײַנען אומגעוואָרפן געוואָרן, צעשעדיקט און פארשמירט מיט אנטיסעמיטישע לאָזונגען. דער בעסוילעם געפינט זיך אין זעלבן קווארטאל (גערעסהיים), ווו מיט צוויי יאָר צוריק איז אונטערגעצונדן געוואָרן און פארניכטעט א שול. אין ביידע פאלן האָט די פאָליציי ניט געפונען די וואנדאלן.

אין באָן וואַקסט די צאָל נעאָנאַציסטישע גרופּעס

אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד איז פאַרעפנטלעכט א באַריכט, אין וועלכן ס'איז אָנגעוויזן, אַז אין 1984 זײַנען אין לאַנד געווען טעטיק 89 נעאָנאַציסטישע און עקסטרעם־רעכטע גרופּירונגען, וואָס ציילן אָן 22 טויזנט מיטגלידער. דאָס איז אויף 10 פּראָצענט מער, איידער אין פאָריקן יאָר.

אינעם באַריכט, וועלכן ס'האָט צוגעגרייט די רעגירונגס־אַגענטור „פאַר פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע", ווערט געזאָגט, אַז די דאָזיקע גרופּעס האָבן פאַרמערט זייערע טעראָריסטישע אַקציעס און „עס ווערט אַלץ שווערער זיי צו קאָנטראָלירן".

די גרעסטע גרופּע איז דער „דײַטשישער פאָלקס־פאַרבאַנד", וועלכער אַנטהאַלט 12 טויזנט מיטגלידער. מיט אים פירט אָן געהאַרד פריי, דער אַרויסגעבער פון דער נעאָנאַציסטישער וואָכנבלאַט „נאַציאָנאַלע צײַטונג". אַן אַנדער גרופּע — די אַזויגערופענע „נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" פאַרמאָגט אַרום 6 טויזנט מיטגלידער.

דער באַריכט האָט אָבער אויסגעמיטן צו דערמאָנען די דאַך־אָרגאַניזאַציע פון געוועזענע עסעסאָווצעס און עסעסישע וואָפן־דיוויזיעס, וועלכע אָרדענען אײַן יעדעס יאָר זייערע צוזאַמענטרעפן. אַזוי, לעמאָשל, פירן דורך די וועטעראַנען פון דער דיוויזיע עסעס „טויטער קאָפּ" מיטינגען אין א קליין שטעטל פון בײַערן — נעסעלוואַנג אין א האָטעל, וועמענס באַלעבאָס עס איז א נאַציסטישער אַקטיוויסט. וועטעראַנען פון דער „היטלער־יוגנט" און פון דער אַזויגערופענער „לײַב־סטאַנדאַרטע אַדאָלף היטלער־דיוויזיע" טרעפן זיך אין דער זעלבער שטאָט.

די נעאָנאַציסטן האָבן אין מעשעך פונעם 1984 יאָר דורכגעפירט 74 אָנפאַלן, צווישן זיי — 11 טעראָריסטישע. די פּאָליציי האָט געפונען בא זיי א גרויסע צאָל וואָפן און אויפרײַס־מאַטעריאַלן.

„מע וואָלט געדאַרפט דערהאַרגענען עטלעכע רײַכע ייִדן"

הערמאַן פעלנער, דער יונגער קאָלעגע פון העלמוט קאָל, דעם איצטיקן באָנער קאַנצלער, אָט דער זעלבער הערמאַן פעלנער, וועלכער האָט זיך טרויעריק באַקאַנט געמאַכט מיט דער אַנטיסעמיטישער אַרויסטרעטונג אין פּאַרלאַמענט אין שײַכעס מיט דער כּאָבער־אָפּערע פון פליקן, האָט געפונען א טאַלמיד. דאָס איז דער בירגערמייסטער פון קאַרשענבראָיך, לעבן דיסעלדאָרף, וועלכער האָט אויף א פאַרזאַמלונג פונעם מוניציפּאַל־ראַט דערקלערט, אַז מע וואָלט באַדאַרפט „דערהאַרגענען עטלעכע רײַכע ייִדן", כּדי צו דערגרייכן א גלײַכגעוויכט אינעם מוניציפּאַלן ביודזשעט.

דער דאָזיקער בירגערמייסטער, א פירשט לויטן אָפּשטאַם, וועלכן מע רופט ווילדעריך פאָן שפּיי, געהערט צו דער פּאַרטיי פונעם קאַנצלער העלמוט קאָל. אין זײַן רעדע האָט ער נאָך געהאַט דעם ציניזם צוצוגעבן, אַז מיט זײַן פאָרשלאָג האָט ער „קיינעם ניט געוואָלט באַליידיקן".

העלמוט קאָלס „קליינע פּראָזע"

ס'איז באַקאַנט, וויִאַזוי דער קאַנצלער פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד העלמוט קאָל האָט געפּרוּווט פאַרטיידיקן זײַן „יונגן קאָלעגע" פעלנערן, ווען יענער האָט געמאַכט זײַן ציניש אַנטיסעמיטישע דערקלערונג אין שײַכעס מיט דער אָפּערע פון פליקס „אַנטשולדיקונגען".

אין סאַמע יאַנוואַר 1986 האָט דער קאַנצלער גופא זיך דערלויבט, ווי עס גיט איבער דער זשורנאַל „דער שפּיגל", אַרויסצוטרעטן מיט אַן אַנטיסעמיטישער „קליינער פּראָזע", זאָגנדיק, אַז „הערמאַן פעלנער האָט בלויז אויסגעדריקט די מיינונג פון דער מערהײַט דײַטשן, ווען ער האָט דערקלערט, אַז „די ייִדן שאַפן דעם אײַנדרוק אָפּצורופן זיך, ווי נאָר עס קלינגט געלט אין די דײַטשישע קאַסעס"...

אַנטיסעמיטישע פּיעסע אין א טעאַטער

אין פראַנקפורט, מײַרעוו־דײַטשלאַנד, האָט א טעאַטער אויפגעפירט די אַנטיסעמיטישע פּיעסע „אָפּפאַל, די שטאָט און דער טויט". איר אַווטאָר איז איינער א פאַסבינדער. מיטן וואָרט „אָפּפאַל" האָט דער פאַרפאַסער געמיינט די ייִדן. זײַן פּיעסע איז אויסגעהאַלטן אין די „בעסטע" אַנטיסעמיטישע טראַדיציעס.

דער טעאַטער פאַרמאָגט 200 ערטער און ווערט סובסידירט מיצד דער שטאָטישער מאַכט. אין פראַנקפורט וווינען איצט פינף טויזנט ייִדן.

אין דענעמאַרק

נײַע באָמבע־אופֿרײַסן

דרײַ באָמבעס זײַנען לעצטנס אופֿגעריסן געוואָרן אין איין טאָג אין קאָפּענהאַגען. זײ האָבן פֿאַרשאַפֿט שאָדן און געבראַכט צו קאָרבאָנעס. 27 מענטשן זײַנען פֿאַרוווּנדעט געוואָרן.

דער ערשטער אופֿרײַס איז פֿאָרגעקומען אין דער אַמעריקאַנער קאָנטאָר „נאָרטוועסט אָריענט אײרלײַן". די באָמבע האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַ צווייטע באָמבע אופֿגעריסן געוואָרן לעבן דער עלטסטער אין די סקאַנדינאַווישע לענדער סינאַגאָגע. אַכוץ דער סינאַגאָגע האָבן געליטן אויך אייניקע אַרומיקע הײַזער...

נעאָנאַציסטן דאַרשענען אין דער דענישער ראַדיאָ

פֿון קאָפּענהאַגען טיילט מען מיט, אַז די דאָרטיקע נעאָנאַציסטן האָבן געקראָגן אַ מעגלעכקײַט צו פֿירן זייער ראַסן־פּראָפּאַגאַנדע אין דער ראַדיאָ. ווי מע גיט איבער, נוצן זיי אויס די געלעגנהײַט, וואָס די דענישע ראַדיאָסטאַנציעס האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן העלפֿן טעכניש אַלעמען, ווער עס וויל אָרגאַניזירן ראַדיאָ־פּראָגראַמען.

אין שוועדן

די פּאָליציי וואָרנט...

די פּאָליציי אין שוועדן האָט געוואָרנט די ייִדן, וועלכע וווינען אין אָט דעם לאַנד, זיי זאָלן זײַן פּאָרזיכטיק מיט פּאַרדעכטיקע פּעקלעך נאָך דעם, ווי אַ ייִדישע פֿרוי האָט באַקומען אַ בריוו מיט אופֿרײַס־מאַטעריאַל.

דער וואָרטזאָגער פֿון דער פּאָליציי האָט אין אַ ראַדיאָ־אַרויסטרעטונג געמאָלדן, אַז די צאָל אופֿרײַס־מאַטעריאַלן, וועלכע האָט זיך געפֿונען אין יענעם בריוו, איז געווען גענוג, אַז די פֿרוי זאָל דערהאַרגעט ווערן באַם עפֿענען דעם קאָנווערט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען האָט די שוועדישע פּאָליציי געמוזט פֿאַרשטאַרקן די וואַך באַ די ייִדישע אינסטיטוציעס אין שטאָקהאָלם.

אין נאָרוועגיע

„היטלער איז געווען גערעכט"

די ייִדישע קעהילע אין נאָרוועגיע, וואָס ציילט 900 נעפֿאַשעס, האָט פּראָטעסטירט קעגן אַ נײַער כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטישע דערשײַנונגען. ווי עס ווערט מיטגעטיילט, זײַנען די ווענט פֿון דער צענטראַלער שול אין אָסלאָ באַשמוצט געוואָרן מיט אופֿשריפֿטן „ייִדן, אַרויס!", „היטלער איז געווען גערעכט!" און אַנד. די ייִדן זײַנען אומצופֿרידן דערפֿון, וואָס יעדן פֿרײַטיקצונאַכטס דאַרף באַ די טירן פֿון דער שול שטיין אַ באַוואָפֿנטער נאָרוועגישער פּאָליציאַנט, און זיי פֿאָדערן, עס זאָלן אָנגענומען ווערן מאָסמיטלען קעגן די דראָונגען פֿון די נעאָנאַציסטן.

אין דער שווייץ

אַ נײַע נאַציסטישע פּאַרטיי

געוועזענע מיטגלידער פֿון דער פֿאַשיסטישער „נאַציאָנאַלער אַקציע" אין דער שווייץ האָבן געגרינדעט אַ נײַע נאַציסטישע פּאַרטיי, גרייטן זיך צו די נאַציאָנאַלע וואַלן אין קומענדיקן יאָר. ווי עס האָט זיך באַרימט דער פֿירער פֿון די נאַציס ערנכט מייסטער, שטיצן זײַנע אידייען צו גיין אין היטלערס טריט אויך פֿיל מיטגלידער פֿון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען.

טויזנטער ייִדן־מערדער אין קאנאדע

אין קאנאדע איז טעטיק א „פאַרבאַנד פון אוקראַיִנישע לאַנדסלײַט”. א סאך זײַנע מיטגלידער זײַנען געװעזענע אקטיװע מיטאַרבעטער פון די נאַציסטן בײַס דער צװײטער װעלט־מילכאָמע. זײ האָבן זיך באַטײליקט צוזאַמען מיט די היטלעריסטן אין דער אויסראָטונג פון גאַנצע ייִדישע קעהילעס.

ערשט אין דער לעצטער צײַט האָט מען זיך דערוווּסט, וויאַזוי קאנאדע האָט אין משך פון פיל יאָרן אויפגענומען די דאָזיקע לײַט, וועגן וועלכע מע האָט אָף זיכער געוווּסט, אַז זײ זײַנען קריגס־פאַרברעכער און אַז פון אייראָפּע זײַנען זײ אַנטלאָפן נאָך דער מאַפּאָלע פונעם היטלערישן רײַך.

איצט האָט די קאנאדער רעגירונג באַשטימט א קאָמיסיע, וועלכע דאַרף צושטעלן א ראַפּאָרט, וואָס זאָל דערקלערן, האַלעמײַ מע האָט די דאָזיקע פאַרברעכער אַרײַנגעלאָזט אין לאַנד.

צו שפּעט זיך געכאַפּט...

דער פּויפּסט ציטירט די עוואַנגעליִע...

דער הויפּט־ראַבינער פון ענגלאַנד עמאַנויִל יאַקובאָוויטש איז אַרויסגעטראָטן מיט א באַשולדיקונג קעגן דעם פּויפּסט, אַנווײַזנדיק, אַז יענער פאַרשפּרייט אַנטיסעמיטיזם. דער ראַבינער האָט דערקלערט, אַז אין משך פון די לעצטע כאַדאָשים האָט דער פּויפּסט א סאך מאָל ציטירט פּסוקים פון דער עוואַנגעליִע, אין וועלכע עס זײַנען פאַראַן אָנצוהערעניש, אַז די ייִדן זײַנען שולדיק אין דער קרייצונג פון יעזוסן און אַז „זײ האָבן געזינדיקט מיטן ניט־אָנערקענען אים אַלס גאָטס זון”.

אַנטיסעמיטישע אַטענטאַטן

בוענאָס־אײַרעס (אַרגענטינע).

דאָ איז אין א סינאַגאָגע אויפגעריסן געוואָרן א באָמבע, אונטערגעלייגט דורך איינער פון די אַרטיקע נעאָנאַציסטישע אָרגאַניזאַציעס. דער אופּרײַס האָט פאַרשאַפט א גרויסן מאַטעריעלן שאָדן.

מילוואָקי (פּשא).

דרײַ כוליגאַנעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן שאַבעס אין דער „עמאַנועל בני יעשורון סינאַגאָגע” און געפּאָדערט בא דעם שאַמעס, ער זאָל עפענען דעם אָרנקוידעש און אָפּגעבן זײ די ספר־תּורה. ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן, האָבן זײ אים שטאַרק צעשלאָגן און באַגאָסן מיט א כעמישן ברענשטאָף. די ספר־תּורה האָט געשטאַמט פון טשעכאָסלאָוואַקיע און איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די פאַשיסטן.

א פּרוּוו פון נאָך איין אַטענטאַט אין פּאַריזש

באַם האָטעל אין קאַמבאַן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן צוויי שפּאַניער און איין עגיפּטער, וועלכע מע האָט כוישעד געווען אין צוגרייטן אַן אַטענטאַט קעגן דער קאָפּערניק־סינאַגאָגע. בא די אַרעסטירטע האָט מען געפונען פאָטאָגראַפיעס פון דער סינאַגאָגע און פיל געווער.

דער אַלוועלטלעכער שאָלעם־ראַט

דער אַלוועלטלעכער שאָלעם־ראַט — דער פירנדיקער אָרגאַן פון דער אַלוועלטלעכער באַוועגונג פון שאָלעם־אָנהענגער — איז די גרעסטע מאַסן־באַוועגונג פון אונדזער צײַט, וועלכע טרעט אַרויס קעגן דעם נוקלעאַרן וואָפן־געיעג, פאַר אַנטוואָפענונג, פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, פאַר פאַרמײַדן אַ נײַע וועלט־מילכאָמע. דער אַלוועלטלעכער שאָלעם־ראַט איז געשאַפן געוואָרן אויפן II אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון די שאָלעם־אָנהענגער אין נאָיאַבער 1950. דער ערשטער פּרעזידענט פונעם ראַט איז געווען דער גרויסער פראַנצויזישער געלערנטער פרעדעריק זשאָליאָ־קיורי.

לויטן אַלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט קאָן מען זען, ווי ברייט עס איז געאָגראַפיש און פּאָליטיש די באַוועגונג פון שאָלעם־אָנהענגער. מיטגלידער פונעם ראַט זײַנען פאָרשטייער פון אַ סאַך צווישנפעלקערלעכע קערפּערשאַפטן, פּאָליטישע פּאַרטייען, נאַציאָנאַל־באַפרײַעדישע באַוועגונגען, פון פאַרשיידענע צווישנפעלקערלעכע, רעגיאָנאַלע און נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך אָנגעזעענע מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע טוער, פּאַרלאַמענטאַריער, טוער פון דער וויסנשאַפט און קולטור. דער אַלוועלטלעכער שאָלעם־ראַט פאַרייניקט די נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן פון שאָלעם־אָנהענגער קימאַט פון 140 לענדער, דערונטער פון פּסת.

איין מאָל אין דרײַ יאָר קומען פאָר סעסיעס פונעם ראַט, אויף וועלכע עס ווערן באַשטימט די ריכטונגען פון דער טעטיקייט אויפן פאָרשטייענדיקן צײַט־אָפּשניט, עס פונקציאָנירן פאָלגנדע קאָמיסיעס: איבער אַנטוואָפענונג, אייראָפּעיִשער געפערלאָזיקייט און מיטאַרבעט, איבער פראַגן פון מענטשן־רעכט, אַרומיקער סוויווע, ווי אויך אַ יוגנטלעכע, פּראָפאַריינישע און פרויען־קאָמיסיעס, אַ קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענטאַריער, פון רעליגיעזע טוער אאַ.

אינעם פּעריאָד צווישן די סעסיעס פאַרווירקלעכט די אָנפירונג מיטן ראַט דער פּרעזידיום, וועלכער ווײַלט אויס אַ ביוראָ און אַ סעקרעטאַריאַט. פּרעזידענט פונעם אַלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט איז ראָמעש טשאַנדראַ (אינדיע).

דער אַלוועלטלעכער שאָלעם־ראַט באַזירט זיך אין זײַן טעטיקייט אויף די צילן און פּרינציפּן, וועלכע ס'האָט פּראָקלאַמירט דער I קאָנגרעס פון די שאָלעם־אָנהענגער (1949): פאַרבאָטן אַלע מינים וואָפן פון מאַסן־פאַרניכטונג און אָפּשטעלן דעם וואָפנפאַרמעסט; ליקווידירן די מיליטערישע באַזעס אויף דער טעריטאָריע פון אַנדערע לענדער; ליקווידירן אַלע פאָרמען פון קאָלאָניאַליזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע; אָפּהיטן דאָס רעכט פון די פעלקער אויף סוווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייט; אָפּהיטן די טעריטאָריעלע גאַנצקייט פון מעלוכעס; ניט־אַרײַנמישן זיך אין די אינערלעכע איניאָנים פון אַנדערע מעלוכעס; אײַנשטעלן קעגנזײַטיקע לויִנבאַרע האַנדלס־ און קולטור־באַציִונגען, וואָס זאָלן זיך באַזירן אויף פרײַנטשאַפט און קעגנזײַטיקן אָפּשײַ; אָפּהיטן די פרידלעכע קאָעקזיסטענץ צווישן מעלוכעס מיט פאַרשיידענע פּאָליטישע סיסטעמען; פאַרבײַטן די פּאָליטיק פון קויעך מיט אַ פּאָליטיק פון אונטערהאַנדלונגען באַם לייזן שטרײַטן צווישן מעלוכעס.

דער אַלוועלטלעכער שאָלעם־ראַט פירט דורך צוזאַמענטרעפן מיט פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פאַר שאָלעם, צווישנפעלקערלעכע קאָנפערענצן, סעמינאַרן, סימפּאָזיומס איבער קאָנקרעטע אַקטועלע פראַגן פונעם קאַמף פאַר שאָלעם, אַנטוואָפענונג, אָנטשפּאַנונג און צווישנפעלקערלעכער מיטאַרבעט. דער אַלוועלטלעכער שאָלעם־ראַט איז געווען דער איניציאַטאָר פון ביז גאָר וויכטיקע מאַסן־קאַמפּאַניעס קעגן דער מילכאָמע־געפאַר, פאַר פעסטיקן דעם שאָלעם, ווי אויך פון צונויפרופן פאָרומס פון דער פרידנסליבנדיקער

עפנטלעכקייט. איינע פון די ערשטע אקציעס פו־נעם אלוועלטלעכן שאָלעם־ראט אין וועלט־מאס־שטאב איז געווען די קאמפאניע פון זאמלען אונ־טערשריפטן אונטער דעם שטאקהאָלמער אופרוף (1950) וועגן פאַרבאָטן דעם נוקלעארן וואָפן. די הויפּט־ריכטונג פון דער טעטיקייט פונעם ראט אפן איצטיקן עטאפּ איז דער קאמף פאר פארמיידן די געפאר פון א נוקלעארער מילכאָמע, פאר צוימען דעם וואָפּנפאַרמעסט, פאר אנטוואָפענונג. אין 1975 האָט די סעסיע פונעם פּרעזידיום פון דעם אל־וועלטלעכן שאָלעם־ראט אָנגענומען א נייעם שטאָק־האָלמער אופרוף, וועלכער האָט פאָרמולירט די גרונט־פאָדערונג פון די פעלקער: אָפּשטעלן דעם וואָפּנפאַרמעסט. אָט דעם אופרוף האָבן אונטער־שטיצט העכער 700 מיליאָן מענטשן.

דער אלוועלטלעכער שאָלעם־ראט טרעט אַנט־שיידנדיק ארויס קעגן דעם באַשלוס פונעם צאָפן־אטלאַנטישן בלאָק צו דיסלאָצירן דאָס אמעריקאַ־נישע ראקעטן־נוקלעארע וואָפן פון מיטלער ווייט־קייט אין די לענדער פון מערעוו־אייראָפּע. א וויכ־טיקע ריכטונג אין דער טעטיקייט פונעם אלוועלט־לעכן שאָלעם־ראט איז דער קאמף פאר שאָלעם און זיכערהייט אין אזיע, אינעם ראיאָן פון דעם אינ־דישן אָקעאַן, פאר ליקווידירן דאָרט די אויסלענ־דישע מיליטערישע באזעס, פאר רעאַליזירן די פּאָ־דערונגען פון די פרידנסליבנדיקע קרעפטן וועגן שאפן נוקלעארלאָזע זאָנעס. די קאָנפערענץ פאר שאָלעם און זיכערהייט אין אזיע (דעלי, 1980), וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דער איני־ציאַטיוו פונעם אלוועלטלעכן שאָלעם־ראט, האָט פאַרורטיילט די אריינמישונג פון פּשאַ אין די אי־נערלעכע ענינים פון אפגאניסטאַן און פון די מעלוכעס פונעם פערסישן איינגוס.

דער אלוועלטלעכער שאָלעם־ראט העלפט אק־טיוו צו פעסטיקן די באַוועגונג פון סאָלידאַריטעט מיטן קאַמף פון די פעלקער פאר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַלן פּראָגרעס. ער פירט דורך ברייטע אקציעס צו שטיצן דעם קאמף פאר א גערעכטיקער איינרעגולירונג אפן נאָענטן מיז־רעך. א ברייטן פארנעם האָבן אָנגענומען די אק־ציעס פונעם אלוועלטלעכן שאָלעם־ראט און פון די נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן פון שאָלעם־אַנהענגער אינעם אונטערשטיצן דעם קאמף פון די פעלקער פון דאָרעם־אפריקע קעגן ראסיזם און אפּארטעיד, דעם קאמף פון די דעמאָקראטן אין טשילי, אורוג־וויי, פּאראגוויי, סאַלוואַדאָר.

דער אינפאָרמאַציע־צענטער פונעם אלוועלטלעכן שאָלעם־ראט אין העלסינקי לאָזט ארויס דעם זשור־נאַל „נייע פּערספּעקטיוון" און דעם ביולעטען „דער שאָלעם־קוריער".

א. יעגאָראָווא

כראָניק

א נייער נומער פון „יודאיקא באָהעמיע"

דער נומער פונעם אלמאנאך פון דעם ייִדישן מעלוכישן מוזיי אין פּראָג „יודאיקא באָהעמיע" פאר דער ערשטער העלפט פונעם 1986 יאָר שליסט איין א ריי אינטערעסאַנטע פאָרשונגען. וולאַדימיר סאַדעק דערציילט וועגן דעם גרינדער פונעם פּראָ־גער ייִדישן מוזיי פּראָפעסאָר שלוימע הוגאָ ליבען. יאַנאַ דאָ־לעזשעלאָוואַס ארטיקל איז גע־ווידמעט די באַפּוצונגען פון די סייפער־טוירעס פון דער מאָראַ־ווישער אָפּשטאַמונג, וועלכע גע־פינען זיך אין דער קאָלעקציע פונעם מוזיי. אין אַן אנדער אַר־טיקל אינפאָרמירט זי צוזאמען מיט אַרנאָ פּאַרזשיקן וועגן די נייע עקספּאָנאַטן אינעם מוזיי; מיר דערוויסן זיך, אַז עס האָט זיך באַוונדערס באַרייכערט די קאָלעקציע פון די גראַפישע און מאָלעריי־ווערק — בעסוי־כעם זייענען צוגעקומען אַרבעטן פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן ייִדישן קינסטלער טאַנכום קאַפּ־לאַן. וולאַסטאַמילאַ האַמאַטשקאָ־וואַ און איראַזשינאַ שעדינאָוואַ אַנאַליזירן די העברעיִשע אויפ־שריפטן אין דער געביידע פון דער שול — א דענקמאָל פון דער אַרכיטעקטור אין דער טשע־כישער שטאָט האָלעשאָוו פונעם 16־טן יאָרהונדערט.

מיראָסלאַוו קאַרניס פאָרשונג „צו די פּראָגן פון דער סטאַטיס־טיק פון דער ייִדישער באַפעל־קערונג אין אַזיגערופענעם פּראָ־טעקטאָראַט" אַנטפּלעקט פאַרן לייענער א בילד פון אַכזאָריעסן פונעם נאַציזם אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

די אויסגאַבע שליסט איין זיך אַ̄ן אילוסטראַציעס און כראָני־קאַלע מאַטעריאַלן.

■ ■ ■

בּיניאָמין גאָראָדעצקי

די פֿאָרזעצונג פֿון מײַן אינטערוויו

אויב איר געדענקט מײַן „אינטערוויו מיט זיך אַליין", וועלכער איז אָפּגעדרוקט אינעם נום. 4, 1985 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועט אײַך זיכער ניט כידעשן, וואָס איך האָב ליב צו זוכן עפּעס און געפֿינען.

אויב מע וועט אײַך זאָגן, אַז אַלע מענטשן געפֿינען אוצרות — גלייבט ניט. עס איז גאָרניט אַזוי פּראָסט צו געפֿינען אַן אוצר! נאָר אין לעבן טרעפֿט זיך אַלץ. אָט, לעמאָשל, נעמט מיך. איך האָב געפֿונען אַן עמעסן אוצר: עס איז מיר געקומען א גליקלעכער אײַנפֿאַל — פֿאָרצוזעצן מײַן אינטערוויו. און באַשטימט האָב איך דאָס מאָל אָנהייבן פֿונעם סאָף, ווײַל אויב איך וועל אַלעמאָל אָנהייבן פֿון דעם אָנהייב, וועט דאָך קיינמאָל קיין סאָף ניט זײַן.

א געניטער שרײַבער וואָלט אָנגעהויבן פֿון שילדערן די אייגענע פּערזאָן און ערשט שפּעטער וואָלט ער געגומען זיך אַרומקוקן, צי אויסער אים איז נאָך עמעצער פֿאַראַן אויף דער וועלט. און איך, טײַערע לייענער, האָב באַשטימט ניט אָפּציִען דעם איקער און גלײַך זיך נעמען אײַך דערציילן עטלעכע אינטערעסאַנטע ניט קיין אויסגעטראַכטע געשיכטעס וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט געהויבענע מענטשן, מע קאָן זאָגן — מיט גדולים. איך מוז זיך מודע זײַן, אַז אַנומלטן האָט מען מיר אין דער רעדאַקציע בעפֿירעש געזאָגט: ביניאָמין, דו ביסט א דאַמקע־שפּילער, איז לאָמיר שרײַב נאָר וועגן זיי, וועגן די שפּילער, הייסט עס, קענסט אַפֿילע אָנשרײַבן א שאַשקע־נאָוועלע...

מיר זײַנען שוין מיט אײַך באַקאַנט ניט דעם ערשטן זונטיק, און איר ווייסט, אַז איך בין ניט פֿויל צו טרײַבן קאַטאָוועס, האָב איך זיי אָפּגעענטפֿערט, די כאַווײרים פֿון דער רעדאַקציע: גאַזלאָנים, זאָגט, וואָס וועלן טאָן אַלע אַנדערע אינטערעכאַנטע מענטשן, וועלכע שפּילן ניט אין שאַשקעס און האָבן דאָך פֿאַרדינט, אַז מע זאָל וועגן זיי אָנשרײַבן! און אויב ניט איך — איז ווער? איך בין בעערעמעס א פּראָסטער כײַוועקײַעם, א דאַמקע־שפּילער, נאָר פֿונדעסטוועגן בין איך, באַרכאַשעם, א שטיקל גראָסמייסטער, א געוועזענער טשעמפּיאָן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, א מאַטעמאַטיקער, א זשורנאַליסט...

געוויינלעך, זײַנען בא מיר די דאַמקעס אויפֿן ערשטן אָרט. ווען עס טרעפֿט (און, צום באַדויערן, גאַנץ אָפֿט!), אַז מע באַליידיקט די דאַמקע־שפּיל און ס'איז נייטיק זי פֿאַרטיידיקן, בין איך דער ערשטער עס צו טאָן. און איר ווייסט פֿאַרוואָס? ווײַל די סאַמע קאָמפּליצירטע קונסט איז די קונסט פֿון פּראָסטקײַט! לאָמיר געבן א וואָרט דעם באַוווּסטן אַמעריקאַנער שרײַבער, דעם באַקי פֿון אינטעלעקטועלע שפּילן עדגאַר פּאָ. בא אים איז פֿאַראַן א דערציילונג „דער מאָרד אויפֿן גאַס מאָרג" (אויב איר געדענקט ניט — לייענט איבער נאָכאַמאָל, ס'וועט אײַך קיין שאַדן ניט ברענגען!). אַלזאָ, עדגאַר פּאָ באַמערקט דאָרטן, אַז די לאַכלוטן ניט־פּרעטענדירנדיקע דאַמקע־שפּיל נייטיקט זיך אין א העכערער מאַדרייגע פֿון טראַכטן, און זי פֿאַרגיט א כאַך מערער קאָמפּליצירטע און נוצלעכע אויפֿגאַבעס, איידער די שאַך־שפּיל.

נאָר לאָמיר טאַקע איבערגיין צום טאָך.

אין מײַן זיקאָרן שווינדלט דורך דאָס געשטאַלט פֿונעם אַקאַדעמיקער סערגיי נאַטאַנאָוויטש בערנשטיין — א וועלט־באַוווּסטן מאַטעמאַטיקער. איך פֿאַרשטיי גוט, אַז יעדער טראָט פֿון אַזא מענטשן איז אינטערעכאַנט. אין די ווינטער־כאָדאָשים פֿון 1943—1944 האָט בערנשטיין געלייענט אין דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט א קורס פֿון דער רעלאַטיוו־טעאָריע. אין דער אַאודיטאָריע איז געווען א פּראָסט. די סטודענטן, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק זיך אומגעקערט פֿונעם פֿראָנט, זײַנען געזעסן אין די שינעלן. עס האָט בא די סטודענטן געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן. נאָר אָט איז אַרײַנגעקומען דער אַקאַדעמיקער. אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם פֿוטער, אַקוראַט אויפֿגעהאַנגען אים אויף א טשוואָק, אָנגעטאָן אַן אַקאַדעמישע יאַרמעלקע, צוגעגאַנגען צום טאָוול, און... די, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער אַאודיטאָריע, האָבן פֿאַרגעסן וועגן דער קעלט און מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו די רייד פֿונעם אַקאַדעמיקער. איך מוז זאָגן, אַז צווישן די צוהערער פֿון דער לעקציע זײַנען געווען יאַטן, וועלכע זײַנען שפּעטער געוואָרן באַוווּסטע געלערנטע...

כ'זײַנען בא מיר פֿאַראַן כאַווײרים, מיט וועלכע די פֿרײַנטשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן אַדאַנק די דאַמקעס. מיט דער צײַט זײַנען אָט די דאַמקע־שפּילער געוואָרן גדולים אין דער וויסנשאַפֿט. ס'איז

געגנוג אָנצורופן דעם באוווסטן קיבערנעטיקער, מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט־אקאדעמיע פון קאזאכסטאַן איזראַיל יאַקאָוולעוויטש אקושסקי און דעם אקאדעמיקער און דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון טעאָרעטישער פיזיק אפן נאָמען פון ל. ד. לאנדאו איסאַק מאַרקאָוויטש כאַלאַטניקאָוו. אן אינטערעסאנטע דעטאל: כאלאטניקאָווס פרוי איז די באסיעכידע פונעם לעגענדאַרן פּאַלקנפירער ניקאָליי שטשאָרס — וואַלענטינע ניקאָלייעווונא. איר מאמע פרומע יעפימאָוונא שטשאָרס האָט אָנטייל־גענומען אין דער גרויכער פאָטערלענדישער מילכאָמע און איז ביז אירע לעצטע טעג געווען אקטיוו אין סאָוועטישן קאָמיטעט פון די מילכאָמע־וועטעראַנען און אין אנדערע פאַטריאָטישע אָרגאַניזאציעס.

אַלזאָ, איך וויל אײַך דערציילן וועגן מענטשן, וועלכע כ'האָב גוט געקענט און וועלכע האָבן געלאָזט א טיפן שפּור אין מײַן הארצן. אָט זײַנען נאָך צוויי אזעלכע מענטשן, אבסאָליוט פארשיידענע אויסערלעך, אָבער זייער נאָענטע לויטן כאראקטער. איינער איז געווען א מאטעמאטיקער, דער אנדערער — א קינסטלער.

אבראַם מיראָנאָוויטש לאָפּשיץ. א באוווּסטער געלערנטער, אײַנגעליבט אין מאטעמאטיק. א פילזײַטיק אנטוויקלטער מענטש, האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט טיפן פארשטאנד אין קונסט און מיט פונדאמענטאלע קענטענישן אין ליטעראטור און מאָלערײַ, שוין אָפּגערעדט וועגן מוזיק — איינע פון די גרעסטע צוגעבונדנקײַטן זײַנע (ער האָט אליין געשפּילט פידל).

לאָפּשיץ איז טאָמיד געווען פול מיט אידייען, וועלכע ער האָט מיט א ברייטער האנט איבערגעגעבן זײַנע טאלמידים און די אנדערע געלערנטע.

מיט וואָס פאר א דערעכערעץ האָט ער זיך באצויגן צו זײַנע מיטשמועסער, אפילע צו די, וועלכע זײַנען געווען אָף א קאָפּ נידעריקער פון אים! זײַענדיק לויט דער נאטור זייער א גוטער מענטש, איז ער באנאנד דערמיט געווען ביז גאָר א שטרענגער און פאָדערעוודיקער לערער. און כאָטש ארויסשטעלן א שלעכטע אָפּשאצונג דעם טאלמיד פלעגט אים קאָסטן געזונט, האָט ער טאָמיד געהאנדלט יוישערדיק.

איך האָב זיך באקאנט מיט לאָפּשיצן נאָך פאר דער מילכאָמע, ווען מע האָט אים אײַנגעלאָדן אין ווײַסרוסישן אוניווערסיטעט אָף א קורס לעקציעס. כ'בין געווען זײַן צוהערער אפן קעגנשטאנד פון דיפערענציאלער געאָמעטריע. שטעלט אײַך פאָר, איר זיצט אָף דער לעקציע און עס ווילט זיך אײַך איבער א געוויסער סיבע טראכטן וועגן עפּעס אנדערס, ריכטן די געדאנקען אין א צווייטער זײַט. לייגט זיך ניט קיין פייגעלער אין בוזעם! עס וועט זיך אײַך ניט אײַנגעבן, ווײַל לאָפּשיץ צווינגט אלעמען הערן נאָר אים. ער האָט אין זיך געהאט א מוירעדיקן פּעדאגאָגישן קויעך!

עס איז ניט געווען אָף דער וועלט קיין איניאָנים, וועלכע האָבן ניט אינטערעסירט אָט דעם ניט־געוויינלעכן מענטשן. אין די איבעררײַסן צווישן די לעקציעס האָט ער, לעמאָשל, זיך געלערנט פאָרן אָף א מאָטאָציקל...

אין אָנהייב פון דער מילכאָמע איז ער פרײַוויליק אוועק אין דער אָפּאָלטשעניע, געווען שטארק קאָנטוזיעט.

בייס איך האָב זיך געלערנט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, זײַנען בא מיר פאָרגעקומען עטלעכע באגעגענישן מיטן פּראָפעסאָר. איינמאָל האָט ער מיך אײַנגעלאָדן צו זיך אהיים. אונדזער שמועס האָט געדויערט א סאך שאָען, ער האָט געוואָלט מיך ארײַנציען אין זײַנע וויסנשאפטלעכע אינטערעסן, געייצעט איבערצולייענען עטלעכע ביכער...

אין יענער צײַט האָט לאָפּשיץ זיך פארנומען מיט מעכאניק. ווי אלעמאָל, איז ער געווען זייער באגײַסטערט. ער האָט געטיילט מיט מיר זײַנע פריידן און ליידן. איינמאָל, געדענק איך, האָט ער אוועקגעלייגט פאר מיר עטלעכע ביכער פון באוווסטע געלערנטע און באוויזן, אז בא אלעמען איז א געוויכע טעמע אָנגעשריבן מיט איינע און די זעלבע ווערטער, כאָטש די ביכער זײַנען ארויסגעגאנגען אין פארשיידענע יאָרן. וויאזוי האָט עס געקאָנט טרעפן? זאָגן, אז די געלערנטע זײַנען ניט געווען בעקויעך אָנשרײַבן וועגן דעם איניען זעלבשטענדיק — קאָן מען ניט. אָבער א פאקט בלײַבט א פאקט. אפשר, אז בא דעם ערשטן אוטאָר איז די טעמע געווען אָנגעשריבן אויסגעצייכנט, און דאָס איז איבערגעגאנגען פון איין בוך אין דעם אנדערן...

אינעם נעקראָלאָג (ער איז געשטאָרבן אין 1984) האָבן זײַנע טאלמידים — באוווסטע געלערנטע — געשריבן: „די באזונדערקײַט פון אבראַם מיראָנאָוויטש לאָפּשיצן איז באשטאנען אין דעם, וואָס די גרויסע אידעאלן פון הומאניזם זײַנען געווען אן אָרגאנישער טייל פון זײַן פערזענלעכקײַט, און זיי האָבן געפונען א טאָגטעגלעכע פארקערפּערונג אין זײַן טעטיקײַט".

די הײַנטיקע באגעגעניש מיט אײַך, טײַערע לייענער, ענדיק איך, ווי מיר האָבן זיך שוין דערעדט, מיט מײַנע דערינערונגען וועגן דעם קינסטלער איליא אבעליעוויטש לוקאָמסקי. איליא לוקאָמסקי איז געווען א לײַבלעכער ברודער פון מירע אבראמאָוונע לוקאָמסקאיא, וועגן וועלכער איך האָב גע־



קינסטלער איליא לוקאָמסקי.
אויטאָפּאָרטרעט

קאָנסטרוקטאָר דאָרע שאכנעוויטש, 1973

שריבן אין מײַן „אינטערוויו מיט זיך אליין”. דער אופמערקזאמער לייענער וועט געוויס באמערקן, ווי די ענגלענדער זאָגן, א מיסטייק, א פעלער, הייסט עס. וויאַזוי קומט אויס, אז „אבעלעוויטש” און „אבראמאָוונע” זײַנען א ברודער און א שוועסטער? איך מיין, אז מע קאָן אָפּשיקן די לייענער צו שאָלעם-אַלייכעמען: „איציק איז איצכאָק, איצכאָק, איצכאָק — איסאַק, איסאַק — איזאַק, און איזאַק איז אײַזיק”...

מיט איין וואָרט, איליא (עליאָהו) און מירע זײַנען געווען א ברודער און א שוועסטער. וועגן אירע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן אין מאטעמאטיק האָב איך שוין געשריבן. הײַנט — וועגן דעם קינסטלער לוקאָמסקי. איך בין זיך מודיע, אז אין זײַן שאַפונג „האָב איך א האנט” — בוכשטעבלעך... נאָר וועגן דעם — שפּעטער.

לוקאָמסקי (1906—1954) שטאמט פון ווײַסרוסלאנד, פון פּאָלאָצק. אין די קינדער-יאָרן האָט ער געלעבט אין מאָלעוו. אין 1918, בײַ(?)ם סאָווינקאָווס בונט אין יאראָסלאוול, האָט פון דעם פענצ-טערל פונעם קעלער, וווּ עס האָבן זיך איסבאהאלטן יידישע מישפּאָכעס, ארויסגעקוקט דער 12-יאָרי-קער לוקאָמסקי און געמאָלט בראַנעוויקעס, הארמאטן, באוואָפנטע מענטשן. אין 1920 יאָר האָט דאָס יינגל שוין געמאָלט פּלאקאטן אין פּאָליט-אָפּטייל פון דער רויטער ארמיי. ווען לוקאָמסקי איז אלט געוואָרן 16 יאָר, האָט ער באקומען א פּוטיאָווקע אין וכוטעמאס (העכסטע קינסטלעריש-טעכנישע אטעליע).

אין דער מאָנאָגראפיע, וועלכע איז געווידמעט לוקאָמסקיס שאפונג (1957), האָט די באוווסטע קונסט-פאָרשערן ווערא ראָבערטאָוונא גערצענבערג געשריבן, אז אין לוקאָמסקיס קונסט האָבן זיך זייער פרי באוויזן זײַנע שאַרף-אויסגעדריקטע אינדיווידועלע שטריכן. און אזוי ווי זײַן גאנץ שעפעריש לעבן איז געווען ענג צוזאמענגעבונדן מיט די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן אים אינטערעסירט און ער פלעגט טאָמיד געפינען זיך צוזאמען מיט זיי, אין ברען פון די געשעענישן, באשטייט דער-בער זײַן קינסטלערישע ירושע פון א גרויסער גאלעריי פּראָסטע מענטשן. „פון זײַנע פּאָרטרעטן קוקן אויף אונדז מענטשן מיט לויטערע בליקן, מיט ערלעכע כאראקטערן...”

אין 1942 יאָר איז דער קינסטלער פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. ער איז געווען אן איידעס און אן אָנטיילנעמער פון דער הערויִשער סטאלינגראדער שלאכט, צוזאמען מיט די סאָוועטישע קרי-גער געשטורעמט בערלין.

ניט בלויז דער אוטאָמאט איז געווען זײַן געווער. אומופהערלעך האָט ער געארבעט מיטן פּענדזל: אונטער דעם סוינעס באָמבעס, אין זעמליאנקעס בא דער באליִכטונג פון קאָפּטילקעס. אין אטעליע בא זײַן אלמאָנע, דער קינסטלערן נ. קאראטקאָווא, האָב איך געזען אן עטיוד פון א יידישן פּארטיזאן. צום באדויערן, געדענקט זיך ניט קיין דעטאלן. אין וואָלגאָגראדער מוזיי ווערט עקספּאָנירט צווישן אנדערע א פּאָרטרעט, וועלכן לוקאָמסקי האָט אָנגערופן „דער קאָמאנדיר ווײַנרוב”.

וועט איר דאָך פֿרעגן: וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט אין דעם מײַן האַנט? איז הערט זשע.

אין 1951 יאָר בין איך שוין געווען מיט לוקאָמסקין גוט באַקאַנט, און מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן גאַנץ אָפֿט. איינמאָל האָב איך באַמערקט, אַז ער קוקט אויפֿמערקזאַם אויף מײַן לינקער האַנט, מאַמעש ער קאָן זיך פֿון איר ניט אָפּרײַסן.

— וואָס האָט איר געפֿונען אין מײַן האַנט? — מאַך איך זיך טאַמעוואַטע.

אַנשטאָט ענטפֿערן, פֿרעגט ער:

— ווען זײַט איר אַ ביסל פֿרײַ און וועט קענען קומען צו מיר אין אַטעליע אויף אַ פּאָר שעה?

— וואָס איז די מײַסע?

— איך מאָל איינעם אַ פֿלײַער, פֿינקטלעכער — אַ יאַמישן פּילאָט...

— איז וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט דאָס צו מײַן האַנט?

— דער פּילאָט איז אַוועקגעפֿלויגן, און דער פּאָרטרעט שטייט. געבליבן איז אויסמאָלן אַ קלייניקייט — די לינקע האַנט. און אײַער האַנט איז ווי אַ טראָפּן וואַסער ענלעך אויף זײַנער...

בעקיצער, ער האָט מיך אײַנגערעדט. וואָס דאָס איז פֿאַר אַ מוטשעניש צו פּאָזירן, קאָן איך אײַך ניט זאָגן! איר האָט קיינמאָל ניט פּאָזירט?

קודעמקאָל האָט ער מיר אָנגעטאָן דעם פּאַראַשוט און דעם גאַנצן קלייזײַען. עס איז געווען זומער, און איך שטיי און שוויץ. מימאָנעפֿשעך, דאַרפֿסט האָבן אַ האַנט — נעם, נאָר ווי קומט עס צו דעם פּאַראַשוט און צו די אַנדערע פּריטשינדאַלן? און איר מיינט דאָך אַוואַדע, אַז ער האָט מיך אָפּגעלאָזט באַך די צוויי שעה? אַוואַדע! עס זײַנען געווען נאָך צוויי, און נאָך צוויי און אַפּאָנעם נאָך צוויי מיט אַ האַלבער אויך!.. ווייסט איר וואָס איך וועל אײַך זאָגן? אַ קינסטלער איז, געווײנלעך, אַ פּאַרנאָסע אַ בעקאָוועדיקע, אָבער זייער אַ שווערע. אויב איר האַלט איצט בײַ צוקלײַבן זיך אַ פֿאַך — גייט ניט צו די קינסטלער, קומט בעסער צו אונדז, צו די דאַמקע־שפּילער! דאָס איז אויך אַ מין קונסט, און עס קומט אויס אויך „מעלאָכעווען", און דאַפֿקע ניט ווייניק, נאָר דאָ איז אײַך גאַראַנטירט אַ נוץ: איר וועט זיך עפּשער אויסלערנען שפּילן אין דאַמקעס. אויב עס וועט אײַך ניט אָפּגליקן — קאָן איך אײַך ניט העלפֿן. איך קאָן נאָר ווינטשן אײַך אַלעס גוטס. אַדיע!

געשטאָרבן הערשל מײַער

אין פּאַריז איז געשטאָרבן דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפֿטלעכער טוער און וויסנשאַפֿטלער ד״ר הערשל מײַער.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1903 אין ליטע, אין די יונגע יאָרן געקומען קיין אַמעריקע, ווו שטודירט אויף מעדיצין־דאָקטאָר. שפּעטער פֿאַרנעמט ער זיך מיט פֿאָרשונגען פֿון געשיכטע, געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע וויסנשאַפֿטן. אין משך פֿון די ווײַטערדיקע יאָרן פֿאַרעפֿנטלעכט ער אַ רײ ווערק, וועלכע זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפּראַכן.

הערשל מײַער איז געווען שפּעריש פֿאַרבונדן מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אין וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט אייניקע פֿון זײַנע אַרבעטן.

ערע זײַן אָנדענק!

יאָר נאָך יאָר

„סאָוועטיש היימלאַנד". ציפֿערן און פֿאַקטן

1973

* דער נומ. 1 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" עפֿנט זיך מיט אַן אָפּקלײַב פֿון בריוו, אויסצוגן פֿון אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן אונטער דער רובריק „אונדזער היימלאַנד — דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד". אין זעלבן נומער זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט מענדל ליפֿשיצעס „אויטאָביאָגראַפֿישע פּאָעמע", דער אָנהייב פֿון כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „קאַלטס און וואַרעמס", שמואל פּערסאָווס פּיעסע „וועגן — אומוועגן" (פֿון זײַן ליטעראַרישער ירושע), כאַנע ווײַנערמאַנס מיניאַטיורן „פֿון די פֿאָלקס־קוואַלן" (צום 70־טן געבורטסטאָג פֿונעם דיכטער).

* אין נומ. 2 האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן די פֿאָרזעצונג פֿון אַרן ווערגעליסעס „בריוו פֿון אײראָפּע" (אָקטיאַבער — נאָיאַבער 1972). די פֿריערדיקע בריוו האָבן זיך געדרוקט אין די נומערן 4—6 און 8 פֿאַרן 1971.

* אינעם מאַרט־נומער איז פֿאַרעפֿנטלעכט אווראָם קאַהאַנס פֿאָלקס־שפּיל „די בראָדער זינגער" (פֿון זײַן ליטעראַרישער ירושע). אין זעלבן נומער איז אײַנגעפֿירט אַ נײַע רובריק „לעבעדיקע גרוסן". מיט אַ רעפּאָרטאַזש „צוגאַסט בא די קיִעווער יידישע שרײַבער" טרעט אַרויס נאָטע לוריע.

* צום 30־טן יאָרטאָג פֿונעם אופֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז אין אַפּרעל־נומער פֿונעם זשורנאַל אָפּגעדרוקט אַ פֿראַגמענט פֿון איציק פֿעפֿערס פּאָעמע „שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ", דאָס צווייטע בילד פֿונעם פֿערטן אַקט פֿון שמואל האַלקינס דראַמאַטישער פּאָעמע „אַף טויט און אַף לעבן", אַ פֿראַגמענט פֿון פּערעץ מאַרקישעס ראָמאַן „טראָט פֿון דורעס".

* מיט דער פֿאָרזעצונג פֿון דער גרעסערער דערצײלונג „לויטערקײט" איז אין דעם נומער אָפּגעמערקט בוזי מילערס 60־טער געבורטסטאָג.

* אַפֿן וויסנשאַפֿט־ראַט פֿונעם אינסטיטוט פֿון דער וועלט־ליטעראַטור אַף מ. גאָרקיס נאָמען איז באַהאַנדלט געוואָרן הערש רעמעניקס דיסערטאַציע „שאָלעם־אַלייכעמס שאַפֿונג". ה. רעמעניקן איז צוגעזאָגט געוואָרן דער טיטל דאָקטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן.

* ס'איז דערשינען דער באַנד 7 פֿון דער „קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע". צווישן אַנדערע גייען אין אים אַרײַן אָפּהאַנדלונגען וועגן די יידישע שרײַבער מאָרדכע ספּעקטאָר, עזראַ פֿינינבערג, איציק פֿעפֿער, וועגן דעם לינגוויסט עליע ספּיוואַק.

* צום 75־טן געבורטסטאָג פֿון איזי כאַריקן איז אין נומ. 5 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אָפּקלײַב פֿון זײַנע לידער.

* דער ליטעראַטור־פֿאָרשער יִסראָעל סערעבריאַני האָט זיך אומגעקערט פֿון אַ רײַזע קײַן ביראָבידזשאַן. אין „סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ. 5) האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן זײַנע רײַזע־בילדער „וויזיט־קאַרטלעך".

* דער נומ. 6 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" עפֿנט זיך מיט מאַטעריאַלן פֿון די יִסראָעלדיקע פּובליציסטן יאַנקעוו טאַלמאַן, אַמנאָן רובינשטיין, אַרן קאַהאַן און יעהוישוע אירגע, געווידמעט דער לאַגע אַפֿן נאָענטן מיזרעך.

* צו וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס 80־טן געבורטסטאָג איז אין דעם יולי־נומער אָפּגעדרוקט אַ ציקל זײַנע לידער אין דער איבערזעצונג פֿון מוישע כאַשטשעוואַצקין און עזראַ פֿינינבערגן.

* אין זעלבן נומער איז פֿאַרעפֿנטלעכט שירע גאָרשמאַנס גרעסערע דערצײלונג „כאַנעס שאָף און רינדער" און דער סאָף פֿון כאַסקל טאַבאַטשניקאָווס גרעסערער דערצײלונג „מיט אַ וואָרעם האַרץ" („באַרשעווער מאָטיוון").

* אין נומ. 9 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן נאַטאַן זאַבאַרעס היסטאָרישער ראָמאַן „אונטער דער הייסער זון פֿון פּראָוואַנס". מיט אַ פּובליקאַציע פֿון כאַיִם־נאַכמען ביאַליקס לידער איז אָפּגעמערקט זײַן 100־טער געבורטסטאָג.

* צום 100־יאָריקן יובילײ פֿון איינעם פֿון די גרונטלייגער פֿון דער יידישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג יויסעף באָוושאָווער איז אָפּגעדרוקט אין דעקאַבער־נומער אַ ציקל זײַנע לידער. עס ווערט אויך אָפּגעמערקט דער 75־טער געבורטסטאָג פֿונעם שפּראַך־פֿאָרשער מוישע שאַפּיראָ.

* אין מאָסקווע איז פֿאָרגעקומען אַ וועלט־קאָנגרעס פֿון די פֿרידנסליבנדיקע קרעפֿטן. צווישן זײַנע אָנטײלנעמער איז געווען אַ דעלעגאַציע פֿון יִסראָעל, וועלכע האָט אין די טעג פֿונעם קאָנגרעס באַזוכט די רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". דער זשורנאַל האָט אַלס בײַלאַגע צום נומ. 12 אַרויסגעגעבן אַ רײ מאַטעריאַלן פֿון אָט דעם שאָלעם־פֿאָרום.

* אַף דער פּלענאַרער זיצונג פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן די פּראָבלעמען פֿון דער הײַנטצײַטיקײט אין דער יידישער ליטעראַטור. נאָך דער אַרײַנפֿיר־רעדע פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר אַרן ווערגעליס זײַנען מיט מיטיילונגען אַרויסגעטראָטן כאַיִם מעלאַמוד (וועגן דער פּראָזע), אווראָם גאָנטאַר (וועגן דער דיכטונג), הערשל פּאָליאַנקער (וועגן דעם פּאַרצייכענונג־זשאַנער), הערש רעמעניק (וועגן דער קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע).

* די רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אונטערגעצויגן די סאַכאַקלען פֿונעם קאָנקורס אויף דער בעסטער קינסטלערישער פּאַרצייכענונג, וואָס דער זשורנאַל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1973. מיט דער ערשטער פּרעמיע איז באַלוינט געוואָרן נאָטע לוריעס פּאַרצייכענונג „צוגאַסט בא די קיִעווער ייִדישע שרײַבער". א הויכע אָפּשאַצונג האָבן באַקומען די פּאַרצייכענונגען פֿון כאַיִם מעלאַמוד („פּאַרוואָס האָב איך דיך אזוי ליב, טשערנאָוויץ?"), שמועל גאָרדאָן („אין ווילנע") און כאַיִם ביידער („אַמור־זעטער באַגעגענישן").

* אין 1973 זײַנען אין פֿאַרשיידענע פֿאַרלאַגן דערשינען ביכער פֿון ייִדישע שרײַבער. אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ייִדיש אַלעקסאַנדער גוביניצקיס זאַמלונג דערציילונגען „מײַן ייִכעס", יאשע וועלדינס „יאַם־לי־דער", מישע לעווס „קימאַט א לעגענדע", אין דער רוסישער איבערזעצונג — ריוווע באַליאַסנעס „א פּערטל יאָרהונדערט", אורעאַם גאָנטאַרס „זאַנגען אויף א שטיין", דאָוויד בראָמבערגס „גראָווע שטײַנער". אין די קיִעווער פֿאַרלאַגן זײַנען דערשינען הערשל פּאָליאַנקערס ראָמאַן „ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים", יעכיִעל פֿאַליקמאַנס ראָמאַן „די פּאַרורטיילטע נעמען געווער", נאָטע לוריעס בוך דערציילונגען.

1974

* אין יאַנוואַר־נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אוורעאַם קאַהאַנס ראָמאַן „שאָלעם־אַלייכעם". אין זעלבן נומער איז אײַנגעפֿירט א קורס ייִדיש־לימודים פֿונעם פֿילאָלאָג עליע פֿאַלקאָוויטש „שמועסן וועגן דער ייִדישער שפּראַך".

* אין מאַרט־נומער פֿונעם זשורנאַל איז פֿאַרעפֿנטלעכט אָרן ווערגעליסעס פּאָעמע „יאָרדים". אין זעלבן נומער ווערט געגעבן א ציקל ווערק פֿון די לייענער פֿונעם זשורנאַל.

* דער נומער 4 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווידמעט דעם 40־יאָריקן יובילײַ פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. ער עפֿנט זיך מיט אַן אַרטיקל פֿונעם ערשטן סעקרעטאַר פֿון דעם געגנטקאָם פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי לעוו שאַפּיראָ „אין דער בירעדזשאַנער פּעלקער־מישפּאָכע". מיט ווערק, געווידמעט בירעבידזשאַן, זײַנען פֿאָרגעשטעלט אָרן ווערגעליס, כאַיִם ביידער, מאַקס ריזשאַנט, איציק בראָנפֿמאַן, בוזי מילער, שמועל גאָרדאָן, אוורעאַם גאָנטאַר, ליובע וואַסערמאַן, סאַלוואַדאָר באָרזשעס, יאשע טשערניס, הערשל ראַבינקאָוו און אַנד.

* אײַנעם אָפּטייל „פּובליציסטיק" זײַנען אין מײַ־נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרעפֿנטלעכט מאַטעריאַלן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ייִסראָעל וועגן דעם הײַנטצײַטיקן ציִוניזם.

* אין זעלבן נומער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן דער צווייטער טייל פֿון יעכיִעל פֿאַליקמאַנס ראָמאַן „פֿײַער און אַש".

* צום 75־טן געבורטסטאָג פֿון א. ס. פּושקינען איז אײַנעם נומ. 6 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרעפֿנטלעכט א ציקל לידער פֿונעם גענ֗יאַלן רוסישן דיכטער אין דער איבערזעצונג פֿון דאָוויד האָפּשטיין. עס ווערט געגעבן אבע פֿינקעלשטיינס ביבליאָגראַפֿיע „א. ס. פּושקינס ווערק, דערשינענע אין ייִדיש". מיט יעשוע ליובאָמירסקיס אַרטיקל איז אָפּגעמערקט זײַן 90־טער געבורטסטאָג.

* „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אײַנגעפֿירט א רובריק „אונדזערע מיטצײַטלער". אין נומ. 7 פֿונעם זשורנאַל איז פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס ערשטע ווערק אין דער דאָזיקער רובריק — נאָטע לוריעס פּאַרצייכענונג „יאַם און הימל, הימל און יאַם".

* אין נומ. 8 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט פֿאַרגעזעצט די פּובליקאַציע פֿון אָרן ווערגעליסעס ראָמאַן „די צײַט". מיט א גרעסערער דערציילונג „מעכ֗ילע" טרעט אַרויס שמועל גאָרדאָן. אין זעלבן נומער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן הערשל פּאָליאַנקערס ראָמאַן „שטאַרקער פֿון אײַזן". מיט א רײ מאַטעריאַלן ווערט אָפּגעמערקט דאָוויד בערגעלסאָנס 90־טער געבורטסטאָג. ס'איז אײַנגעפֿירט א רובריק „פּריילעכע שורעס".

* אין סאָף יוני איז אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" דורכגעגאַנגען א באַגעגעניש מיט א דעלעגאַציע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ייִסראָעל, וועלכע איז לויט דער אײַנלאַדונג פֿון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" געקומען אויף א באַזוך אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ס'איז אויך פֿאָרגעקומען א באַגעגעניש מיט א צווייטער ייִסראָעל־דעלעגאַציע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען פֿאָרשטייער פֿון דער פּרײַנטשאַפֿט־באַוועגונג „ייִסראָעל—פֿססר".

* אין „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט אײַנגעפֿירט א רובריק „כאַשעוועער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע...". דער ערשטער ציקל לידער אונטער דער דאָזיקער רובריק איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין סענטיאַבער־נומער.

* צום 70־טן געבורטסטאָג פֿון מוישע טייף איז אין נומ. 9 פֿונעם זשורנאַל אָפּגעדרוקט זײַן פּאָעמע „וואָלאָנטשעל".

* נאָך א דויערנדיקן איבעררײַס אין זייער שאַפֿונג, בײַס וועלכן זיי זײַנען געווען טעטיק אין אַנדערע געביטן, האָבן זיך אומגעקערט אין דער ייִדישער דיכטונג באָריס מאָגילנער, כאַיִם גורעוויטש, ליפֿע העלער, עליע ביידער. אין נומ. 9 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען זיי פֿאָרגעשטעלט מיט נײַע לידער.

* אין נומ. 9 פֿונעם זשורנאַל האָט זיך באַוויזן א נײַע רובריק: „ווינקל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן פּאַרשפּרייטער".

* דער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט אַרויסגעלאָזט אין ייִדיש שירע גאָרשמאַנס בוך „לעבן און ליכט", שיפֿרע כאַלאַדענקאָס לידער־זאַמלונג „דאָס

וואָרט" און אין דער איבערזעצונג אף רוסיש — טעוויע גענס ראָמאַן „אונדזערע „צײַטן" און בוזי מילערס זאַמלונג דערציילונגען „לויטערקײַט".

* אין נומ. 9 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז מיט א סעריע מאָנאָטיפּיעס פאָרגעשטעלט דער יונגער קינסטלער פון קראַסנאָיאַרסק אָלעג פירער. עס ווערן געדרוקט זײַנע בילדער „א פאָרל", „די געפלאַצטע סטרונע", אילוסטראַציעס צו טאָמאַס מאַנס „יויסעף און זײַנע ברידער" און צו שאָלעם-אלייכעמס „שיר-השירים", „מוישע קולבאַק און זײַנע העלדן", „עס בליט שוין קאָרן" (דאָוויד האָפשטיין), פון דער ביכער-גראַפיק — די הילעס פון איסאַק באַבעלס און מ. שטיטעלמאַנס ביכער.

* „זקײנישע נאָטיצן" — אזוי האָט אָנגערופן זײַנע נײַע מיניאַטיורן מוישע אלטמאַן. די נאָטיצן האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין נומ. 10 פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אין זעלבן נומער זײַנען פאַרעפנטלעכט אירמע דרוקערס ערשטע נאָוועלעס פון דער סעריע „געזען און געהערט".

* צום 75־טן געבורטסטאָג פון עזרא פינינבערגן זײַנען אין נאָיאַבער-נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויסצוגן פון אלעקסאַנדער פושקינס „יעווגעני אָניעגין" אין זײַן איבערזעצונג.

* די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַזוכט דער באַקאַנטער ייִדישער סקולפּטאָר פון קאַנאַדע שמועל קאַגאַן. ער האָט געשענקט א מאָטאָנע דער רעדאַקציע — דעם באַרעליעף פון דאָוויד בערגעלסאָנען, וועלכן ער האָט לעצטנס געשאַפן.

* אין נומ. 11 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן איבערזעצונגען פון הײַנטצײַטיקע רוסישע זינג-לידער (ייִדיש — אַרן ווערגעליס).

1975

* „אינמיטן העלן באַטאָג" — אזוי האָט אָנגערופן דעם דריטן טייל פון זײַן היסטאָרישן ראָמאַן נאַטאַן זאַבאַרע, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין נומ. 1 „סאָוועטיש היימלאַנד". דער ערשטער און דער צווייטער טיילן פונעם ראָמאַן זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1972 און אין 1973.

* אין נומ. 2 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן דינע קאַלינאָווסקעס ראָמאַן „אַלטע לײַט". אין זעלבן נומער איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 85־טער געבורטסטאָג פון אַרן קושניראָוו.

* „ענעק-בענעק ווייסט אַלץ" — אונטער אזא נאָמען האָט די אַלפאַרבאַנדישע פירמע „מעלאָדיאַ" אַרויסגעלאָזט א פּאַטעפאָן-פּלאַטע מיט שיקע דריזס מײַסעלעך פאַר קינדער אין דער אויספילונג פונעם פאָלקס-אַרטיסט פון פסטר ראָסטיסלאַוו פּליאַט.

* אין נומ. 4 איז צום 75־טן געבורטסטאָג פון יויסעף ראַבין אָפּגעדרוקט דער אָנהייב פון זײַן נײַעם ראָמאַן „העשל דער סטאָליער און זײַן אייניקל".

* דער נומ. 5 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד. אין אים זײַנען פאַרעפנטלעכט „א לידער-קראַנץ צום טאָג פונעם גרויסן ניצחון" (לידער פון 28 ייִדישע סאָוועטישע דיכטער), דאָוויד בערגעלסאָנס מילכאָמע-פּובליציסטיק, היסטאָרישע פאַרצייכענונגען, פאָלקלאָר און אַנדערע מאַטעריאַלן.

* אין סאָף מײַ איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". דער לעצטער טאָג פונעם פּלענום איז געווען געווידמעט דער פײַערונג פונעם 70־טן געבורטסטאָג פון דעם אָנפירער פונעם קריטישן אָפּטייל פון „סאָוועטיש היימלאַנד" הערש רעמעניק.

* די ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון טשערנאָוויץ האָט פײַערלעך אָפּגעמערקט מוישע אַלטמאַנס 85־יאָריקן יובילײ.

* „וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאַציעס" — אזא רובריק איז אײַנגעפירט אין נומ. 8 פונעם זשורנאַל.

* אין זעלבן נומער איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 75־טער געבורטסטאָג פון מייער אַלבערטאָן.

* אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאָרגעקומען א באַגעגעניש מיטן מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל אוזי בורשטיין און מיט דער מיטאַרבעטערן פון דער צײַטונג „זו האדערעך" נאָאָרא באַרניר.

* צום 100־טן געבורטסטאָג פון אווראָם רייזען איז אין נומ. 9 אָפּגעדרוקט א ציקל זײַנע לידער. אין זעלבן נומער האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן די „מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור".

* „1975 — צווישנפעלקערלעכער פרויען-יאָר" — אונטער אָט דער רובריק זײַנען אין א ריי נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט פאַרצייכענונגען און לידער, געווידמעט דער ראָליע פון

די פרויען אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, ווי אויך היסטאָרישע מאַטעריאַלן.

• אין דער רובריק „ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס" פונעם נומ. 10 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען אָפּגעמערקט די געבורטסטעג פון יאשע זעלדין, אהרן גורשטיין און מוישע גאָלדשטיין. אין זעלבן נומער האָט זיך אָנגעהויבן די פּובליקאַציע פון לייב קוויטקאָס „אַלפבייס".

• אין נומ. 12 איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 80־טער געבורטסטאָג פון פּערעץ מאַרקישן. אין זעלבן נומער איז פאַרעפנטלעכט ייִסראַעל סערעבריאַניס אַרטיקל „דער יונגער גורשטיין וועגן דעם יונגן מענדעלע" אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויטאָרס 75־טן געבורטסטאָג.

• סאָף יאָר איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", געווידמעט די אויפגאַבן פונעם זשורנאַל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונג צום 25־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

• אפן קיִעווער זאַוואָד „טשערוואָני גומאַוויק" איז פאָרגעקומען א לייענער־קאָנפערענץ, געווידמעט הערשל פּאָליאַנקערס ראָמאַן „מענטשן בלײַבן מענטשן".

• אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" זײַנען דערשינען אירמע דרוקערס ראָמאַן „קלעזמער" און אײַזיק פּלאַטנערס לידער־זאַמלונג „זאַלץ פון לעבן".

1976

• אין נומ. 1 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן נאָטע לוריעס ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע". דאָס ווערק איז פאַרעפנטלעכט צום שרײַבערס 70־טן געבורטסטאָג. אין זעלבן נומער איז מיט א ציקל לידער אָפּגעמערקט אוראַם קאַצעווס 60־טער געבורטסטאָג.

• דער נומ. 2 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווידמעט דעם 25־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אין זעלבן נומער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן יאשע טשערניסעס גרעסערע דערציילונג „דער וועג אַף קוקאַן".

• פון ביראָבידזשאַן האָט זיך אומגעקערט א גרופּע שרײַבער, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין די לייענער־קאָנפערענצן, געווידמעט דער סאָוועטישער ליטעראַטור ערעוו דעם 25־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אין נומ. 3 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען פאַרעפנטלעכט ווערק פון לידיִא ליבעדינסקאַיא, פעט־ריא דאַריענקאָ, סערגיי דאַווידאָוו, מיכא קווליווידזע וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

• אין נומ. 3 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז מיט א ציקל לידער אָפּגעמערקט דער 60־טער געבורטסטאָג פון מאָטל גרוּוומאַן.

• דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אהרן ווערגעליס האָט זיך אומגעקערט פון א באַזוך אין בעלגיע און פראַנקרײַך. אַף א פאַרזאַמלונג אין דער רעדאַקציע האָט ער דערציילט וועגן די אײַנדרוקן פונעם באַזוך אין בריסעל, אַנטווערפּען און פּאַריזש.

• אין נומ. 6 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַרעפנטלעכט א ציקל לידער פון די אָדעסער רוסישע און אוקראַיִנישע דיכטער איוואַן ריאַדטשענקאָ, איזמאַיִל גאָרדאָן, אַלעקסאַנדער אַוואַראָוו, וויטאַלי בערעזינסקי, כטאַניסלאַוו סטריזשעניוק, איגאָר נעוועראָוו, וולאַדימיר הענטמאַן, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש אין דער איבערזעצונג אַף ייִדיש.

• „וואַרשעווער יאָרן" — אַזוי הייסן די זיכרוינעס פון כאַיִם טאַמאַרקין, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין נומ. 6 פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

• „מיר דערציילן אונדזערע לייענער וועגן דער בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק, וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין אָט דעם לאַנד, וועגן זייער קולטור און ליטעראַטור" — אונטער אָט דער רובריק זײַנען אינעם נומ. 7 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן דערציילונגען, לידער, עסייען פון די בולגאַרישע ייִדישע שרײַבער אַרלין אַרלינאָוו, וואַלערי פּעטראָוו, דאַרע גאַבע, דאַוויד אָוואַדיִאַ, סאַליס טאַדזשער, וויקטאָר סאַמוילאָוו, דראַגאָמיר אַסענאָוו, כאַיִם בענאַדאָוו, אַרמאַנד באַרוך און אַנד.

• דער נומ. 8 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווידמעט דעם 15־יאָריקן יובילײַ פונעם זשורנאַל. מיט דערציילונגען, לידער, ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען זײַנען אינעם נומער פאַרגעשטעלט 24 ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, אַוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

• אין נומ. 9 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אָפּגעדרוקט א באַריכט וועגן דעם 6־טן צוזאַמענפאָר פון די שרײַבער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

• מיט א ציקל לידער אין דער איבערזעצונג אַף ייִדיש איז אינעם נומ. 10 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אָפּגעמערקט געוואָרן דער 70־טער געבורטסטאָג פונעם אַזערבײַדזשאַנישן דיכטער סאַמעד ווורגון.

• אין אויגוסט זיינען אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" דערשינען אַרן ווערגעליסעס בוך וועגנאָטיצן „רייזעס", מאָטל גרוביאַנס פּאָעטישע זאַמלונג „דאָס אייביקע פייער" און כאַנע וויינערמאַנס לידער און באַלאַדעס „א גוטער רעגן".

• דעם 7 אָקטיאַבער איז אין רעדאַקציע־לאָקאַל פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דורכגעפירט געוואָרן א שעפערישע באַגעגעניש פון שרייבער, אַרטיסטן, קונסט־טוער מיטן מאָסקווער לייענער־אַקטיוו און מיט געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל.

• דעם 11 נאָיאַבער איז אין דער ערשטער פּראָגראַם פון דער מאָסקווער צענטראַלער ראַדיאָ טראַנסלירט געוואָרן א האַלבשאָיִקע פּראָגראַם, געווידמעט לייב קוויטקאָ. מיט אַן אַריינפיר־וואָרט איז אַרויסגעטראָטן די רוסישע דיכטערין יעלענא בלאַגינינאַ. דעם דיכטערס ווערק האָבן אויסגעפילט באַוווּסטע אַרטיסטן — פּאַרלעזער.

• שמועסן אַף היסטאָרישע טעמעס" — אונטער אַזאַ קעפּל האָט אין נומ. 11 זיך אָנגעהויבן דרוקן א סעריע מאַטעריאַלן פונעם פּראָפ. ג. באָנדאַרעווסקי. מיט א ציקל נאָוועלעס „ניט קיין אויסגעטראַכטע דערציילונגען" האָבן דעביוטירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַרן און בראָכע בורשטיין (שטאָט פּערם).

• צום 100־טן יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פונעם ייִדישן טעאַטער זיינען אין דעם נומ. 11 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען פון נאָכעם אויסלענדער, שלוימע מיכאָעלס, עפראַיִם לויטער און בינאָמין זוסקין.

• אין פאַרלאַג „מאָסקאָווסקי ראַבאָטשי" איז דערשינען א זאַמלונג „די שורע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט א קויל", געווידמעט די מאָסקווער שרייבער, וועלכע זיינען געפאַלן אַף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אינעם בוך ווערט דערציילט וועגן 81 אומגעקומענע שרייבער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, צווישן זיי — בוזי אָליעווסקי, שמועל גאָדינער, מוישע גאָלדשטיין, אַרן גורשטיין, מייער ווינער, יאַשע זעלדין, שמועל ראָסין.

• אין נומ. 11 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 70־טער געבורטסטאָג פונעם קינסטלער גערשן קראַווצאָוו, דעם אוטאָר פון דער ערשטער הילע פונעם זשורנאַל. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער דאַטע ווערט געגעבן ג. קראַווצאָווס קינסטלערישע ביילאַגע.

• „א בריק צווישן ברעגן" — אַזוי האָט געהייסן דער בוך פון ייִסראָעלדיקע דיכטער, וועלכע שרייבן אַף איוורית און אַראַביש. אין נומ. 12 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ייִדישע איבערזעצונג פון די ווערק, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין דער דאָזיקער זאַמלונג.

• אין נומ. 12 ווערן אָפּגעמערקט די געדענקדאַטעס פון מוישע טייף, נויעך לוריע און איציק קיפּניס.

• „אונדזער היימלאַנד — דער סאָוועטנפאַרבאַנד" — אונטער אַזאַ נאָמען האָט דער קיִעווער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" אַרויסגעגעבן אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך א זאַמלונג פון ווערק פון ייִדישע שרייבער, וועמענס לעבן און שאַפונג זיינען פאַרבונדן מיט אוקראַיִנע.

• דער אָרדנטלעכער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער דאָנערשטיק אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווען געווידמעט דער שאַפונג פון דער פאַרדינסטפולער אַרטיסטקע פון אוססר סידי טאַל. די שוישפּילערין האָט אויסגעפילט א מאָנטאַזש לויט שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" און „בערל־אייזיק", עליִעזער שטיינבאַרגס מעשאָלים, לידער פון כאָוועטישע ייִדישע דיכטער. אין דער באַגעגעניש האָט זיך באַטייליקט דער באַוווּסטער קאָנצערטמייסטער און קאָמפּאָזיטאָר דאָוויד אַשקענאַזי.

1977

• אין נומ. 1 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „די טעג מיט די נעכט". אין זעלבן נומער איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 100־טער געבורטסטאָג פון ז. ווענדראָף און דער 90־טער געבורטסטאָג פון יויסעף אָפּאַטאָשו.

• אין צוזאַמענהאַנג מיטן 20־יאָריקן יובילײ פונעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער איז אין נומ. 2 פונעם זשורנאַל אָפּגעדרוקט א רעפּאָרטאַזש וועגן די פּייערונגען.

• צום 60־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זיינען אין א ריי נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן פראַגמענטן פון ווערק פון דער ייִדישער כאָוועטישער קלאַסיק — פון מ. דאַניִעלס „יוליס", ש. גאָדינערס „דער מענטש מיט דער ביקס", ליפּמאַן־לעווינס „דוירעס דערוואַכטע", פּערעץ מאַרקישעס „דאָר־אויס, דאָר־איין", און אַנד. ס'איז אָפּגעדרוקט א פראַגמענט פון אַלעקסאַנדער פאַדייעווס ראָמאַן „צעקלאַפּט" אין עזראָ פיניבערגס איבערזעצונג.

• אין נומ. 3 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן מאָטל טאַלאַלאַיעווסקיס ראָמאַן „דער מאַמעס בוך".

• די צייטונג „ווערשערניאַיא מאָסקוואַ" האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. צווישן אַנדערס, איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז אין מעשעך

פון די לעצטע פינף יאָר זײַנען אינעם זשורנאַל פאַרעפנטלעכט געוואָרן 22 ראָמאַנען, 340 דערציילונגען און דאָקומענטאַלע פאַרציכענונגען, ארום 1800 לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס.

• די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַזוכט דער אוטאָר פונעם בוך „ייִדישע סטענאָגראַפיע" נאַטאַן שאַצקי. אין נומ. 3 פונעם זשורנאַל איז אָפּגעדרוקט זײַן אַרטיקל „ייִדישע סטענאָגראַפיע".

• אין דער צײַטונג „ווילנער עמעס" פאַר די יאָרן 1940 — 1941 האָבן אָפט זיך געדרוקט לידער פונעם העלדישן פּאַרטיזאַנער, דעם אוטאָר פונעם פּאַרטיזאַנער־הימן „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" הירש גליק. אין נומ. 4 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן הירש גליקס אַ ציקל לידער, גענומען פונעם „ווילנער עמעס".

• „די ייִדישע ליטעראַטור אין דער מאָסקווער צענטראַלער ביבליאָטעק אַף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען" — אַזוי הייסט דאָס אַרטיקל פון איר דירעקטאָר יעלענע רעשעטניקאָווא אין נומ. 4 פון „סאָוועטיש היימלאַנד". דער אוטאָר דערציילט וועגן דער שעפערישער מיטאַרבעט פונעם זשורנאַל מיט דער ביבליאָטעק.

• אין טאַלין איז פאָרגעקומען אַ וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ אַף דער טעמע „נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען און קעגנזײַטיקע ווירקונגען פון די קולטורן פון די פעלקער פון פּססר", אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט געלערנטע פון 26 שטעט. צווישן אַנדערס, איז געגאַנגען אַ רייד וועגן די קעגנזײַטיקע פאַרבינדונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אַ ריי אַנדערע סאָוועטישע ליטעראַטורן. וועגן דער קאָנפערענץ גייט אַ רייד אינעם אַרטיקל פון דעם דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן אוראַן גוראַלניק „אייניקייט פון פעלקער, און קולטורן", וואָס איז אָפּגעדרוקט אין נומ. 4 פונעם זשורנאַל. אין זעלבן נומער איז פאַרעפנטלעכט אַ רעפּאָרטאַזש פון דעם ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „איזוועסטיאַ" וו. קוראַסאָוו, וועלכער האָט באַזוכט ביראָבידזשאַן, „די געבענטשטע ערד און אירע מענטשן".

• דער אָרדנטלעכער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער דאָנערשטיק אינעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווען געווידמעט מאָטל גרוביאַנס 5־טן יאָרצײַט. מיט זיכרוינעס וועגן דעם דיכטער זײַנען אַרויסגעטראָטן אָרן ווערגעליס, ריווקע רובין, הערש רעמעניק, שמועל גאָרדאָן, שירע גאָרשמאַן, דער רוסישער דיכטער וויקטאָר באָקאָוו און אַנד. אין דעם אָנדענק־אָוונט האָבן זיך באַטייליקט דער פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר גריגאָרי ראָשאַל, דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער „מאַלי טעאַטער", פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר באָריס ראַווענסקיך און אַנד.

• די אַרגענטינער פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונג „אונדזער לעבן" האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע בײַלאַגע, געווידמעט דעם פּאָפּולאַריקן יובֿילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אַף 8 פולע זײַטן איז אין דער בײַלאַגע איבערגעדרוקט אַ גרויסע צאָל מאַטעריאַלן פונעם יובֿילײ־נומער פון דעם זשורנאַל.

• אָנהייבנדיק פונעם יול־נומער, איז „סאָוועטיש היימלאַנד" צוגעטראָטן צו דרוקן אַ נײַע סעריע „מאַטעריאַלן פאַר אַ לערנבוך פון ייִדיש". דער אוטאָר פון די מאַטעריאַלן איז דער דאָצענט עליע פאַלקאָוויטש.

• צום 100־טן געבורטסטאָג פון מאָרדכע געבירטיג איז אין נומ. 6 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ציקל זײַנע פאַרמילכאָמע־לידער.

• די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט דורכגעפירט אַ באַראַטונג וועגן שאַפן אַ לערנבוך פון דער ייִדישער שפּראַך פאַר די שולן פון ביראָבידזשאַן. אינעם מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט דער הויפּט־רעדאַקטאָר אָרן ווערגעליס, דער לינגוויסט עליע פאַלקאָוויטש, די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע הערש רעמעניק, יאַשע טשערניס, באָריס מאַגילנער, מענדל ראַזנהויז און אַנד.

• אין דער געבײַדע פון דער מאָסקווער צענטראַלער שטאָטישער ביבליאָטעק אַף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען איז פאָרגעקומען אַ שעפערישער אָוונט, געווידמעט דער דיכטונג פון אָרן ווערגעליס. אַפן אָוונט זײַנען אַרויסגעטראָטן די רוסישע דיכטער־איבערזעצער פון א. ווערגעליסעס ווערק יאַקאָוו קאָזלאָווסקי, פּיאָטער גראַדאָוו, וולאַדימיר ציבין, ווי אויך דער קאָמפּאָזיטאָר יעווגעני זשאַרקאָווסקי, דער פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר, קינאָ־רעזשיסער גריגאָרי ראָשאַל, אווראָם גאָנטאַר, נאָטע לוריע, שמועל גאָרדאָן, כאַים ביידער, באָריס מאַגילנער, הערשל פּאָליאַנקער.

• אין נומ. 7 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן באָריס מאַגילנערס גרעסערע דערציילונג „מײַ אין קאַזאַן". אין זעלבן נומער ווערן אָפּגעמערקט דער 70־טער געבורטסטאָג פון יאַקאָוו שודריך און דער 90־טער געבורטסטאָג פון מאַרק שאַגאַל. ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ נײַער ציקל הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער.

• אַפן אָרדנטלעכן ליטעראַריש־מוזיקאַלישן דאָנערשטיק האָבן פאָרגעלייענט זייערע נײַע לידער כאַים ביידער און באָריס מאַגילנער. די יונגע זינגערן מײַע קאַרסונסקאַיאַ האָט אויסגעפילט פאָלקסלידער און לידער אַף די טעקסטן פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. די צושויער האָבן זיך אויך באַקאַנט מיט דער אויסשטעלונג פון דעם קינסטלער שלוימע ווערבאָווסקי.

• אין צענטראַלן אַקטיאָרן־הויז איז פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט דעם 85־טן געבורטסטאָג פר־

נעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון רספסר בּיניאָמין שוואַרצער. דעם יוביליאַר איז אונטערגעטראָגן געוואָרן אַ באַגריסונגס־אַדרעס פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

* דער נומ. 9 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך געעפנט מיט דער פובליקאַציע פונעם הימן פון דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן אין דער איבערזעצונג אויף ייִדיש. די אויטאָרן פון דער איבערזעצונג זײַנען 16 סאָוועטישע ייִדישע דיכטער. אין זעלבן נומער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן בוזי מילערס ראָמאַן „יעדן דאָר — זײַנס".

* צום 75־טן געבורטסטאָג פונעם קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ איז אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע דורכגעפירט געוואָרן אַן אָוונט, געווידמעט זײַן שאַפונג.

* אָנהייבנדיק פונעם כּענטיאַבער־נומער, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" אײַנגעפירט אויף זײַנע שפּאַלטן אַ רעזומע אויף רוסיש און פונעם אָקטיאַבער־נומער — אויך אויף ענגליש.

* דער אָקטיאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווידמעט נײַע פּראָזע־ווערק פון די כּאָוועטישע ייִדישע שרײַבער אויף היינטצײַטיקע טעמעס. אין דעם נומער זײַנען פאַרעפנטלעכט דערציילונגען פון 23 אויטאָרן.

* דער נומ. 11 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווידמעט דעם 60־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. ער עפנט זיך מיט דער פובליקאַציע פון דער נײַער קאָנסטיטוציע פונעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן און שליסט אײַן די רובריקעס „אויף די ראַכוועסן פונעם אָקטיאַבער־לאַנד", „אויסלענדישע פובליציסטן און שרײַבער וועגן דעם לאַנד פון אָקטיאַבער", „אויף די שפּורן פון דער צײַט".

* אין מאָסקווע האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די צוגרייטונגס־אַרבעטן אויף צו שאַפן אַ ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער. אין נומ. 11 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַרעפנטלעכט אַ באַגריסונג דעם נײַעם קינסטלערישן קאָלעקטיוו „זאָל זײַן מיט מאַזל".

* אין נומ. 12 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען אָפּגעמערקט די גדענק־דאַטעס פון ליובע וואַסערמאַן, אַוראָם וועוויאָרקע און כאָנע ווײַנערמאַן. עס ווערט געפײַערט כּאַיִם מעלאַמודס 70־טער געבורטסטאָג.

* אין משך פון פיר וואָכן האָבן פאַרבראַכט אין פססר אַלס געסט פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד און פון דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" די מיטגלידער פונעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן שטודירקרײַז אַפּן נאָמען פון איציק וויטענבערג אין מעלבורן (אויסטראַליע) שאָלעם און מערי פאַקטאָר. די געסט האָבן באַזוכט מאָסקווע, לענינגראַד, מינסק, קיִעוו, טשערנאָוויץ. אין נומ. 12 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַרעפנטלעכט אַ שמועס מיט ש. און מ. פאַקטאָר וועגן זייערע אײַנדרוקן פון דער רײַזע.

בערל רויזן

אין עלטער פון 73 יאָר איז אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע טראַגיש אומגעקומען בערל רויזן, אַ פאַרדינסטפולער טוער אין געביט פון דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג און פון דער איבערזעצונג אויף ייִדיש פון אַנדערע שפּראַכן.

ב. רויזן איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אין מאָלדאַווישן שטעטל אַטאַקי, אין די דרײַסיקער יאָרן האָט ער אין טשערנאָוויץ פאַרענדיקט דעם לערער־סעמינאַר באַם ייִדישן שול־פאַריין. און איז אַ לאַנגע צײַט געווען אַ לערער פון ייִדישער שפּראַך.

אַלס סאָוועטישער סאָלדאַט באַטייליקט זיך רויזן אין די שלאַכטן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, מאַכט דורך דעם וועג פון סטאַלינגראַד ביז קעניגסבערג. נאָך דער מאָביליזאַציע קערט ער זיך אום קיין טשערנאָוויץ, פאַרענדיקט דעם מעלוכע־אוניווערסיטעט און ביז אוועקגיין אויף פּענסיע אונטערריכטעט ער ענגליש אין אַ מיטל־שול.

אין 1936 האָט בערל רויזן דעביוטירט מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ייִדישע שפּראַך־פראַגן אינעם וואַרשעווער זשורנאַל „ייִדיש פאַר אַלעמען". ער איז דער אויטאָר פון אַ ריי ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרבעטן וועגן דער שאַפונג פון ל. טאָלסטאָי, אַ. טשעכאָוו, וו. קאָראָלענקאָ, מ. גאָרקי, ווי אויך פון אַרטיקלען וועגן שאָלעם־אַליי כעמען, ע. שטיינבאַרגן, בער האַלפּערנען אַא. זײַנע אַרטיקלען האָבן זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אין „בּיראָבּידזשאַנער שטערן" און אין אייניקע אויסלענדישע פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס.

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט סיסטעמאַטיש פאַרעפנטלעכט ווערק אין דער מײַסטערישער איבערזעצונג פון בערל רויזענען.

ערע זײַן אָנדענק!

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

וויינגער, מאָרדכע
(1929—1890)

— פילאָלאָג. געבוירן אין פּאָלטאווע. אין סאָף פון די ניינציקער יאָרן צוזאמען מיט די עלטערן אריבערגעפאָרן קיין ווארשע. אין 1911 האָט ער פארענדיקט די גימנאזיע און אָנגעקומען זיך לערנען אפן פילאָלאָגישן פאקולטעט פון ווארשעווער אוניווערסיטעט. נאָך אין די סטודענטישע יאָרן פארעפנטלעכט א ריי ארבעטן וועגן ייִדישער אָרטאָגראפיע און דיאלעקטאָלאָגיע. אין 1913 דערשיינען זײַנע צוויי בראָשורן וועגן רעפאָרמירן די ייִדישע שריפט און דעם ייִדישן אויסלייג. אין 1914 פארענדיקט דעם אוניווערסיטעט, נאָר אין צוזאמענהאנג מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איבערגעריסן די לינגוויסטישע טעטיקײַט, אין מעשעך פון צען יאָר געווען א פריוואטער לערער — צוערשט אין כארקאָוו, דערנאָך אין מאָסקווע, מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער ארמיי. נאָך דער דעמאָביליזאציע אין 1917 געווען א לערער אין דער טאשקענטער ייִדישער שול. זינט 1919 — מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, זיך באטייליקט אין די שלאכטן קעגן די ווײַסע קאזאקן. אין 1921 געארבעט אין פארטיי־אָרגאנען און אין רעגירונגס־אנשטאלטן אין טורקעסטאן, אין 1922 — 1923 — סעקרעטאר פונעם מיטלאזיאטישן קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט אין טאשקענט. דערנאָך אריבערגעפאָרן קיין מינסק, ווו געוואָרן פארוואלטער פונעם ייִדישן אָפּטייל באם פעדאגאָגישן פאקולטעט און לעקטאָר פון ייִדישער דיאלעקטאָלאָגיע און גערמאניסטיק אין ווײַסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט. פארעפנטלעכט א ריי ארטיקלען און בראָשורן וועגן פראגן פון ייִדישן אויסלייג און דיאלעקטאָלאָגיע. געווען פאָרזיצער פון דער שפראך־קאָמיסיע באם ייִדישן סעקטאָר און שטעלפארטרעטער פונעם פארוואלטער פונעם ווײַסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט, איניציאטאָר און אָנפירער מיט דער ארבעט איבערן אקאדעמישן ווערטערבוך און שפראך־אטלאס.

ווערק: וועגן דער שפראך און אויסלייגונג פון „ספר של רב אנשל“. אין זשורנאל „לעבן און וויסנשאפט“, 1912; דיאלעקטאָלאָגישע באמערקונגען אין נויעך פרילוצקיס „זאמלביכער פאר ייִדישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע“, ב. 1, ווארשע, 1912; ייִדיש אנטהאלט פרעמדע ווערטער, איז ייִדיש א שפראך? אין „אונדזער זשורנאל“, ווארשע, 1913; העברעישע קלאנגען אין דער ייִדישער שפראך. „דער פּינקעס“, ווילנע, 1913; ייִדישער סינטאקסיס. ווארשע, 1913; מאין אָיסלעיג. דאָרט, 1913; אינסטרוקציע פארן ווערטער־ארויסשרײַבער פונעם ייִדישן אקאדעמישן ווערטערבוך. זשורנאל „צײַטשריפט“, בוך 1, מינסק, 1926; וועגן דעם ייִדישן שפראך־אטלאס. זשורנאל „די ייִדישע שפראך“, קיִעוו, נום. 1, 1927; וועגן דעם ייִדישן אלעפבייס און אויסלייג. אין דער זאמלונג „ייִדישע אָרטאָגראפיע“, דאָרט, 1928; לינגוויסטישע קארטאָגראפיע און דער ייִדישער שפראך־אטלאס. זשורנאל „צײַטשריפט“, מינסק, ב. 2—3, 1929; שפראכוויסנשאפט און אויסלייג. אין דער זאמלונג „ייִדישע אָרטאָגראפיע“, קיִעוו, נום. 1, 1928; ייִדישע עטימאָלאָגיעס. אין „שריפטן פון ווײַסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט“, בוך 1, מינסק, 1929; לינגוויסטישע קוואלן פון מענדעלעס שפראך. דאָרט; ייִדישע דיאלעקטאָלאָגיע. מינסק, 1929;

ביבליאָגראפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 1; א. זארעצקי, די ביבליאָגראפיע פון מ. וויינגערס ארבעטן. זשורנאל „די ייִדישע שפראך“, קיִעוו, יאנוואר—פעווראל, 1929; נ. שטיף, וויינגער — דער לינגוויסט. דאָרט; א. גורשטיין, א נײַער ווענדפּונקט אין דער מענדעלע־פאָרשונג. „וויסנשאפטלעכע יאָרביכער“, ב. 1, מאָסקווע, 1929; ל. ווילענקין. וועגן מ. וויינגערן, נעקראָלאָג. זשורנאל „שטערן“, מינסק, 1929, נום. 3; כ. נאדעל, אופלעבן דאָס ביבליאָגראפיע־וועזן. צײַטונג „אייניקײַט“, מאָסקווע, 5 יול 1947; זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, נאָטיצן אפן קאלענדאר. 1965, נום. 9; לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור, ב. 3, שפּאלטן 356—358.

■ ■ ■

די רעאקציע אין ייִסראַעל בושעוועט

א כאַסיד מיט א שטרײַמל אפן קאָפּ און מיט אן אווטאָמאַט אין דער האַנט.

פרומאַקעס זײַנען געקומען צום „האבימא"־טעאַטער, קעדיי ארויפרײַסן זײַנע ספּעקטאַקלען.

די שוואַרצע קאַפּאָטעס — לאָזן ניט שפּילן שאַבעס אין פוטבאָל אפן סטאַדיאָן אין ראַמאַט גאַן

די רעאַקציע אין ייִסראָעל בושעוועט

רייִסערייען אפֿן פּאַרטיי־צוזאַ־
מענפֿאָר פֿון כערוט

דער פֿאַשיסט קאַהאַנע רופֿט, מע זאָל
שלאָגן די אַראַבער

דער גערער רעבע האָט אין
ירושלאַיִם אַרויסגעפֿירט זײַנע
חסידים צו פֿאַרשעלטן פֿרעמד־
גלויביקע

צו די לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"

טײַערע כאַווערים!

די ידיעס, וואָס די רעדאַקציע באַקומט פון די ערטער, זאָגן אײדעס וועגן דעם, אַז די ליבהאָבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, די געטרײַע לייענער פון אונדזער זשורנאַל גרייטן אים אַ ווירדיקע מאַטאָנע אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 25־יאָריקן יובילײ. עס ווערן געשאַפן נײַע לייענער, און אין אָט דער אַרבעט שליסן זיך אָן אַלץ מער און מער געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער.

די רעדאַקציע דאַנקט פון פריִער די ענטוזיִאַסטן פון דער האַיאָריקער אַבאָניר־קאַמפּאַניע.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז די שאַצקאַמער פון עכטע ייִדישע ליטעראַטור־ווערטן. וועגן דעם גייט איצט אַ רייד ניט נאָר אין די ייִדישע ליטעראַרישע קרײַזן בא אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד, נאָר אויך צווישן די לייענער פון אַנדערע שפּראַכן אין דער וועלט. לעצטנס איז עס געוואָרן מעגלעך אַדאַנק דעם דערשײַנען אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש, ענגליש און פראַנצויזיש פונעם יאָרבוך, וועלכער שליסט אײַן אָן אָפּקלײַב פון אונדזערע זשורנאַל־מאַטעריאַלן.

אָפּהיטן די דאָזיקע ווערטן וועט זײַן מעגלעך, אויב עס וועט פאַרהיט און פאַרמערט ווערן די לייענער־באַזע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. צוליב דעם דאַרף אַלזײַטיק פאַרשפּרייט ווערן די איניציִאַטיוו, וועלכע איז אויפגעקומען אין די לעצטע פּאָר יאָר און לויט וועלכער יעדער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ברענגט אַרײַן אין דעם נײַעם אַבאָניר־יאָר נאָך איין פריִער ניט־אַבאָנירטן לייענער. אַמווײַניקסטנס איינעם, בעסער עטלעכע. די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, אונדזערע טײַערע מויכערספּאָרימניקעס זײַנען באַרופן אָנצופירן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, קאָאָרדינירן די באַמיִונגען פון די באַזונדערע לייענער, זיך אַזויאַרום דערשלאָגן, אַז אין זייער ווינאָרט זאָל די צאָל אַבאָנירטע לייענער פאַרצווייפאַכט און פאַרדרײַפאַכט ווערן.

מיר כאַזערן איבער: דאָס וועט זײַן די בעסטע מאַטאָנע צו אונדזער יובילײ.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע וואַרט אויף אײַערע מיטיילונגען וועגן דעם גאַנג פון דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע אויפן 1987 יאָר.

רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

די אַבאָנירונג אויף אונדזער זשורנאַל ווערט אָנגענומען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט" אָן באַגרענעצונגען. די אַבאָניר־פּרײַז אויפן זשורנאַל צוזאַמען מיט דער כוידעשלעכער ביכער־בײַלאַגע.

אויף אַ יאָר — 9 רובל מיט 60 קאָפּיקעס
אויף 6 כאַדאָשים — 4 רובל מיט 80 קאָפּיקעס

Подписка на наш журнал принимается во всех отделениях «Союзпечати» без ограничения.

Подписная цена на журнал вместе с ежемесячным приложением

на год — 9 рублей 60 копеек
на 6 месяцев — 4 рубля 80 копеек

años y que gozan la popularidad grande entre las masas vastas de los trabajadores, y Y. Dineson está representado con el trozo de novela "La piedra en camino".

Desde primeros días de fundación de la revista "Soviétish Heimland" en su redacción trabajaba el periodista de experiencia y redactor Moyni Shulman, a pesar que desde hace tiempo esta jubilado, sigue cooperando activamente en nuestro mensual. Hacia 75 cumpleaños de M. Shulman en el número se publica el ensayo de Alejandro Lisen (Lvov) sobre el homenajeado —"La magia de palabra".

En la rúbrica "Nuestras notícias" se publica el artículo del candidato de las ciéncias filológicas Leib Vilsker (Leningrado) "Cantar de las cantarés" de Iehuda Halevy" (por los manuscriptos desconocidos de los depósitos archivos de Leningrado y Moscú). En este artículo se cuenta sobre los nuevos hallazgos del científico, que trabaja durante muchos años con los foliantes antiguos.

En el año 1985 se cumplió cien años de natalicio de Julio Paskine, uno de la pléyade admirable de los pintores franco-judíos. Con motivo de esta fecha la revista publica en guisa de cartivana artística del número las reproducciones de número de lienzos del pintor. Se publica el artículo del pintor de Paris y persona pública progresiva (que recientemente visitó la Unión Soviética) Meishka Bahelfer sobre J. Paskine. La cartivana representa tambien las obras del mismo autor del artículo.

Atención de los leyentes, sin duda, será atraída por el artículo "Alrededor del diario de Anna Frank", que fue publicado en la rúbrica "Ensayos de las questiones de cultura". En este se cuenta sobre la historia del descubrimiento y publicación de las notas de niña judía desde Amsterdam durante la ocupación hitleriana y sobre las tentativas de malhechores nazistas poner en duda la autencidad del diario.

El número de leyentes de distintas ciudades del país envió sus respuestas al artículo de E. Rosental "El arte del ódio", que fue publicado en el número seis de la revista "Soviétish Heimland". Al continuar la conversación al este tema, la revista publica en la libretita de octubre una nota sobre la película nueva del estudio de los documentales de Leningrado "El presing global", en que se revelan los bienhechores de supuesta "cultura masiva" en el Occidente.

Se continua el desenfreno del antisemitismo en los países del mundo capitalista. Los periódicos y revistas burguesas y otros medios de información masiva están publicando cada vez mas sobre eso. El resumen de estas publicaciones se representa en la rúbrica "Informamos a nuestros leyentes" de este número de la revista.

Los leyentes van a encontrar en la libretita de octubre las rúbricas tradicionales "Crónica", "Líneas alegres", "Materiales para el lexicón de la literatura judía soviética" y otras.

El suplemento al número:
Chaim Beider "En el mundo de Mendele Móijer-Sfórim".

EL RESUMEN

"Soviétish Heimland" ("La Patria Soviética")
No 10, octubre, 1986

La revista sigue publicando los materiales, dedicados al Año mundial de la paz. El número se abre con la serie de poesías de Pinia Plotkin (Bobruisk) a este tema. Se publica la informacion sobre la actividad del Consejo mundial de la paz, que fué creado en noviembre de 1950.

La prosa del número está representada con los cuentos nuevos de Dora Jáikina (Kiev), Buzy Miller (Birobidzhán) y también con la serie de novelas a los temas cósmicos del pilota-cosmonauta de la URSS Heroe de la Unión Soviética Jury Glaskov.

En la rúbrica de poesía se publican las series de nuevas poesías de Iosl Buchbinder (Kiev) y Max Riant (Samarcand).

En el número anterior de "Soviétish Heimland" fue comenzada la publicación de novela-crónica de Igor y Andrés Beliaevs (Moscú) "Solamente dos años". En la libretita de octubre se publica la continuación de novela.

Es variada la sección "Ensayos". Las nuevas de este género están representadas por Grigory Reles (Minsk), Lev Berinsky, Elvira Fáguel (Moscú) y Grigory Poliánker (Kiev). Dos ensayos de G. Reles ("El final inesperado" y "Retrato") siguen sus notas de viaje por las ciudades y pueblitos de Bielorrusia. L. Berinsky nos cuenta sobre el profesor, jefe del departamento clínico del Instituto central científico, doctor de ciéncias médicas, autor de decenas monografías y otras obras Pedro Tsarfis. El héroe de ensayo de E. Fáguel es el científico-físico, Alejandro Ródichev, el hombre de firmeza espectacular y belleza de alma, que logró durante su vida corta contribuir considerablemente en la ciéncia. G. Poliánker nos cuenta sobre el conocido escritor-humorista polaco Stanisław Jerzy Lec, con quien el autor se encontraba en su tiempo en Varsovia.

Con motivo de 150 aniversario del clásico de literatura judía Mendele Moicher-Sforim la revista ya publicó el número de materiales, dedicados a su vida y actividad creativa. Entre otras fueron publicadas las novelas de Irma Druker, uno de los mejores conocedores de la actividad creativa de Mendele. En el número de octubre se publica otra novela de I. Drúker, dedicada a los últimos años de la vida de gran escritor judío. El segundo artículo de la serie "La vía creativa de Mendele" (el primer fue publicado en "Soviétish Heimland" N 5 de este año) está representado por el doctor de las ciéncias filológicas Zalman Libinson (Gorky).

Dos fechas literarias conmemorables se celebran en el número: 130 aniversario de natalicio de uno de los fundadores de la poesía judía proletaria Moris Vinchevsky (1856-1932) y 130 aniversario de natalicio del destacado prosáico judío del tiempo prerevolucionario Yánkev Dineson (1856-1919). El trabajo creador de M. Vinchevsky está representado con las poesías, escritas por él en varios

Moyni Shulman, an experienced journalist and editor, who had been contributor to "Sovietish Heimland" since it was launched, continues, though he retired on pension a long time ago, to actively contribute to our magazine. In celebration of his 75th birthday the issue carries an essay about M. Shulman by Alexander Lizen (Lvov) entitled "The Magic of Words".

The section "Our Reports" contains an article "The Song of Songs of Yehuda Halevi" (based on unknown manuscripts included in the archives of Moscow and Leningrad) by Leib Vilsker M.S. (Philology), Leningrad, dealing with the new finds of the scientist who has been working for many years on the analysis of the ancient texts.

1985 saw the birthday centenary of Jules Paskine, an outstanding Jewish-French painter. To commemorate this date the magazine encloses, in its inset, the reproduction of a number of his canvases, publishing an article about J. Paskine by Meïchke Bahelfer, a painter and progressive public figure from Paris who has recently visited the Soviet Union. The inset also presents the works of the author himself.

The readers' attention will no doubt be attracted by the article "Around the Diary of Anna Frank" included in the "Notes on Problems of Culture" section. It tells the story of the discovery and publication of the diary of a little Jewish girl from Amsterdam during the nazi occupation, and the attempts of the neo-nazi malefactors to circulate doubt as to the authenticity of the diary.

A group of readers from different cities of the country have sent their responses to the article by E. Rosenthal entitled "The Art of Hatred" published in "Soviet Heimland's" issue No 6. Continuing the conversation on this topic, the magazine features, in its October issue, an article about a new film "Global Pressing" released by the Leningrad Documentary Film Studios, which exposes the advocates of the so-called "mass culture" in the West.

The section "We are Informing our Readers" gives a review of the reports ever more often published by the bourgeois newspapers, magazines and other mass media of the continuing wild outburst of anti-semitism in the capitalist countries.

The October issue contains the traditional sections: "Chronicle"," "Humorous Lines", "Materials for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and others.

Supplement to the issue:
"The Life and Work of Mendele Moicher-Sforim" by Chaim Beider

RÉSUMÉ

"Sovetish Heimland" ("Soviet Homeland")
No 10, October 1986

The issue opens with a number of poems by Pinya Plotkin (Bobruysk) on the theme of peace. Continuing the publication of materials devoted to the World Peace Year, the magazine carries an article on the activity of the World Peace Council which was established in November 1950.

Prose in this issue is represented by new stories of Dora Khaikina (Kiev), Buzi Miller (Birobidzhan) as well as space stories by Yuri Glazkov, Pilot-Cosmonaut of the USSR, Hero of the Soviet Union.

The poetic section includes the new poems by Yosl Bukhbinder (Kiev) and Max Riant (Samarkand).

The previous issue featured the beginning of the novel-chronicle by Igor and Andrei Belyaev (Moscow) entitled "Only Two Years". The current issue continues its publication.

The section "Essays" contains various new works by Grigori Reles (Minsk), Lev Berinsky, Elvira Fagel (Moscow) and Grigori Polyanker (Kiev). G. Reles' two essays "Unexpected Finale" and "Portrait" continue his travel notes on the cities and towns of Byelorussia. L. Berinsky tells of professor Pyotr Grigorievich Tsarfis, M.D., head of the Clinical Department of the Central Scientific and Research Institute, author of dozens of monographs and other works. The protagonist of E. Fagel's essay, Alexander Rodichev, a scientist-physicist, a man of remarkable endurance and beauty of soul, made, during his short life, a significant contribution to science. G. Polyanker tells of the famous Polish writer-humourist Stanisław Jerzy Lec whom the author had met in his time in Warsaw.

On the occasion of the 150th birthday anniversary of the classic of Jewish literature Mendele Moicher-Sforim, the magazine has already published a number of materials devoted to his life and work, in particular the stories by Irma Druker, one of the best connoisseurs of Mendele's works. The October issue carries another story by I. Druker devoted to the last years of the life of the great Jewish writer. Zalman Libinzon Ph.D (Philology) of Gorky has contributed another article of his series "Mendele's Creative Path" (the first article was published in issue No 5 of this year).

The issue commemorates two literary dates: the 130th birthday anniversary of Moris Vinchevsky (1856 — 1932), one of the founders of Jewish proletarian poetry, and the 130th birthday anniversay of Yankev Dinezon (1865 — 1919), an outstanding Jewish prosaist of the pre-Revolutionary years, by presenting the poems M. Vinchevsky wrote in different years, which enjoyed great popularity among the wide masses of the working people, and an extract of Ya. Dinezon's novel "A Stone at the Roadside".

хотворениями, написанными им в разные годы и пользовавшимися большой популярностью среди широких масс трудящихся, а Я. Динезон — отрывком из романа «Камень на дороге».

С первых дней основания журнала «Советиш геймланд» работал в его редакции опытный журналист и редактор Мойни Шульман, который, несмотря на то, что давно уж находится на пенсии, продолжает активно сотрудничать в нашем ежемесячнике. К 75-летию М. Шульмана публикуется в номере очерк Александра Лизена (Львов) о юбиляре — «Волшебство слова».

В рубрике «Наши сообщения» печатается статья кандидата филологических наук Лейба Вильскера (Ленинград) «Песнь песней» Иегуды Галеви» (по неизвестным рукописям в архивных хранилищах Ленинграда и Москвы). В ней рассказывается о новых находках ученого, работающего на протяжении многих лет над разбором страниц древних фолиантов.

В 1985 году исполнилось сто лет со дня рождения Жюля Паскина — одного из замечательной плеяды еврейско-французских художников. В связи с этой датой журнал помещает в качестве художественной вклейки к номеру репродукции ряда полотен живописца. Печатается статья парижского художника и прогрессивного общественного деятеля (недавно посетившего Советский Союз) Мейшки Багельфера о Ж. Паскине. На вклейке представлены также работы самого автора статьи.

Внимание читателей несомненно привлечет статья «Вокруг дневника Анны Франк», помещенная в рубрике «Заметки по вопросам культуры». В ней рассказывается об истории обнаружения и опубликования записок еврейской девочки из Амстердама во время гитлеровской оккупации и о попытках неонацистских злоумышленников взять под сомнение подлинность дневника.

Группа читателей из разных городов страны прислала свои отзывы на статью Э. Розенталя «Искусство ненависти», опубликованную в шестом номере журнала «Советиш геймланд». Продолжая разговор на эту тему, журнал печатает в октябрьской книжке заметку о новой ленте Ленинградской студии документальных фильмов «Глобальный прессинг», в которой разоблачаются радетели так называемой «массовой культуры» на Западе.

Продолжается разгул антисемитизма в странах капиталистического мира. Об этом все чаще сообщается в буржуазных газетах и журналах и другими средствами массовой информации. Обзор этих публикаций дается в рубрике «Информируем наших читателей», помещенной в настоящем номере журнала.

Читатели найдут в октябрьской книжке традиционные рубрики «Хроника», «Веселые строки», «Материалы для лексикона советской еврейской литературы» и другие.

Приложение к номеру:

Хаим Бейдер «В мире Менделе Мойхер-Сфорима»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 10, октябрь, 1986

Журнал продолжает публиковать материалы, посвященные Всемирному году мира. Номер открывается циклом стихотворений Пини Плоткина (Бобруйск) на эту тему. Дается справка о деятельности Всемирного совета мира, созданного в ноябре 1950 года.

Проза номера представлена новыми рассказами Доры Хайкиной (Киев), Бузи Миллера (Биробиджан), а также циклом новелл на космические темы, автором которых является летчик-космонавт СССР, Герой Советского Союза Юрий Глазков.

В поэтической рубрике — циклы новых стихотворений Иосла Бухбиндера (Киев) и Макса Рианта (Самарканд).

В предыдущем номере «Советиш геймланд» начата публикация романа-хроники Игоря и Андрея Беляевых (Москва) «Только два года». В октябрьской книжке напечатано продолжение романа.

Разнообразен раздел «Очерки». С новыми произведениями в этом жанре выступают Григорий Релес (Минск), Лев Беринский, Эльвира Фагель (Москва) и Григорий Полянкер (Киев). Два очерка Г. Релеса («Неожиданный финал» и «Портрет») продолжают его путевые заметки по городам и местечкам Белоруссии. Л. Беринский рассказывает о профессоре, руководителе клинического отделения Центрального научно-исследовательского института, докторе медицинских наук, авторе десятков монографий и других работ Петре Григорьевиче Царфисе. Герой очерка Э. Фагель — ученый-физик, Александр Родичев, человек удивительной стойкости и душевной красоты, успевший за свою недолгую жизнь внести весомый вклад в науку. Г. Полянкер рассказывает об известном польском писателе-юмористе Станиславе Ежи Леце, с которым автор встречался в свое время в Варшаве.

В связи с 150-летием классика еврейской литературы Менделе Мойхер-Сфорима журнал уже опубликовал ряд материалов, посвященных его жизни и творчеству. В частности, были напечатаны новеллы Ирмы Друкера, одного из лучших знатоков творчества Менделе. В октябрьском номере публикуется еще одна новелла И. Друкера, посвященная последним годам жизни великого еврейского писателя. Со второй статьей из цикла «Творческий путь Менделе» (первая была напечатана в «Советиш геймланд» № 5 за этот год) выступает доктор филологических наук Залман Либинзон (г. Горький).

Две памятные литературные даты отмечаются в номере: 130-летие со дня рождения одного из основоположников еврейской пролетарской поэзии Мориса Винчевского (1856—1932) и 130-летие со дня рождения замечательного еврейского прозаика дореволюционного времени Янкева Динезона (1856—1919). М. Винчевский представлен сти-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Н. Завадская
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 30.07.1986. Подписано к печати 18.09.1986. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1913.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1986.

Цена 70 коп.

70821

issn 0134—4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Стихи Мориса Винчевского, Пини Плоткина, Йосла Бухбиндера, Макса Рианта.

Рассказы Янкева Динезона, Ирмы Друкера, Доры Хайкиной, Бузи Миллера.

Очерки Гершла Полянкера, Гирша Релеса, Льва Беринского, Эльвиры Фагель.

Наш космический уголок. Юрий Глазков. Космические новеллы.

Публицистика. Игорь Беляев, Андрей Беляев. Вторжение.

Литературная критика. Залман Либинзон. Творческий путь Менделе Мойхер-Сфорима; Александр Лизен. Искусство слова.

Наши сообщения. Лейб Вильскер. «Песнь песней» Иегуды Галеви.

Информируем наших читателей. Антисемитизм в странах Запада.

Год за годом. «Советиш геймланд». Цифры и факты.

Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы.

Резюме на русском, английском и испанском языках.

1986

№ 10